STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11768

DI FARHEYLIKTE ZAMENHOF-GAS UN ANDERE PUBLITSISTISHE REFLEKSN

Noach Zelazo

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ ח ז ש ע ל אַ ז אָ

די פאַרהייליקטע זאַמענהאָף־גאַס

נח זשעלאַזאָ

די פאַרהייליקטע זאַמענהאָף־גאַס און אַנדערע פּובליציסטישע רעפלעקסן

(אַרום דער דײַטשישער ייִדן־שואה)

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב תשנ"ז — 1997

NOACH ZELAZO

Di farheilikte Zamenhof-gas un andere publitzistishe reflexn

arum der daitshisher yidn-shoah

(The sanctified Zamenhof-Street and other publicistic Reflexes about the Shoah)

I.S.B.N. 965—7012—13—9

©

פארלאג י. ל. פרץ, רחוב ברנר 14 תל־אביב

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener St., Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל תשנ״ז
Printed in Israel 1997

דפוס „שמגר 86", טל׳ 03־6828704

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מחבר

וועגן געוויסע וויכטיקע געשעענישן אַרום דער ייִדן־פּאַרטיליקונג, דורך דעם דײַטשישן מערדער־פֿאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אייראָפּע, אין די יאָרן 1939—1945 — אָן שום הילף פֿון דער אויסער־לעכער פֿרײַער מענטשנוועלט און וועגן געשעענישן שוין נאָך דער מלחמה, נאָך דעם דײַטשישן בלוטיקן היטלער־פּעריאָד דערמאָנט דאָ וואָל. נח זשעלאַזאָ, דער ייִדישער מענטש, וואָס האָט אַליין אויך אַדורכגעמאַכט אַלע פּורעניותן אין לעבן פֿון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, וואָס האָט גע־ליטן צוזאַמען מיט אַלע געפּײַניקטע ייִדן. געאַרבעט אַלס שקלאַף בײַ שווערער צוואַנגס־אַרבעט פֿאַר די דײַטשישע מענטשנמערדער. האָט אָנטייל גענומען צוזאַמען מיט די העלדישע ייִדישע אויפֿשטענדלער אין באַוואָפֿנטן קאַמף קעגן די דײַטשישע ווערמאַכט־באַנדיטן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער דעם 19־טן אַפּריל 1943 יאָר, בעת זייער מאָרדן די ייִדישע באַפֿעלקערונג. דאָך לעבן געבליבן אַלס מאַסקירטער פּאָליאַק אויף דער „אַרי־שער" זײַט אין וואַרשע.

באַלד נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון פּראַגע, די הינטערשטאָט פֿון וואַרשע, בײַם סוף פֿון יאָר 1944, אָרגאַניזירט ער הילף פֿאַר די קוים לעבן געבליבענע רעשטעלעך ייִדן אין דער שטאָט וואַרשע און אין די שטעטלעך אַרום וואַרשע. שאַפֿט דעם ערשטן הילפֿס־קאָמיטעט אין דעם שטאַרק אײַנגעשרומפּטן ייִדישן ישוב אין וואַרשע נאָך דעם גרויליקן חורבן.

אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, אונטער דער סאַטעליטן־מאַכט פֿון געוועזענעם סטאַליניסטישן ראַטנפֿאַרבאַנד, איז וואָל. נח זשעלאַזאָ, 9 יאָר געווען אונטער דער „אויפֿזיכט" פֿון זיכערהײַט־מיניסטעריום (כמו ק.ג.ב.) דרײַ יאָר געזעסן שטרענג פֿאַרשפּאַרט אין די פֿײַכטע קעלערן פֿון דאָזיקן מיניסטעריום, אויף דער קאָשיקאָווע גאַס אין וואַרשע, ווו ער איז כּסדר „געפֿאָרשט" געוואָרן פֿאַר די פֿאַרמלחמהדיקע אַנטי־קאָמוניסטישע זינד.

דערוואַרט געטויט צו ווערן. ערשט די אָנפראַגע פון פּאָליטישן אויטאָריטעט, עדוואַרד אָכאַב, ביַים מיניסטער ראַדקעוויטש וועגן דער סיבה פון האַלטן אים, וול. נח זשעלאַזאָ, אין די קעלערן פון מיניסטעריום — האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון צו ווערן דערמאָרדעט אין דער שטיל, ווי עס איז אָפט פּראַקטיצירט געוואָרן מיט אַזעלכע פּאָליטישע קעגנער. אַזוי אַרום איז ער לעבן געבליבן, פּונקט אַזוי ווי פון דער דיַיטשישער ייִדן־שואה, און פון דעם פאַרברעכערישן סטאַליניזם.

דאָך, איבער דעם האַרטן אַנטיסעמיטיזם פון דער פּוילישער „פאָלקס־מאַכט״ קעגן די רעשטן אָפּגעראַטעוועטע ייִדן, געמוזט פאַרלאָזן דאָס פּוילנ־לאַנד. היַינט לעבט וול. נח זשעלאַזאָ אין שוועדן. דריַי יאָר ציַיט רעדאַקטירט אַ דריַי־שפּראַכיקן זשורנאַל ביַים „פאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן אין שוועדן״. שריַיבט, פּובליקירט אַרטיקלען אין ייִדישע צײַטונגען אין דער וועלט, אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס, פון וועלכע דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תּל־אביב גיט אַרויס דאָס איצטיקע בוך. איז אַ מיטגליד אין „ייִדישן שריַיבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין״ אין פּאַריז, פראַנקריַיך.

די פאַרהייליקטע זאַמענהאָף־גאַס דורך וועלכער אַלע יידן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער זענען אין זייער לעצטן לעבנסוועג געטריבן געוואָרן אין גאַז־טויטלאַגער טרעבלינקע

ווען עס קומט אויס צו דערציילן וועגן געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט אַן אָרט בעת דער נאַצי־דייטשער תקופה, אָדער צו שרייבן וועגן געטאָ־לעבן, וועגן די פּיין אין די באַזונדערע גאַסן, ווי איצט למשל, וועגן דער זאַמענהאָף־גאַס אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, לעבט אויף אין זכּרון און מען זעט פאַר די אויגן דאָס בילד פון גאַנצן געטאָ־גיהנום אין דעם יידישן אומקום־געראַנגל מיטן אויס־טערלישן דייטשן שונא. עס דערמאָנט, וואָס די יידן אין וואַרשעווער יישוב האָבן אַלץ פאַרלוירן פון זייער פאַרגאַנגען רייכן לעבן און שאַפן, וואָס די דייטשע מגפה האָט צעשטערט און פאַרניכטעט. עס איז דעריבער שווער, זייער שווער, אויסצוטיילן געוויסע פראַג־מענטן בלויז, וואָס זענען צווישן זיך געקניפּט און געבונדן. דער־פאַר טאָקע ווערט אין דאָזיקן אַספּעקט אונטן, פאַרגעשטעלט דאָס בילד אָדער די בילדער פון דער פאַרהייליקטער זאַמענהאָף־גאַס, אין פאַרבינדונג מיטן לעבן און וואַקסן אַ מאָל, און אויך מיט די לעצטע אַנגסטן פון יידישן ישוב אין דער שטאָט וואַרשע, וועל־כער האָט בעתן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1939, געציילט בערך 400 טויזנט יידישע נפשות.

אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע, געהער די זאַמענהאָף־גאַס צו אַן אויסנאַמלעכן ייחוס, ווייל מען רופט זי אויפן נאָמען פון גרויסן געלערנטן, וואָס האָט ביי זיין לעבן דאָרט געוווינט. דאָס

איז דער ייִד, ד״ר לודוויק זאַמענהאָף. ער איז געווען מעדיצין־דאָקטאָר, פּאָליגלאָט, קענער פון פיל שפּראַכן, און שאַפער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך עספּעראַנטאָ. די דאָזיקע גאַס מיטן חשובן געדענק־נאָמען, איז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דײַטשן האָבן אָקופּירט פּוילן, געווען איינע פון די גאַסן אין דעם שטאָטטייל פון וואַרשעווער ייִדישן ייִשוב, אין וועלכן די נאַצי־דײַטשן האָבן פאַרשפּאַרט די דאָרטיקע ייִדן אין אַ געטאָ־לאַגער, ווו זיי זענען אַדורכגעגאַנגען אַלע שבעה־מדורי־גיהנום און שפּע־טער דערהרגעט געוואָרן אין דער דײַטשער מאָרדפאַבריק אין טרעבלינקע.

די זאַמענהאָף־גאַס איז געווען אַ טייל פון געוועזענעם קולטור־וואַגיקן ייִדישן ייִשוב. וואַרשע איז פאַר דער געטאָ־תּקופה געווען די גרעסטע ייִדישע קהילה אין אייראָפּע. דער וואַרשעווער ייִדישער ייִשוב ציט זײַן געשיכטע פון 14טן יאָרהונדערט. דער ייִדישער ייִשוב אין פּוילן בכלל האָט, לויט דער פאָרשונג פון אַ ריי היסטאָריקער, זיך אָנגעהויבן שוין אין 6טן יאָרהונדערט. וועגן דעם האָט געשריבן דער פּוילישער היסטאָריקער מאַטשעיאָווסקי, בײַ דער זעלבער מיי־נונג זענען אויך די ייִדישע היסטאָריקער מ. באַלאַבאַן און ש. דובנאָוו.

ווען עס איז פאָרגעקומען די דײַטשע פאַרברעכערישע מלחמה אין אייראָפּע און זייער ייִדן־מאָרד, האָט דער ייִדישער ייִשוב אין וואַרשע שוין געהאַט עקזיסטירט בײַ זעקס הונדערט יאָר. די לאַגע פון די ייִדן אין די ערשטע צײַטן, איז נישט אַלע מאָל געווען אַ דערטרעגלעכע. אין 16טן יאָרהונדערט איז אַרײַנגעטרעטן אַ גע־וויסע פאַרלײַכטערונג. ווי עס דערציילט פּראָפעסאָר ד״ר מאיר באַלאַבאַן אין דעם יובּיליי־בוך, „היינט״, וואַרשע 1908—1928, האָבן די ייִדן אין וואַרשע געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות צוליב דער פּוילישער אומטאָלעראַנץ. עס זענען אויך פאָרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען און אַרויסטרײַבונגען פון דער שטאָט (1454–1483). דער פּרעטעקסט צו די פאַרפאָלגונגען איז, ווי אַלע מאָל, געווען

דער אויסרייד פון ייִדישער קאָנקורענץ אין האַנדל און אַרבעט. אַ מעגלעכע סטאַביליזאַציע פאַרן ייִדישן ייִשוב איז ערשט אַרײַנגעטרעטן אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1914–1918, ווען פּוילן איז געווען אָקופּירט דורך דער דײַטשער מיליטערישער מאַכט, האָבן ייִדן געקאָנט לעבן ווי גלײַכע בירגער, בעת די פּאָליאַקן אַליין האָבן פריער צו דעם נישט אַלע מאָל דערלאָזט. אין די ערשטע קריגס־יאָרן האָט די ייִדישע באַפעלקערונג אין וואַרשע, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אײַנוווינער, געליטן הונגער און נויט. זיי האָבן אָבער געקאָנט פרײַער אָפּאָטעמען און זיך אַנטוויקלען.

אויף דער דאָזיקער צײַט פאַלט אויס דער אויפשוווּנג פון די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, די גרינדונג פון פּאָליטישע פּאַרטייען און דאָס אַנטשטיין פון די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען. די פּאַרטייען האָבן אַרויסגעגעבן ייִדישע טאָג־צײַטונגען און וואָכנשריפטן. די אָקופּאַנטן האָט דעמלט (אין 1916 יאָר) אַרויסגעגעבן אַ סטאַטוט פאַר די ייִדישע קהילות און עס זענען גאַראַנטירט געוואָרן פאַר ייִדן די רעכט אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט. נאָך דער מלחמה, אין אומאָפּהענגיקן פּוילן (אין 1918 יאָר), האָט די נײַע פּוילישע מאַכט איבערגעלאָזט די דאָזיקע פּאָליטישע פרײַהייט פאַר די ייִדן.

פון דעמלט אָן האָט דער וואַרשעווער ייִשוב אָנגעהויבן צו וואַקסן און זיך אַנטוויקלען. דאָס ייִדישע לעבן איז געווען שעפעריש אויף אַלע געביטן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן פון וואַרשעווער ייִדישן ייִשוב שוין געשעפּט יניקה אויך אַנדערע ייִשובים. אין ייִדישן וואַרשע איז געווען אַ קוואַל פון קולטור, קונסט, ליטעראַטור און ייִדישע וויסנשאַפטן. דאָרט האָבן געלעבט און געשאַפן די בעסטע גײַסטיקע כּוחות וואָס ייִדן האָבן פאַרמאָגט אין פּוילן. אויך דאָס עקאָנאָמישע לעבן האָט אויפגעלעבט.

אַ קאָלאָסאַלע ענדערונג איז אַרײַנגעטרעטן אין ייִדישן לעבן. וואַרשע האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל ייִדישע שולן, רעליגיעזע

און וועלטלעכע „ציש"א"־שולן (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע), סעמינאַרן, פּאַר־שולן, אַ מסיבתא און אַ תחכמוני צו בילדן רבנים. עס זענען געווען קינדער־היימען און יתומים־הייזער. אַ גרויסע יידישע פּרעסע האָט עקזיסטירט (20 צייטונגען), אַ פאַרלאַגוועזן (13 פאַרלאַגן), וואָס האָט אַרויסגעגעבן ביכער ס'רוב פון וואַרשעווער יידישע מחברים. עס זענען געווען אַזעלכע יידישע טעאַטערס, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען אויך אין אַנדערע לענדער, ווי למשל: די „ווילנער טרופּע", אסתר־רחל קאַמינסקי־טעאַטער, „צענטראַל", „סקאַלאַ", קליין־קונסט טעאַטער „אזאזעל" און נאָך אַנדערע, אין וועלכע עס האָבן געשפּילט די בעסטע יידישע אַרטיסטן. אין וואַרשע זענען אויך געווען כאָרן, אָרקעסטערס, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, ספּאָרט־קלובן און אַ סך אַנדערע יידישע געזעלשאַפטן און אַנשטאַלטן.

אויך אַ גרויסע צאָל יידישע ביבליאָטעקן איז געווען טעטיק — 50 גרויסע און אַ צאָל קלענערע ביכער־ביבליאָטעקן. בלויז די יודאַיִסטישע ביבליאָטעק אַליין, בײַ דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס, האָט געציילט 33 טויזנט בענד. לויט ווי עס דערציילט אין איר בראַשור, די געוועזענע וואַרשעווער ביבליאָטעקאַרין, באַשע בערמאַן, איז אין יאָר 1934, אין אַלע וואַרשעווער יידישע ביבליאָטעקן צוזאַמען געווען 265,336 ביכער, זייער צאָל איז כּסדר געוואַקסן.

דאָס יידישע רעליגיעזע און סאָציאַלע לעבן האָט אין וואַרשע פאַרנומען אַן אַנגעזען אָרט. די יידישע קהילה־פאַרוואַלטונג אין איר פאַרטייאיש־פּאָליטישן באַשטאַנד, פון 18 ציוניסטן, 22 אגודה־ניקעס, 6 בונדיסטן, 3 פאָלקסיטן און 2 לינקע פּועלי־ציוניסטן, האָט אויסגעפירט איר געזעלשאַפטלעכע פונקציע אין נאַציאָנאַלן יידישן לעבן אין דער שטאָט. זינט דעם 19טן יאָרהונדערט האָט אין וואַרשע שוין פונקציאָנירט אַ ראַבינאַט. אויך יידישע שפּיטעלער זענען געווען. איין גרויס שפּיטאָל אויף טשיסטע, אַ קינדער־שפּיטאָל אויף דער שליסקע גאַס, אַ מושב־זקנים אויף וואָלסקע. די גרויסע סינאַ־

גאַגע האָט זיך געפֿונען אויף טלאָמאַצקע גאַס. עס זענען געווען נאָך צוויי שילן, נאַזשיקס שיל (אויף טוואַרדע) און איינע אויף פּראַגע. חוץ דעם זענען נאָך געווען אַ צאָל שילן, חסידים־שטיבלעך און מתנגדישע בתי־מדרשים.

אין וואַרשע זענען געווען פֿיל פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿטן, וואָס האָבן געהאַט אונטער זייער השגחה 4 יתומים־הײַזער, 3 קימפּעטאָרן־אַנשטאַלטן, 3 מושב־זקנימס, אַ צאָל זומער־קאָלאָניעס פֿאַר קינדער, אַ סאַנאַטאָריע פֿאַר לונגען־קראַנקע, אַ שולע פֿאַר טויב־שטומע מיט אַן אינטערנאַט, אַנשטאַלטן פֿאַר גײַסטיק־קראַנקע, געווען צדקה־געזעלשאַפֿטן, ווי „לינת־הצדק", בית־לחם", „תומכי אסירים" און גמילת־חסדים קאַסעס, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן הלוואות פֿאַר בעלי־מלאכות און פֿאַר קליינהענדלער. די געזעל־שאַפֿט „טאָז" האָט געהאַט אינסטיטוציעס וואָס האָבן געזאָרגט פֿאַרן געזונט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

דער וואַרשעווער ייִדישער ייִשוב האָט פֿאַרמאָגט אַ גרויסע ייִדישע אינטעליגענץ. זי איז געווען אָרגאַניזירט אין פֿאַרשידענע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און פֿאַראיינען פֿון דאָקטוירים, אינזשענירן, אַדוואָקאַטן, קינסטלער, מאָלער, מוזיקער, אַרטיסטן, שרײַבער און זשורנאַליסטן, לערער, סטודענטן און נאָך אַנדערע. גוט אָרגאַניזירט זענען געווען די ייִדישע אַרבעטער פֿון אַלע פֿאַכן און בראַנזשעס. די פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעטער־פֿאַראיינען זענען געווען די בריק צווישן די פּוילישע און ייִדישע אַרבעטער. אויך פּאָליטישע פּאַרטייען און זייערע צענטראַלעס האָבן זיך געפֿונען אין דער שטאָט וואַרשע מיט אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד, אין אַלע שטעט פֿון פּוילן.

אין עקאָנאָמישן לעבן פֿון דער שטאָט האָבן ייִדן פֿאַרנומען אַ גרויסע פּאָזיציע און געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. זיי האָבן גע־בילדעט גאַנצע 90 פּראָצענט פֿון אַלע סוחרים — ייִדישע און פּוילישע. דאָס זעלבע אויך בײַ די האַנטווערקער. ייִדישע סוחרים און האַנטווערקער האָבן געהאַט זייערע אייגענע בענק. אויסער דעם

האָבן אין וואַרשע עקזיסטירט ייִדישע האַנטווערקער־קאָאָפּעראַטיוון און אינדיווידועלע פאַבריקלעך און וואַרשטאַטן. לויט אַ סטאַטיס־טיק פון יאָר 1921 זענען אין וואַרשע געווען טעטיק בערך 12,400 אינדוסטריע־אינטערנעמונגען, וואָס האָבן געהערט צו ייִדן און באַשעפטיקט ייִדישע אַרבעטער. שפּעטער זענען כּסדר אַנטשטאַנען אַ סך נײַע אונטערנעמונגען.

פון דעם אַלעם, וואָס איז אויבן אין קורצן פאַרצייכנט געוואָרן, איז גאָרנישט געבליבן. פון די אַלע, אין משך פון דורות, וויכטיקע ייִדישע דערגרייכונגען אין דער קולטור־שאַפונג און פון אַלע מאַטעריעלע אוצרות, וואָס ייִדן האָבן פאַרמאָגט אין דעם געוועזענעם ייִדישן יישוב אין וואַרשע, איז מער קיין זכר נישטאָ. די דײַטשע נאַציסטישע מערדער האָבן נישט בלויז פיזיש אויסגעראָטן די ייִדן, נאָר אויך פאַרניכטעט די ייִדישע קולטור, די ייִדישע ליטעראַטור, וועלכע איז געבראַנט געוואָרן אויף שײַטערהויפנס. די דײַטשן האָבן צוגערויבט אַלע מאַטעריעלע פאַרמעגנס, אויף וועלכע די ייִדן האָבן אַ גאַנץ לעבן שווער געהאָרעוועט. דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס נאָך די אויף טויט פאַרגאַזטע ייִדן האָבן זיי אין גאָר גרויסע קוואַנטומס אַרויסגעפירט אין זייער פאַרשאָלטן היימלאַנד אַרײַן קיין דײַטשלאַנד. די דײַטשן זענען דעריבער נישט נאָר מערדער פון מענטשלעכע לעבנס, נאָר אויך רויבער פון פרעמדע פאַרמעגנס. זיי זענען אַן אייראָפּעיש מערדער־ און רויבער־פאָלק.

✶

די זאַמענהאָף־גאַס אין וואַרשע, וועגן וועלכער עס איז דאָ אַ רייד, האָט זיך אָנגעהויבן פון דער נאַוואָליפּקי גאַס, ווו עס איז פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען די רעדאַקציע פון דער ייִדיש־פּוילישער טאָגצײַטונג „נאַש פּשעגלאָנד" (אונדזער איבערבליק), און האָט זיך געענדיקט בײַם עק ניסקע גאַס, ביז דעם פאָוואָנזעק. עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה איז זי צעטיילט געוואָרן אויף צוויי גאַסן. ביז דער ניסקע, ווי שוין דערמאָנט, הייסט זי זאַ־

מענהאָף, נאָך דעם אויגן־דאָקטאָר לודוויק זאַמענהאָף. ווײַטער ציט זיך די גאַס אונטערן אַלטן נאָמען דזשיקע. פֿאַר ייִדן, וואָס האָבן באַוווינט די געגנט, איז זי ווײַטער באַטראַכט געוואָרן ווי איין גאַס. די דאָזיקע זאַמענהאָף־דזשיקע האָט זיך געגרענעצט מיט פּאַלגנדיקע גאַסן: פֿון רעכטס מיט גענשע, קופּיעצקע (מייזעלסאַ), מילע (שמאָלע), מוראַנאָווסקע, ניסקע, סטאַווקי און דזשיקע. פֿון לינקס: מיט דער דזשעלנע גאַס, פּאַוויע, גענשע, וואָלינסקע, מילע (נײַע), ניסקע, סטאַווקי, שטשענשליווע גאַס ביז דער נײַער דזשיקע. אַ שטאַרק פֿאַרצווײַגטע ייִדישע גאַס.

די זאַמענהאָף־גאַס איז אין גאַנצן געווען באַוווינט דורך ייִדן. דאָרט האָבן זיך געפֿונען ס׳רוב מענטשן פֿון מיטלשטאַנד. עס האָבן אויך געוווינט טייל סוחרים, וואָס האָבן געהאַט זייערע געשעפֿטן אין די האַנדלסגאַסן פֿון פֿראַנטשישקאַנער, נאַלעווקעס און גענשע. די גענשע גאַס האָט זיך, ווי דערמאָנט, געגרענעצט מיט דער זאַמענהאָף. די נאַלעווקעס דאַקעגן האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער גאַס און געהאַט דורכגענג אין עטלעכע הייף. אויף די שטאָקן פֿון די הײַזער, אין די בוידעם־שטיבלעך און אויך אין די קעלערס פֿון דער זאַמענהאָף־גאַס, זענען, אײַנגעבויגענע איבער זייערע מאַשינען, געזעסן ייִדישע שנײַדערס, קירזשנערס, טריקאָטאַזשניקעס, בערעטן־מאַכערס און אַלע אַנדערע ערליי שטעפּערס און שווער געאַרבעט. זיי האָבן פֿון זייער האָרעוואַניע קוים, קוים פֿאַרדינט אויף חיונה פֿאַר זיך און פֿאַר זייערע משפּחות. אויף דער זעלבער גאַס האָט אויך אַן אָרעמער סטודענט, אָדער אַ שילער פֿון דער מסיבתא, וואָס איז געקומען פֿון דער פּראָווינץ קיין וואַרשע לערנען, געקענט דאָ קריגן פֿאַר זיך אַ דירה, אַ „פּאָמיעשטשעניע" אויף אַ בעטל אין קיך, בײַ אַ נישט־פֿאַרמעגלעכער משפּחה פֿאַר שפּאָט ביליק געלט חודש־אַפּצאָל.

די טראָטואַרן פֿון דער גאַס זענען שטענדיק געווען אָנגעפּראָפּט מיט מאַסן מענטשן נישט אַדורכצוגיין. מען איז דעריבער געווען געצוווּנגען אויך צו גיין אין מיטן דער גאַס. דער שטאָטישער טראַמ־

ווײַ, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך דער זאַמענהאָף־גאַס, האָט זיך געמוזט באַוועגן לאַנגזאַם דורך דער געדיכטער מענטשן־מאַסע. די גאַס האָט געהאַט פון ביידע זײַטן טראָטואַר אַ גרויסע צאָל האַנדלס־געשעפטן מיט פאַרשידענע ערליי סחורות פאַרן דעטאַל־האַנדל. דער עיקר שפּײַז־אַרטיקלען, קאָנפעקציע, קיך־געשיר, עלעקטרישע לאָמפּן און אַנדערע סחורות, אַלץ פאַרן היימישן געברויך. אויף די ענגע טראָטואַרן פון דער זאַמענהאָף־גאַס האָבן זיך איבערגערופן מיט זייערע מציאות גאַסן־הענדלער מיט וועגע־לער פרוכטן, קוישן בייגל, באַלאַנען סאָדע־וואַסער, קעסטלעך צוּ־קערלעך און אַנדערע ביליקע סחורות. אויף דער זעלבער גאַס האָט מען אויך געקענט אָפּעסן אַ געשמאַקן און גאַר ביליקן מיטאָג, בײַ באַסקעלעוויטשן, קאַפּעלאָוון און אין אַנדערע אַזעלכע רעסטאָ־ראַציעס. אין די שבתים און ימים־טובים זענען די אַלע קראָמען געווען געשלאָסן. מען האָט דאָ אָנגעזען און אָפּגעפילט די ייִדישע רעליגיעזע אײַנפלוסן. עס זענען אויף דער זאַמענהאָף־גאַס פאַר־געקומען ייִדישע שׂמחות, חתונות, בריתן און אַנדערע ייִדישע פאַר־ווײַלונגען. אויף דער גאַס האָט מען גערעדט נאָר ייִדיש, דאָס ייִדישע מאַמע־לשון.

די זאַמענהאָף־גאַס איז געווען די גאַס פון דער ייִדישער געגנט אין דער הויפּטשטאָט, וואָס איז געלעגן אויף דער מאַפּע אין סאַמע מיטן צווישן אַנדערע טומלדיקע האַנדלס־ און האַנדווערקער־גאַסן, ווי די גענשע, נאַלעווקעס צי די פראַנטשישקאַנער, פון איין זײַט, וווּ עס האָט זיך אָפּגעטאָן אַ וועלט, אַן אָנגעלויף פון גאַנצן לאַנד, פון גאַנץ פּוילן. ייִדישע סוחרים און שפּיליטערן זענען געקומען צו פאַרן אײַנצוהאַנדלען אין די וואַרשעווער הורט־געשעפטן אַלע ערליי סחורות פאַרן דעטאַל־האַנדל אין זייערע קראָמען אַרײַן אין דער פּראָווינץ. פון דער צווייטער זײַט האָבן זיך מיט דער זאַמענ־האָף־גאַס געגרענעצט פיל גאַסן און געסלעך מיט גרויסע מאַסן ייִדישע האַנטווערקער, וואָס האָבן אין זייערע פאַבריקן און וואַר־שטאַטן אויסגעאַרבעט גאַנצע און האַלבע פאַבריקאַטן, ספּעציעל

פאַר דער זעלבער פּוילישער פּראָווינץ. אויף דער זאַמענהאָף־גאַס האָט זיך שטאַרק אָפּגעפּילט דאָס פּולסירן פון ייִדישן לעבן אין דער גרויסער מיליאָניקער שטאָט וואַרשע.

אויף דער זאַמענהאָף־גאַס האָבן זיך געפונען פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען פון ייִדישע האַנדלס־אַנגעשטעלטע (נומער 5), פון ייִדישע דערציערינס (נומער 8), פון דינסט־מיידלעך (נומער 10). עס איז דאָרט אויך געווען די רעדאַקציע פון אָרגאַן פון די רעכטע פּועלי־ציון (נומער 11). אויך בערזעס פון אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען געווען אויף דער זעלבער גאַס. די זאַמענאָף־גאַס איז געווען די גאַס פון אָפטע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס מיט רויטע פענער, ווי למשל, אין די טעג פון די „דריי עלן" (לענין, ליבקנעכט, לוקסענבורג) און אַנדערע. די פּוילישע פּאָליציי האָט נישט איין מאָל זיך גוט פאַרמאַטערט ביים אַראָפּנעמען אַ פאַרוואָרפן רויט פענדל פון די טעלעפאָן־דראָטן, וואָס עס האָט דאָרטן געהאַט אויפגעהאַנגען די יוגנט מיט פאַרשידענע פּאָליטישע לאָזונגען. די זעלבע גאַס איז אָפט אָפּגעשלאָסן געוואָרן דורך דער פּוילישער פּאָליציי, וואָס האָט אין קעטשלעך אַריינגעכאַפּט דורכגייענדיקע מענטשן, ס׳רוב ייִדישע אַרבעטסלאָזע. אויף דער גאַס פלעגן דורכגיין פּוילישע פּאַזשעבן (לוויות), וועלכע זענען דורך דער זאַמענהאָף־דזשיקע געגאַנגען צו זייער קאַטוילישן צמענטאַזש (בית־עולם) אויף פּאָוואָנזעק. אין דער גאַס האָבן אויך נישט געפעלט קיין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און אינסטיטוציעס, רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע. עס זענען געווען חסידים־שטיבלעך, תּפילה־הײַזער, ייִדישע און העברעיִשע שולן און חדרים. אַן אמתע ייִדישע גאַס אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע.

✶

אָט די אַ געוועזענע שפּרודלדיקע ייִדישע גאַס אין וואַרשע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען נאָך דעם גרויסן ייִדישן געלערנטן

ד״ר לודוויק זאַמענהאָף, און וואָס איז באַוווּסט געוועזן פֿון אַ סך טויזנטער ייִדן, האָט געהאַט די פֿינצטערע זכיה צו זײַן די באַגלייטערין פֿון אירע געפּײַניקטע אײַנוווינער און פֿון דעם רעשט ייִדן פֿון די אַנדערע גאַסן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, אויף זייער לעצטן וועג צו דער שחיטה, צום מאָרד, וואָס עס האָט איבער זיי אויסגעפֿירט דער דײַטשער נאַציאָנאַלער טײַוול אין מענטשלעכן געשטאַלט.

פֿון צווישן אַלע געטאָ־גאַסן אין דער שטאָט וואַרשע האָט בײַ די ייִדן, וואָס זענען לעבן געבליבן נאָכן אַדורכמאַכן דאָס דאַרטיקע גיהנום, אויף אייביק זיך אײַנגעקריצט אין זכּרון דער עיקר די זאַמענהאָף־גאַס, דורך וועלכער אַלע ייִדן פֿון וואַרשעווער געטאָ זענען געטריבן געוואָרן צו די וואַגאָנען, צום טראַנספּאָרט, וואָס האָט זיי געפֿירט אין טויטלאַגער אַרײַן, קיין טרעבלינקע, צום אומקומען. אויך אַלע אַנדערע וואַרשעווער געטאָ־גאַסן זענען הייליק, ווײַל אין זיי, אין די דאָזיקע אַרומגעצוימטע ייִדישע גאַסן, האָבן די דײַטשע פֿאַשיסטן געפּײַניקט די באַפֿעלקערונג און פֿאַרגאָסן זייער בלוט, דאָס ייִדישע בלוט. דעריבער איז יעדע גאַס, יעדער שטיין אַפֿילו אויף דער גאַס, יעדעס פֿאַרבלוטיקטע זאַמדעלע אויף דער דאָזיקער ערד פֿאַרהייליקט. פֿון די אַלע געטאָ־גאַסן זענען אַלע ייִדן, אָן אויסנאַם, קליין און גרויס, די קליינע ייִדישע קינדער, זייערע עלטערן, שוועסטער און ברידער, באָבעס און זיידעס, געטריבן געוואָרן דורך אָט אַ דער זאַמענהאָף־גאַס, דער מאַרטירערגאַס צום טראַגישן סוף זייערן אין טויטלאַגער אַרײַן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דעם פּוילישן מיתה־משונה־אָרט, טרעבלינקע.

אין די ערשטע טעג פֿון דער ווישעדלעניע (צוואַנג־אַרויספֿירונג) האָט מען אין געטאָ־לאַגער נאָך נישט געוווּסט וועגן טרעבלינקע און אויך נישט וועגן דעם ווײַטערדיקן גורל פֿון די טראַנספּאָרטן, וואָס גייען אָפּ יעדן טאָג פֿון וואַרשע אין אַ גרויסער צאָל. מען האָט נישט געוווּסט וווּהין מען ווערט אַרויסגעפֿירט. מען האָט בלויז געקענט אָפּשאַצן די לאַגע אויפֿן סמך פֿון דער ברוטאַלקייט

בײַם פֿאַרלאַדעווען מאַסן מענטשן אין די ענגע פֿערד־וואַגאָנען אַרײַן. דאָס אַליין איז געווען פֿאַרדעכטיק און עפּעס וואָס געזאָגט, אַז מען פֿאָרט נישט אױפֿן מזרח צו קיין אַרבעט, ווי עס האָבן פֿאַרזיכערט, אין זייערע פּראָפּאַגאַנדע־ליגנס די נאַציס און אויך דער יודענראַט. מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז קליינע קינדער, אַלטע און קראַנקע מענטשן פֿון די שפּיטעלער, וואָס ווערן אַרויסגעפֿירט אין די וואַגאָנען, זענען נישט פֿעיִק צו קיין שום אַרבעט. אויך שפּעטער, ווען דער טויטלאַגער טרעבלינקע איז שוין דערמאַנט געוואָרן דורך עטלעכע ייִדן, ווּעמען עס איז געלונגען פֿון דאָרט צו אַנטלויפֿן, און האָבן דערציילט, אַז אַלע טראַנספּאָרטן מיט די וואַרשעווער ייִדן גייען אַהין און ווערן דאָרט אַלע דערמאָרדעט, אַפֿילו דעמלט האָט מען אויך נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן, אַז די דײַטשן פֿירן די ייִדן אין קבר אַרײַן, אַז דאָרט, אין טרעבלינקע, פֿונקציאָנירט אַ ספּעציעל אויפֿגעבויטע דײַטשע גאַז־מאָרדמאַשין אומצוברענגען די ייִדן.

✶

איצט קומען בילדער, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער געשיכט־לעכער שוידערלעכער אמת וועגן ייִדישן אומקום אין גאַז־טויט־לאַגער טרעבלינקע און צו וואָס עס זענען אַלץ פֿעיִק געווען די דײַטשע פֿאַרברעכער, וועלכע זענען דורך דעם נירנבערגער טריבונאַל באַצייכנט געוואָרן ווי פֿעלקער־מערדער, אָבער וועלכע זענען פֿאַרבליבן אָן שום שטראָף, אַלס פֿאָלק, אַלס פֿאַרברעכער־פֿאָלק אין דער ציוויליזירטער וועלט פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט.

דער קבר פֿון די צום טויט פֿאַרגאַזטע ייִדישע מענטשן — טרעבלינקע — איז פֿריער געווען בלויז אַ געוויינלעך פּויליש דאָרף, וואָס געהער צו דער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפֿט. נישט ווײַט פֿון טרעבלינקע זענען עטלעכע יאָר פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, דורך די פּאָליאַקן פֿאַרלייגט געוואָרן זשוויר־גרובנס. אַ באַנליניע, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער זעלבער געגנט האָט די גרובנס

פֿאַרבונדן מיט דער סטאַציע, וואָס געפֿינט זיך נאָענט פֿון טרעב־לינקע.

אין דער צײַט פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן האָט די דײַטשע מאַכט אויסגענוצט די גרובנס. שעפּנדיק פֿון זיי מאַ־טעריאַל צו באַפֿעסטיקונג־ און בוי־אַרבעטן. כּדי צו לאָזן אין גאַנג אַ פֿאַבריק פֿון בעטאָן־אויסאַרבעטונגען בײַ די זשוויר־גרובנס און צו האָבן אומזיסטע אַרבעטסהענט, האָבן זיי דאָרט געשאַפֿן אַ שטראָף־אַרבעטס־לאַגער אונטערן נאָמען: אַרבעטס־לאַגער „טרעב־לינקע — 1". אין דעם דאָזיקן לאַגער אַרײַן זענען געשיקט געוואָרן געכאַפּטע מענטשן פֿון וואַרשעווער דיסטריקט, דער עיקר פֿאַרשטייט זיך ייִדן, שוין אין די ראַמען פֿון דער אַלגעמיינער עקסטערמינאַציע־טאַקטיק. דער רעזשים דאָרט האָט זיך נישט אונטערגעשיידט מיט גאָרנישט פֿון דעם רעזשים אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. די אַרעס־טירטע זענען טראַקטירט געוואָרן אויף אַן אוממענטשלעכן אופֿן. נאָך דער מלחמה זענען אין וואַלד אויף אַ האַלבן קילאָמעטער פֿון לאַגער אַנטדעקט געוואָרן 40 מאַסן־קבֿרים, אין וועלכע עס זענען געווען באַגראָבן איבער 6.500 מענטשן, קרבנות פֿון דעם דײַטשן שטראָפֿלאַגער.

ווען די אָנפֿירונג פֿון דער דײַטשער מאַכט האָט אין דער שטאָט וואַהנזע אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן דער „ענדגילטיקער לעזונג פֿון דער יודען־פֿראַגע אין אייראָפּע", דורך טאָטאַלער פֿאַרניכטונג, האָט זי גלייך גענומען אײַנאָרדענען אונטערנעמונגען צו קענען אויספֿירן דעם מאַסן־מאָרד. דאָס אָרגאַניזירן און אַדורכפֿירן די אַקציע פֿון איבערטראַנספּאָרטירן די קרבנות אויף די ערטער פֿון אומקום האָט, ווי באַוווּסט, אויסגעפֿירט דער עס־עס־אויבערשטורמ־פֿירער אַדאָלף אײַכמאַן. (ער האָט אין יאָר 1952 אין דער ייִדישער מדינה, אין ישׂראל, באַקומען זיין פֿאַרדינטע טויטשטראָף פֿאַרן אָנטייל נעמען אין ייִדן־מאָרד). אין דער צווייטער העלפֿט פֿון יאָר 1941 איז דער זעלבער אײַכמאַן עטלעכע מאָל געקומען אין די געביטן פֿון אָקופּירטן פּוילן, צו אינסטרויִרן די דאָרטיקע עס־עס־

פאַקטאָרן וועגן מאַכן צוגרייטונגען צו דער מאָרד־אַקציע. ווײַזט אויס, אַז דעמלט האָבן זיי אויך באַשלאָסן אײַנצואָרדענען איינעם פון די לאַגערן פאַר דער מאַסן־פאַרניכטונג נאָענט פון דעם שוין עקזיסטירנדיקן אַרבעטס־לאַגער „טרעבלינקע — 1" און עס איז טאַקע אַנטשטאַנען דאָרט דער טויטלאַגער „טרעבלינקע — 2". צום אויסקלייבן דעם אָרט זאָלן האָבן מיטגעווירקט די נאָענטקייט פון וואַרשע, ווו דאָס געטאָ האָט פאַרמאָגט די גרעסטע צאָל יידן אויף דער אָקופּירטער פּוילישער ערד, און די וויסטע זאַמדיקע געגנט צווישן וועלדער. דערבײַ איז אויך געווען די מעגלעכקייט אויס־צונוצן אומזיסטע אַרבעטסהענט פון די אַרעסטירטע, בײַם בויען דעם פאַרטיליקונגס־לאַגער.

בוי־ און אינסטאַלאַציע־מאַטעריאַלן, וועלכע זענען געווען נייטיק פאַר די מאָרד־אײַנריכטונגען, האָט צוגעשטעלט אַהין דער וואַרשעווער יודענראַט. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען גע־צוווּנגען צוצושטעלן די מאַטעריאַלן אויף אײַנצואָרדענען דעם פאַרניכטונגס־לאַגער, אין וועלכן זי אַליין האָט שפּעטער געפונען דעם טויט.

דער טויטלאַגער אין טרעבלינקע, ווי עס דערציילן די געציילטע לעבן געבליבענע יידישע עדות, איז געווען אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט און געדיכט איבערגעפלאָכטן מיט סאָסנע־צווײַגן, כדי מען זאָל נישט קאָנען זען וואָס עס קומט פאַר אינעווייניק. לענגאויס דעם אַרומגעצוימטן לאַגער, אויף אַ באַשטימטן מרחק איינער פון צווייטן, זענען געשטאַנען וואַכטורעמס מיט רעפלעקטאָרן צו באַלײַכטן און מיט מאַשין־געווער אַפּצוהיטן, אַז קיינער זאָל פון דאָרט זיך נישט קענען אַרויסקריגן. אינעווייניק איז דער לאַגער באַשטאַנען פון צוויי טיילן. אין ערשטן טייל האָבן זיך געפונען די וווינבאַראַקן פון באַשעפטיקטן פערסאָנאַל, די וואַכבײַדלער, די לאַגער־קאַנצעלאַריע, די וואַרשטאַטן, די מאַגאַזינען פון אַנגערויבטן פאַרמעגן נאָך די פאַרגאַזטע יידן, ווי אויך אַ זײַטיקע באַנליניע מיט דער ראַמפּע.

אין צווייטן טייל לאַגער האָבן זיך געפונען גאַזקאַמערן. די גאַזקאַמערן האָבן אויסגעזען ווי באָדצימערן מיט דושן בײַ די ווענט. די פּאָדלאָגעס זענען באַשטאַנען פון ווײַסע פּליטעס און זענען געווען אָנגעבויגן אין דער ריכטונג פון די אינעווייניקסטע ווענט. דאָס איז געווען כּיטרע אויסגערעכנט אַז דאָס טרעטן פון די נאַקע־טע מענטשן באַרוועס אויפן נאַסן באָדן זאָל גורם זײַן אויסצוגליטשן זיך און פאַלן איינער אויפן אַנדערן, וואָס האָט דערמיט פאַרלײַכ־טערט דאָס דערשטיקן די נפשות. אין די דאָזיקע ווענט האָבן זיך אויך געפונען גרויסע הערמעטיש פאַרמאַכטע קלאַפּעס, וואָס האָבן זיך אויפגעמאַכט אויף צו באַזײַטיקן די טויטע גופים. דער גאַז איז געוואָרן צוגעפירט צו די קאַמערן דורך רערן, וואָס האָבן זיך גע־פונען אין סופיט.

פאַרשידענע פּיקטיווע אײַנריכטונגען זענען דאָרט געווען אָפּ־צונאַרן די קרבנות. דער העכסטער פּונקט פון פּערפידיע און ציניזם איז דערבײַ געווען דער אײַנגעאָרדנטער אויפן געביט פון לאַגער „לאַזאַרעט". דאָס איז געווען אַ הילצערנע פאַרטער־געביידע, איבער וועלכער עס האָט געפלאַטערט אַ פאָן מיטן צייכן פון רויטן קרייץ. הינטער דער אַרײַנגאַנג־טיר פון דער געבײַדע האָט זיך געפונען אַ כּלומרשטער וואַרטצימער, פון וועלכן אַ טיר האָט געפירט אין „קאַבינעט" אַרײַן. הינטער דער טיר פון דאָזיקן קאַבינעט איז געווען אַ פּלאַץ מיט אַן אויסגעגראָבענעם גרוב אין דער מיט, בײַ וועלכן עס איז געשטאַנען אַן עס־עס־מאַן מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, מיט אַ שאָס אין הינטערשטן טייל פון קאָפּ האָט ער צוגע־איילט דעם טויט פון די מענטשן, וואָס צוליב אַ פעלער, קרענק, אָדער עלטער, האָבן זיי נישט געקאָנט צוזאַמען מיטן גאַנצן טראַנס־פּאָרט ייִדן לויפן פון צוג צו דער גאַרדעראָבע זיך אויסצוטאָן און פון דאָרטן צו דער גאַזקאַמער. אָט צו וואָס עס איז פּעיִק דאָס אייראָפּעיִשע דײַטשע „קולטור־פאָלק", וואָס ווערט אייביק זיך האָבן צו ייִחוסן מיט זייער מאַסנהאַפטער מענטשנמאָרד־דערפינדונג, כּדי צו לייזן די „יודען־פראַגע".

די טויטע קערפּערס פֿון די פּאַרגאַזטע ייִדישע מענטשן זענען אין אָנהייב באַגראָבן געוואָרן אין דער ערד. שפּעטער זענען זיי פֿאַרברענט געוואָרן אויף שײַטערהויפֿנס. מיטן ציל צו פֿאַרווישן די שפּורן פֿון פֿאַרברעכן, זענען אויסגעגראָבן און אויך פֿאַרברענט געוואָרן די טויטע גופֿים פֿון ערשטן מאָרד־פּעריאָד.

די טראַנספּאָרטן מיט די פּוילישע ייִדן קיין טרעבלינקע זענען געגאַנגען אין פֿאַרשלאָסענע פֿערד־וואַגאָנען, וואָס זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט אַזוי פֿיל מענטשן אַזש צום דערשטיקט ווערן. אין יעדן אַזאַ וואַגאָן האָבן זיך דערבײַ געפֿונען צענטליקער טויטע. אין דער צײַט ווען ייִדן האָבן זיך שוין אָריענטירט, אַז פֿון טרעבלינקע איז נישטאָ מער קיין צוריקקער, האָבן טייל געפּרוּווט זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפֿן פֿון די וואַגאָנען. לײדער איז דאָס געווען האָפֿענונגסלאָז. ס׳רוב אַזעלכע שפּרינגערס זענען אומגעקומען פֿון דעם נאָכשיסן צו זיי דורך די דײַטשע באַנדיטן. די טראַנספּאָרטן פֿון די אויסלענדישע ייִדן זענען מערסטנטייל באַשטאַנען פֿון נאָרמאַלע וואַגאָנען צווייטע קלאַס. די קרבנות האָבן מיט זיך געבראַכט וואַליזקעס מיט ווערטפֿולע זאַכן. אַדאָלף אײַכמאַן האָט די פֿאַרניכטונגס־אַקציע פֿון די אויסלענדישע ייִדן געפֿירט אונטער דער פֿאַלשער מאַסקע פֿון אויסוואַנדערונג צו באַזעצן זיי אין די לענדער פֿון מזרח־אייראָפּע. די דאָזיקע ייִדן האָבן אין דעם געגלייבט ביז דער לעצטער מינוט...

נאָך דעם אָנקומען פֿון טראַנספּאָרט אין לאַגער אַרײַן האָבן די דײַטשן אָפּגעזונדערט די מענער פֿון די פֿרויען. פֿון צווישן די מענער האָבן זיי אויסגעקליבן עטלעכע צענדליק געזונטע יונגע ייִדן צו דער אַרבעט. אַלטע לײַט, וועלכע האָבן זיך נישט געקענט באַוועגן מיט די אייגענע כּוחות, קראַנקע, קאַליקעס און קינדער אָן אויפֿזיכט, האָבן די מערדער געפֿירט אין אויבן דערמאָנטן „לאַזאַרעט" אַרײַן, ווו עס האָט זיי אויסגעהרגעט דער עס־עס־דײַטש מיטן רעוואָלווער אין האַנט. אַלע קרבנות האָבן געמוזט זיך אויסטאָן נאַקעט, כּדי כּלומרשט צו גיין אין „באָד" אַרײַן. זענען

אַלע גלײַך געיאָגט געוואָרן צו די גאַזקאַמערן, אָפּגענאַרטע, אַז זײ גײען זיך וואַשן. די גאַזקאַמערן זענען אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט וואָס מער מענטשן. נאָכן פאַרמאַכן די טיר זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די מאָטאָרן. די קאַמערן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט גאַז און אַלע מענטשן זענען דערשטיקט געוואָרן אויף טויט.

דער גאַנצער פּראָצעס פון אומברענגען אויף טויט איין טראַנס־פּאָרט ייִדן, פון דער צײַט פון זײַן אָנקומען אויפן אָרט אין לאַגער אַרײַן ביזן מאָמענט פונעם באַזײַטיקן די טויטע קערפּערס פון די גאַזקאַמערן, האָט געדויערט אַרום 2 שעה.

אַלע ייִדן וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן אויסצופירן די שרעקלעכע אַרבעטן אין טויטלאַגער, האָבן געהאַט אַ געשענקט לעבן בלויז אויף אַ ווײַלע. אין באַשטימטן צײַטאָפּשניט זענען זײ פּאַרטיעסווײַז אויך אומגעברענגט געוואָרן אין די זעלבע גאַז־קאַמערן. אויף זײער אָרט זענען געקומען אַנדערע, פון פרישע טראַנספּאָרטן.

די באַשעפטיקטע ייִדן בײַם אויספירן די פונקציעס מיט די אויף טויט פאַרגאַזטע גופים האָבן נישט איין מאָל אויך אָנגעטראָפן אויף אײגענע משפּחה־מענטשן, אויף זײערע עלטערן, פרויען און קינדער. זענען זײ געוועזן דערבײַ שרעקלעך אומבאַהאָלפן. די צאָל דאָרט באַשעפטיקטע ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָך אָפּגעראַטעוועט פון טויט, אַ דאַנק דעם בונט אין טרעבלינקע, זעען נאָך כּסדר פאַר די אויגן, סײַ בײַ טאָג און סײַ בײַ נאַכט אין שלאָף, דאָס שוידערלעכע בילד פון זײער געוועזענער אויסערגעוויינלעכער, אויסטערלישער אַרבעט אין טויטלאַגער פון טרעבלינקע.

די גרעסטע צאָל טראַנספּאָרטן, וועלכע זענען געקומען אין פאַרניכטונגס־לאַגער אַרײַן קײן טרעבלינקע, איז אויסגעפאַלן אויף דער צײַט פון חודש אויגוסט, ביז אין דער העלפט פון דעצעמבער 1942 און שפּעטער פון העלפט יאַנואַר ביז אין דער העלפט חודש מאַי 1943. פון דער צײַט אָן זענען זײ געוואָרן קלענער. דער דאָ־זיקער אומשטאַנד האָט פאַרשטאַרקט די מורא בײַ די דאָרט באַ־

שעפּטיקטע ייִדישע אַרבעטער, אַז עס דערנענטערט זיך שוין אויך זייער סוף. דאָס דאַזיקע האָט אין אַ גרויסער מאָס דעצידירט וועגן אויסברוך, דעם 2טן אויגוסט 1943, פון זייער באַוואָפנטן בונט אין טרעבלינקע.

די דאָזיקע אַקציע איז שוין אַ לענגערע צײַט פריער געוואָרן צוגעגרייט דורך אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן גע־וואָרן צווישן די אסירים. אין בונט האָבן די אויפשטענדלער דער־הרגעט איבער אַ צענדליק עס־עס דײַטשן, אונטערגעצונדן אַ טייל געבײַדעס, איבערגעשניטן די עלעקטרישע דראָטן פון דער פאַר־צוימונג און עטלעכע הונדערט ייִדן זענען פון דאָרט אַנטלאָפן אין די וועלדער אַרײַן. בײַם לעבן זענען קוים געבליבן עטלעכע ייִדן, וועמענס עדות־זאָגן שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקן קוואַל פון ידיעות וועגן דעם דײַטשן פאַרברעכן, וואָס דאַרף אויך דינען ווי אַ גבֿית־עדות צו קאָמפּראָמיטירן די „היסטאָריקער", וואָס ווילן דווקא מיט זייערע ליגנס אָפּלייקענען דעם דײַטשן מאָרד איבער די ייִדן אין די גאַז־טויטקאַמערן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

זינט דעם בונט פון די דאָרט באַשעפּטיקטע ייִדישע אַרבעטער האָבן די דײַטשן אַהין מער קיין טראַנספּאָרטן מיט ייִדן שוין נישט געשיקט און אָנגעהויבן צו ליקווידירן דעם לאַגער. אין נאָוועמבער 1943 איז דער פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. די גאַזקאַמערן פאַרניכטעט, די געבײַדעס צע־וואָרפן און אַרויסגעפירט. די דראָט־פאַרצוימונגען אַוועקגענומען. דער גאַנצער שטח פון לאַגער איז געוואָרן צעאַקערט און אַפילו אויך פאַרזייט, אַז עס זאָל קיין זכר נישט בלײַבן פון דײַטשן מאָרד־פאַרברעכן איבער די ייִדן.

לויט די דײַטשע קוועלן קומט אויס, אַז אין טרעבלינקע זאָלן האָבן דערהרגעט געוואָרן 800 טויזנט ייִדישע נפשות. דאָס דאָזיקע איז ווײַט פון אמת. זיי לוינט זיך צו פאַרקלענערן די צאָל דורך זיי דערמאָרדעטע ייִדן אין דעם לאַגער. אין טרעבלינקע זענען אומגע־קומען אַ סך מער מענטשן. ווען מיר זענען נאָך געווען אין געטאָ,

אין די לעצטע טעג, האָט מען געשאַצט, אַז טרעבלינקע האָט פאַר־שלונגען בײַ אַנדערטהאַלבן מיליאָן ייִדן. לויט דאָקומענטן פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן, זאָלן אין טרעבלינקע האָבן אומ־געקומען 254 טויזנט וואַרשעווער ייִדן, וואָס דאָס זעט אויס צו זײַן אַ רעאַלע ציפער. דאָרט זענען דערהרגעט געוואָרן נישט בלויז וואַרשעווער ייִדן. אַהין האָבן די דײַטשן געבראַנגט ייִדן פון גאַנץ אייראָפּע. פון עסטרײַך, פראַנקרײַך, גריכנלאַנד, יוגאָסלאַוויע, דײַטש־לאַנד, רוסלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, בעלגיע, בולגאַריע און פון נאָך אַנדערע לענדער און שטעט. די דײַטשן האָבן אַלע טראַנס־פּאָרטן קיין טרעבלינקע געטריבן גיך אין די גאַז־קאַמערן אַרײַן, אָן ווען עס איז רשימה און אין געאייל אַלע פאַרברענט. פאַר־בליבן איז נאָך זיי בלויז דאָס אַש, וואָס ליגט באַגראָבן אין דער פּוילישער ערד, אָדער די ווינטן טראָגן נאָך דאָס אַש אין די רוימען פון פּוילנלאַנד. דער אָנדענק פון זייער מאַרטירער־טויט וועט אָבער נישט אָפּגעמעקט ווערן אין זכּרון פון דער מענטשהייט און באַזונ־דער פון לעבעדיקן ייִדישן פאָלק אויף אַלע צײַטן.

✶

מיטן ציל צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די דערמאָרדעטע אין טרעבלינקע איז דאָרט נאָך דער מלחמה אַנטשטאַנען אַ צענט־ראַלער דענקמאָל. עס זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן איבער אַ צענדליק טויזנט גרויסע שטיינער, אויף וועלכע עס זענען אויסגע־קריצט געוואָרן די נעמען פון די לענדער און שטעט, פון וואַנען עס האָבן געשטאַמט די קרבנות, וועלכע די דײַטשן האָבן דאָרטן פאַרגאַזט אויף טויט.

וועט שאָטן בלויז פון ייִד זאָל איבערבלײַבן,
וועט ער, דער שאָטן, אין דער וועלט אַוועק...
אויף גאַסן גיין און אויף די הערצער שרײַבן
דאָס וואָרט דאָס פינצטערע, דאָס וואָרט פון שרעק.

די אויגן וועט עס אויסדראַפּען דעם יענעם,
וואָס שווינדלט פּרום און פֿאַלשעוועט מיט רעכט...
אָט דאָ אויף דר'ערד אין גיהנום איבער גיהנום
און גלויבן איז פֿאַרבלוטיקט און פֿאַרשוועכט...
מיר האָבן פֿיל פֿאַרגעסן... דאָך טרעבלינקע
זאָל נישט פֿאַרבלײַבן ערגעץ אין אַרכיוו...
מיט וויסנשאַפֿט און נישטיקע געדאַנקען
באַשריבן פֿון אַ פֿאַרשערל נאַיוו.*

אַהין, אין דער דאָזיקער טרעבלינקע, אין דער פֿונקציאָנירנדיקער, לויט דעם דײַטשן נאַציאָנאַלן גײַסט אומברענג־פֿאַבריק פֿון מענטשלעכע לעבנס, זענען די ייִדן געטריבן געוואָרן. דער טראַגישער מאַרשרוט פֿון גאַנצן ייִדישן ייִשוב פֿון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער איז געגאַנגען דורך דער זאַמענהאָף־גאַס, דורך דעם אײַנציקן וועג. אויף אָט דעם ברוק, וואָס עס האָבן נאָך אָנגערירט זייערע מידע פֿיס, זענען די מאַסן ייִדן געגאַנגען זייער לעצטן גאַנג צום אומקום, צום שרעקלעכן נישט נאַטירלעכן טויט, וואָס עס האָבן איבער זיי אויסגעפֿירט די נאַצי־דײַטשן, דאָס אייראָפּעיִשע מערדער־פֿאָלק פֿון די גרויסע קולטור־גײַסטער, פֿרידריך שילער און יאָהאַן וואָלפֿגאַנג געטע.

✶

איידער מיר וועלן זיך אומקערן צוריק צו דער מאַרטירער־גאַס אין געוועזענעם וואַרשעווער ייִשוב, וועלן מיר דאָ באַרירן אַ פּראָבלעם, וואָס איז געבונדן מיט דער ייִדישער קאַטאַסטראָפֿע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די באַגרענעצטע און הערמעטיש פֿאַרמאַכטע ווינערטער אין די אָקופּירטע שטעט, ווו ייִדן זענען דורך די דײַטשן פֿאַרשפּאַרט

---

* פֿראַגמענט פֿון ז. סעגאַלאָוויטשעס פּאָעמע „טרעבלינקע".

געוואָרן, האָט מען גערופן געטאָ (געטאָס), אין דער אמתן זענען דאָס געווען לאַגערן, קאָנצענטראַציע־לאַגערן. מען געפינט נישט קיין שום אָפיציעלן דאָקומענט מיט דעם וואָרט „געטאָ". די נאַצי־דײַטשע מאַכט האָט זיי באַצייכנט אַלס „יודען־וואָהנבעצירק". פון וואַנעט עס האָט זיך אין דער נאַצי־צײַט גענומען דער נאָמען געטאָ, איז שווער הײַנט צו דערקלערן. קאָן זײַן, אַז על־פּי־טעות האָבן די קרבנות, די ייִדן אַליין, אַרויסגענומען פון היסטאָרישן אַרכיוו דעם דאָזיקן נאָמען. געוואָלט אפשר , אַז מיט איזאָלאַציע, ווי אַ מאָל אין די אַלטע יאָרהונדערטער, ווען ייִדן האָבן געלעבט אין געטאָס אין אַ ריי אייראָפּעיִשע לענדער, זאָל זיך עס אויך הײַנט ענדיקן דערמיט. לײדער איז אַזוי נישט געשען. יענע, די אַלטע געטאָס פון אַ מאָל, זענען געווען אין גאַנצן אַנדערש ווי די הײַנטיקע, אין וועלכע 6 מיליאָן ייִדן זענען געווען פאַרשפּאַרט, איידער זיי זענען פאַרפּייניקט געוואָרן אויף טויט, דורך אַן אייראָפּעיִש פאָלק.

דאָס וואָרט „געטאָ" שטאַמט פון יאָר 1514 און איז אַנטשטאַנען אין ווענעציע, איטאַליע, אויפן אָרט פון די „ייִדישע גאַס", אָדער „ייִדישער קוואַרטאַל", ווי מ'האָט דעמלט גערופן די ספּעציעלע וווינערטער פאַר ייִדן. דער נאָמען געטאָ בעת דער דײַטשער „יודען־ריין־מאַכונג" האָט אַרײַנגעפירט אין טעות, ווײַל די אַלע געטאָס אין וועלכע ייִדן האָבן געמוזט וווינען, זענען געווען, כּדי בלויז די ייִדן צו איזאָלירן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, ווי אַ פּועל־יוצא פון אַנטיסעמיטיזם. אַפילו דער „עדיקט וועגן ייִדן" אין איטאַליע, פון פּיוס דעם 6־טן, מיט די אכזוריותדיקע 44 פּאַראַגראַפן פון דעם 15־טן אַפּריל 1775 איז אויך אין פאַרגלײַך צום „יודען־וואָהנבעצירק" אונטער די נאַצי־דײַטשן געווען אַ דבר־מעוט, אַ קלייניקייט, ווײַל די לאַגער־געטאָס זענען געווען פּרוזדורן, פאָדער־הײַזער, וואָס האָבן געפירט צום אומקום, צום טויט.

פאַר דער אויסערלעכער וועלט, פאַר דער עפנטלעכער מיינונג, האָט געטאָ געקלונגען כּמעט ווי טריוויאַל, און האָט אין אַ געוויסער מאָס אויך אָפּגעשוואַכט דעם אײַנדרוק פון די גרויליקע דײַטשע

מעשׂים. נישט נאָר ייִדן אַליין געדענקען די היסטאָרישע שוין היינט געטאָס, וואָס ייִדן האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט אַדורכגעמאַכט, נאָר אויך אַנדערע פעלקער ווייסן וועגן זיי. דעריבער האָט די דאָזיקע באַצייכענונג געקאָנט אין די נאַצי־צייטן אַריינפירן אין טעות. ווען עס איז אַ רייד וועגן די פלעצער וווּהין די דייטשן האָבן צונויפגעזאַמלט און איזאָלירט די ייִדן צו דער שחיטה, דאַרפן די דאָזיקע ערטער באַטראַכט ווערן נישט ווי געטאָס, נאָר ווי לאַגערן פאַר ייִדן פון וועלכע ס׳איז שוין נישט געווען מער קיין צוריקוועג צום לעבן, טראָץ דעם וואָס דער נאָמען „געטאָ" סומירט אַלע פורעניותן, וואָס ייִדן זענען אַדורכגעגאַנגען ביזן פאַרגאַזט ווערן אויף טויט אין די פאַרשידענע טרעבלינקעס.

✶

די זאַמענהאָף־גאַס איז אין דער צייט פון דער היטלעריסטיש־דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן געווען איינע פון די באַוועגלעכסטע גאַסן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין גרויסן געטאָטייל אין וואַרשע. די פאַרמלחמהדיקע רוישיקע פראַנטשישקאַנער, נאַלעווקעס צי די גענשע גאַס, האָבן מער נישט געשפּילט קיין שום ראָלע, ווייל די ייִדישע האַנדלסוועלט איז אין גאַנצן געווען פאַראַליזירט. ייִדישע געשעפטן מיט די פאַרמאַכטע טירן האָבן אויסגעזען ווי גרויסע טויט־אָרונס. די דייטשן זענען אַהין פאַרפאָרן מיט לאַסט־אויטאָס און אַרויסגעפירט די צוגעראַבעוועטע סחורות פון די ייִדישע האַנדלס־מאַגאַזינען, דער עיקר טעקסטיל־סחורות פון דער גענשע גאַס.

די זאַמענהאָף־גאַס, וועלכע האָט זיך געגרענעצט מיט 8 אַנדערע גאַסן, איז געווען כּמעט ווי דער הויפּטצענטער פון ייִדישן געטאָ־לעבן אין וואַרשע. די גאַסן־באַוועגונג און אַפילו דער האַנדל אין יענער צייט, לויט דעם נעבעכדיקן וועגעלער־מסחר, איז געווען טעטיק דער עיקר אויף זאַמענהאָף־פּאַוויע. עס האָט זיך אָנגעזען דאָרט דער פאַרקויף פון פאַרשידענע אַרטיקלען, אַפילו אויך פון

ייִדישע ביכער פון די פאַרוואַרלאָזטע ביכער־מאַגאַזינען, פאַר 20 גראָשן אַ שטיק, פאַר ביכער פון געשיכטע, בעלעטריסטיק און דיכטונג. עס האָבן דעמלט זיך נאָך געפונען אַמאַטאָרן אויף זיי. דאָס אַלץ האָט נאָך געהאַט אַן אָרט איידער דעם פאַרמאַכן דאָס געטאָ און אַרומרינגלען די וואַרשעווער ייִדן מיט דעם פאַרדראָטעוועטן הויכן מויער.

אויך די שטאַרקע נויט האָט זיך אויף דער דאָזיקער גאַס אָנגעזען, טראָץ דעם, וואָס אין די הייף האָט מען נאָך געהערט דאָס שטעפּן פון די שנײַדער־מאַשינען און פון אַנדערע פאַכן. די בעלי־מלאכות האָבן נאָך אַרויסגעענדיקט באַשטעלונגען, אָדער פּוילישע קרעמער זענען אַרײַן אין געטאָ אומלעגאַל און געמאַכט פרישע באַשטעלונגען. דערוואַקסענע און קליינע קינדער זענען געלעגן אויף די טראָטואַרן געשוואָלענע פון הונגער און קרענק און געבעטלט בײַ די דורכגייערס. דאָס שוידערלעכע בילד אויף דער זאַמענהאָף־גאַס איז געווען ענלעך צום אַלגעמיינעם געטאָ־אויסזען. דאָס לעבן איז געווען כאַאָטיש און באַגלייט מיט שרעק. די פאַרצווייפלונג איז געווען גרויס. די נײַע סיטואַציע אומדערטרעגלעך און אָן דערפאַרונג, אויף צו קאָנען מיט עפּעס קעגנווירקן. מענטשן זענען דעריבער געוואָרן אַפּאַטיש און דערשלאָגן, וואָס האָט געווירקט אויפן גאַנצן פּסיכישן צושטאַנד פון אַלע געטאָ־ייִדן.

דערצו נאָך האָבן דער יודענראַט, די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי און די ייִדישע געסטאַפּאָוצעס זיך גלײַך געגעבן צו דערקענען. די דאָזיקע ייִדישע פּלאָג, ווי דער נאַצי־דײַטשער געהילפס־אַפּאַראַט, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם ווייטיק פון די געפּײַניקטע ייִדן. דאָס כאַפּן צו דער אַרבעט איז געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשײַנונג. אַ סך געכאַפּטע מענטשן זענען מער נישט צוריקגעקומען אַהיים. באַהאַלטן זיך האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע צוליב דעם הונגער, וואָס האָט געהערשט. די טיפוס־עפּידעמיע האָט געריסן לעבעדיקע שטיקער בײַ אַלע פאַמיליעס. אַ סך מענטשן זענען אויסגעשטאָרבן. נישט האָבנדיק מיט וואָס צו באַצאָלן פינקערטן (לוויה־

ביורא) פארן אַרויספירן די טויטע אויפן בית־עולם, האָבן טייל פאַמיליעס ביַי נאַכט אונטערגעוואָרפן נאַקעטע מתים פאַר די טויערן, צוגעדעקט מיט ציַיטונגס־פּאַפּיר. ווען מען איז באַגינען, נאָך אין דער פינצטער, אַרויס אויף דער גאַס צו גיין צו דער אַרבעט אויף די „פּלאַצוווקעס" אויסערן געטאָ, האָבן די וויַיסע פלעקן פון די ליגנדיקע מתים ביַי די טויערן דער רעשט פאַרפּיַיניקט דאָס לעבן, צוליב דעם בילד. די בולטע געפאַר פאַרן אייגענעם גורל.

אויב האָט נאָך אַ פיזישער אַרבעטער צי אַ פאַכמאַן געהאַט וועלכן עס איז שאַנס צו געפינען באַשעפטיקונג און פאַרדינען אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט, האָט אָבער די יידישע אינטעליגענץ גלייַך פאַרלוירן איר באַשעפטיקונג און פאַרמשפט געוואָרן אויף הונגער און אומקום. דער שטראָם פּליטים פון די וואַרשעווער הינטערשטעט און פון דער נאָענטער פּראָווינץ, וועלכע די דיַיטשן האָבן אַריַינגעטריבן אין געטאָ אַריַין אין וואַרשע, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די לאַגע פון די ענגע דירות און דעם הונגער. דער לאַגער אין וואַרשעווער געטאָ איז באַשטאַנען פון 1359 וווינהיַיזער. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז למשל, אין איין הויז אויף דער קראָכמאַלנע גאַס נומער 17, האָבן געוווינט 1029 נפשות. אויף די נאַלעווקעס 35 האָבן געוווינט 1582 יידן. עס איז אויסגעפאַלן לפּי־ערך 13 נפשות אין איין צימער, מער ווי פיר מענטשן איז אויסגעקומען צו וווינען אויף איין קוואַדראַט־מעטער.

די איינציקע קאָנסטרוקטיווע סאָציאַלע הילף איז געקומען מיטן אַנטשטיין פון דער יידישער „אַליינהיפס־אָרגאַניזאַציע" („זשיטאָס"), וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער באַשפּיַיזונג פון די אָרעמסטע געטאָ־יידן. דער וואַרשעווער יודענראַט, די יידישע גמינע, האָט זיך באַשעפטיקט מיטן ראַציאָנירן, באַגרענעצן די דערנערונגס־קאַלאָריעס, מיטן פונאַנדערטיילן ברויט און קאַרטאָפל אויף באָנעס (קאַרטעס). דאָס דאָזיקע איז געווען איינס פון די היטלעריסטישע מיטלען, שטופנוויַיז אָפּצושוואַכן פיזיש, אויסהונגערן די יידישע באַפעלקערונג, דעם רעשט האָט שוין געטאָן די אָנגעשטעקטע פּלאָג

פון דער פלעקטיפוס־קרענק. מענטשן זענען געפאַלן ווי די פליגן פון הונגער און אויסשעפּונג.

אין אָט דער אויסטערלישער לאַגע, איז נאָך צוגעקומען די פּלאָג פון פּוילישע כוליגאַנישע אָנפאַלן. גרופּעס פּאַליאַקן, ס׳רוב יונגע, זענען באַפאַלן ייִדן אין די גאַסן פון ייִדישן ראַיאָן מיט אַ ווילדן „הוראַ״, מיט געשרייען „שלאָגט ייִדן״, „אַ טויט די ייִדן״. זיי האָבן זיך אַריינגעריסן צווישן דער באַפעלקערונג, געראַבעוועט און געשלאָגן. דאָס דאָזיקע האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע טעג אין חודש אַפּריל 1940. אין אַזאַ געפערלעכער לאַגע זענען פּאַליאַקן אויך גרייט געווען צו שלאָגן ייִדן פאַרן באַדאַרף פון דייטשן אָקו־פּאַנט, וואָס האָט זיי באַרויבט דאָס לאַנד און אויך פאַרשקלאַפט. אַנטיסעמיטיזם און ייִדן־פּאָגראָמען איז געוואָרן אַ פּוילישע נאַציאָ־נאַלע באַדערפעניש פאַר אַלע צייטן.

די ייִדן, ווי מען זעט, זענען אין געטאָ־לאַגער געווען אַרומ־גערינגלט אויך מיט שכנישע, פּוילישע שונאים, טראָץ דעם וואָס עס האָט אויף זיי אַליין אויך געלאָקט די נאַצי־דייטשע חיה־רעה, וואָס אָט גיט זי אַ שפּרונג אויף איר קרבן און צערייסט אים אויף שטיקער. ייִדן זענען געווען שרעקלעך איינזאַם. עס איז נישט געווען קיין שום שוץ פון קיינעם, אַפילו קיין וואָרעם וואָרט האָט מען פון קיינעם נישט געהערט. עס האָט געהערשט סאַמע שווידער. די פּוי־לישע געזעלשאַפטלעכקייט, די פּוילישע אונטערערדישע כוחות, אָנגעפירט דורך דער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן פון פּאַלי־טישע ריכטונגען אין לאַנד, האָבן זיך געמאַכט טויב און בלינד אויף דער ייִדישער בראָך, אויף דעם וואָס עס געשעט ביי זיי אין לאַנד, אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט פּוילישע בירגער, וואָס האָבן געלעבט צוזאַמען מיט זיי איבער טויזנט יאָר. אַזאַ סקאַנדאַליעזע געשעעניש, ווי די גלייכגילטיקייט צו דער ייִדישער טראַגעדיע, צום אָפּגעום מאָרדן אַ גאַנץ פאָלק, דורך אַ צווייט אייראָפּעיִש פאָלק, איז נאָך נישט געווען.

אויך די אייגענע ברידער אין אויסלאַנד, די איינפלוסרייכע

יידישע פּאַקטאָרן, וואָס בעת זייער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט רעדן זיי אַלע מאָל אין נאָמען פון גאַנצן יידישן פאָלק, זענען פּלוצלינג אין דעם דאָזיקן טראַגישן היסטאָרישן פאַל, אויך געווען טויב און שטום, אַפילו ווען זיי האָבן שוין גוט געוווּסט פון די אַליאַרם־מעלדונגען דירעקט פון וואַרשעווער געטאָ און פון אָפיציע־לע קאַנאַלן פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן, אַז די דייטשן מאָרדן אויס זייערע אייראָפּעיִשע ברידער. די מערב־וועלט, אַמעריקע, רעגירונגען, גרויסמאַכטן מיט זייערע קרעפטיקע וועלט־איינפלוסן אַפילו ביי זייערע שׂונאים. פעלקער גאַנצע האָבן זיך מיושבדיק צוגעקוקט צום אָפענעם דייטשן מאָרד איבער די יידן אין די אָקופּירטע לענדער. דער פּויפּסט מיט זיין רעליגיעזן וועלט־געוויסן, ווו איז ער געווען? פאַר וואָס האָט ער געשוויגן און געווען דער שטילער עדות פון דייטשן מאָרד איבער מענטשן פון גאָטס באַשאַף? דער עיקר, ווו זענען עס טאַקע דעמלט געווען די מיליאָ־נען יידן אין דער גאָרער וועלט? וואָס האָבן זיי געטאָן קעגנצווווירקן דעם אומקום פון זייערע יידן־ברידער אין אייראָפּע, וואָס זענען אַזוי ברוטאַל געמאָרדעט געוואָרן אין משך פון פינף יאָר צייט? ווו זענען געווען די יידישע פּאָליטישע פּאַרטייען פון רעכטע און פון לינקע, רעליגיעזע און נישט רעליגיעזע, געזעלשאַפטלעכע אָר־גאַניזאַציעס, די יידישע שרייבערס, זשורנאַליסטן, פּאָעטן, יידישע קינסטלערס אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, וואָס זענען געווען און געלעבט ווייט פון די אָקופּירטע לענדער דורך דער נאַצי־דייטשע מערדער?

די אָביעקטיווע יידישע געשיכטע־פאָרשונג וועט געוויס געבן אַן ערלעכן ענטפער אויף דער יידישער טראַגעדיע, וואָס די בלע־טער וועגן זיי זענען נאָך אַלץ געשריבן מיטן בלוט פון די איבער־געלעבטע עדות.

✶

די זאַמענהאָף־גאַס איז געווען „באַגליקט" מיט דער פּאַר־

מלחמהדיקער פוילישער מיליטערישער תּפיסה, וואָס איז אין געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ייִדישער תּפיסה. אין דער דאָזיקער תּפיסה זענען בּסדר געבּרענגט געוואָרן געכאַפּטע ייִדן אויף דער „אַרישער" זײַט, וואָס זיי איז געווען פאַרבאָטן דאָרט זיך צו געפינען און זענען דעריבער דורך די דײַטשן דערפאַר דערשאָסן געוואָרן.
עס האָבן זיך בּסדר געהערט פון דאָרט ביקסן־שאָסן בעתן דער־הרגענען די דאָזיקע ייִדן־פאַרברעכער. שפּעטער זענען דורך ספּעצ־יעלע פּלאַקאַטן אויף די ווענט פון געטאָ געווען מעלדונגען וועגן די דערשאָסענע, כּדי דערמיט צו וואָרענען די ייִדן קעגן אַזאַ ווי־דערשפּעניקן.
כּדי אַרויסצורופן אַ מהומה אין געטאָ, אַנוואַרפן שרעק צווישן די ייִדן און מאַכן זיי אומטעכטיק, איז בײַ נאַכט אויף דעם 17־טן אַפּריל 1942, אויסגעפירט געוואָרן דורך די דײַטשן אַ מאָרד איבער עטלעכע צענדליק ייִדישע פּערזענלעכקייטן פון כּמעט אַלע פּאָלי־טישע ריכטונגען. אַלע האָט מען אויף צומאָרגנס אין דער פרי געזען ליגן אויף דער גאַס טויטע, דורך אַ קויל אין הינטערשטן טייל פון קאָפּ. דאָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע געטאָ אין וואַרשע. מען האָט דאָס דאָזיקע אָפּגעשאַצט ווי אַן אָפּשרעקונג־פאַרשפּיל צום ערגסטן, וואָס דאַרף באַלד קומען אויף דער גאַנצער ייִדישער געטאָ־באַפעלקערונג.
איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער גירוש פון די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, אין 22סטן יולי 1942, האָבן זיך באַוויזן פריש־געבּרענגטע טראַנספּאָרטן: הונדערטער דײַטשע און טשעכישע ייִדן מיט זייער באַגאַזש זענען אין אויטאָס געפירט גע־וואָרן פון די וואַקזאַלן אין געטאָ אַרײַן. אין דער זעלבער צײַט האָבן די דײַטשן אויך געבּרענגט ציגײַנער. זיי זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דער געטאָ־תּפיסה אויף זאַמענהאָף־גענשע.
ווי אַ פאַרשפּיל צו דעם גירוש האָבן זיך אָנגעהויבן „לאַפּאַנ־קעס" (כאַפּעררייען). די ייִדישע געטאָ־פּאָליצײַ, אוקראַיִנישע פּאָ־ליציאַנטן, אָנגעפירט דורך דער עס־עס און דײַטשע זשאַנדאַרן,

האָבן ווי ווילדע חיות זיך געוואָרפן אויף די צעשראָקענע ייִדן, זיי געכאַפּט און אָפּגעפירט צום זאַמלפּונקט אויף דעם אומשלאַגפּלאַץ, אונטערן פּרעטעקסט, אַז מען שיקט זיי אויפן מזרח, קיין מינסק, צו דער אַרבעט.

די דעפּאָרטאַציע פון די וואַרשעווער ייִדן אין טויטלאַגער קיין טרעבלינקע האָט זיך אָנגעהויבן פון דער תּפיסה אין געטאָ. פון די אַרעסטאַנטן האָט זיך אָנגעהויבן די וואַרשעווער טראַגעדיע. קודם־כּל האָבן די נאַציס, מיט דער הילף פון דער ייִדישער געטאָ־פּאָליציי, אַרויסגעפירט פון דער תּפיסה די צענדליקער און הונ־דערטער צום טויט פאַרמשפּטע ייִדן. מיט געשרייען און געוויין זענען זיי געגאַנגען אויסגעמאַטערטע, מיט געלע פּנימער, מיט שמאַטעס אָנשטאָט קליידער, באָרוועסע פּרויען און מענער אין זייער לעצטן מאַרש צום אומשלאַגפּלאַץ. מ׳האָט זיי פאַרלאָדע־וועט אין די וואַגאָנען און אָוועקגעפירט אין טויטלאַגער טרעב־לינקע. אין דער זעלבער צייַט איז די פּאָליציי באַפאַלן די „פּונקטן", וווּ עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט היימלאָזע מיט זייערע משפּחות, די אַלע אַרייַנגעטריבענע פון דער נאָענטער וואַרשעווער פּראָווינץ, וואָס האָבן נישט געהאַט וווּ זיך אַהינצוטאָן. מיט ווילדער רציחה האָבן די פּאָליציאַנטן זיי געשלעפּט אין די רייען אַרייַן, ווי די הינט אַרויפגעשלייַדערט אויף די וועגענער. אין דער זעלבער צייַט זענען אויך אַלע אויסלענדער, די ייִדן פון דייַטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער געפירט געוואָרן מיט פּאַראַד אין ריקשעס (ראָווערן־וועגעלעך), מיט זייער ווערטפולן באַגאַזש אויך צום אומשלאַג־פּלאַץ, כּלומרשט צו פאָרן אויפן „מזרח" זיך דאָרט צו באַזעצן.

איצט האָט, לויט דער געניאַלער דייַטשער סיסטעמאַטישקייט, זיך אָנגעהויבן אַ סעריע פון ספּעציעלע „טעג". יעדער גרופּע מענטשן אין געטאָ האָט געהאַט איר פּינצטערן טאָג. בלויז מיט די עלטערע ייִדן אין די מושב־זקנים האָבן די מערדער געמאַכט אַן אויסנאַם. אַלע זענען זיי אַרויסגעפירט געוואָרן אויף דעם ייִדישן בית־עולם אין וואַרשע און זענען אויסגעשאָסן געוואָרן ביז דעם

לעצטן. אַלע אַנדערע ייִדן אָן אויסנאַם, גרויס און קליין, זענען דורך די דײַטשע היצלעס מיט גרויס טומל און געשרייען געכאַפּט געוואָרן פון די גאַסן און פון די היימען זייערע, און געפירט גע־וואָרן צו די וואַגאָנען אויף דער סטאַנציע גאַס און פון דאָרט קיין טרעבלינקע. אין אָנהייב צו 6 טויזנט אַ טאָג און שפּעטער צו 10 טויזנט און מער. די פּאָליציי האָט אַזוי איבערגעגעבן אויסגעפירט איר אַרבעט פאַר די דײַטשע מערדער, אַז די נאַציס האָבן פון זיי, פון די ייִדישע געטאָ־פּאָליציאַנטן, זיך נאָך געקענט עפּעס אויס־לערנען. ברוטאַל און אוממענטשלעך מיט העק געלאָפן איבער די דירות, אַרויסגעשלעפּט די באַהאַלטענע ייִדן און געפירט זיי צום אומשלאַגפּלאַץ, צו די וואַגאָנען צום טראַנספּאָרט קיין טרעב־לינקע.

אין צווישנצײַט, ווי דערמאָנט, איז אויך געווען די ריי פון די „טעג". אַזאַ טאָג איז געווען פאַר די „פּלאַצוווקאַזשעס", די ייִדן באַשעפטיקטע אויסערן געטאָ, בײַ דײַטשן און בײַ פּאָליאַקן. אַזאַ אַרבעטער, אָדער גרופּע, האָט געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, אַן „אויסווײַז", צו קענען אַרויס און אַרײַנגיין צוריק אין געטאָ. אין דעם טאָג זייערן זענען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע טויערן, וואָס האָבן געפירט אין געטאָ אַרײַן. ווי נאָר אַזאַ פּלאַצוווקע האָט זיך באַוויזן בײַם טויער, איז זי פאַרהאַלטן געוואָרן, און אין לאַסט־אויטאָס אָפּגעפירט געוואָרן צום אומשלאַגפּלאַץ. טויזנטער ייִדן האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ. פון דעם טאָג אָן איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס „גליק" צו האָבן אַ מעגלעכקייט אַהיימצוברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן פאַר דער פאַמיליע, אַ פלעשל מילך פאַרן קינד, אָדער פאַר אַ קראַנקן. אין די ערשטע טעג פון דער „ווישעדלעניע" האָבן די דאָזיקע „אויסווייזן" געשיצט נישט געכאַפּט צו ווערן. דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. עס איז גיך געקומען דער באַשטימטער „טאָג"...

אין דעם „טאָג" פאַר די קינדער־היימען, יתומים־הײַזער, איז אויך געשען דער פאַל מיטן גרויסן קינדער־פרײַנד, יאַנוש קאָר־

טשאַק, וועלכער האָט נישט געוואָלט ראַטעווען בלויז זײַן אייגענעם נפש, נאָר איז אַוועק אין איינעם מיט די ייִדישע קינדער, די יתומים, צום טויט קיין טרעבלינקע.

פון אַט דעם געשעעניש ווערט פון איין זײַט דאָס בלוט פאַר־קילט אין די אָדערן, און פון דער אַנדערער זײַט איז עס אַ שטיקל טרייסט, אַז דאָס פּינטעלע מענטש איז דאָך נישט בײַ אַלעמען אויס־געלאָשן געוואָרן.

ווען עס איז געפאַלן דער פינצטערער גזר ווען אַרויסשיקן אַלע ייִדן פון וואַרשע, זענען פון די ערשטע קרבנות געווען די אומ־שולדיקסטע פון אַלע אומשולדיקע — די ייִדישע קליינע קינדער.

יאַנוש קאָרטשאַק האָט זײַנע צוויי הונדערט קינדער נישט גע־וואָלט איבערלאָזן אויף הפקר. ער האָט זיך אויך נישט באַהאַלטן, אָדער אַנטלאָפן, ווי ס'האָבן דאָס געטאָן אַנדערע. ווען די דײַטשע קינדער־מערדער זענען באַפאַלן דאָס הויז אויף שעננע 16, זענען סײַ יאַנוש קאָרטשאַק, סײַ איניקע שוועסטער, וואָס האָבן געאַרבעט אין יתומים־הויז, און סײַ די צוויי הונדערט קינדער געשטאַנען גרייט אויפצונעמען דעם טויט.

די דײַטשע קינדער־מערדער זענען אַרײַנגעפאַלן מיט ווילדע געשרייען און אַ שיסערײַ. צוויי הונדערט קינדער, צוויי הונדערט שפּראָצנדיקע לעבנס, זענען געשטאַנען אין טויטשרעק, אַז אָט שיסט מען זיי אויס ביז איינעם.

און ס'איז געשען אַ ווונדערלעכע זאַך: די צוויי הונדערט קינ־דער האָבן נישט געשריגן. די צום טויט־פאַרמשפּטע צוויי הונדערט אומשולדיקע נפשות האָבן נישט געוויינט. קיינס פון זיי איז נישט אַנטלאָפן, קיינס פון זיי האָט זיך נישט באַהאַלטן. זיי האָבן זיך בלויז געטוליעט, ווי קראַנקע שוואַלבן, צו זייער לערער און דערציִער, צו זייער טאַטן און ברודער, צו יאַנוש קאָרטשאַק, ער זאָל זיי היטן און שיצן פון די מענטשן־מערדער.

ווי צו די אויגן, וואָס האָבן געהאַט דאָס פינצטערע מזל אָנ־צוקוקן דאָס דאָזיקע גרויזאַמע בילד.

די קינדער זענען אַרומגעצוימט געוואָרן פון אַלע זייַטן מיט דייַטשע, אוקראַיִנישע און אויך מיט ייִדישע פּאָליציאַנטן.

אין יודענראַט איז מען דערוויַיל געווויר געוואָרן, וואָס עס קומט פּאָר אויף שעננע 16. האָבן זיי אָנגעהויבן טעלעפּאָנירן און געוואָלט ראַטעווען. ווען מען, מיינט איר, האָט דער יודענראַט געוואָלט ראַטעווען? נישט די צוויי הונדערט קינדער, נאָר בלויז יאַנוש קאָרטשאַקן.

דער דאָזיקער גרויסער, איידעלער מאַן האָט שיין באַדאַנקט די לייַט פון יודענראַט, וואָס האָט צוגעלייגט זייַן האַנט צום טראַנספּאָרטירן אַלע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ. און ער איז מיטגעגאַנגען מיט זייַנע קינדער צום אומשלאַגפּלאַץ.

די שטיינער פון ברוק האָבן געוויינט, זעענדיק די קינדער־פּראָצעסיע, בלויז די רוצחים, די דייַטשע מערדער, האָבן געטריבן די קינדער מיט זייערע בייַטשן, און יעדער וויַילע געשאָסן.

אַזוי האָט דעם 22סטן יולי 1942 יאָר זיך אָנגעהויבן דער טראַגישער מאַרשרוט פון די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, דורך דער זאַמענהאָף־גאַס, אין זייער לעצטן וועג, ווי די פאַרמשפּטע צום טויט דורך דעם גערמאַניש־דייַטשן הערנפּאָלק.

פאַר דער דאָזיקער „אַקציע" האָבן די דייַטשן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דעם וואַרשעווער יודענראַט, וואָס האָט די אויסזידלונג אונטערגעשריבן. מיטן כאַפּן די ייִדן און פאַרלאַדעווען זיי אין די וואַגאָנען אַרייַן צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע האָט אָנגעפירט דער הויפּט פון דער ייִדישער געטאָ־פּאָליציי, אַדוואָקאַט יאַקוב לעיקין, ווען דער פּרעזעס פון יודענראַט, אַדאַם טשערניאַקאָוו, האָט צו דעם צוועק אַרויסגענומען, באַפרייַט אים פון דער דייַטשער תפיסה, וווּ ער איז געזעסן פאַר האַנדלען מיט די ייִדישע פוטערס, וואָס די דייַטשן האָבן געהאַט רעקווירירט.

אַלע טויזנטער, צענער טויזנטער, ביז גאַנצע 300 טויזנט ייִדישע מענטשן, מענער און פרויען, קינדער און אַלטע לייַט, קאַליקעס, קראַנקע און אויך געזונטע ייִדן, זענען אויף זייער לעצטן לעבנס־

גאַנג געטריבן געוואָרן דורך דער הייליקער זאַמענהאַף־גאַס, די שטומע באַגלייטערין פון אירע אײַנוווינער און פון די אײַנוווינער אין די שכנותדיקע גאַסן, די ייִדישע גאַסן פון וואַרשעווער גיהנום אין געטאָ־לאַגער.

נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעמאָרדעט די 300 טויזנט ייִדן, האָבן די מחבלים זיך נאָך נישט אָנגעזעטיקט מיטן ייִדישן בלוט. זיי האָבן בלויז צײַטווײַליק איבערגעריסן די מאָרד־אַרבעט איבער מענטשן אויפן וואַרשעווער געביט. דעם 5טן סעפּטעמבער זענען זיי, די דײַטשן, ווידער געקומען מיטן ציל צו פֿאַרענדיקן מיט די וואַרשעווער ייִדן, שוין נישט ווי ביז איצט, דורך כאַפּן, זוכן און נישטערן אין די באַהעלטענישן. איצט האָבן זיי דאָס געמאַכט פּשוטער, באַקוועמער. זיי האָבן, דורך ספּעציעלע פּלאַקאַטן פון יודענראַט, באַפוילן אַלע, אַלע ייִדן אַליין זיך צושטעלן צו דער שחיטה. דעם 6טן סעפּטעמבער באַגינען האָבן אַלע געמוזט זיך געפינען אויף דרײַ גאַסן אַרום דער ניסקע. דער, וועמען זיי וועלן שפּעטער טרעפן אין די וווינונגען, האָבן זיי געוואָרנט, וועט גלײַך ווערן דערשאָסן. בלית־ברירה האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַלע ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין גרויסן געטאָ־טייל פון וואַרשע, און די אַלע וואָס זענען נאָך געהאַט איבערגעבליבן נאָך דער ערשטער גרויסער „ווישעדלעניע״.

וואַרטנדיק אין שוידער פון זייערע לײַבער, אויף די ווײַטער־דיקע פֿאַראָרדענונגען פון די נאַציס, זענען די ייִדן דאָרט אַלע געלעגן אויף די ברודיקע גאַסן און הייף, במשך פון דרײַ טעג. בײַ טאָג און בײַ נאַכט. שוואַכע מענטשן האָבן פון שרעק גע־חלשט. נישט האָבנדיק קיין שום מעדיצינישע הילף זענען אַ סך ייִדן געשטאָרבן. די לעבעדיקע זענען אויף דער ערד געלעגן אויס־געמישט מיט די טויטע.

ערשט אויפן דריטן טאָג זענען מיט געשרייען און געפּילדער אָנגעקומען עס־עס־דײַטשן מיט אוקראַיִנישע פּאָליציאַנטן און באַ־פוילן אַלע ייִדן זיך אויסצולייגן אויף דער ערד אין מיטן פון דער

ניסקע גאַס. די ליגנדיקע מענטשן־מאַסע האָט זיך אָנגעהויבן פון עק זאַמענהאָף־דזשיקע און האָט געגרייכט אַזש ביז דער ווײַטער אַקאַפּאָווע גאַס. עס זענען אַזוי געלעגן מיט די פּנימער אַראָפּ אַן ערך פון 70 טויזנט צעשראָקענע ייִדן. די אוקראַיִנישע פּאָליציי, מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, האָט אין זיצנדיקער פּאָזיציע, באַפוילן די ייִדן נישט אויפצוהייבן זיך פון די ערטער און אויך נישט אויפהייבן אַפילו די קעפּ. ווער עס וועט נישט אויספירן דעם באַפעל, האָבן זיי געוואָרנט, וועט גלײַך דערשאָסן ווערן. זייער אַ סך מענטשן האָבן נערוועז נישט אויסגעהאַלטן און זענען געפאַלן טויטע. אויך דאָ זענען די בלוטנדיקע טויטע קרבנות געלעגן צוזאַמען מיט די לעבעדיקע מענטשן.

אין דאָזיקן צושטאַנד האָט זיך אין די פֿאָדערשטע רייען לעבן דער זאַמענהאָף־דזשיקע גאַס, אָנגעהויבן אַ טראַגישע סעלעקציע. די אייגנטימער פון די דײַטשע שאָפּן (פאַבריקן) אין געטאָ האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך קוים עטלעכע הונדערט אַרבעטער, און די דאָזיקע „גליקלעכע" געשיקט אויף רעבטס, צו דער זאַמענהאָף־גאַס, צו דער אַרבעט. אויך דער מחבר פון די דאָזיקע גרויליקע שורות האָט זיך דעמלט געפונען צווישן דער גרויסער מאַסע ייִדן אין דעם דאָזיקן „קעסל" אויף דער ניסקע גאַס. איך בין אַרויס־געלאָזט געוואָרן אויף רעבטס, און געטיילט דעם ווײַטערדיקן גורל פון די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער.

דעם רעשט, אַלע צענדליקער טויזנטער ייִדן האָבן די דײַטשע באַנדיטן געטריבן אויף לינקס צום אומשלאַגפּלאַץ, אין טויטלאַגער אַרײַן. אין דעם שטאַרקן געדראַנג, בעתן טרײַבן די קרבנות, זענען אַ סך מענטשן אומגעפאַלן און צעטרעטן געוואָרן אויף טויט. די שטיינער פון ברוק האָבן זיך געבאָדן אין ייִדישן בלוט. טייל ייִדן איז אין דער מהומה, במשך פון די פּאָר טעג פון פאַרלאַדעווען אַלע אין די וואַגאָנען אַרײַן צום טראַנספּאָרט, געלונגען צו אַנטלויפן און דערווײַל זיך ראַטעווען פון אומקום.

בערך 60 טויזנט ייִדן זענען דעמלט אַרויסגעפירט געוואָרן קיין

טרעבלינקע. דאָס איז געווען די גרעסטע צאָל וואָס די דײַטשן איז געלונגען פאַר איין מאָל אַרויסצופירן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער אויף צו טויטן זיי. נאָך דעם „קעסל" איז אין געטאָ שוין געבליבן זייער ווייניק ייִדן. קיין קליינע קינדער זענען שוין נישט געווען מער. זעלטן האָט מען נאָך ערגעץ געטראָפן אויף אַן עלטערן ייִד.

נאָך דער מאָרד־אַקציע פון סעפּטעמבער 1942 איז געווען אַ צווייטער איבעררײַס. די דײַטשן האָבן אײַנגעזען, אַז עס איז נישט לײַכט אַלע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ מיט איין מאָל צו טרײַבן צום טויט. זיי האָבן דעריבער באַנײַט דעם מאָרד ערשט אין חודש יאַנואַר 1943. דעם 18טן יאַנואַר האָבן די נאַציס גאַנץ באַגינען, נאָך אין דער פינצטער, אָן רעש, פאַרמאַכט די אַרויסגאַנג־טויערן פון געטאָ. קיינעם, אַפילו די מיט אַרבעט־אויסווייזן, נישט אַרויס־געלאָזט אויסערן געטאָ. זיי האָבן בלאָקירט די הייף אין די גאַסן מילע, לובעצקי און באַלויכטן די הײַזער מיט רעפלעקטאָרן. דאָס מאָל זענען זיי געווען פאָרזיכטיק, ווײַל צו די נאַציס זאָל האָבן דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז די ייִדן גרייטן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און, ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן אויך געוואָלט מעסטן די כּוחות פון די ייִדישע צוגרייטונגען צום קאַמף.

ווי נאָר די דײַטשן האָבן גענומען גיין איבער די הייף און רופן „הערונטער", דאָס הייסט, אַז די ייִדן זאָלן אַראָפּקומען, האָבן זיי גלײַך אין עטלעכע הייף זיך אָנגעטראָפן אויף אַ העפטיקער שיסערײַ. אויף מילע גאַס נומער 34 זענען געפאַלן די ערשטע געהרגעטע דײַטשן. אַזעלכע ייִדישע קאַפּס־אַרויסטרעטונגען זענען געווען אויף זאַמענהאָף 40, 56, 58, מוראַנאָווסקע 44, דזשיקע 1. פיר טעג האָבן געדויערט די דאָזיקע קאַמפן מיט די דײַטשע היצלעס. דאָס איז געווען די ערשטע ייִדישע באַוואָפנטע ווידערשטאַנד־אַקציע קעגן דעם דײַטשן וועלטמערדער פון גאַנצע פעלקער.

עטלעכע טויזנט ייִדן איז זיי דאָס מאָל געלונגען צו כאַפּן און אַרויספירן זיי קיין טרעבלינקע. און ווידער זענען דורך דער זאַמענ־

האָף־גאַס געטריבן געוואָרן די געפּייניקטע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, צום אומפּאַרמײַדלעכן טויט.

אין געטאָ גופא און אומעטום אויסערן געטאָ, צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג און אין פּוילישן מיליטערישן אונטערערד, ווי אויך אין אַלע אָקופּירטע לענדער האָט דער דאָזיקער געוואַגטער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד — דער ערשטער קאַמף קעגן דעם דײַטשן מערדער — געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם. מען האָט ערשט אײַנגעזען, אַז ייִדן קאָנען אויך קעמפן קעגן שונא, נישט נאָר גיין ווי שאָף צום אומקום, און אַז די ייִדן האָבן די ערשטע געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד דעם דײַטשן מיליטער.

נישט איין מאָל זענען אין דער דאָזיקער מלחמה־צײַט גאַנצע פעלקער, אָדער גרופּן פון פעלקער, געווען אין אַן ענלעכער לאַגע, ווי די ייִדן, אָבער קיינער פון זיי האָט ביז איצט נישט געוואַגט אויפצוהייבן, נישט די פויסט און נישט דאָס געווער, וואָס זיי האָבן געהאַט לרוב, קעגן דער היטלעריסטישער פאַרניכטונג און מאָרד. דער דאָזיקער ערשטער ייִדישער באַוואָפנטער אַרויסטריט אין וואַר־שעווער געטאָ־לאַגער איז געוואָרן אַ סטימול צום ווײַטערדיקן, הייליקן קאַמף קעגן די דײַטשע באַוואָפנטע מערדער־כּוחות.

נאָך די יאַנואַר־געשעענישן האָט די ייִדישע אונטערערדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע „זשאָב" אין געטאָ פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאָך נישט דער סוף, אַז מען דאַרף זיך ריכטן אויף ווײַטערדיקע אָנפאַלן פון די היטלעריסטן, פון דער דײַטשער ווערמאַכט מיטן ציל ענדגילטיק צו ליקווידירן דעם געטאָ, אויסהרגענען דער רעשט ייִדן אין וואַרשע. דעריבער איז „זשאָב" געשטאַנען אויף דער וואַך, זיך בעסער צוגעגרייט, אויסגעשטעלט אָבסערוואַציע־פּאָזיציעס, נאָכגעפאָלגט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם די מינדסטע באַוועגונג פון דײַטשן שונא.

צום ייִדישן יום־טוב, גראָד צום ערשטן פּסח־סדר, איז דער גאַנצער וואַרשעווער געטאָ־מויער פון דער אויסערלעכער זײַט

אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט ווערמאַכט־זעלנער און מיט גראַנאַ־טאָווע פוילישע פּאָליציאַנטן, אַז קיינער זאָל נישט קאָנען אַרויס־קריגן זיך לעבעדיק פון געטאָ. געווען איז דאָס דעם 19טן אַפּריל 1943. אַרום 6 אַזייגער אין דער פרי, אין אַ העלן, אַ זוניקן זומער־טאָג, האָבן די דײַטשע באַנדיטן זיך געגרייט אים צו פאַרפינצטערן, צו מאָרדן דער רעשט נאָך לעבעדיקע ייִדן אין דער שטאָט וואַרשע. דעריבער געגומען אַרײַנמאַרשירן אין פולער קריגס־גרייטקייט מיט מאַשין־געווער, טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָס. זיי זענען אַרײַן אין געטאָ דורך דער זעלבער זאַמענהאָף־גאַס צו דער קופּיעצקע, מילע, מוראַנאָוו, נאַלעווקעס, פראַנטשישקאַנער. די מערדער האָבן פאַר־שטאַנען, אַז אין דעם טייל געטאָ פון די שאָפּן, אין וועלכע עס אַר־בעטן ס'רוב יונגע מענטשן, וועט זיי נישט לײַכט אָנקומען צו מאַכן אַ סוף מיט די ייִדן, ווײַל דאָ וועט זײַן אַ ווידערשטאַנד. זייער אָפּ־שאַצונג איז געווען אַ טרעפלעכע, ווײַל די דײַטשן זענען טאַקע פון עטלעכע זײַטן באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שטאַרקן פײַער. זיי זענען באַוואָרפן געוואָרן מיט האַנט־גראַנאַטן און „מאָלאָטאָוו" ציגד־באָמבעס. עס זענען געפאַלן פיל דײַטשע באַנדיטן. טאַנקען זענען אויפגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן פּערסאָנאַל אין זיי. אַזאַ העפטיקער ווידערשטאַנד האָט די דײַטשן איבערראַשט און זיי געצוווּנגען זיך צוריקציען פון שלאַכטפעלד.

אויף צו מאָרגנס האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן. דאָס מאָל פאַר־שטאַרקט און זענען אַרײַן אין געטאָ דורך אַנדערע וועגן, אָבער אויך צו דער זאַמענהאָף און אַנדערע שכנותדיקע גאַסן. דער קאַמף איז געווען אַ פאַרביטערטער פון ביידע זײַטן. דאָס דײַטשע „הערנפאָלק" האָט געכאַפּט טויטקלעפּ פון מינדערוווערטיקן ייִדישן געטאָ־מיליטער, וואָס האָט ממש געקעמפט ווי מיט די בלויזע הענט, קעגן דער ריזן־אַרמיי, וואָס האָט אײַנגענומען לענדער און פעלקער גאַנצע. דאָס גערמאַנישע דײַטשלאַנד האָט אין קאַמף מיט די ייִדישע ווידערשטענדלער געקריגן אַ מאָראַלישן טויטקלאַפּ אויף אייביק פאַר אַלע צײַטן, טראָץ דעם, וואָס זיי איז פאַרט געלונגען, מיט דער

שטילער (און אָפענער) הסכּמה פון גאַנצן מערב און פון אַמעריקע, אויסצוהרגענען אַזוי פיל מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן.

דער קאַמף איז די גאַנצע צײַט געפירט געוואָרן צווישן נישט־גלײַכע כּוחות. די דײַטשן האָבן באַשאָסן ייִדישע הײַזער מיט האַר־מאַטן־געווער און פון עראָפּלאַנען באַוואָרפן די הײַזער מיט אויפ־רײַס־ און צינד־באָמבעס. טויזנטער ייִדן זענען אומגעקומען אונטער די חורבות. טייל ייִדישע קעמפער איז די נאַציס געלונגען צו כאַפּן לעבעדיקע און זיי האָבן זיי אַרויסגעפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ צו די וואַגאָנען, וואָס זענען געגאַנגען קיין טרעבלינקע. פון אַזאַ גרופּע, וואָס איז דורך די דײַטשן אויסגעקליבן געוואָרן צו דער אַרבעט אויפן וואַרשעווער מערב־וואָקזאַל, האָט זיך דעמלט געראַטעוועט דער מחבר פון די דאָזיקע שורות, וואָס איז פון דאָרט אַנטלאָפן אין אַ פּוילישער באַהעלטעניש אין גראָכאָוו, הינטער וואַרשע.

טראָץ דעם, וואָס אַלע הײַזער און בונקערס זענען צעקרישלט געוואָרן פון די דײַטשע עראָפּלאַנען־באָמבעס, און עס זענען אין זיי באַגראָבן געוואָרן אַ סך ייִדישע קעמפער, איז דער קאַמף מיטן שׂונא ווײַטער אָנגעגאַנגען. אַלע מאָל פון אַנדערע נישט אַנטדעקטע באַהעלטענישן און בונקערס אויף די גאַסן פון מוראַנאָוו און זאַמענ־האָף. דעם גרעסטן, ברוטאַלסטן דײַטשן זשאַלדאַק, באַהויכט מיט דער דײַטשער נאַציאָנאַלער מאָרד־קולטור, דעם גענעראַל יורגען סטראָאָפּ, איז דאָך נישט לײַכט אָנגעקומען צו דערשטיקן דעם העל־דישן ווידערשטאַנד און קאַמף פון די ייִדישע געטאָ־מאַרטירער, וועלכע האָבן נקמה גענומען פאַרן מאָרד איבער די פאַרפּייניקטע ייִדישע לעבנס. טראָץ דעם פאַרשווינדן פון דער אָנפירונג פון „זשאָב״, וואָס איז אויף מילע 18 אין שטאַב זייערן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, כּדי נישט אַרײַנפאַלן לעבעדיק אין די הענט פון די דײַטשע מערדער, איז דער קאַמף קעגן היטלעריס־טישן דײַטשן שׂונא נאָך אַלץ ווײַטער געפירט געוואָרן מיט די לעצטע כּוחות.

עטלעכע און פערציק טעג האָט געדויערט דער שווערער גע־

ראַנגל, דער אויפשטאַנד פון די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, קעגן דײַטשן פאַשיזם.

נאָך דעם ווי עס איז שטיל געוואָרן, נאָך דעם ווי די לעצטע ייִדן, די לעצטע קעמפּער האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות, איז פון ייִדישן „וואָהן־בעצירק", פון ייִדישן געטאָ־לאַגער אין וואַרשע, מער קיין זכר נישט געבליבן. אַפילו די גאַסן זענען אונטער די גראָזן פאַרשוווּנדן געוואָרן. די העלדישע זאַמענהאָף־גאַס, וואָס האָט דורכגעטראָגן אַלע ווייען צוזאַמען מיט אירע ייִדישע איינוווינער, איז אויך געבליבן אונטער די חורבות און אין גאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך.

ערשט נאָך דער מלחמה, נאָך דער באַפרײַונג, ווען די רעשטן לעבנגעבליבענע, די שארית־הפליטה, האָבן אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל די געפאַלענע העלדן פון ייִדישן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, קעגן דעם דײַטש נאַצי־שׂונא, האָט די דאָזיקע געוועזענע מאַרטירער־גאַס, אונטערן נאָמען פון ייִד לודוויק זאַמענהאָף, גע־האַט די זכיה, אַז דער דענקמאָל איז געשטעלט געוואָרן דאָרטן טאַקע, אויף דעם זעלבן פּלאַץ, און האָט צוריק אויפגעלעבט די דאָזיקע פאַרהייליקטע גאַס, די זאַמענהאָף־גאַס.

דער ייִדישער פּאָעט פּסח בינעצקי שרײַבט אין זיינע „יאָרצײַט־לידער":

> ראָג זאַמענהאָף און גענשע, דאָרטן... דאָרטן —
> אַדורכגייער, דו נעם טו אויס די שיך,
> ווײַל יעדער שפּאַן געהייליקט איז פון אָרט און
> די הייליקייט דו טראָג זי מיט מיט זיך...

5.2.1982

דער 22סטער יולי 1942

עס איז שוין אַריבער אַ סך צענדליקער יאָרן פון זינט די נאַצי־דײַטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויספירן די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער און אומגעברענגט זיי אין גאַז־טויטלאַגער פון טרעבלינקע. דאָס וועט אין דער אייביקייט אַרײַן, קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווערן.

אַז די היטלער־דײַטשע מלחמה קעגן דער פרײַער וועלט איז אַ גרויס אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפע אויף פאַר ייִדן, פאַרן ייִדישן פאָלק, האָט מען זיך געקענט ריכטן. ס׳איז גאָרנישט געווען קלאָר, וואָס פאַר אַ פאָרם עס וועט אָננעמען, און ווען דאָס קען געשען. מען האָט דאָס באַנומען פון דער אַנטיסעמיטישער „קריסטאַל־נאַכט״, פון ווילדן נאַציסטישן פּאָגראָמירן די ייִדישע באַפעלקערונג אין דײַטשלאַנד גופא, באַלד נאָך דעם קומען דאָרטן פון דער פאַשיס־טיש־דײַטשער נאַצי־פּאַרטיי צו דער מאַכט.

שוין אין ערשטן טאָג, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, ווען די דײַטשע ווערמאַכט האָט אָקופּירט פּוילן, וואָס איז געווען דער אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זי איר זיגרייכן מאַרש צו דער „טויזנטיאָריקער הערשאַפט״ אויך באַגלייט מיט בולטער ייִדן־עקסטערמינאַציע, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין באָמבאַרדירן, דורך זייערע קריגס־עראָפּלאַנען די ייִדישע קינדער־אַנשטאַלטן אין אָטוואָצק, הינטער וואַרשע, וואָס זענען דאָך נישט געווען קיין מיליטערישע אָביעקטן.

נאָך דעם ווי די נאַצי־דײַטשע מאַכט האָט באַהערשט פּוילן, איז גלײַך געקומען אַ סעריע פון ייִדן־פאַרפאָלגונגען, פון אָנווענדן

אַ בלוטיקן טעראָר. פון כאַפּן יעדן יידן צו דער אַרבעט אויפן אָרט, און אַרויסשיקן די געכאַפּטע יידן אין אַרבעטסלאַגערן אַריין, פון וואַנעט קיינער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען.

דעם 13טן סעפטעמבער 1940, זענען אַלע וואַרשעווער יידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין איין באַגרענעצטן ווינקל. איזאָלירט פון מענטשלעכן אַרום. די דייטשן האָבן דאָס גערופן: „יודען־וואָהנבעצירק". יידן האָבן דאָס באַטראַכט ווי אַ געטאָ. איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָבן די נאַציס דאָס געטאָ אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן מיט הויכע מויערן און מיט שטעכיקן דראָט אויף די מויערן אַזוי, אַז קיינער, קיין איין ייד זאָל נישט קענען, נישט אַריין און נישט אַרויסגיין, זאָל נישט קענען אַרויסקריגן זיך לעבעדיקערהייט פון דעם הערמעטיש פאַרמאַכטן געטאָ־רינג, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרק צונויפגעדרענגטן געטאָ־גיהנום פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין דער פוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע.

קרוב צו 450 טויזנט יידן האָבן געמוזט לעבן אין ענגן געטאָ־לאַגער. סך־הכל זענען דאָרט געווען 1560 הייזער. אין געוויסע גאַסן איז אויסגעפאַלן לפי־ערך 13 נפשות צו לעבן אין איין צימער. מער ווי פיר מענטשן אויף איין קוואַדראַט־מעטער.

די יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן געוווינט ווייט פון דעם געטאָ־שטח, האָבן ביז דעם 31סטן אָקטאָבער געמוזט זיך איבערטראָגן אין געטאָ אַריין, מיט דעם רעכט מיטצונעמען מיט זיך בלויז האַנט־באַגאַזש. דער רעשט, דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון 5770 געשעפטן מיט אַ סך סחורות, אין דער ווערט פון צענדליקער און אפשר הונ־דערטער מיליאָנען זלאָטעס, איז צוגערויבט געוואָרן דורך די דייטשן. זיי האָבן ביי די יידן צוגערויבט אויך די הייל־אַנשטאַלטן און די אַפּטייקן, און אַלע מיטלען מיט וועלכע יידן האָבן געלעבט, זיך דערנערט און געהיילט.

דאָס רעאַליזירן די עקסטערמינאַציע־פּלענער אין געטאָ גופא האָט די געסטאַפּאָ, די דייטשע אַדמיניסטראַציע־מאַכט אין וואַרשע,

אַרויפגעצוווּנגען אויסצופירן אויף די ייִדן אַליין. דערי בער האָט זי געשאַפן אַ „יודענראַט״ (אויסגענוצט די אַלטע ייִדישע קהילה־טראַדיציע) און נאָמינירט אַ פּרעזעס, וועלכער האָט צו דעם צוועק גלייך אָרגאַניזירט אַ געהילפס־אַפּאַראַט, די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי. ס׳רוב ייִדישע פּאָליציאַנטן, מיט וועלכע דער פּרעזעס אינזשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו האָט זיך אַרומגעשטעלט, זענען באַשטאַנען פון רייַכע זינדלער, פון אַסימילירטע געשמדטע ייִדן, וואָס האָבן זיך אייַנגעקויפט אין דער פּאָליציי פאַר גראָבע געלטער, כּדי נישט געכאַפּט צו ווערן אין די אַרבעטס־לאַגערן אַרייַן.

דאָס אויסטערלישע לעבן אין ייִדן־רעזערוואַט, אין געטאָ־לאַגער, איז געווען אין גייַסט פון די באַקאַנטע נאַצי־דייַטשע „נירנבערגער געזעצן״ וועגן דער ייִדן־פאַרטיליקונג. די נאַציס האָבן אַלץ געטאָן, כּדי צו דערפירן די ייִדן צו דער מדרגה פון פאַריער און רעכטלאָזע נידעריקע באַשעפענישן. דאָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אָן אַ שיעור אויסטערלישע גזירות, וואָס האָבן מיט יעדן טאָג אויך אַראָפּגענידערט דעם לעבנס־ניוואָ פון דער געטאָ־באַפעלקערונג. אַזוי איז די גאַנצע צייַט געפלאָסן דאָס שרעקלעכע געטאָ־לעבן אין וואַרשע. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט פאַרפינצטערט דאָס לעבן פון אַלע ייִדן.

נאָך דרייַסיק חדשים פייַנפול געטאָ־לעבן, האָבן פּלוצלינג גענומען קורסירן אויסטערלישע קלאַנגען, אַז אַלע ייִדן וועלן אַרויסגעשיקט ווערן פון וואַרשעווער געטאָ ערגעץ ווו אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט. צי דאָס איז געווען אַן אינספּירירטע פּראָפּאַגאַנדע פון די דייַטשן, כּדי צוצוגרייטן צו דעם די ייִדן, האָט מען נישט געוווּסט. די מהומה איז געווען גרויס. צו אַלע צרות האָט נאָך דאָס געפעלט. עס איז אַנטשטאַנען אַ העכסט פּאַנישע לאַגע.

די פּאַניק האָט באַהערשט אַלע קרייַזן אין געטאָ. אַנדערע ידיעות, וועלכע האָבן דערווידערט די דאָזיקע קלאַנגען, האָבן נישט אַרייַנגעברענגט קיין באַרויִקונג, קיין שום טרייסט, פּשוט דערפאַר, ווייַל מ׳האָט אין זיי נישט געגלייבט.

די ריכטיקייט פון די שרעקלעכע קלאַנגען האָבן אויך באַשטעפּ־ די צוויי ייִדישע געסטאַפּאָווצעס, קאָן און העלער. זיי האָבן דאָס אָנפאַרטרויט אַ רבין אויף דער פּאַוויע גאַס, צו וועלכן זיי זענען אָפט געקומען. אַזעלכע פאַרשוינען זענען געווען אינפאָרמירט פון די ערשטע און זיכערסטע דײַטשע קוועלן.

אין דער זעלבער צײַט, ווען דאָס גאַנצע געטאָ איז געווען אין פּאַניק, איז געווען אויפגעטרייסלט פון דער שרעקלעכער ידיעה, האָבן זיך אויף די ווענט פּלוצלינג באַוויזן אויפגעקלעפּטע פּלאַקאַטן, אונטערגעשריבן דורך דעם פּרעזעס פון וואַרשעווער יודענראַט אינ־זשיניער אַדאַם טשערניאַקאָוו, אין וועלכע עס איז געווען געמאָלדן, אַז „אַלע קלאַנגען וועגן אַרויסשיקן די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ, זענען פאַלשע", און דערבײַ געוואָרנט, אַז „ווער עס וועט אַזעלכעס פאַרשפּרייטן, וועט ווערן דערשאָסן".

דאָס איז געווען נאָך איין בלימל, נאָך איין בפּירושער דאָקו־מענט, וועמען עס דינט דער יודענראַט, ווײַל גאָר אין קורצן האָט זיך דאָך פּאָרט אָנגעהויבן די „ווישעדלעניע", דאָס כאַפּן און אַרויס־פירן די ייִדן, וואָס איז אויך געווען באַגלייט מיט אַזאַ פּלאַקאַט פון זעלבן פּרעזעס, נאָך איידער ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

דער ייִדישער היסטאָריקער־קדוש, ד"ר עמנואל רינגעלבלום, דערציילט אין זײַנע געטאָ־„נאָטיצן", אַז דער פּרעזעס אַדאַם טשער־ניאַקאָוו האָט, פאַרן 22סטן יולי, גערופן צו זיך אויף אַ באַראַטונג ייִדישע פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס, כּדי צו דערגרייכן זייער הסכּמה אויף אַרויסצופירן פון וואַרשעווער געטאָ בלומרשט בלויז אַ געוויסע צאָל ייִדן. קיינער איז אויף זײַן חוצפּהדיקן פאָרשלאָג נישט אײַנגעגאַנגען. דער פּרעזעס האָט, זעט אויס, דערמיט געוואָלט האָבן שותּפים צו זײַן ראָלע. דאָס באַווײַזט אויך, אַז די „דראָונגס־פּלאַקאַטן" זענען געווען פון זײַן זײַט, ביודעים, אַז ער האָט בשעת־מעשׂה, געקענט דעם נאַצי־דײַטשן פּלאַן וועגן אַרויספירן אַלע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ.

איך וויל פאַרזיכערן, אַז בײַם דערמאָנען הײַנט דעם היסטאָרישן

22סטן יולי פון יאָר 1942, האָב איך נישט קיין שום כּוונה צו באַ־רירן די אַלגעמיינע ראָלע פון יודענראַט און זיינע געהילפן, די געטאָ־פּאָליציי. אויב איך דערמאָן זיי פּאַרט, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מ׳קאָן זיי דאָך נישט אויסמיידן, צוליב דעם פאַקטישן אָנטייל זייערן אין העלפן די נאַציס ביים כאַפּן און טרייבן די טראַגיש־צעשראָקענע געטאָ־יידן צום אומשלאַגפּלאַץ, צום טראַנספּאָרט אין טויטלאַגער טרעבלינקע.

עס איז אויך זייער כאַראַקטעריסטיש, אַז צו אַלע צרות, האָבן אין געטאָ זיך נאָך דעמלט געפונען יידישע מענטשן, וואָס האָבן נישט געגלייבט אין אַזאַ אויסטערלישן אומגליק. זיי האָבן זיך נאָך געפּרוּווט פאַרלאָזן אויפן וועלט־יושר פון דער דערגרייכטער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און קולטור, אין גערימטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין וועלכן מיר לעבן. זיי האָבן זיך געשפּייזט מיט אילוזיעס, נישט געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז אַן אייראָפּעיִש פאָלק מיט אַ הויכער קולטור ווי עס זענען דעמלט באַטראַכט גע־וואָרן די דייטשן, זאָל אימשטאַנד זיין אויסצופירן אַ מאָרד איבער אַ צווייט פאָלק. מענטשלעכע און הומאַניטאַרע באַזינונגען האָבן כּסדר געפלעגט די דאָזיקע נאַיִווע אילוזיעס, און דאָס אויפן שוועל פון אומקום, פון טויט, וואָס עס האָט געגרייט דער אייביקער יידן־שׂונא, דער גערמאַניש־דייטשישער נאַצי־פאַשיזם.

מיר, די יידן אין געטאָ, זענען צו דעם אַלעם געווען שרעקלעך איינזאַם, געווען אַרומגערינגלט פון אויסטערלישע שׂונאים. עס האָט כּסדר געלאָקט אויף אונדז די חיה־רעה, די נאַצי־בעסטיע, וואָס אָט גיט זי אַ שפּרונג אויף איר קרבן און צערייסט אים אויף שטיקער. עס איז נישט געווען קיין שום שוץ פון קיינעם, אַפילו קיין וואָרעם וואָרט האָט מען פון קיינעם נישט געהערט. עס האָט גע־הערשט סאַמע שווידער.

אַזאַ סקאַנדאַליעזע וועלט־דערשיינונג, ווי די גלייכגילטיקייט צו דער יידישער טראַגעדיע, איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין באַציונג צו קיין שום אַנדער פאָלק אין דער גאַנצער וועלט.

מיט שוידער דערמאָנען מיר זיך הײַנט אין יענע טעג, אין אַלע געטאָטעג, אין די פינצטערע טעג פון 22סטן יולי 1942, ווען די נאַצי־דײַטשן, צוזאַמען מיט דער געטאָ־פּאָליציי, האָבן גענומען אַרומרינגלען, בלאָקירן די גאַסן און הייף מיט ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, האָבן אָנגעהויבן כאַפּן מענטשן, יונגע, אַלטע און קראַנקע. געשלעפּט זיי אַלע צו די וואַגאָנען אויפן אומשלאַגפּלאַץ (באַן־סטאַציע מיט לאַסט־וואַגאָנען) אויף דער סטאַווקי גאַס, וואָס האָבן געפירט צו דער הריגה, צום פאַרגאַזן זיי אין טויטלאַגער טרעבלינקע.

ס'איז נישטאָ די פעדער, וואָס זאָל בכּוח זײַן צו באַשרײַבן אונדזער גרויסע בראָך. עס איז נישטאָ דער דיכטער, נישטאָ דער נביא, וואָס זאָל זײַן בכּוח אויסצוקלאָגן די קלאָג פון אונדזערע טאַטעס, בײַ וועלכע מען האָט אין מיטן העלן טאָג אַוועקגענומען זייערע קינדער און אומגעברענגט זיי ווי מען ברענגט אום שטשורעס.

דער טיפוס, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געבושעוועט אין געטאָ, האָט געשניטן ווי מיט קאָסעס. דער הונגער האָט צוגענומען פון פיר ביז פינף טויזנט ייִדישע נפשות אַ חודש. חוץ דעם האָבן די נאַצי־דײַטשע הינט געשאָסן און אומגעברענגט מענטשן אַלע טאָג. פון דעסטוועגן האָבן ייִדן געלעבט און נישט פאַרלוירן אין גאַנצן דעם בטחון, אַז סוף־כּל־סוף וועט מען דעם דײַטשן נאַצי־הונט, דעם וועלט־מערדער איבערלעבן. איז אָבער געקומען אַ שוואַרצער טאָג, דער שוואַרצסטער אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע — דער טאָג פון דעם 22סטן יולי 1942...

אייגנטלעך האָט זיך דאָס וויסטע אומגליק אָנגעהויבן שוין דעם 17טן אַפּריל 1942. ס'איז געווען דעמלט פרײַטיק. אין גאַס האָבן זיך פאַרשפּרייט זייער אומרויִקע קלאַנגען. אויף קלאָר האָט מען גאָר־נישט נישט געוווּסט. אָבער דאַך, זעקס אַ זייגער פאַרנאַכט האָט זיך די געטאָ־באַפעלקערונג באַמיט צו זײַן פריער אין דער היים. די גאַסן האָבן אויסגעזען ווי ערב יום־כּיפּור פאַר כּל־נדרי. אַ פּחד, אַן אימה איז געווען אויסגעגאָסן אויף די מענטשלעכע פּנימער,

אויף די אָפּגערוימטע טראָטואַרן, אויף די אָפּגעשלאָסענע הײַזלעך. און אַפּילו אויף די מחנות הונגעריקע בעטלערס, וואָס זענען באַ־צײַטנס אַנטלאָפֿן אין זייערע לעכער אַרײַן.

דעם 17טן אַפּריל האָבן די דײַטשן בײַ נאַכט אַרויסגענומען פֿון די בעטן אַ גרופּע ייִדישע פּערזענלעכקייטן, אויסגעקליבענע, באַ־קאַנטע טוערס פֿון פֿאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען, און זיי אַלע דערשאָסן. באַגינען זענען אַלע געלעגן אויף דער גאַס טויטע, יעדער מיט אַ קויל אין הינטערשטן טייל פֿון קאָפּ. דאָס דאָזיקע האָט אָנ־געוואָרפֿן אַ שרעק. מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ספּעציעל גע־טאָן געוואָרן דורך דער נאַצי־באַנדע, אַלס אַן אָפּשרעקונגס־פֿאָר־שפּיל, ערב אַ טראַגעדיע וואָס דאַרף קומען. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך געהערט ביקסן־קנאַלן. עס זענען געווען דערשיסונגען אין דער תּפֿיסה אויף זאַמענהאָף־גאַס ראָג גענשע, אין דער געוועזענער פּוילישער מיליטערישער תּפֿיסה, וואָס איז איצט פֿאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ ייִדישער געטאָ־תּפֿיסה.

פֿון יענעם פֿרײַטיק־צו־נאַכט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויס־מאָרדן די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין מיטן דער נאַכט. קיין איין נאַכט איז נישט אויסגעמיטן געוואָרן.

פֿון הינטערן פּלויט אַפֿער האָבן די היטלעריסטישע הינט גע־שאָסן אין מיטן דער גאַס אין קאָפּ אַרײַן. געלאָזט דעם הרוג ליגן לעבן אַ טויער, אָדער אין רינשטאָק און אַליין נעלם געוואָרן. די ייִדישע לוויה־אַנשטאַלטן האָבן אָפּגערוימט די הרוגים. די ייִדישע סטרוזשעס האָבן אָפּגעוואַשן דאָס בלוט אויף דער גאַס — און די גאַנצע ייִדישע געטאָ־באַפֿעלקערונג האָט אָפּגעווישט דאָס מויל און ווײַטער געלעבט, אויסטערליש געלעבט.

פֿאַרן אָנהייב פֿון גרויסן גירוש, האָבן זיך באַוויזן פֿרישע טראַנספּאָרטן מיט הונדערטער דײַטשע און טשעכישע ייִדן מיט זייער באַגאַזש, וועלכע זענען פֿון די וואַקזאַלן געפֿירט געוואָרן אין געטאָ אַרײַן. אין דער זעלבער צײַט זענען אויך געברענגט געוואָרן ציגײַ־נער, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון פֿאַרשידענע אָקופּירטע לענדער.

מען האָט אָפּגעשאַצט, אַז די נאַציס קלײַבן זיך צו מאַכן אין וואַרשעווער געטאָ אַ זאַמלפּונקט פון די אַלע וועמען זיי האָבן באַשטימט אויסצוראָטן.

דאָס גאַנצע לעבן אין געטאָ איז דעריבער אַרומגעהילט געוואָרן מיט נעפּל און שרעק. ייִדן זענען געוווען הפקר. עס האָט אויפֿגעהערט צו דאָמינירן דער שׂכל־הישר. אַלע פּלפּולערײַען וועגן איבערלאָזן געוויסע גרופּעס ייִדן אין געטאָ נאָכן אַרויספֿירן די געפּאָדערטע צאָל פון 60 טויזנט קרבנות, האָבן נישט מער אינטערעסירט קיינעם. אַפילו די פּאָליטישע און גזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען זענען געוווען אויפֿגערודערט. אין דעם דאָזיקן צושטאַנד האָט דאָס וואַרשעווער ייִדישע געטאָ אָנגעהויבן די גסיסה. עס איז געקומען צום וואָרט דער בלוטיקער דײַטשער מערדער, בײַ דעם אָנטייל און מיטהילף פון די ייִדישע געטאָ־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן דעמלט געציילט גאַנצע צוויי טויזנט שטיק.

אָט אַזוי איז דאָס פּאַרגעקומען:

אַ צײַט נאָך פּאַרן 22סטן יולי זענען שוין, ווי דערמאָנט, אַרומגעגאַנגען בייזע קלאַנגען, אַז מען וועט די וואַרשעווער ייִדן אַרויסשיקן, אַזוי ווי מען האָט עס געטאָן מיט די לובלינער, מיט די קראָקעווער, מיט די לאָדזשער און מיט אַנדערע ייִדן פון די געטאָס.

מען האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז פיר הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן וועט מען אַרויסטרײַבן פון וואַרשע. וווּהין וועט מען זיי טרייבן? וואָס וועט מען טאָן מיט זיי? היטלער איז דען אימשטאַנד דאָס דורכצופירן? און צו וואָס דאַרף ער עס אַדורכפירן, אַז ער צאַפּט פון געטאָ צענדליקער מיליאָנען, אַז דאָס געטאָ אַרבעט פאַר אים? אַזוי האָבן ייִדן געטענהט און נישט פאַרגעשטעלט זיך, אַז אויב עס גייט וועגן ייִדן, איז די ברוינע בעסטיע אימשטאַנד חרוב צו מאַכן די וועלט.

און זי האָט טאַקע חרוב געמאַכט, ביזן ביין, ביזן וואַרצל.

דעם 22סטן יולי 1942 — גראַד איז אויסגעפאַלן תשעה־באב — האָבן זיך גלײַך באַוויזן נאָך אַנדערע פּלאַקאַטן אויף די ווענט,

אונטערגעשריבן דורך דעם זעלבן יודענראַטלער־פּרעזעס אין וואַר־
שעווער געטאָ, אַז אויפן באַפעל פון דער דײַטשער מאַכט, ווערן
אַלע ייִדן אַרויסגעשיקט פון וואַרשע אין די מזרח־געביטן.די איבער־
זידלונג — איז ווײַטער געזאָגט געוואָרן אין פּלאַקאַט — הייבט זיך
אָן שוין הײַנט 11 אַ זייגער אין דער פרי. ווער ס'וועט זיך אויסבאַ־
האַלטן, ווער ס'וועט זיך קעגנשטעלן, וועט דערשאָסן ווערן אויפן
אָרט.

ווי אַ פאַרשפּיל צו די גירושים זענען באַלד פאַרגעקומען „לאַ־
פּאַנקעס", כאַפּעריײען. די ייִדישע פּאָליציי, אָנגעפירט דורך עס־עס
און דײַטשע זשאַנדאַרן, האָבן ווי ווילדע חיות זיך געוואָרפן אויף
די צעשראָקענע ייִדן, זיי געכאַפּט און אָפּגעפירט צום זאַמלפּונקט
אויפן אומשלאַגפּלאַץ.

דעמלט האָט מען אין געטאָ נאָך נישט געוווּסט דעם גאַנצן
אמת וועגן גורל פון די ייִדן־טראַנספּאָרטן, וווּהין מען ווערט אין
דער אמתן אַרויסגעשיקט. מען האָט בלויז אָפּגעשאַצט די לאַגע
לויט דעם ברוטאַלן אופן פון אַרײַנלאָדעווען די מאַסן מענטשן אין
פערד־וואַגאָנען אַרײַן. דאָס אַליין האָט שוין עפּעס געזאָגט, אַז מען
פאָרט נישט אויף קיין דאַטשע, און אַפילו אויך נישט ערגעץ צו קיין
אַרבעט. קינדער און אַלטע מענטשן, קראַנקע זענען נישט פעיִק צו
אַרבעטן פיזיש, טראָץ דעם, וואָס אין די אָפיציעלע מעלדונגען פון
יודענראַט איז געווען אַ פאַרזיכערונג, אַז די איבערזידלונג פון דער
ייִדישער באַפעלקערונג גייט אין די מזרח־געביטן, און אַז דאָרטן
וועלן אַלע זײַן באַשעפטיקט.

די ערשטע דעפּאָרטאַציע האָט זיך אָנגעהויבן פון דער תפיסה
אויף דער זאַמענהאָף־גאַס. פון די ייִדישע אַרעסטאַנטן האָט זיך
אָנגעהויבן די וואַרשעווער טראַגעדיע. קודם־כל האָבן די פּאָ־
ליציאַנטן אַרויסגעפירט פון דער תפיסה צענדליקער און הונדערטער
צום טויט פאַרמשפּטע ייִדן. מיט געשרייען און געוויינען געפירט די
אויסגעמאַטערטע מיט געלע פּנימער, מיט שמאַטעס אָנשטאָט קליי־

דער, באַרוועסע פרויען און מענער, אין זייער לעצטן מאַרש צום אומשלאַגפּלאַץ, פאַרלאַדעוועט זיי אין די וואַגאָנען אַריין און אַוועקגעפירט אין טויטלאַגער קיין טרעבלינקע.

✶

די פּאָליציי איז באַפאַלן די „פּונקטן״, ווו עס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט היימלאָזע מענטשן מיט זייערע משפחות, אַלע אַריינגעטריבענע פון דער פּראָווינץ, פון די קליינע שטעטלעך אַרום וואַרשע, וועלכע האָבן נישט געהאַט וווהין זיך אַהינצוטאָן. מיט ווילדער רציחה האָבן די ייִדישע געטאָ־פּאָליציאַנטן און די דייטשע נאַצי־באַנדיטן זיי געשלעפּט און ווי ווילדע הינט זיי אַרויסגעוואָרפן אויף די וועגענער. אין ערשטן פעריאָד זענען פון די בלאָקאַדעס אין די גאַסן און די הייזער אַלע געכאַפּטע געפירט געוואָרן צום אומשלאַגפּלאַץ אין די ייִדישע געטאָ־פערד־טראַמווייען. ערשט שפּעטער, ווען די דאָזיקע וועגענער זענען שוין געוואָרן צו ווייניק, האָט דאָס פירן אויפן אומשלאַג פונקציאָנירט צו פוס. מען האָט אַלעמען געפירט מיט צוגעלייגטע קלעפּ פאַרן בלייבן הינטערשטעליק אין וועג.

אין דער זעלבער צייט זענען אויך אַלע אויסלענדער, די ייִדן פון דייטשלאַנד און פון אַנדערע לענדער, געפירט געוואָרן מיט פּאַראַד אין ריקשעס (ראָווערן־וועגעלעך) מיט זייער ווערטפולן באַגאַזש, אויך צום אומשלאַגפּלאַץ, כּלומרשט צו פאָרן אויפן מזרח זיך דאָרט באַזעצן.

אַזוי האָט זיך דעם 22־סטן יולי 1942 אָנגעהויבן דער מאַרשרוט פון די וואַרשעווער געטאָ־ייִדן אין זייער לעצטן וועג, ווי די פאַרמישפּטע צום אומקום. פאַר דער דאָזיקער „אַקציע״ איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך דער יודענראַט, וואָס האָט די אויסזידלונג אויך אונטערגעשריבן. מיטן כאַפּן די ייִדן האָט אָנגעפירט דער הויפּט פון דער ייִדישער געטאָ־פּאָליציי, אַדוואָקאַט יאַקוב לעיקין, וועלכן דער פרעזעס אַדאַם טשערניאַקאָוו האָט ספּעציעל צו דעם צוועק אַרויס־

גענומען פון דער דײַטשער תּפֿיסה, ווו ער איז געזעסן פֿאַר האַנדלען מיט די ייִדישע צוגעראַבעוועטע פּוטערס, וואָס די דײַטשן האָבן געהאַט רעקווירירט בײַ די ייִדן אין געטאָ.

איצטער האָט זיך, לויט דער ריי פון אַרויספֿירן די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ אָנגעהויבן אַ סעריע פון ספּעציעלע „טעג". יעדע גרופּע מענטשן האָט געהאַט איר פּינצטערן טאָג. בלויז די ייִדן פון די מושב־זקנים זענען געווען אַן אויסנאַם. זיי אַלע האָבן די דײַטשן אַרויסגעפֿירט אויפֿן גענשער בית־עולם און אויסגעשאָסן ביזן לעצטן. נאָך דעם איז אַלץ פֿאָרגעקומען לויטן דײַטשן סדר. אין אָנהייב זענען אין די גאַסן־בלאָקאַדעס געכאַפּט געוואָרן אַלע ייִדן אָן אויסנאַם. גרויס און קליין, יונג און אַלט. מיט גרויס טומל, געשרייען און שיסערײַען, אַלע מאַסנווײַז געפֿירט צו די וואַגאָנען אויף סטאַווקי גאַס. אין אָנהייב צו 6 טויזנט אַ טאָג און שפּעטער צו 10 טויזנט און מער. די פּאָליציי האָט אויסגעפֿירט איר ראָלע ברוטאַל און אוממענטשלעך, מיט העק געגאַנגען איבער די דירות און געזוכט באַהאַלטענע. אַרויסגעצויגן פון דאָרט און אויף אַ בעסט־יאַלישן אופֿן געפֿירט די קרבנות צום אומשלאַגפּלאַץ אַרויס.

אין דער ריי פון די „טעג" איז אויך געווען אַ טאָג פון די „פּלאַצוווקאַזשעס", פון ייִדן באַשעפֿטיקטע אויסערן געטאָ, בײַ דײַטשן און בײַ פּאָליאַקן. אַזאַ אַרבעטער, אָדער גרופּע, האָט גע־האָט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, אַן „אויסווײַז", צו קענען אַרויס און אַרײַנגיין צוריק אין געטאָ. אין דעם טאָג זייערן זענען פֿאַר־מאַכט געוואָרן אַלע טויערן, וואָס האָבן געפֿירט אין געטאָ אַרײַן. ווי נאָר אַ פּלאַצוווקע האָט זיך באַוויזן בײַם טויער, איז זי פֿאַר־האַלטן געוואָרן און אין אַ לאַסטאַויטאָ אָפּגעפֿירט געוואָרן צום אומשלאַגפּלאַץ. טויזנטער ייִדן (אויך דער מחבר פון די שורות) האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ. פון דעם טאָג אָן איז פֿאַרענדיקט געוואָרן דאָס „גליק" צו האָבן אַ מעגלעכקייט אַהיימצוברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן פֿאַר דער פֿאַמיליע, אַ פלעשל מילך פֿאַרן קינד, אָדער פֿאַר אַ קראַנקן. אין די ערשטע טעג פון דער „ווישעדלעניע"

האָבן די דאָזיקע „אויסוויַיזן“ געשיצט נישט געכאַפּט צו ווערן. דאָס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. עס איז גיך געקומען דער באַשטימטער „טאָג“...

אין דעם „טאָג“ פאַר די קינדער־היימען, יתומים־היַיזער, איז אויך געווען דער פאַל מיטן גרויסן קינדער־פריַינד, יאַנוש קאָר־טשאַק, וועלכער האָט נישט געוואָלט ראַטעווען בלויז זיַין אייגענעם נפש, און איז אַוועק אין איינעם מיט די ייִדישע קינדער, די יתומים, צום טויט קיין טרעבלינקע.

עס דאַרף מער דערציילט ווערן וועגן דער געשעעניש, וואָס פון איין זיַיט ווערט דערפון דאָס בלוט פאַרקילט אין די אָדערן, און פון דער אַנדערער זיַיט איז עס אַ שטיקל טרייסט, אַז דאָס פּינטעלע מענטש איז דאָך נישט ביַי אַלעמען אויסגעלאָשן געוואָרן.

אויף שעננע גאַס נומער 16, אין אַזוי גערופענעם קליינעם געטאָ, האָט זיך געפונען דאָס יתומים־הויז, אַנגעפירט פון באַ־קאַנטן פּוילישן שריפטשטעלער ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק. יאַנוש קאָר־טשאַק (אַ ייִד, זיַין אמתער נאָמען איז געווען גאָלדשמידט). אַליין אַ מעדיצינער, האָט ער זיַין גאַנץ לעבן געווידמעט דער דערציִונג פון קינד. ער האָט געשריבן פּרעכטיקע ביכער וועגן קינדער און פאַר קינדער. ער האָט געהיילט קינדער און איז אויך געווען דער גיַיסטיקער מנהיג פון יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע גאַס אין וואַרשע, וואָס האָט געשמט נישט בלויז אין וואַרשע, נאָר אין גאַנץ פּוילן.

שריַיבן אַ סך וועגן דער ווונדערלעכער לעבנס־געשיכטע פון יאַנוש קאָרטשאַק, פון דאָזיקן איידעלן מאַן און גרויסן קינדער־שריַיבער און דערציִער, וואָלט פאַרנומען צו פיל אָרט. איך וויל בלויז דערמאָנען אַז אין די גרעסטע געפאַרן, ווען ס׳האָט אים פּערזענלעך געדראָט אומקום פון די דיַיטשע הינט, האָט ער זיַין יתומים־הויז נישט פאַרלאָזט און געבליבן מיט די קינדער. ווען די היטלער־דיַיטשן האָבן איַינגעפירט אין וואַרשע אַ געטאָ, איז קאָר־טשאַקס יתומים־הויז איבערגעטראָגן געוואָרן פון דער קראָכמאַלנע

אויף שעננע 16. דאָ האָט ער ווײַטער געפירט זײַן שיינע אַרבעט, און דאָ איז ער אויך געפאַלן צוזאַמען מיט די קינדער.

אַן ערך צוויי הונדערט קינדער, קײַלעכדיקע יתומים, האָבן זיך דערצויגן אין דאָזיקן הויז. וואַרשע האָט געהונגערט, אָבער קאָר־טשאַק האָט פאַר זײַנע קינדער געקריגן שפּײַז פון אונטער דער ערד. זיי זענען געווען געוואַשן, ריין אָנגעטאָן, געגעסן צו דער זעט, געשלאָפן אויף ריינע געלעגערס, און פונקט ווי אַלע ייִדן — גע־רעכנט, אַז מען וועט די דײַטשע הינט איבערלעבן.

איז געפאַלן דער פינצטערער גזר וועגן אַרויסשיקן אַלע ייִדן פון וואַרשע, און די ערשטע קרבנות זענען געווען די אומשולדיקסטע פון אַלע אומשולדיקע, די קינדער.

יאַנוש קאָרטשאַק האָט זײַנע צוויי הונדערט קינדער נישט גע־וואָלט איבערלאָזן אויף הפקר. ער האָט זיך אויך נישט באַהאַלטן, נישט אַנטלאָפן, ווי ס'האָבן עס געטאָן אַנדערע. ס'איז נישט באַקאַנט צי ער האָט געזאָגט די קינדער אויף וואָס זיי דאַרפן גרייט זײַן און וווּהין מען גייט זיי פירן. ס'איז בלויז באַוווּסט, אַז ווען די דײַטשע קינדער־מערדער זענען באַפאַלן דאָס הויז שעננע 16, זענען סײַ יאַנוש קאָרטשאַק סײַ אייניקע שוועסטער וואָס האָבן געאַרבעט אין יתומים־הויז און די צוויי הונדערט קינדער געשטאַנען גרייט אויפצונעמען דעם טויט.

די דײַטשע קינדער־מערדער זענען אַרײַנגעפאַלן מיט אַ ווילד געשריי און שיסערײַ. צוויי הונדערט קינדער, צוויי הונדערט שפּראָ־צנדיקע לעבנס, זענען געשטאַנען אין טויטשרעק, אַז אָט שיסט מען זיי אויס ביז איינעם.

און ס'איז געווען עפּעס אַ וווּנדערלעכע זאַך: די צוויי הונדערט קינדער האָבן נישט געשריגן. די צום טויט־פאַרמשפּטע צוויי הונ־דערט אומשולדיקע נפשות האָבן נישט געוויינט. קיינס פון זיי איז נישט אַנטלאָפן, קיינס פון זיי האָט זיך נישט באַהאַלטן. זיי האָבן בלויז געטוליעט זיך, ווי קראַנקע שוואַלבן, צו זייער לערער און

דערציער, צו זייער טאַטן און ברודער, צו יאַנוש קאָרטשאַק, ער זאָל זיי היטן און שיצן.

ער איז געשטאַנען דער ערשטער. מיט זײַן דאַרן, צעבראָכענעם גוף האָט ער זיי פאַרשטעלט. די דײַטשע הינט האָבן דעם מינדסטן אײַנזען נישט געהאַט. אַ רעוואָלווער אין איין האַנט, אַ בײַטש אין דער צווייטער האַנט און אַ הינטישער ביל: — מאַרש!

ווי צו די אויגן וואָס האָבן געהאַט דאָס פינצטערע מזל אָנצו־קוקן דאָס דאָזיקע בילד.

יאַנוש קאָרטשאַק, אָן אַ הוט, אַרומגענומען מיט אַ לעדערנעם גאַרטל, אין שטיוול, אַן אײַנגעבויגענער, אַן אויסגעקרימטער, האַלט אַ קינד בײַ דער האַנט און גייט פאָרויס. עס גייען אויך עטלעכע שוועסטער אין ווײַסע פאַרטעכער און נאָך זיי צוויי הונדערט פריש געצוואָגענע קינדער, ווּעמען מען פירט צו דער עקדה.

די קינדער זענען אַרומגעצוימט געוואָרן פון אַלע זײַטן מיט דײַטשע, אוקראַיִנישע און אויך מיט יידישע פּאָליציאַנטן.

אין יודענראַט איז מען דערווײַל געוווּיר געוואָרן, וואָס עס קומט פאָר אויף שעננע 16. האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, טעלעפאָנירן און געוואָלט ראַטעווען. ווּעמען, מיינט איר, האָט דער יודענראַט געוואָלט ראַטעווען? נישט די צוויי הונדערט קינדער, נאָר בלויז יאַנוש קאָרטשאַקן.

דער דאָזיקער גרויסער, איידעלער מאַן האָט שיין באַדאַנקט די לײַט פון יודענראַט, וואָס האָט צוגעלייגט זײַן האַנט צו טראַנס־פּאָרטירן אַלע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ, און איז מיטגעגאַנגען מיט זײַנע קינדער צום אומשלאַגפּלאַץ.

די שטיינער פון ברוק האָבן געוויינט, זעענדיק די קינדער־פּראָצעסיע. בלויז די רוצחים, די דײַטשע מערדער, האָבן געטריבן די קינדער מיט זייערע בײַטשן און יעדער מינוט געשאָסן.

דרײַ טעג שפּעטער, נאָך דעם אָפּגעטאָענעם שטיקל אַרבעט, פון דער ייִדן־הריגה אין „גרויסן" געטאָ־לאַגער, איז גלײַך אַרויס אַ גזרה אָפּצורייניקן דאָס „קליינע" געטאָ אין גאַנצן פון ייִדן.

די גזרה איז אַרויס אַרום זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט און גלײַך האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טרײַבן די ייִדן, גרויס און קליין. אויפן וועג זענען אומגעקומען עטלעכע טויזנט נפשות. קיינער האָט נישט גע־ווּסט ווּ מען האָט זיי קובר געווען. מען האָט זיי מער נישט געזען. צו מאָרגנס איז אין קליינעם געטאָ נישט געבליבן קיינער, חוץ די באַשעפטיקטע אין די דײַטשע שאָפּן, פאַבריקן.

אין וואַרשע איז דאָס געטאָ געווען געטיילט אויף איין גרויס געטאָ, אין דער געגנט פון די גאַסן לעשנאָ־נאַלעווקעס־מוראַנאָוו, און אַ קליין געטאָ אין דער געגנט פון דער טוואַרדע גאַס.ביידע געטאָ־טיילן האָט פאַרבונדן אַ הענגבריק. אין די גאַסן אונטערן בריק האָבן געוווינט די „אַריער", פּאָליאַקן.

די שאָפּן־וואַרשטאַטן האָבן אין געטאָ פאַרלייגט דײַטשע פאַברי־קאַנטן, אַזעלכע פירמעס ווי טעבענס, שולץ, אַשמאַן, האָפמאַן, שווילינג, פרידיער און נאָך אַנדערע. ס׳רוב זענען עס געווען וואַר־שטאַטן פון שנײַדערײַ, קירזשנערײַ און אַנדערע ייִדישע פאַכן. די וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט פאַרן דײַטשן מיליטער. ייִדן אין געטאָ האָבן געוואָלט גלייבן, אַז די באַשעפטיקטע דאָרטן וועט נישט געשען קיין שלעכטס, וועלן אַזוי אַרום אפשר איבערלעבן די מלחמה.

דאָס קליינע געטאָ איז אין משך פון עטלעכע שעה אָפּגערוימט געוואָרן פון מענטשן. ווער ס׳איז אומגעקומען גלײַך אויפן אָרט, וועמען די באַנדיטן, צוזאַמען מיט דער געטאָ־פּאָליציי, האָבן אַרויס־געפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ, ווער עס האָט אַליין מיט זיך אַ סוף געמאַכט, און וועמען ס׳איז געלונגען צו אַנטלויפן אין גרויסן געטאָ אַרײַן, און זיך דאָרטן געפונען „אומלעגאַל".

וויסטע, ליידיקע גאַסן, אָנגעוואָרפענע מיט בעטגעוואַנט, מיט שטיקער מעבל, מיט שיסלען, מיט טעפּ, מיט מיסט און מיט פאַר־גליווערט בלוט. ליידיקע הײַזער, אויפגעריסענע אָדער מיט אָפן געלאָזענע טירן. פון יעדער שטוב, וואָס איז מער נישט געווען ווי נאָר בלויז אַ קופּע מיסט, האָבן נאָך אַרויסגעוויינט די פאַר־לוירענע לעבנס.

נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אַרויסגעפירט פון וואַרשע איבער דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן, האָבן די דײַטשע באַנדיטן זיך נישט געהאַט נאָך אָנגעזעטיקט מיטן ייִדישן בלוט. זיי האָבן בלויז אויף אַ ווײַל איבערגעריסן די פאַרניכטונגס־אַרבעט פון ייִדישע מענטשן. דעם 5־טן סעפּטעמבער זענען זיי ווידער געקומען, מיטן ציל צו פאַרענדיקן מיט די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ. אָבער שוין נישט ווי ביז איצטער, דורך כאַפּן, זוכן און נישטערן אין די ייִדישע באַהעלטענישן. זיי האָבן עס איצט געמאַכט פּשוטער, באַקוועמער. זיי האָבן דורך ספּעציעלע פּלאַקאַטן פון יודענראַט באַפוילן אַלע ייִדן אַליין זיך צושטעלן צו דער שחיטה.

אין אַ שפּאָגל־נײַער באַקאַנטמאַכונג האָט דער יודענראַט געמאָלדן, אַז אַלע ייִדן אָן אויסנאַם, מענער, פרויען, אַלטע לײַט און קליינע קינדער, מוזן דעם 6־טן סעפּטעמבער אין דער פרי זיך זאַמלען אין די גאַסן פון גרויסן געטאָ, אויף ניסקע, מילע, וואָלינסקע און לובעצקיעגאָ. מיטנעמען מיט זיך שפּײַז אויף דרײַ טעג. ווער עס וועט זיך נישט צושטעלן — האָט געמאָלדן די באַקאַנטמאַכונג — וועט ווערן דערשאָסן.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז עס קומט דאָס גרוייליקסטע, אַז עס דערנענטערט זיך דאָס שרעקלעכסטע און אומפאַרמײַדלעכסטע, דאָס אָפּרייניקן וואַרשע אין גאַנצן פון ייִדן, פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט דאָ, אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט, געלעבט אַ סך הונדערטער יאָרן.

די פיר גאַסן, וווּהין ייִדן האָבן בלית־ברירה, געמוזט זיך זאַמלען, זענען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, דײַטשע און אוקראַיִנישע. יעדע פּאָר מינוט זענען געפאַלן שאָסן. פון יעדן שאָס — אַ ייִדישער קרבן, אַ פאַרבלוטיקטער טויטער גוף אויף דער ערד.

אין משך פון דרײַ טעג און דרײַ נעכט האָבן פון 70 ביז 80 טויזנט ייִדן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן, אויף ברודיקע הייף און פלעצער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם דערמאָנטן שטח.

הונגעריקע, אויסגעמאָטערטע פון נישט שלאָפן גאַנצע נעכט. פאַר־צווייפלטע, אָן שום מעדיצינישער און אַנדערער הילף, האָבן די ייִדן געוואָרט אויף דעם אומבאַקאַנטן, וואָס עס דאַרף אין גיכן קומען.

די דײַטשע מערדער האָבן די 80 טויזנט ייִדן צונויפגעטריבן אויף די עטלעכע גאַסן אַרום דער ניסקע אין „קעסל", אונטער אַ פאַלשן פּרעטעקסט פון אויסקלײַבן פעיִקע צו דער אַרבעט פאַר די דײַטשע שאָפּן אין געטאָ.

אין די דאָזיקע טעג פון פאַרצווייפלטער דערוואַרטונג אין דעם קעסל פון די שמוציקע גאַסן וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרק באַוואָפנטער וואַך, האָבן זיך אָפּגעשפּילט טראַגישע סצענעס. שוואַכע מענטשן האָבן פון שרעק געהלשט. צוליב דעם פעלן פון מעדיצינישער הילף, זענען אַ סך געשטאָרבן. די מתים זענען געלעגן צוזאַמען מיט די לעבעדיקע מענטשן. עס איז נישט געווען קיינער אויף אָפּצורוימען די טויטע און אַרויספירן זיי אויפן בית־עולם.

ערשט אין דריטן טאָג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז עס וועט זײַן אַ סעלעקציע, אַז פון צווישן אַלע ייִדן, וואָס געפינען זיך אויף די פּלעצער, וועלן אויסגעקליבן ווערן די פעיִקסטע צו דער אַרבעט אין די דײַטשע שאָפּן אַרײַן. די פּאָליציי האָט טאַקע באַלד גענומען צונויפטרײַבן אַלע ייִדן אויף דער גאַנצער לענג פון דער ניסקע גאַס ביז עק זאַמענהאָף־דזשיקע, און באַפוילן אַלע זיך אײַנצושטעלן צו זעקס מאַן אין אַ ריי. די רייען האָבן זיך געצויגן אַזש ביז דער ווײַטער אָקאָפּאָווע גאַס.

אויף דער טראַגישער סעלעקציע זענען בלויז אויסגעקליבן גע־וואָרן עטלעכע הונדערט מענטשן. אַלע צענדליקער טויזנטער ייִדן, אַלטע, קראַנקע, יונגע און אויך געזונטע, זענען געטריבן געוואָרן צום אומשלאַגפּלאַץ אויף דער סטאַווקי גאַס און אַרײַנגעשטויסן געוואָרן אין די וואַגאָנען אַרײַן צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע.

אין משך פון די עטלעכע טעג אין קעסל אויף דער ניסקע גאַס, זענען אויפן אָרט געפאַלן אַ סך טויזנטער ייִדן. טייל פון דער

שיסערייַ, טייל זענען צעטרעטן געוואָרן אין שטאַרקן געדראַנג פון דער געטריבענער מענטשן־מאַסע.

דעמלט זענען אויך אין די פּאָר טעג אַרויסגעפירט געוואָרן פון וואַרשע בײַ 60 טויזנט ייִדן. דאָס איז געווען די גרעסטע שחיטה, וואָס די דײַטשע באַנדיטן האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצופירן אין משך פון אַזאַ קורצער צײַט.

נאָך דעם קעסל אויף דער ניסקע גאַס, דער מאָרדאַקציע פון סעפטעמבער 1942, איז, נאָך אַ קורצן איבעררײַס, געווען אַ פרײַ־שער פּרוּוו פון די דײַטשע היצלעס צו ליקווידירן דאָס געטאָ.

דעם 18־טן יאַנואַר 1943 זענען זיי ווידער באַגינען, אין דער שטיל, אָן רעש, אַרײַנגעקומען אין די גאַסן פון גרויסן געטאָ. מחנות דײַטשע און אוקראַיִנישע באַנדיטן זענען אַרײַן אין די הייף פון די גאַסן מילע, לובעצקי, באַלײַכט מיט רעפלעקטאָרן די הײַזער און גערופן די ייִדן אַראָפּצוקומען.

קיינער האָט דאָס נישט געטאָן. אַלע ייִדן וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען אין געטאָ, האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן. דעמלט זענען עס אויך פאָרגעקומען די ערשטע קאַמפן. שיסערײַען, סײַ פון די ייִדן און סײַ פון די דײַטשן. עס זענען געווען קרבנות פוןביידע זײַטן. דאָך, עטלעכע טויזנט ייִדן האָבן זיי דאָס מאָל אַרויס־געריסן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער.

אין געטאָ איז דעמלט שוין קיין סך ייִדן נישט געבליבן. טייל נאָך באַשעפטיקטע אין די דײַטשע שאָפּן, און די אַזוי גערופענע „ווילדע“, וואָס האָבן געלעבט, זיך אַרומגעוואַלגערט אין די חרובע געטאָ־הײַזער.

✶

פון דעם 22־טן יולי 1943, ביז דעם 19־טן אַפּריל 1943, ביז דעם העלדישן ייִדישן אויפשטאַנד און ווידערשטאַנד, האָבן די דײַטשן, מיט קליינע איבעררײַסן, אומגעבערענגט אַ קיבוץ פון אי־בער פיר הונדערט טויזנט ייִדישע נפשות. צווישן דער דאָזיקער

מאַסע דערוואַקסענע מענטשן, האָבן די דײַטשע קאַניבאַלן אויך אויסגעקוילעט איבער הונדערט טויזנט קליינע ייִדישע קינדער.

מיט די דאָזיקע גרויסע מאַסן פאַרפּייניקטע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, האָט זיך דאָס גיהנום נאָך נישט געהאַט געענדיקט. די דײַטשע פאַרברעכער האָבן ווײַטער, מיט באַנדיטישע מיטלען אַרויסגעריסן אויך די רעשט ייִדן פון זייערע היימען, פון זייער לעבן, געמאַכט אַ סוף צום גאַנצן ייִדישן יישוב, נישט נאָר בלויז אין וואַרשע, נאָר אויך אין אַלע פּוילישע שטעט, ווו ייִדן האָבן געלעבט. נישט נאָר אין פּוילן אַליין, נאָר אויך אין אַלע לענדער אין אייראָפּע, וווהין עס האָט נאָר געגרייכט זייער פאַרברעכערישער אָרעם, דער דײַטשער היטלער־פאַשיזם, אין דער שרעקלעכער צווייטער וועלט־מלחמה.

זאָל איצטער, אין דעם איבער 50־סטן יזכּור, נאָך דעם 22־סטן יולי 1942, זינט די דײַטשע פאַרברעכער־מאַשין האָט אָנגעהויבן דעם מענטשן־מאָרד, זײַן אַ פרישע דערמאָנונג פאַר אַלע ייִדן אין דער וועלט, צו האַלטן הייליק די צוואָה פון די געפאַלענע: „נישט צו פאַרגעסן און קיין מאָל נישט פאַרגעבן, נישט מוחל זײַן דעם גערמאַניש־דײַטשן פאָלק, פאַר זײַן אויסטערלישן פאַרברעכן".

זאָל די וועלט שטיין אויף דער וואַך, נישט צו דערלאָזן מער, אַז אַזעלכעס זאָל זיך איבערחזרן. נישט נאָר קעגן ייִדישן פאָלק, נאָר אויך נישט קעגן קיין שום אַנדער פאָלק, אויף דער גאַנצער וועלט.

✶

צו די דאָזיקע עד־ראיה־דערינערונגען, וועגן דעם אויסטערלישן 22סטן יולי 1942, דאַרף הײַנט דערצו נאָך צוגעגעבן ווערן ווי אַ וואָרענונג־דערמאָנונג, אַז טראָץ דעם אָפּפלוס פון דעם האַלבן יאָרהונדערט, פון זינט דעם גרויליקן אויסמאָרדן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, דורך דער דײַטשער מערדער־מאַכט 50 מיליאָן ציווילע אומשולדיקע מענטשן, און צווישן זיי 6 מיליאָן ייִדן, נאָר

דערפאַר, ווײַל זיי האָבן געהערט צום ייִדישן פֿאָלק — האָט מען נאָך ביז הײַנט אין אַלע נאָכמלחמה־יאָרן, נישט געהערט נאָך פֿון דעם דײַטשן פֿאָלק, פֿון זײַן געשיכטע־פֿאָרשונג, נישט פֿון דער דײַטשער אינטעלעקטועלער וועלט, די אויסדריקער פֿון קולטור און פֿאָלקס־געוויסן, און אויך נישט פֿון דער דײַטשער רעגירונגס־מאַכט אַליין — אַז עס זאָל ווער פֿון זיי אַלע האָבן געקומען מיט דעם אָפֿיציעלן, אָפֿענעם פֿאָלקס־היסטאָרישן מודה זײַן, וועגן דעם באַגאַנגענעם דורך זיי פֿאָלקס־ און פֿעלקער־מאָרד פֿאַרברעכן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — אַז דאָס דאָזיקע דײַטשע פֿאָלק זאָל האָבן געקומען צו דער וועלט־עפֿנטלעכקייט, מיט אַ געוויסנס־וואָרט פֿון חרטה, און מיט אַ פֿאַרזיכערונגס־אָנזאָג פֿון דער דײַטשער נאַציע פֿאַר דער צוקונפֿט־געשיכטע, אַז מער וועט אַזאַ מאָרד־פֿאַרברעכן נישט פֿאָרקומען אין דער ווײַטערדיקער עקזיסטענץ פֿון דעם דײַטשן פֿאָלק, קעגן אַנדערע פֿעלקער. אַז זיי וועלן אין דער צוקונפֿט טאָן אַלץ, אַז דאָס דײַטשע פֿאָלק זאָל נישט דאַרפֿן אייביק טראָגן די שענדלעכע באַצייכענונג, אַלס פֿעלקער־מערדער, לויטן אַרויסגעטראָגענעם משפּט, דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל אין נירנבערג, דײַטשלאַנד, באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פֿאַרקערט גאָר. מען הערט און מען לייענט אין דער פּרעסע און אין ביכער, וועגן פֿאַרלייקענונגען, אַז די נאַצי־דײַטשן זאָלן כּלומרשט קיין מאָל נישט האָבן באַנוצט קיין שום ציקלאָן־גאַז פֿון דײַטשער פּראָדוקציע, צו מאָרדן מענטשן. און אַז די זעקס מיליאָן דערהרגעטע ייִדן לעבן גאָר אַלע אין... די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. די פּראָפּאַגאַנדע בעלי־דבר, וואָס פֿאַרשפּרייטן די דאָזיקע ליגנס, זענען נישט בלויז ריינע ראַסן־דײַטשן, נאָר באַשטייען אויך פֿון געדונגענע פּראָנצויזן, ווי פּראָפֿעסאָר פֿאָריסאָן, און נאָך אַזעלכע נעאָ־נאַציס ביי אַנדערע פֿעלקער, וועלכע פֿאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן ליגנט, פֿאַרן ריינוואַשן די דײַטשע מאָדערנע ציקלאָן־גאַז מערדער פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין פאַרלויף פון די אָפּגעפלאָסענע יאָרן, נאָך דער ייִדן־פאַרטיליקונג, איז דאָס לעבן פון דער ייִדישער ישׂראל־מדינה אין דעם היסטאָרישן היימלאַנד פון ייִדישן פאָלק, נאָך דעם באַגאַנגענעם מאָרד איבער דעם ייִדנטום אין אייראָפּע — נאָך אַלץ נישט אין קיין נאָרמאַלן און סטאַבילן פאָלקס־מצב. דאָס איז פאַראורזאַכט, דער עיקר, איבער דעם אַראַבישן אומווילן צו לעבן מיט ישׂראל אין שלומדיקער גוט־שכנישאַפט. דערצו איז נאָך אויך צוגעקומען די פאַטאַלע שטויגנדיקע האַנדלונג פון מלוכות, מיטגלידער פון דער אונ"אָ, וועלכע האָבן געוואַגט, טאַקע גראָד דעם שטאַרק געשלאָגענעם פאָלק, דורך די היטלעריסטישע דײַטשע ראַסיסטן, צו באַצייכענען די ישׂראל־מלוכה, וועלכע געהער דאָך אויך צו דער זעלבער אונ"אָ, אַלס אַזעלכע „ראַסיסטן". דאָס אָפּשטימען אַזאַ באַצייכענונג, איז דאָך אַ בפירושער חוזק פון די דאָזיקע מלוכות, ווײַל דאָס קאָלידירט דאָך און איז אין שטאַרקער סתירה צו די אָנגענומענע אין דער גאַנצער וועלט, מאָראַליש־מענטשלעכע און אויך אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע נאָרמעס. די זעלבע געשעעניש איז גרייזלער אָנצונעמען אַלס נאָך איין גליענדיקער פונק פון דעם ראַסיסטיש־אַנטיסעמיטישן פײַער, וועלכעס ברענט שוין פון דורות קעגן ייִדישן פאָלק. דער זעלבער טליענדיקער פײַער־פונק פון ייִדן־שׂנאה האָט אויך פאַראורזאַכט, אַז די דערמאָנטע אויבן מיליאָנען ייִדישע קרבנות פון דײַטשן ראַסיזם זאָלן אין אַלע מלחמה־יאָרן פאַלן טויטע, אין די דײַטשע גאַז־טויט־קאַמערן, אין אויסטערלישער גרויזאַמער איינזאַמקייט, אָן שום הילף און אָן פּראָטעסט אפילו קעגן דעם ייִדן־מאָרד, מצד די זעלבע מלוכות, די הײַנטיקע אונ"אָ־מיטגלידער — קעגן דעם ברוטאַלן און אין גאַנצן אָפן אויסגעפירטן מאָרד־פאַרברעכן, דורך דער דײַטשער מאַכט, אין דער סאַמער ציוויליזירטער אייראָפּע.

אַ וואַקסנדיקע, שטאַרקע ייִדישע ישׂראל־מדינה וועט אפשר אין דער צוקונפט, פאָרט קענען דערגרייכן, צווישן די דעמאָקראַטישע פעלקער פון אַ הויכן נאַציאָנאַלן קולטור־ניוואָ — צו דעם

ענדגילטיקן ליקווידירן דעם באַרבאַרישן אַנטיסעמיטישן טשאַד קעגן יידישן פאָלק, כדי ישׂראל זאָל קענען נאָרמאַל לעבן אין דער מאָ־דערנער וועלט פון מענטשן און מלוכות — אַזוי אויך, אַז קיין שום אַזעלכע 22־סטע יוליס פון יאָר 1942, זאָלן מער זיך שוין קיין מאָל נישט קאָנען איבערחזרן קעגן יידישן פאָלק, און אויך נישט קעגן קיין שום אַנדער פאָלק, אין דער גאַנצער לעבעדיקער מענטש־לעבער וועלט. לאָמיר האָפן.

געווען איז עס אַ ווענדפּונקט אין דעם ייִדישן קאַמף קעגן דײַטשן מערדער

נאָך דער ערשטער גרויסער מאַסן־עקסטערמינאַציע, וואָס די נאַצי־דײַטשע היטלעריטן האָבן פון דעם 22סטן יולי 1942 אַדורכ־געפירט אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, ווען עס זענען פון זייערע היימען, מיט געוואַלט אַרויסגעריסן געוואָרן די קליינע קינדער און דערוואַקסענע, אין דער צאָל פון איבער 300.000 ייִדישע מענטשן, און פאַרגאַזט געוואָרן אויף טויט אין טרעבלינקער טויטלאַגער — האָבן די דײַטשע באַנדיטן, נאָך אַ 5 חדשימדיקן איבעררײַס, גע־פלאַנט אויף דעם 18־טן יאַנואַר 1943 אַדורכצופירן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, אויסהרגענען אַלע ייִדן. דאָס געטאָ האָט אָבער דאָס מאָל געגרייט זיך צו שטעלן דעם דײַטשישן מערדער אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן דעם אַרויס־פירן אין טויטלאַגער אַרײַן צום אומקומען. דאָס איז דאָך געווען אין דער טראַגישער לאַגע, ווען די נאָך לעבעדיקע ייִדן האָבן נישט געהאַט צו דערוואַרטן קיין שום מענטשלעכע רעטונגס־הילף, נאָר בלויז דעם אומפאַרמײַדלעכן טויט פון די דײַטשע קאַניבאַלן.

אין יענער צײַט ביז איך, דער עד־ראיה, געווען באַשעפטיקט אין אַ פּוילישער אונטערנעמונג אויסערן געטאָ, אויף אַן אַזוי גערו־פענער „פּלאַצוווקע”. וואָס עס איז דעמלט פאַר אַזאַ געטאָ־ייִד געווען אַ שאַנס דערווײַל נישט צו שטאַרבן פון הונגער צוזאַמען מיט דער פאַמיליע. איך האָב געאַרבעט אין דער פירמע טשערסקי, אויף דער דלוגע גאַס נומער 44/46. געוווינט האָב איך אָבער אויפן שטח פון די טעבענס־שאָפּן (דײַטשע פאַבריקן אין געטאָ), אויף לעשנאָ גאַס נומער 42. אויפן וועג צו דער אַרבעט, האָב איך יעדן

טאָג געמוזט אַדורכגיין די ווילדע, נישט באַוווינטע „צווישן־געטאָ־מויערן״ — די גאַסן קאַרמעליצקע, נאַוואָליפּקי און אַ טייל זאַמענהאָף גאַס. דורך די דאָזיקע גאַסן איז פֿאַרבאָטן געווען צו גיין. עס האָט געדראָט דער טויט. דאָס זענען געווען די גאַסן פֿון וואַנעט די געטאָ־ייִדן זענען שוין געווען אַרויסגעפֿירט און דערהרגעט געוואָרן אין טויטלאַגער. איצט זענען די גאַסן געשטאַנען ליידיק, נישט באַוווינט מער. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, און געמוזט ריזיקירן מיטן לעבן, ווײַל די רעשט „פּלאַצוווקע״־אַרבעטער האָבן זיך געזאַמלט לעבן געטאָ־מויער, ראָג גענשע און זאַמענהאָף. דאָרט האָט שוין געוואַרט דער זשאַנדאַרם, מיט דער „אויסווײַז״־נעמען־ליסטע, וואָס האָט אונדז געפֿירט צו דער אַרבעט, מחמת אַליין האָט מען נישט געטאָרט אַרויסגיין אויף דער „אַרישער״ זײַט.

פּונקט ווי אַלע אַנדערע טעג, בין איך אויך אין דעם טאָג פֿון 18טן יאַנואַר, 4 אַ זייגער באַגינען אַרײַן אין גרויסן געטאָ, כּדי צו גיין צוזאַמען מיט דעם רעשט אַרבעטער צום אַרבעטספּלאַץ. ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען כ׳האָב דערזען, אַז חוץ דער דײַטשער וואַך שטייט קיינער נישט בײַם געטאָ־טויער. יעדן טאָג, אין דער זעלבער צײַט, פֿלעגן די באַשעפֿטיקטע ייִדן אויסערן געטאָ זיך זאַמלען אויף דעם אָרט, כּדי אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט, און הײַנט איז פּלוצלינג קיינער נישטאָ. ווען איך האָב געפּרוּווט צוריקגיין, דערפֿילנדיק, אַז דאָ איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, האָט מיך דער דײַטש אַ שלײַדער געטאָן צוריק אין געטאָ אַרײַן.

עס איז נאָך געווען גאַנץ פֿרי. די גאַסן זענען געווען אײַנגעטונקט אין אַ נעפּל. פֿון דער ווײַטנס האָט איינער דעם אַנדערן נישט דערקענט. קיינער איז אין געטאָ שוין נישט געשלאָפֿן. כּמעט אַלע ייִדן זענען געווען וואַך און געשלײַכט זיך אין דער שטיל בײַ די ווענט פֿון די הײַזער, כּדי נישט צו ציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דײַטשן שׂונא, וואָס האָט אויף אונדז געלויערט. בלית־ברירה האָב איך געמוזט זוכן ערגעץ אַ באַהעלטעניש. ווען כ׳בין צוגעקומען

צו ראָג זאַמענהאָף און מילע־גאַס האָב איך פון דער ווײַטנס דער־זען, ווי דײַטשן באַלײַכטן מיט רעפלעקטאָרן אַ טייל הײַזער נאָענט פון דער לובעצקי־גאַס.

נישט געקוקט אויף דער געפאַר, בין איך פאַרט שנעל געלאָפן צו דער מילע נומער 49, וווּ עס האָט געוווינט מײַן ברודער שלמה. דעם ברודער האָב איך געטראָפן איינעם אַליין אין זײַן דירה. זײַן פרוי מיט די 4 קינדער האָבן די מערדער שוין געהאַט אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע. דאָס דאָזיקע גרויסע הויז, וואָס איז ביז נישט לאַנג צוריק נאָך געווען באַוווינט פון עטלעכע הונדערט ייִדישע נפשות, איז כּמעט געווען ליידיק פון מענטשן. די שטובן אויף אַלע שטאָקן זענען שוין געווען חרוב, אָן פענצטער, אָן טירן, אָן פּאָד־לאָגעס. דאָס אַלץ האָבן די נאָך געבליבענע אײַנוווינער פאַרנוצט צום באַהייצן די אויוונס און אָפּצוקאָכן עפּעס צום עסן.

מײַן ברודער און די פּאָר שכנים האָבן שוין געוווּסט, אַז מען האָט הײַנט נישט אַדורכגעלאָזט די „פּלאַצוווקאַזשעס" אויסערן געטאָ און אַז עס גרייט זיך אַ פרישע „אַקציע" פון די דײַטשע מערדער. האָבן זיי זיך געקליבן צו פאַרמאַסקירן די באַהעלטעניש, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם בוידעם־שטיבל אויפן 5טן שטאָק. אין דער באַהעלטעניש איז מען אַרײַן דורך אַ טירל, וואָס האָט זיך געפונען אין קיך אונטערן פענצטער, פאַרמאַסקירט מיט אַ שענקל.

פּינקטלעך 8 אַ זייגער אין דער פרי — אין דער צײַט פלעגן די היטלעריסטן אַלע מאָל אָנהייבן זייערע „אַקציעס" אין געטאָ־לאַגער — זענען פון דער ריכטונג פון לובעצקי־גאַס געפאַלן די ערשטע שאָסן. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז עס האָט זיך אָנגע־הויבן. דאָס איז אויך געווען אַ סיגנאַל, אַז מען דאַרף וואָס גיכער אַרײַן אין דער באַהעלטעניש. עלטערע מענטשן, דער עיקר פרויען, האָבן זיך גלײַך באַהאַלטן. קיין קליינע קינדער זענען שוין דעמלט, ליידער, מער נישט געווען. איך און נאָך צוויי יונגע ייִדן האָבן איבערגענומען די וואַך, כּדי אַכטונג צו געבן ווען די דײַטשע

היטלער־באַנדיטן װעלן זיך נעמען דערנענטערן צו דער מילע־גאַס, און דער עיקר צו אונדזער הויז.

איך האָב פּאַרזיכטיק אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס דורך אַ פענצטערלאַך. די גאַס איז געװען פּוסט, װי אָפּגעשטאָרבן. מענטשן האָבן זיך פאַרשטעקט אין די קעלערס און אין ספּעציעל צוגעגרייטע בונקערס. פון דער װײַטנס זענען בלויז דערגאַנגען די װילדע געשרייען פון די היטלעריסטן און ס׳האָבן זיך געהערט װײַטע אָפּהילכן פון שאָסן. מיט אַ מאָל האָב איך דערזען װי עס לויפט אַ דײַטש מיט אַ רעװאָלװער אין דער האַנט. ער און נאָך עטלעכע היטלעריסטן זענען אַרײַן אין טויער פון דער מילע 34, אַנטקעגנ־איבער דעם הויז פון װאַנען איך האָב אַרויסגעקוקט. װי נאָר זיי זענען פאַרשװונדן טיפער אין דעם הויז, זענען געפאַלן עטלעכע שאָסן. עס האָבן זיך אויך געהערט שטאַרקע אויפרײַסן פון באָמבעס און גראַנאַטן. אַלע האָבן זיך שנעל פאַרשטעקט אין די לעכער־באַהעלטענישן.

ערשט מיט אַ שעה שפּעטער האָבן מיר דערהערט טריט אין אונדזער הויף און באַלד שטאַרקע רופן: „אַלע אַרונטער!" באַגלייט מיט רעװאָלװער־שאָסן און אויפרײַסן פון גראַנאַטן. מורא האָבנדיק אַרײַנצוגיין אין די קעלערס, האָבן די היטלעריסטן דאָרט אַרײַנגעװאָרפן גראַנאַטן, אָדער באָמבעס. עטלעכע דײַטשן זענען געגאַנגען אויף די שטאָקן בײַ אונדז אין הויז, געשריגן און געשאָסן אָן אויפהער. מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם האָבן מיר נאָכגעפאָלגט די טריט פון די מערדער. מיר האָבן אָבער נישט געהערט, אַז זיי זאָלן האָבן װעמען געפונען אין אונדזער הויז. נאָכן דורכנישטערן אַ טייל דירות און באַװאַרפן מיט גראַנאַטן די קעלערס, האָבן די היטלעריסטן פאַרלאָזט דאָס הויז. װען איך בין שוין געװען זיכער, אַז זיי זענען אַװעק, בין איך פאַרזיכטיק אַרויס פון דער באַהעלטעניש און אַראָפּגעקוקט אויף דער גאַס. דאָס ערשטע האָב איך דערזען פינקערטס מתים־װעגענער (באַקאַנטע לװיות־פירמע אין װאַרשע), און אויך אַנדערע האַנט־װעגעלעך, אויף װעלכע

מע האָט געפירט הרוגים פון דער זאַמענהאָף און מילע גאַס אין דער ריכטונג צו דער אָקאָפּאָווע גאַס, צום ייִדישן בית־עולם.

פון דער צווייטער זײַט גאַס האָט מען ווײַטער געהערט שאָסן, געוויינען און מיט אַ מאָל איז שטיל געוואָרן. מען האָט בלויז גע־הערט טריט, אַ סך טריט. דאָס האָט מען געפירט די געכאַפּטע ייִדן צום אומשלאַגפּלאַץ, אויף דער סטאַווקי גאַס, וווּ זיי זענען אַרײַנ־געפּאַקט געוואָרן אין די וואַגאָנען און אַפּגעפירט געוואָרן אין טויטלאַגער אַרײַן, קיין טרעבלינקע. ערשט אַרום 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג האָבן אויפגעהערט די שאָסן־אָפּהילכן.

פון דער פּראַקטיק האָבן מיר געוווּסט, אַז 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג רײַסן איבער די באַנדיטן זייער „אַרבעט" און פאַרשווינדן פון געטאָ. אַלע מאָל נאָך די „לאַפּאַנקעס" פּלעגט ווערן צוריק אַ באַוועגונג אין די געטאָ־גאַסן. דאָס מאָל איז אָבער געווען שטיל. איך האָב נישט געזען קיינעם. די גאַס איז ווײַטער געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז קיינער נישט אַרויס פון די נאָרעס. קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז די מערדער זענען שוין טאַקע אַוועק, און אַז זיי האָבן שוין אויף הײַנט גענוג אַרויסגעפירט ייִדן קיין טרעבלינקע.

פּאַרזיכטיק האָב איך געפּרוּווט אַראָפּגיין אין הויף. אויפן וועג האָב איך קיינעם נישט געטראָפן. איך בין צו צום טויער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. די מילע, זאַמענהאָף און לובעצקי זענען געווען פּוסט. מיט אַ מאָל דערזע איך ווי אויף דער שמאָלע מילע, לעבן דער זאַמענהאָף, זענען פון אַ טויער אַרויס עטלעכע ייִדן און זיך דאָרט פאַרהאַלטן. איך האָב זיך צו זיי דערנענטערט און דערקענט איינעם פון זיי, דעם באַקאַנטן וואַרשעווער טרעגער שׂמחה מאַטש. די דאָזיקע ייִדן און נאָך אַנדערע, וואָס זענען גע־בליבן אין בונקער אויף מילע 22, האָבן זיך אָרגאַניזירט און באַ־וואָפנט, כּדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די דײַטשע מערדער. אַזעלכע באַוואָפנטע גרופּן זענען דעמלט שוין געווען אַ סך מער.

זיי האָבן עס טאַקע דעם 18טן יאַנואַר 1943 אָנגעהויבן דעם קאַמף קעגן די נאַצי־דײַטשע באַנדיטן.

אָט אָ די אַלע אומבאַקאַנטע, פון זייערע נעמען, ייִדן, ייִדישע קרבנות, דאַרפן אויך בײַ יעדער געלעגנהייט באַערט ווערן, ווי די ייִדישע מאַרטירער־העלדן אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער דײַטשער היטלער־פאַשיסטישער ייִדן־פאַרטיליקונג.

אויף דער דערמאָנטער מילע גאַס 34, האָבן ייִדן געוואָרפן אין די דײַטשן פלעשער מיט אויפרײַס־מאַטעריאַל. עס איז פאַרגעקומען אַ שלאַכט. עטלעכע דײַטשן זענען געפאַלן טויט. אַ פאַרביסענער קאַמף איז פאַרגעקומען אויף ראָג זאַמענהאָף און ניסקע, ווו מיט די ייִדישע ווידערשטענדלער האָט שוין אָנגעפירט דער קאָמענדאַנט מרדכי אַניעלעוויטש. אויף דער דזשיקע גאַס נומער 1, האָט משה טשאַמפעל, אויך אַ טרעגער־אַרבעטער, געשאָסן און געהרגעט דײַטשן. ווען די היטלעריסטן האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, איז משה טשאַמפעל באַגאַנגען זעלבסטמאָרד מיט זײַן לעצטער קויל אין רעוואָלווער. ער האָט נישט געוואָלט אַ לעבעדיקער אַרײַנפאַלן צו די דײַטשע באַנדיטן אין זייערע בלוטיקע הענט.

זייער „אַקציע” האָבן די דײַטשן געפירט גאַנצע פיר טעג. יעדן טאָג האָט זיך איבערגעחזרט דאָס נישטערן אין די הײַזער, זוכן ייִדן. די געפונענע זענען געפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע. די היטלעריסטן האָבן געמיינט, אַז עס וועט זיי לײַכט אָנקומען די ענדגילטיקע ליקווידאַציע, דאָס אַרויספירן די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, כּדי זיי דאָרט צו דערמאָרדן.

דער 18טער יאַנואַר 1943 איז פאַקטיש געווען אַווענדפונקט אין דער אויסטערלישער געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ־גיהנום. אַ סך ייִדן האָבן ערשט דעמאָלט באַנומען, אַז מ'קאָן שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנדס־קאַמף קעגן דעם בלוטיקן דײַטשן שונא. דאָס האָט טאַקע באַוויזן דער אויפשטאַנד פון די ייִדישע געטאָ־העלדן אין קאַמף קעגן דעם דײַטשן נאַצי־מערדער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19טן אַפּריל 1943.

די קעמפנדיקע בונקערס

ווען מיר צייכענען אָפּ דעם אָנדענק פון די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און דעם נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג, דעם 19טן אַפּריל — דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן די טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין בונקערס אונטער דער ערד פון געטאָ, כדי זיך צו ראַטעווען צוזאַמען מיט די פרויען און קליינע קינדער פון אַרויסגעשיקט צו ווערן דורך די דײַטשע באַנדיטן אין טויטלאַגער אין טרעבלינקע. אַ סך פון זיי האָבן אָנטייל גענומען אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער דײַטשער אַרמיי. אַ סך וואָכן שוין נאָכן אומקום פון די אָרגאַניזירטע ייִדישע אויפשטענדלער, האָבן די ייִדן פון די דאָזיקע בונקערס ווײַטער נאָך געפירט דעם קאַמף. יעדער בונקער איז געווען אַ באַוואָפנטע פעסטונג קעגן דעם דײַטשן שונא.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען געווען צווייערליי בונקערס: אָפענע, ווו עס האָבן געקענט, בעת די „לאַפּאַנקעס", זיך באַהאַלטן די שכנים פון דעם הויז, ווו דער בונקער האָט זיך געפונען, און עס זענען געווען אויך אַנדערע, פאַרמאַסקירטע בונקערס, געבויטע דורך באַזונדערע פאַמיליעס פאַר זיך אַליין און קיינער אויסער דער משפחה האָט פון זיי נישט געוווּסט. אַזעלכע „פּריוואַטע" בונקערס זענען געווען עטלעכע הונדערט. עס איז שווער פעסטצושטעלן זייער גענויע צאָל. דער עס־עס גרופּנפירער, גענעראַל יורגען סטראָאָפּ, הויפטמערדער בײַם ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ, האָט אין זײַן ראַפּאָרט אָנגעגעבן, אַז די דײַטשן האָבן פאַרניכטעט 631 בונקערס. אין די דאָזיקע אַלע בונקערס האָבן בעתן ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ, בשעת דעם אויפשטאַנד, זיך געפונען עטלעכע טויזנט נפשות.

טונעלן און דורכגענג פון איין הויז אין צווייטן, פון איין הויז־בלאָק אין צווייטן, פון איין גאַס אין דער אַנדערער אַריַין, זענען אין די קעלערוועגט אויסגעהאַקט געוואָרן באַלד אין די ערשטע צייַטן פון פאַרמאַכטן געטאָ. די דאָזיקע אונטערערדישע דורכגענג זענען ס׳רוב געווען פאַרבונדן מיטן אַרייַנשמוגלען אין געטאָ אַריַין פראָדוקטן פון דער פוילישער, אַזוי גערופענער „אַרישער" זיַיט. זיי זענען שפּעטער אויך אויסגענוצט געוואָרן דורך די אויפשטענדלער אין קאַמף מיט די דייַטשע באַנדיטן.

די אינטענסיווקייט פון בויען בונקערס־באַהעלטענישן האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט ווען עס האָבן אין וואַרשעווער געטאָ, אָנהייב 1942, גענומען זיך פאַרשפּרייטן די גרוילִיקע ידיעות, אַז די דייַטשן קלייַבן זיך אַרויסצופירן אַלע ייִדן כּלומרשט אויפן מזרח, קיין רוסלאַנד, אויף אַרבעט, אַז דאָס געטאָ וועט ווערן ליקווידירט. די ערשטע אַזעלכע סיגנאַלן האָבן געשטאַמט פון די צוויי ייִדישע געסטאַפּאָווצעס קאָן און העלער. זיי האָבן דאָס אַנטפּלעקט בייַ אַ רבין אויף דער פּאַוויע גאַס, בייַ וועמען זיי זענען געווען אָפטע איַינגייערס. די ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן געטאָ. עס איז אַנטשטאַנען אַ גוואַלטיקע מהומה. דער יודענראַט האָט דעמאָלט אויסגעקלעבט אין די גאַסן מעלדונגען, אַז קיין שום „אויסזידלונג" וועט פון וואַרשע נישט זיַין און געדראָט, אַז ווער עס וועט אַזעלכעס פאַרשפּרייטן וועט ווערן דערשאָסן. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די באַגרינדעטע שרעק בייַ די געטאָ־איַינוווינער און יעדער ייִד האָט אין איַילעניש געזוכט אַן אויסוועג ווי אַזוי צו ראַטעווען פון אומקום די עלטערן, די פרויען און די קינדער.

דריַי „אויסוועגן" זענען אין יענער צייַט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט דורך די וואַרשעווער געטאָ־איַינוווינער: איין אויסוועג איז געווען זיך צו פאַרבינדן מיט פּאָליאַקן און פּרוּוון זיך ראַטעווען אויף דער „אַרישער" זיַיט. דאָס האָט נישט געהערט צו די לייַכטע זאַכן. צו דעם צוועק האָט מען געמוזט האָבן אמתע ער־

לעבע און מענטשלעכע פרײַנד, וואָס זענען גרייט צו ריזיקירן מיטן לעבן און דערצו אויך אַ סך געלט. דאָס אַלץ האָט געקאָנט גיל־טיק זײַן נאָר פאַר דערוואַקסענע געזונטע מענטשן אָן משפּחות און אָן קליינע קינדער. מען האָט דערבײַ אויך געמוזט האָבן „אַ גוטן אויסזען", קענען אָנגיין אַלס אַן „אַריער", קענען גוט די פּוי־לישע שפּראַך און דער עיקר — נישט זײַן נערוועז, זײַן רויִק, כּדי נישט צו שאַדענען די פּוילישע בעלי־בתּים, ווײַל פאַר אויסבאַ־האַלטן אַ ייִד האָט זיי געדראָט מיט אומקום.

אָבער וועלכער ייִד, וואָס האָט דרײַ יאָר צײַט געלעבט אין די טראַגישע געטאָ־באַדינגענגען איז נישט געווען נערוועזיש, איז נישט געווען שוין קראַנק און פול מיט שרעק? שווידערלעך האָבן די ייִדן אויסגעזען אין וואַרשעווער געטאָ. ס'רוב געשוואָלענע, אָפּגעריסענע, נישט דערנערטע. אַפילו פאַרמעגלעכע ייִדן, וואָס האָבן זיך בעסער דערנערט, האָבן שוין אויך נישט אויסגעזען ווי נאָרמאַלע מענטשן. אויך זיי האָבן זיך שוין לײדער נישט קוואַלי־פיצירט צו לעבן אַלס „אַריער". נישט נאָר דאָס לעבן דאָרט האָט געקענט זײַן באַשווערט, נאָר אַפילו אויך דאָס אַרויסקריגן זיך פון געטאָ דורך דעם געטאָ־טויער, וואָס איז געווען געהיטן דורך דײַטשע זשאַנדאַרן און ייִדישע און פּוילישע פּאָליציאַנטן, איז געווען אַ גרויסע ריזיקע. אַז דאָס באַהאַלטן זיך צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג איז געווען שטאַרק באַשווערט, באַווײַזט אויך דער פאַקט, וואָס זייער אַ קליינע צאָל ייִדן האָבן איבערגעלעבט אויף דער „אַרישער" זײַט. פון 45 טויזנט ייִדן, וואָס זאָלן לויט דער שאַ־צונג זיך האָבן אַרויסבאַקומען פון געטאָ, האָבן קוים בײַ 7 טויזנט איבערגעלעבט אין וואַרשע און אין די שטעטלעך אַרום וואַרשע, אין דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט פון וואַרשע.

דער צווייטער אויסוועג איז געווען אַנטלויפן פון געטאָ אין וואַלד אַרײַן און זיך אָנשליסן צו אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע און דאָרט קעמפן מיטן היטלעריזם. צו דעם זענען פּעיִק געווען נאָר יונגע, דרייסטע מענטשן אָן משפּחות. אַחוץ דעם איז געווען אומגעהויער

שווער פֿאַר אַ ייִד דורכצומאַכן אַזאַ ריזיקאַליש לאַנגן וועג. זייער ווייניק זענען דעריבער פֿון געטאָ אַרויס אין וואַלד אַריַין.

דער דריטער אויסוועג איז געווען — פּרוּוון מיט דער גאַנצער משפּחה זיך באַהאַלטן ערגעץ אין געטאָ גופֿא, אין אַ גוט פֿאַר־מאַסקירטן אָרט אין אַן אויסגעבויטן בונקער אונטער דער ערד. פֿאַרמעגלעכע ייִדן מיט משפּחות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג, האָבן גענומען אין געהיים אַפֿילו פֿאַר זייערע שכנים, בויען בונקערס אונטער הײַזער־חורבות, אויף אַזעלכע ער־טער און גאַסן, וועלכע האָבן זיך געגרענעצט מיט דער „אַרישער זײַט", כּדי צו קענען דאָרט אויפֿבויען געהיימע אַרויסגענג אויסערן געטאָ, פֿאַרן פֿאַל פֿון אַ נויטווענדיקייט צו פֿאַרלאָזן דעם בונקער־קבֿר. ס׳רובֿ אַזעלכע בונקערס זענען געבויט געוואָרן דורך פֿאַכ־לײַט מיט דער הילף פֿון אינזשינירן־ספּעציאַליסטן. די בונקערס פֿון בעטאָן און אײַזן זענען געוואָרן פֿאַרזען מיט שפּײַז אויף אַ לענגערער צײַט און מיט געווער, צו קענען באַשיצן די משפּחות אין פֿאַל ווען די נאַצי־באַנדיטן וועלן פּרוּוון זיך אַרײַנרײַסן.

דער ווידערשטאַנד, דער קאַמף מיט די היטלעריסטישע כּוחות, זיך נישט צו לאָזן אַרויספֿירן אין די טויטלאַגערן אַרײַן, איז לײדער נאָך דעמאָלט געווען אין צושטאַנד פֿון אָרגאַניזירן. די אונטער־ערדישע געטאָ־כּוחות האָבן ערשט געהאַלטן אין רײַף ווערן און אין וואַקסן. דער שטאַרקער טעראָר און די טאָג־טעגלעכע איבער־פֿאַלן פֿון כאַפּן טויזנטער ייִדן און פֿאַרלאָדן זיי אין די פֿערד־וואַגאָנען צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע, האָט שטאַרק אויפֿ־געטרייסלט די געטאָ־באַפֿעלקערונג, צעבראָכן דאָס לעבן און צע־טרעטן די מענטשלעכע ווערדע. דאָס האָט גורם געווען שטאַרקע דערשיטערונגען און ס׳איז דעריבער שווער געווען גיך צו קענען קומען צו זיך און אויפֿהייבן דעם באַוואָפֿנטן קאַמף מיטן שׂונא. איך וויל דערבײַ באַמערקן, אַז די ייִדישע היסטאָריקער, וואָס האָבן טענות צו די אומגעקומענע געטאָ־ייִדן פֿאַר זייער לאָזן זיך פֿירן ווי „די שאָף צו דער שחיטה", דאָס הייסט אָן שום ווידערשטאַנד,

אָן שום קאַמף, דאַרף מען ענטפערן מיט דעם „אַל תדין את חברך עד שתגיע למקומו״ (זאָלסט נישט משפטן דײַן חבר ביז דו וועסט נישט זײַן אין זײַן מעמד).

דער „אויסוועג״ פון אַנשליסן זיך צום ווידערשטאַנד אין קאַמף מיט די דײַטשע באַנדיטן אין וואַרשעווער געטאָ האָט פּאַר מענטשן מיט משפחות, מיט קליינע קינדער נישט געקענט גענומען ווערן אין אַכט. זיי האָבן סײַ ווי מיט גאָרנישט נישט געקענט העלפן אין דעם אומגלײַכן קאַמף. דערפאַר אָבער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד קעגן דער דײַטשער ריזן־אַרמיי אויפן געטאָ־שטח, זענען די דאָזיקע בונקערס נישט געבליבן הינטערשטעליק, זיי האָבן פאַרטיידיקט זייער כבוד, דעם יידישן כבוד און געפירט אַ באַוואָפנטן קאַמף מיטן דײַטשן שׂונא ביזן סוף. ווי שוין דערמאָנט, האָבן זיי וואָכנלאַנג געקעמפט קעגן די היטלעריסטן, אַפילו נאָכן אומקומען פון די אָרגאַניזירטע יידי־שע געטאָ־קעמפער, די אויפשטענדלער. די דײַטשע מיליטערישע מאַכט אַליין האָט געמוזט מודה זײַן וועגן דעם עקשנותדיקן ווי־דערשטאַנד פון די בונקערס, מיט וועלכע זיי האָבן לאַנג נישט געקאָנט זיך געבן קיין עצה. לײדער האָט קיינער פון די דאָזיקע העראָישע געטאָ־קעמפער נישט דערלעבט די באַפרײַונג, נישט דערלעבט די מפּלה פון אכזריותדיקן דײַטשן מערדער־פאָלק.

לאָמיר דעריבער הײַנט, ווען עס דערנענטערט זיך דער נאַציאָ־נאַלער טרויערטאָג נאָך די פאַרטיליקטע יידן און דער יאָרטאָג נאָך דעם העלדישן אויפשטאַנד פון די יידן אין וואַרשעווער געטאָ, בייגן די קעפּ און אָפּגעבן כבוד אויך די געפאַלענע העלדן פון די קעמפנדיקע בונקערס אין וואַרשעווער געטאָ.

10.3.1978

צום פופציקסטן יזכּור־יאָר
דערמאָנונג און וואָרענונג

פופציק יאָר, אַ האַלבער יאָרהונדערט איז שוין אַריבער (1942—1992), זינט די מיליאָנען פאַרשפּאַרטע און געפּייניקטע ייִדישע מענטשן אין די געטאָ־לאַגערן אין די אָקופּירטע אייראָפּעיִשע לענדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם דײַטשן נאַציפאָלק. די מענטשן־הריגות זענען אויסגעפירט געוואָרן אין גאַז־טויט־פאַבריקן פאַר מענטשנמאָרד, וואָס זענען דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט־געשיכטע דערפונדן געוואָרן דורך אינטעלעקטועלע ספּעציאַליסטן, די נאַציאָנאַלע דײַטשע קולטור־שאַפערס. דער ציקלאָן־גאַז איז צוגעשטעלט געוואָרן אין די מאָרד־פאַבריקן דורך דײַטשע כעמישע אונטערנעמונגען. די זעלבע, וואָס פּראָדוצירן ווי באַקאַנט הײַנט ווײַטער, שוין נאָך דער מלחמה, די זעלבע ציקלאָן און נאָך אַנדערע גאַזן, פאַרן געברויך פון די הײַנטיקע נעאָפאַשיסטישע לענדער, ווי פאַר סאַדאַם כוסיינס אַראַבישן איראַק און אַנדערע, כּדי מיט דעם גאַז צו קאָנען רעאַליזירן זייערע אָנגענומענע מאָרד־פּראָגראַמען, לויט די נירנבערגער געזעצן פון 28סטן סעפּטעמבער 1935, און וואַהנזע פון דעם 20סטן יאַנואַר 1942 יאָר, וועגן דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער „יודען־פּראַגע״, וועלכע זייערע קאַמעראַדן, די נאַצי־דײַטשן, האָבן צוליבן פאַרשפּילן זייער בלוטיקע מלחמה, נישט באַוויזן ענדגילטיק צו לייזן, דאָס הייסט אויסצומאָרדן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק.

בײַם דערמאָנען הײַנט דעם טראַגישן ייִדישן נעכטן, פון די דײַטשע מאָרדן אין די געטאָס און די טויטלאַגערן און די אַלגעמיינע הריגה פון די זעקס מיליאָן ייִדישע קדושים — טאָר מען

אָבער נישט נישט וואָרענען אויך פּאָרן נאָענטסטן מאָרגן, וועל־כער איז איצט ווידער באַדראָט דורך די אידעאָלאָגישע יורשים פון די מענטשן־מערדער פון דעם נישט־ווײַטן נעכטן, וואָס איז שוין ווידער אַ מאָל אַקטועל געוואָרן. אַפילו דער טייל לאָיאַלע געזעל־שאַפטן און פּרעסע־אָרגאַנען, וועלכע שוינען ביז אַהער פאָרמעל דאָס דײַטשע פאָלק פון נאָך דער מלחמה, די אַזוי גערופענע „בעסערע" דײַטשן — אויך זיי קומען איצט כּסדר אַרויס מיט לאַרמען וועגן דער פאַקטישער לאַגע, אַז אין דעם זעלבן שוין „פאַראייניקטן" דײַטשלאַנד, וואַקסט און אַנטוויקלט זיך אויף ס'נײַ דער נעאָ־נאַצי עלעמענט, דער זעלבער וואָס האָט געבושעוועט איבער אייראָפּע פאַר און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכן קומען אין דײַטשלאַנד, אין 1933, צו דער מאַכט פון דעם טראַדיציאָנעלן גערמאַנישן באַרבאַריזם, אין געשטאַלט פון היט־לערס נאַצי־פאַשיזם, וואָס דער פועל־יוצא איז געווען, ווי באַקאַנט, דער פעלקערמאָרד וואָס די דײַטשע נאַצימאַכט האָט דורכגעפירט אין די אָקופּירטע אייראָפּעיִשע לענדער.

די דאָזיקע רעאַליזאַציע פון מענטשנמאָרד דורך דעם דײַטשן פאָלק איז דאָך נישט אומגעריכט פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן פון הימל. דאָס אויספירן איז פּרעציז צוגעגרייט געוואָרן (פּונקט ווי דאָס געשעט שוין הײַנט ווידער), דורך ספּעציעלע דערציִער אין די דײַטשע שולן און אומעטום, דורך אַ ברייט־פאַרצווײַגטער פּראָפּאַגאַנדע. טאָג־טעגלעך זענען דערוואַקסענע און יוגנטלעכע דײַטשן דערצויגן געוואָרן מיט דער הילף פון בוך, צײַטונג, ראַדיאָ, שול, קינאָ, טעאַטער און נאָך אַנדערע אופנים, צום פאַרסמען דאָס דײַטשע פאָלק מיט אַנטיסעמיטישן גיפט. דערוואַקסענע דײַטשן און די יוגנט זייערע זענען באַוווסטזיניק און מיט דײַטשער סיסטע־מאַטישקייט און נאַציסטישער מעטאָדישקייט, צוגעגרייט געוואָרן צו די מאָרד־מעשׂים, וואָס זיי האָבן שפּעטער, אין די מונדירן פון עס־עס און עס־דע אויסגעפירט איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דײַטשלאַנד און אין אייראָפּע בכלל.

נאַיִווע מענטשן האָבן געוואָלט גלייבן, אַז אין היינטיקן נאָכ־מלחמהדיקן „בעסערן" דייטשלאַנד האָבן די לערערס אין די שולן, און דער עיקר אין דער היים אַליין די עלטערן, דערצויגן זייערע קינדער, די דייטשע נאָכמלחמהדיקע יוגנט, אין הומאַניטאַרן גייסט, אַז זיי האָבן אין די אויגן פון זייער יוגנט פאַרמיאוסט דעם מענטשן־מערדערלעכן גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דייטשן פאָלק, אונטער דעם טיפיש־דייטשן נאַציאָנאַל־פאַשיזם, דעם היטלעריסטישן קאַניבאַליזם בעת דעם לעצטן קריג. לײדער איז דאָס ווייט נישט אַזוי. די היינטיקע דייטשע יוגנט, מיט דער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אונטערוואַרעמונג־הילף דערצו, דורך דעם ווייט גרעסטן טייל על־טערע שוין דערפאַרענע דייטשן, לעבט ווידער אויף דעם זעלבן היטלעריסטישן אידעען־גייסט פון ראַסנהאַס און פעלקערמאָרד.

דער היינטיקער יזכור־יאָרטאָג דאַרף דעריבער באַטראַכט ווערן אַלס אַ נויטווענדיקע וואָרענונג און ווי אַ לערע פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט. ווער שמועסט נאָך ווען מיר אַלע זענען דאָך אַליין שוין עדות פון דעם פרישן ווידערוווקס פון די זעלבע נעאָ־נאַצי־עלעמענטן און באַוועגונגען אין דייטשלאַנד, און אין נאָך אַ סך אַנדערע לענדער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אויך אַזעל־כע, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער מאַסקעס פון כלומרשטן הומאַניזם, מאָראַל, מענטשן־טאָלעראַנץ, כּדי אין דער מאַסקירטער פאָרם צו קאָנען אַרויסהייבן אויסדערוויילטע פירנדיקע ראַסן פאַר דיסקרי־מינאַציע און פעלקערהאַס, אין גייסט פון דייטשן נאַציסטישן פאַ־שיזם.

בעתן אויפלעבן היינט, צום 50סטן יאָרטאָג, אין זכרון די אויסטערלישע לײַדן און דעם שווערן גוראַנגאַל פון די ייִדן בעת דער דייטשער פאַרטיליקונג, דאַרפן אויך דערמאָנט ווערן געוויסע פאַקטן, וועלכע זענען אַריין אין ייִדישן לעבן אין די אייביקע צייטן אַריין. מען דאַרף דערמאָנען נישט נאָר דעם חורבן, דעם ייִדישן אומקום אַליין. מען דאַרף גלייכצייטיק דערמאָנען און באַקלאָגן דאָס, וואָס די אויסערלעכע וועלט און אונדזערע אייגענע ברידער

אין דער פרײַער וועלט האָבן אַלע גאָרנישט געטאָן, כּדי צו העלפֿן די פּאָלנדיקע קרבנות פֿון דײַטשן מאָרד אין אייראָפּע. דעריבער איז איצט, לײדער, נישט פֿאַראַן גאָרנישט צום פֿאַרצײכענען װעגן װעלכער עס איז הילף, כּדי צו פּרוּוון אָפּשטעלן דעם אויסטערלישן ייִדן־מאָרד. מיר קענען בלויז אָפּמערקן די קרבנות־פֿולע קאַמפֿן און אויפֿשטאַנדן פֿון טייל געטאָ־לאַגערן און קאָנצענטראַציע טויט־לאַגערן קעגן דײַטשן שׂונא, ווען די ייִדן האָבן מיט זייער מאַרטי־רער־קאַמף, אָפּגעראַטעוועט די נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווערדע פֿונעם ייִדישן פֿאָלק.

דאָס איצטיקע אומברענגען די ייִדן איז נישט געווען קיין פּשוטער צופֿאַל, נאָר אַ פּועל־יוצא פֿון דער גערמאַניש־דײַטשער ייִדן־שׂנאה־טראַדיציע במשך פֿון לאַנגע דורות. די ייִדישע גע־שיכטע דערציילט אונדז וועגן גרויליקע מאַסן־שחיטות אין דײַטש־לאַנד איבער ייִדן, שוין פֿון 1010טן יאָרהונדערט אָן. די שרעקלעכע צײַטן פֿון די דײַטשע „קרייצצוגן" האָבן דעמלט באַשריבן מענטשן, וואָס האָבן זיי אַליין איבערגעלעבט. דיכטער האָבן די צרות באַ־זונגען אין קלאָג־לידער און קינות, וואָס מען האָט געלייענט אין די שילן, ווי למשל:

מיט בלוטיקע טרערן, באַקלאָג איך די הייליקע קהילה
פֿון וואָרמס,
אַ ווײ־געשריי רײַסט זיך פֿון האַרץ אויף די הרוגים
פֿון מאַינץ,
די העלדן פֿון גײַסט, וואָס זענען פֿאַרן הייליקן נאָמען
געשטאָרבן
אַ גאָט, נישט פֿאַרשוויַיג מײַן פֿאַרגאָסן בלוט,
בלוט פֿון קינדער, וואָס עלטערן האָבן פֿאַר אַ קרבן
געבראַכט...

פּונקט אַזוי דערמאָנען אַלע ייִדן אין דער וועלט, אויך הײַנט אין אונדזער צײַט, און באַקלאָגן די ייִדן־שואה אין דעם געדענק־

טאָג פון יידישן העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, דעם ניינצנטן אַפּריל 1943.

ווען נישט דאָס פאַרשפּילן די מלחמה, האָבן די דייטשן לייכט געקענט רעאַליזירן היטלערס אָנזאָג צו פאַרניכטן די גאַנצע יידישע ראַסע, ווייל ווען די נאַציס האָבן פאַרגאַזט „בלויז” די זעקס מיליאָן האָט אויך קיינער נישט רעאַגירט קעגן דעם, וואָס דאָס האָט בפירוש באַטייט, אַז אין דער דאָזיקער אויסנעמלעכער „יודען־פראַגע” האָבן אַלע דאָמינירנדיקע פאַקטאָרן אין דער פרייער וועלט דעם נאַציזם געגעבן פרייע הענט. דאָס באַשטעטיקט דער פאַקט, אַז די דייטשן האָבן דעם מאָרד געקענט אויספירן אָפן, נישט באַהאַלטן פאַר קיינעם, פאַר די מערב־אַליאַנס־מאַכטן, פאַרן פויפּסט און נאָך אַנדערע ענלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן אַפילו קיין מאָל נישט פּראָטעסטירט קעגן יידנמאָרד.

דערפאַר טאַקע איז נאָך דער באַפרייונג, מיין, דעם מחברס, פון די דאָזיקע געשיכטלעכע שורות,אומרויקייט, געוואָרן נאָך גרע־סער, נאָך דעם ווי מען האָט זיך דערוווסט וועגן דער שטוינענדי־קער לאַגע פון איבערלאָזן אַליין, אויף הפקר, אָן שום הילף און שוץ, אַלע יידישע מענטשן אין דער אויסנאַמלעך גרויזאַמסטער איינזאַמקייט, בעת דעם פאַרגאַזן זיי צום טויט אין משך פון אַלע מלחמה־יאָרן. קיין שום רעכטפאַרטיקונג דערצו קאָן בשום אופן נישט געמאָלט זיין. דער יידישער מענטש, וואָס האָט אַליין מיט־געמאַכט אַלע פורעניותן פון די פאַרפייניקטע, איז דעריבער זיין מעמד וועגן דעם חורבן צערפולער און מער פאַרשטענדלעך.

מיט שווערן געראַנגל האָב איך איבערגעהאַלטן דעם געטאָ־גיהנום אין דער פוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע, ווּהין די דייטשע מאַכט האָט אַריינגעטריבן אַלע יידן, אין דעם אַרומגערינגלטן פאַרמויערטן און פאַרדראָטעוועטן ענגן ווױן־שטח, אין דעם „יודען־וואָהנבעצירק” (נישט געטאָ). איך בין דאָרט נישט אומגע־קומען, נישט פון די פייניקונגען, נישט פון דעם הונגער, נישט פון דער טיפוס־מגיפה, מיט וועלכע די געטאָמאַכט האָט מהנה געווען

די יִדישע באַפעלקערונג, כּדי זי צו פּאַרפּײַניקן נאָך אויפן אָרט אין געטאָ גופא. אַלע אַנדערע יִדן, וועלכע האָבן פּאָרט נאָך אי־בערגעהאַלטן, זענען אַרויסגעפּירט געוואָרן פון געטאָ און פאַר־גאַזט געוואָרן אין די טויטלאַגערן. איך בין אויך נישט אומגעקומען בעת די קאַמפן מיטן דײַטשן װערמאַכט־מיליטער אין אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד פון די װאַרשעווער געטאָ־לאַגער־העלדן. פון צווישן די אַנטדעקטע אין דער אונטערערדישער בונקער־פּאָזיציע האָבן די נאַציס מיך, צוזאַמען מיט אַ גרופּע קעמפער (אַן אויסנאַם־פאַל) אַרויסגעריסן צו קאַטאָרגע־אַרבעט אויפן װאַרשעווער מערב־װאָקזאַל, פון װאַנעט עס איז מיר דאָך געלונגען צו אַנטלויפן. איך האָב ווײַטער איבערגעהאַלטן דאָס שרעקלעכע, נישט זיכערע, קאָנספּיראַטיווע לעבן אויף דער „אַרישער״ זײַט אין װאַרשע.

איך בין אַרויס גאַנץ פון די אַלע גיהנומס. דערלעבט די פרײַ־הייט, אָבער שוין אָן דער גרויסער משפּחה, אָן דער יִדישער סבי־בה, אָן דעם יִדישן אַרום, פון וועלכן איך בין אַרויסגעקומען. איך בין געבליבן אַן איינזאַמער, פאַריתומטער יִדישער מענטש. אין אָקטאָבער חודש 1944, גלײַך געשטעלט זיך צו דער נייטיקער גע־זעלשאַפטלעכע אויפגאַבע, כּדי צו העלפן די קוים אָפּגעראַטעוועטע רעשטלעך, שרעקלעך צעבראָכענע יִדישע מענטשן העלפן זיי קו־מען צו זיך און װעקן זיי אויף ס'נײַ צום לעבן. איך האָב, צוזאַמען מיט נאָך אַזעלכע יִדן, אָרגאַניזירט דעם איינגעשרומפּענעם יִדישן ישוב פון דער שארית־הפליטה אין דער הינטערשטאָט פּראַגע. װאַרשע איז נאָך אַלץ באַזעצט געװען פון די דײַטשע פאַרברע־כערס.

אַרויסקומענדיק אַ געראַטעוועטער, אַ לעבעדיקער פון יִדישן אומקום־חורבן, דעם אויבן דערציילטן אין גרעסטן דערמאָנונגס־קיצור דורך אַן איבערגעלעבטן פון דער גרויליקער יִדן־שואה, ווי דער עד־ראיה פון דער יִדישער קאַטאַסטראָפע, האָב איך בּסדר זיך געפרעגט, נאָכגעפאָרשט. דאָס געוויסן האָט מיר נישט צו רו געלאָזט — שטאַרק געוואָלט וויסן און פאַרשטיין, ווי אַרום

איז דאָס מעגלעך געווען אַזאַ באַזיניקטער, אָפענער מענטשנמאָרד איבער אַ פאָלק, איבער דעם ייִדישן פאָלק, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אַ צווייט פאָלק, דורך אַ גאַנצער מלוכה־מאַכט, דורך דעם גערמאַניש־דײַטשן מערדערפאָלק, וועלכעס האָט געהאַט אַן אָרט אין דער ציוויליזירטער אייראָפּע, אין דעם געריכטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דערבײַ אויך געפרעגט, ווי עס האָט זיך צו דעם מאָרדאַקט באַצויגן די אַזוי גערופענע הומאַניטאַרע וועלט, די מענטשן אין אַלע פרײַע לענדער, פרײַע פעלקער און מדינות, וועלכע האָבן זיך דעמלט געפונען אויסער דעם אָקופּירטן שטח פון די דײַטשע מענטשנמערדער? אַלע געפּײַניקטע ייִדן אין די שרעקלעכע געטאָס־לאַגערן און קאָנצענטראַציע טויטלאַגערן האָבן דאָך בסדר געוואַרט, געהאָפט אויף דער הילף פון דער אויסערלעכער וועלט, וועלכע איז, ליידער, קיין מאָל נישט געקו־מען.

אַלע רעגירונגען און פעלקער אין דער פרײַער וועלט האָבן גוט געוווּסט וואָס עס געשעט מיט די ייִדן אין די אָקופּירטע לענ־דער אין אייראָפּע און האָבן געשוויגן. זיי האָבן מיושבדיק פאַר־שוויגן דעם פעלקערמאָרד, וואָס די דײַטשן האָבן אָפן און אָפיציעל אויסגעפירט.

דער דאָזיקער מאָרד־גיהנום, וואָס דאָס ייִדישע פאָלק איז אויסגעשטאַנען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך פאַקטיש אַ סך פריער שוין אָנגעהויבן מיט דער רעשיקער נאַצישער „קריסטאָל־נאַכט" אין דײַטשלאַנד גופא. די דײַטשן האָבן פון דעם קיין סוד נישט געמאַכט, נאָר זיי האָבן וועגן דעם ברייט אינפאָרמירט די וועלט. דער אַמעריקאַנער פּובליציסט אַרטור ד. מאָרסע, שרײַבט אין זײַן בוך א.ט. „ווען ס'זענען אומגעקומען 6 מיליאָן", אַז שוין דעם 28סטן אַפּריל 1935 האָט דער דײַטשער אינערן־מיניסטער, ווילהעלם פריק, עפנטלעך אָנגעזאָגט וועגן די נירנבערגער געזעצן אין סעפּטעמבער 1935. אָט אַ די געזעצן זענען אויך געוואָרן דער רעכטלעכער גרונט־יסוד פאַרן היטלעריזם צו

דערמאָרדן די 6 מיליאָן ייִדן. אויך דער אַמעריקאַנער צײַטונגס־אָרגאַן „דער ניו־יאָרק טײַמס" האָט דעמלט גענוי אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס דער גאַולײַטער יוליוס שטרײַכער האָט דערציילט אין ענגן קרײַז פון אַנטיסעמיטישע זשורנאַליסטן פון אייראָפּע און פון ביידע אַמעריקעס, וועגן דעם אַז אויף לייזן די „יודען־פראַגע" וועט זײַן איין איינציקער אופן פון עקסטערמינאַציע: „מען וועט דאָס דאַרפן רעאַליזירן אויף אַ בלוטיקן אופן".

די אַמעריקאַנער רעגירונג און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, אויך אַלע רעגירונגען און פעלקער אין אייראָפּע, האָבן גוט געוווּסט וועגן דעם שוידערלעכן אמת פון דײַטשן ייִדנמאָרד. עס שרײַבט וועגן דעם דער היסטאָריקער פּראָפעסאָר וואָלטער לאַקעיר, אין זײַן בוך א. ט. „דער שרעקלעכער סוד", וואָס איז אין יאָר 1981 דערשינען אין ענגליש, און אין יאָר 1981 אויך אַרויס אויף דײַטש אין אוללשטיין פאַרלאַג אין פראַנקפורט, וועגן דער גרויסער טראַגעדיע, וועגן ספּעציעלן פאַרשווײַגן אַזאַ אויסטערלישע וועלט־געשעעניש, וואָס האָט דערמיט צוגעגעבן חוצפּה דער דײַטשער נאַצימאַכט צו פאַרטיליקן דאָס ייִדנטום אין אייראָפּע.

אויך די באַוווּסטע עוויאַן־קאָנפערענץ פון יאָר 1938, וואָס פּרעזידענט רוזוועלט האָט דעם 6טן יולי צונויפגערופן „כּדי צו געפינען אַ לייזונג פאַר די עמיגראַנטן פון אייראָפּע", האָט געהאַט די זעלבע טענדענץ צו פּראָקלאַמירן עפנטלעך, דורך די אײַנגעלאַדענע 32 מלוכות, זייער נישט גרייט זײַן אויפצונעמען בײַ זיך די אַנטלויפנדיקע מענטשן, כּדי זיך צו ראַטעווען פון דער דײַטשער הריגה. די דײַטשן האָבן דעריבער געקענט לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם דורך מאָרד אויפן אָרט גופא, אין די קאָנצענטראַציע־טויטלאַגערן אין פּוילן און אין דײַטשלאַנד.

די דײַטשן האָבן דעם דאָזיקן גאַז־טויט־אַקט זייערן רעאַליזירט אין די אָקופּירטע לענדער, אין וועלכע די ייִדן־שׂנאה איז געווען צום שטאַרקסטן, ווי מיר האָבן דאָס אַליין געזען, למשל אין פּוילן, ווו די דײַטשן האָבן איינגעאָרדנט אַלע שעכטהײַזער צו קוילענען די ייִדן.

דער פויפּסט יאָהאַן פּאַול דער 2טער, האָט בעת זײַן באַזוך אין אוישוויץ־בזשעזינקאַ, דעם 7טן יוני 1979, דערקלערט: „איך פֿאַרהאַלט זיך צוזאַמען מיט אײַך, טײַערע אָנטיילנעמער אין דאָזיקן צונויפֿטרעף, בײַ דעם טאָוול אין העברעיִש. דער אויפֿשריפֿט רופֿט אַרויס דערינערונגען פֿון פֿאָלק וועמענס זין און טעכטער זענען באַשטימט געוואָרן צו ענדגילטיקער עקסטערמינאַציע. דאָס דאָזיקע פֿאָלק ציט זײַן אָנהייב פֿון אברהמען, וועלכער איז „דער פֿאָטער פֿון אונדזער גלויבן", ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט פּאַול פֿון טאַרסו, ער איז דאָס פֿאָלק, וואָס האָט פֿון יהוה באַקומען דאָס געבאָט „נישט הרגענען", האָט אויף זיך אַליין דערפֿילט דאָס דערהרגעט ווערן. דורך דעם דאָזיקן טאָוול טאָר קיינער נישט דורכגיין גלײַכגילטיק". (איבערגעזעצט נ. זש.).

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דער פּויפּסט יאָהאַן פּאַול דער 2טער האָט אין זײַנע ווערטער נישט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון פֿאָלק. וואָס האָט עובר געווען אויפֿן געבאָט פֿון „לא תרצח" פֿון די עשׂרת הדברות. אפֿשר טאַקע דערפֿאַר, וואָס דער פּאָליאַק וואָס איז אַליין געווען אַ לעבעדיקער עדות פֿון ייִדנמאָרד דורך דײַטשן, וואָס האָבן אונטער די קליידער אויפֿן האַלדז געהאַט אָנגעהאַנגען אויך דעם קרייץ ווי פֿרומע קאַטאָליקן, און דעם נאַציהיטלער האַקנקרייץ־עמבלעם, וועלכער סימבאָליזירט דעם ספּעציפֿיש־געטלעכן נאַצי־פֿאַשיזם.

דער דײַטשער מאָרד איבער די ייִדן און דאָס מיושבֿדיקע שווײַגן פֿון דער וועלט אין די פֿרײַע, נישט־אָקופּירטע לענדער וועט לאַנג פֿאַרנעמען די מוחות פֿון פֿאָרשער־היסטאָריקער. דאָס ייִדישע פֿאָלק וועט מיט פֿאַרביטערונג אײביק דערמאָנען דאָס לאָזן און דערלאָזן צו דער ייִדן־הריגה. אַלע ייִדישע מענטשן וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די לענדער, וועלכע די דײַטשע ווערמאַכט האָט אָקופּירט, האָט דעמלט אָנגעטראָפֿן אויף אַ גאַנץ נײַעם אומגעריכטן צושטאַנד, וועלכער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צום אויסדרוק אין דער מענטשלעכער געשיכטע: ווען די נאַצימאַכט

האָט אָפּן און הפקרדיק אומגעבראַכט ייִדן אין גאַז־טויט־קאַמערן, האָט קיינער נישט רעאַגירט קעגן דעם; זיך נישט קעגנגעשטעלט, נאָך שווײַגנדיק זיך צוגעקוקט צום דאָזיקן פעלקערמאָרד. אויך אַלע מלוכות, וועלכע זענען געווען מיטגלידער אין דער „פעלקער־ליגע" און געהאַט אַזעלכע התחייבותן לגבי אַנדערע פעלקער, האָבן אַפילו נישט פּראָטעסטירט קעגן דײַטשן מאָרד־פאַרברעכן. קיין שום היסטאָרישער דאָקומענט איז דאָס דאָזיקע נישט ביכולת אָפּצופרעגן.

אין משך פון צוואַנציק יאָרהונדערטער מענטשלעכער געשיכטע איז אַזאַ מערדערײַ נישט געווען. ס'איז נישט געשען אַזאַ הפקרות, אַזאַ אָרגיע פון בעסטיאַלישקייט, עס זאָל זיך קאָנען שאַפן דער באַגריף און זאָל אַנטשטיין דער טערמין „מענטשנ־מערדער", מיט וועלכן מען זאָל זיך באַנוצן צו באַצייכענען די דײַטשע פאַרברעכנס. די געשיכטע־מחברים נאָכן נירנבערגער אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל, ווי עס זענען געמשפּט געוואָרן די דײַטשע רעגירונגס־ און פאָלקס־פאַרברעכער, האָבן פאַרצייכנט:

„ווען דאָס דאָזיקע שוידערלעכע וואָרט פון דער מענטשלעכער שפּראַך **פעלקערמערדער** איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די באַשולדיקער פון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל, האָבן די פאַרשטאַרטע פון שטוינונג פעלקער, וועמען די ברוינע דײַטשע פויסט האָט נישט באַוויזן צו דערגרייכן, זיך קוים געקענט אָפּגעבן אַ רעכענונג פון דער שוידערלעכער טראַגעדיע. די פעלקער, דורך וועלכע עס איז אַדורך דער טויט, האָבן מיט אַנגעווייטיקטע הערצער צוזאַמען מיט אַלע מענטשן, אין וועלכע דער דײַטשער פאַשיזם האָט נישט פאַרניכטעט דאָס געוויסן און די מענטשלעכע ווערדע, זיך געזאָגט מיט צוטרוי און האָפענונג, אַז קיין מאָל מער, קיין מאָל וועט קיין שום טריבונאַל, קיין שום ריכטער נישט שטיין פאַר דער נויטווענדיקייט איבערצוחזרן דאָס דאָזיקע וואָרט, ווי פאַר דער דײַטשער נאַציע". הלוואַי וואָלט דאָס אַזוי געוואָרן אין דערווירקלעכקייט!

דער נעאָ־נאַציזם

ווען מיר דערמאָנען דאָ דאָס פּאַרגאַנגענע מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז ווײַט, זייער ווײַט צו קענען זיך באַנוצן מיט וועלכע טרייסט־ווערטער. כּמעט די גאַנצע וועלט איז אויף ס'נײַ שוין פֿאַרפֿלייצט מיט נעאָ־נאַציסטישע אַנטי־ייִדישע גע־שעענישן. דער אַנטיסעמיטיזם בליט מיט וואַנדאַלישע אַקטן. צו פֿיל אָרט וואָלט פֿאַרנומען אויסצורעכענען אַלע געשעענישן און אויך די לענדער פֿון די בליענדיקע נאַציסטישע אַקטיוויטעטן. נישט אַרײַנגערעכנט אויך די לאַגע אין ישׂראל מיט די אַראַבישע שכנים, וועלכעס איז אויך, ווי באַקאַנט, אינספּירירט פֿון דער נאַציסטישער ראַסן־אידעאָלאָגיע, וואָס קומט גאַנץ אָפֿן צום אויסדרוק.

דאָס דאָזיקע דאַרף באַצײַטנס גענומען ווערן אין אַכט, איי־דער עס ווערט צו שפּעט, ווי אין דער נישט ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט. נאָך די יאָרן פֿון דער שואה שטייט דאָס ייִדישע לעבן ווידער אין געפֿאַר. דאָס דאָזיקע באַשטעטיקט אויך דער סאַמע לעצטער וויזיט אין שוועדן. אין מערץ 1992, פֿון דעם „היסטאָריקער" ראָבערט פֿאָריסאָן, דעם פֿאַרלייקענער פֿון ייִדישן אומקום און פֿון באַגאַנ־גענעם מאָרד דורך די דײַטשע נאַציס, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס האָט אים פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן אַראָפּגעבערענגט דער אַראַבער אַכמעט ראַמי, פֿאַרשפּרייטער פֿון אַנטיסעמיטיזם אין שוועדישן ראַיאָן אין נאָמען פֿון איסלאַם. טראָץ דעם וואָס ער האָט געמוזט זיצן אין תּפֿיסה אַלס שטראָף פֿאַר זײַן אַנטיסעמיטי־שער פּראָפּאַגאַנדע, האָט ער געוואַגט צוזאַמען מיטן פֿאַשיסטישן „געלערנטן" פֿאָריסאָן אָפֿן באַקרעפֿטיקן זײַן אַנטי־ייִדישע תּורה. עס איז דערבײַ זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס דער אַראַבישער איסלאַם־נעאָ־נאַציסט איז ביז הײַנט נאָך אַלץ געווען אַ מיטגליד אין דער שוועדישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דעריבער קאָן זײַן האָט ער געקענט געניסן פֿון שוועדישן ראַדיאָ צו העצן קעגן ישׂראל און אויך קעגן די היגע שוועדישע ייִדן. די שוועדישע ישׂראל־ און

יידן־פּריינד, און די היגע ייִדן אַליין, האָבן נישט פֿאַרשוויגן דעם אויסטערלישן וויזיט פֿון פֿראַנצויזישן פֿאַשיסט. אָבער דער פֿאַקט וואָס דאָס געשעט פּונקט איצט, שוין נאָך די 50 יאָר זינט דער ייִדן־שואה, רופֿט אַרויס אַ שטאַרקע פֿאַרביטערונג. פֿאַריסאַנס פֿאַר־שפּרייטן די פּאַשקוויל־ליטעראַטור קעגן ייִדן, איז היינט אַ סך דראַ־ענדיקער, ווי בעת איר דערשיינען אין די 80־ער יאָרן. דעריבער איז די וואָרענונג צו שטיין אויף דער וואַך קעגן די נייע אַנטי־ייִדישע אַקציעס דאָס געבאָט פֿון דער שעה.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט דער בירגערמייסטער פֿון דייטשן שטעטל קאַרשענבראָיך, לעבן דיסעלדאָרף, פֿריש געהאַט שוין די חוצפּהדיקע געוואַגטקייט, אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון דאָר־טיקן מוניציפּאַל־ראַט צו מאָנען: „מען וואָלט באַדאַרפֿט דער־הרגענען עטלעכע רייכע ייִדן, כּדי צו דערגרייכן אַ גלייכגעוויכט אינעם מוניציפּאַלן בודזשעט". דעם דאָזיקן בירגערמייסטער רופֿט מען ווילדערייך פֿאָן שפּיי, און ער איז אַ מיטגליד אין העלמוט קאָהלס פּאַרטיי, די פּאַרטיי פֿון איצטיקן דייטשן רייכסקאַנצלער. דער אויסטערלישער פֿאַקט איז לאַנג באַקאַנט אין דער דייטשער יוסטיץ, אָבער ביז היינט האָט מען נישט געהערט, אַז דער דייטשער אָפּע־נער נעאָ־נאַציסט, מיט זיין מערדער־מחשבה, זאָל האָבן דערפֿאַר באַשטראָפֿט געוואָרן. נישט געקוקט אויף דעם כּלומרשן „קאָכאַימי שיען" (לאָמיר זיך ליב האָבן) מיט דער אָפֿיציעלער דייטשער מלוכה־מאַכט.

עס איז זיך נישט פֿאַרצושטעלן, וואָס פֿאַר אַ דיפּלאָמאַטישער קאָנפֿליקט עס וואָלט אַנטשטאַנען, ווען דער זעלבער נאַצי־בירגער־מייסטער וואָלט דאָס זעלבע געזאָגט: „אַז מען וואָלט באַדאַרפֿט דערהרגענען עטלעכע רייכע ענגלענדער, אָדער רייכע פֿראַנצויזן, כּדי צו דערגרייכן אַ גלייכגעוויכט אינעם מוניציפּאַלן בודזשעט". געוויס וווינען אין דייטשלאַנד אויך גענוג רייכע ענגלענדער און פֿראַנצויזן, אָבער קעגן זיי וואָלט דער דייטש דאָס נישט געוואַגט צו זאָגן. עס וואָלט אויפֿגערודערט געוואָרן גאַנץ אייראָפּע. אָבער

קעגן אונדז ייִדן איז ווידער אַלץ כּשר. מיר שטייען נאָך כּסדר פאַר דעם טויער פון די טרעבלינקעס.

דאָס אויבנדיקע באַטייַט בפירוש, אַז די דייַטשע בעסטיע האָט זיך נאָך נישט אָנגעזעטיקט מיטן ייִדישן בלוט און מיט דעם ייִדישן אָנגערויבטן פאַרמעגן, נאָך יענע אומגעברענגטע זעקס מיליאָן ייִדן, נאָר זי זוכט שוין אויף ס'נייַ מיטלען צו רויבן ייִדיש געלט, מיט דער הילף פון אויסגעפּרוּווטן נאַציסטישן מיטל: „ירושה פון די ייִדן, דורך זייער טויט". דאָס איז דאָך, ווי באַקאַנט, נישט דער איינציקער געשעענער פאַקט אין דייַטשלאַנד פון זינט נאָך דער מלחמה. די דאָפּלטשפּיל פון דער דייַטשער מאַכט איז ביז הייַנט צו טאָג אַדורך אָן וועלכער עס איז אָפיציעלער רעאַקציע מצד דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

ווי מען זעט, איז דאָס ייִדישע לעבן שוין ווידער באַדראָט. נישט בלויז מיט אונטערצינדונגען פון סינאַגאָגעס, אָדער שענדונ־גען פון אַנדערע ייִדישע הייליקטימער, נאָר מיר זענען שוין באַ־דראָט פונקט ווי בעת דעם היטלער־פּעריאָד. מיר זענען לויטער איינזאַם און אומבאַהאָלפן צו דעם וואָס וואַקסט ווידער אָן אין דער וועלט קעגן דעם ייִדישן פאָלקסלעבן. דער בייַשפּיל איז איצט אויך אין געוועזענעם ראַטנפאַרבאַנד. אַפילו שוין נאָכן פאַרשווינדן פון דעם בלוטיקן סטאַליניזם. די אַנטיסעמיטישע „פּאַמיאַט"־מגפה דראָט אויך מיט נאָכטאָן דעם דייַטשישן נאַצי־בייַשפּיל, קעגן די מיליאָנען ייִדן אין די סאָוועטישע לענדער. די דאָרטיקע פאַרצווייפלטע ייִדן לעבן אָן אַן אויסוועג, צוליב ישׂראלס שוועריקייטן זיי צו אַבסאָרבירן מיט אַ גרויסער שנעלקייט.

דער רויב־עלעמענט אין דייַטשן נאַציזם

דער נאַציסטישער „אידעאָלאָגישער" זין אומצוברענגען די ייִדן איז פאַר די דייַטשן געווען דער עיקר, כּדי צו קאָנען ווערן דער יורש, דער בעל־הבית פון פאַרמעגן נאָך די פאַרטיליקטע ייִדן. זיי האָבן זיך אָריענטירט לויטן כּלל: „אַז כּל זמן עס לעבט דער

יורידישער אייגנטימער, איז מען נישט זיכער מיטן רויב״, און דע־ריבער געצילט וואָס גיכער פּטור צו ווערן פון רעכטלעכן באַזיצער פון צוגערויבטן אייגנטום, וואָס האָט לויט נישט קיין גענויער אויסרעכענונג באַטראָפן הונדערטער מיליאַרדן רייכסמאַרק. דער רויב איז געווען פאַר זיי, פאַר דער דייטשער רעגירונג, אַ וויכטי־קער פינאַנסיעלער צושטייער צו דער קריגספירונג. מיטן אָנגע־רויבטן יידישן קאַפּיטאַל האָבן זיי באַרייכערט דאָס פאַרמעגן פון דייטשן פאָלק. דעריבער איז דייטשלאַנד היינט אויך רייך, נישט ווי נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דייטשן האָבן נאָכן ווערסאַלער טראַקטאַט, זיך געהאַט געוואַלגערט הונגעריקע אויף די גאַסן — ביז דער פאַשיסטישער, היטלעריסטישער נאַצי־סיסטעם האָט זיי אויסגעלייזט.

מיר וועלן דאָ פאַרשטייט זיך נישט אויסרעכענען דעם דייטשן רויב נאָך די דערהרגעטע דורך זיי מיליאָנען יידן. דאָס וואָלט פאַר־נומען צו פיל אָרט, ווייל דאָס איז באַשטאַנען פון טויזנטער וואַגאָ־נען קליידער פון די טויטלאַגערן, וואָס זענען געפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. צענדליקער טאָנען גאָלד אויך אין שטאַבעס (143 טאָן), פון די גאָלדענע ציין אַרויסגעריסענע דורך די דייטשן פון די מיילער ביי די פאַרגאַזטע יידן. הונדערטער זעק מיט האָר פון די טויטע פרויען. חוץ די גאָלדענע מענער־ און פרויען־זייגערלעך. די צוגערויבטע מאַשינען, פאַבריקן גאַנצע, געשעפטן מיט סחורות, קונסטווערק און אַנדערע יידישע אוצרות אין דעם ווערט פון הונ־דערטער מיליאַרדן דייטשע מאַרק. צו דעם אַלעם האָבן זיך מודה געווען די דייטשע רעגירונגס־פאַרברעכער, וועלכע זענען באַלד נאָך דער מלחמה געמשפּט געוואָרן אויפן נירנבערגער אינטער־נאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל. אויך אַ סך אָפיציעלע דייטשע דאָקומענטן אין פאָרם פון דעקרעטן באַשטעטיקן היינט דאָס זעלבע. אָט זענען אייניקע פון זיי:

שוין דעם 10טן נאָוועמבער 1939 איז לויט הערמאַן גערינגס פאַראָרדענונג אַנטשטאַנען אַן אָרגאַניזאַציע אונטערן נאָמען

Hauptreuhandstelle-Ost, וואָס איז מיט דער צײַט געוואָרן דער הויפּטאָרגאַן פון דער דײַטשער אָקופּאַציע־מאַכט פאַר ענינים פון קאָנפיסקאַציע פון גאַנצן ייִדישן פאַרמעגן. גערינגס צווייטע פאַר־אָרדענונג פון 28סטן נאָוועמבער האָט געשאַפן די רעכטלעכע באַזע פאַר קאָנפיסקירן אַלע ייִדישע רוישטאָפן און האַלב־פאַבריקאַטן פאַר דער דײַטשער קריגסווירטשאַפט.

אַ דריטע פאַראָרדענונג פון גערינגן, פון 17טן סעפּטעמבער 1940, האָט דעקרעטירט די קאָנפיסקאַציעס פון גאַנצן ייִדישן באַוועגלעכן און אויך אומבאַוועגלעכן פאַרמעגן. אַלע באַנק־קאָנטעס זענען געוואָרן פאַרבלאָקירט. אויך פון די לאָמבאַרדן זענען ייִדישע משכּנות אַוועקגענומען געוואָרן דורך די דײַטשע רויבער.

די „אָפּעראַציע״, די דײַטשע אַקציע פון פיזישן פאַרניכטן די ייִדן, האָט אַלס גאַנצע, אין פּרינציפּ אַרומגענומען 4 אָפּשניטן: 1) די דעפּאָרטאַציע אין די טויטלאַגערן גופא; 2) דאָס אויסנוצן דאָס אַנגערויבטע באַוועגלעכע אייגנטום בײַ די ייִדן אין לויף פון דער דעפּאָרטאַציע; 3) דאָס איבערנעמען מאַשינען, פאַבריקס־אײַנריכטונגען, סחורות, רוישטאָפן וכד׳. וואָס זענען געבליבן נאָכן אַרויספירן די ייִדן אין די טויטלאַגערן אַרײַן, ווי אויך די חובות, וואָס מען איז שולדיק געווען ייִדן אין לאַנד און אין אויסלאַנד; 4) אויסנוצן די ייִדישע אַרבעטסקראַפט דורך דער דײַטשער אינדוסטריע.

אומצוברענגען די ייִדן איז געווען, ווי דערמאָנט, אַ ריין באַנדיטישע אויסרעכענונג „פון מאָרד אויף רויב״. דעריבער אויך, אַפילו ווען די פאַרשפּילטע מלחמה איז שוין דערגאַנגען צו איר סוף, האָבן די ספּעציעלע דײַטשע מאָרד־בריגאַדעס, ביז דער לעצטער מינוט נישט אויפגעהערט די פאַרניכטונג פון די ייִדן אומעטום. זיי האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז די אייגנטימער פון צוגערויבטן פאַרמעגן זאָלן נישט דערלעבן, נישט קאָנען צוריק אָפּנעמען בײַ דײַטשלאַנד דעם רויב.

דעריבער טאַקע האָבן באַלד נאָך דער מלחמה די לעבן גע־

בליבענע ייִדן, די שארית־הפליטה, און שפּעטער ישׂראל, נאָכן אויפקומען פון דער מדינה, געהאַט די מעגלעכקייט פּאָרמעל און יורידיש — אויפן סמך פון די סאַמע דײַטשע דאָקומענטן — אָפּ־צונעמען צוריק, בײַ דער דײַטשער נאָכמלחמהדיקער אַדמיניסטראַ־רעגירונג, דאָס אָנגערויבטע ייִדישע פאַרמעגן, אַלס החזרה הממונות, גזלנות אחרי רציחה (אומקערן צוריק דעם רויב פון די דערהרגע־טע ייִדן).

די ראַסן־טעאָריע

אין דעם הײַנטיקן פּופּציקסטן יזכּור־יאָר דאַרף אויך אָפּ־געפרישט ווערן אין זכּרון די דײַטשע נאַציסטישע אידעאָלאָגיע, אויף וועלכער עס איז כּלומרשט אָנגעשפּאַרט די רעכטפאַרטיקונג פון דײַטשן מענטשנמאָרד. אַלס פּרעטעקסט אויף צו רעכטפאַרטיקן דעם ייִדנמאָרד און פאַרדעקן דערמיט אויך דעם רויב פון די פאַרטיליקטע ייִדן, האָבן בײַ די נאַצי־דײַטשן דאָמינירט כּלומרשטע „העכערע” אידעאָלאָגישע מאָטיוון. די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס זע־נען געוואָרן אַקטועל פאַר די ראַסן־גײַסטער, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיטן מלוכה־רודער האָט אָנגעפירט דער רע־אַקציאָנערסטער גערמאַניש־דײַטשער עלעמענט. דורך די דאָזיקע הענקערס האָבן זיי געטרוימט צו לייזן אַלע נאַציסטישע „וועלט־פּראָבלעמען”, וועגן וועלכן עס חלומען אויך אַנדערע, נישט נאָר בלויז די דײַטשע רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגן. אַפילו בײַם הײַנ־טיקן טאָג, און אַוודאי נאָך דער זעלבסט־אויפלייזונג פון סאָוויע־טישן באָלשעוויזם, דאַרף מען וועגן אָט דעם גרונט־יסוד פון דער רעאַקציע אויך נישט פאַרגעסן.

די דײַטשע נאַציסטישע ראַסן־טעאָריע, וואָס איז דער תּוך פון דער גאַנצער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, האָט אײַנגעטיילט די מענטשהייט אויף פּולווערטיקע, צום הערשן באַ־רופענע פעלקער, און מינדערווערטיקע, שעדלעכע ראַסן. זיי האָבן נישט בלויז צוגעלאָזט דעם געדאַנק, נאָר בפירוש אָנגעוויזן אויף

דער ראַסן־ביאָלאָגישער נויטווענדיקייט צו פּאַרטיליקן מינדער־ווערטיקע ראַסן, למשל ייִדן, וואָס זענען שעדלעך פאַר דער אַב־סאָלוטער הערשאַפט און אויסשפּרייטונג פון דער העכערער ראַסע (דער גערמאַנישער). די דאָזיקע פּאָליטישע ביאָלאָגיע, וואָס אין איר באַגרינדונג און אויפבויונג האָבן זיך באַטייליקט דײַטשע וויסנשאַפטלערס מיט אַ וועלטנאָמען, האָט די נאַציס געגעבן דעם וויסנשאַפטלעכן הכשר אויף דער אויסראָטונג פון דעם אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

ווי עס שרײַבט ישעיה טרונק, אין זײַן אַרבעט „דער פּאַרניב־טונגס־פּראָצעס פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין דער נאַצי־תּקופה" (אַ ציטאַט): „אין דעם שטרעבן פון די דײַטשע נאַציס צו אַ „מאָ־ראַלישער רעוואָלוציע" פון דער מענטשהייט, וואָס האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן אונטער דער לאָזונג: „צוריק צום גערמאַניזם" און „הערשאַפט פון קראַפט", און אויסמעקן אַלע געשיכטלעכע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן מין, אויפן געביט פון סאָציאַלער עטיק, די הויך מענטשלעכע עטיק, וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמירט אין די גײַסטיקע שאַפונגען פון ייִדנטום, און איז געוואָרן דער מאָראַלישער קנין פון רוב פון דער מענטשהייט — האָט פאַר־געשטעלט מיט זיך אַ שטאַרקע פּסיכישע שטערונג, אויפן וועג פון צו רעאַליזירן די דאָזיקע „רעוואָלוציע פון ניהיליזם" אין די רייען פון דײַטשן פאָלק, און בײַ אַלע פאַרשקלאַפטע פעלקער. די דאָזיקע טיפע אינעווייניקסטע שטערונג, וואָס האָט געפענטעט דאָס חייִשע אין דעם דײַטשע נאַציזם, האָט גערייצט און אַרויסגערופן טיפן האַס צו דעם היסטאָרישן טרעגער פון דער דאָזיקער עטיק און מאָראַל".

דעריבער איז שוין פאַר דער פּראַקטישער רעאַליזירונג פון די אויבן אידעאָלאָגיש אָנגעצייכנטע דײַטשע נאַציאָנאַל־פּאָליטי־שע און עקאָנאָמישע צילן געשטעלט געוואָרן דער טעכנישער אַפּאַראַט פון דער גרויסער דעספּאָטישער מלוכה־מאַכט, פון דײַטשן היטלער־פאַשיזם, וואָס האָט אָנגעוואָנדן אַלע, אַפילו די

סאַמע פאַרברעכערישסטע מיטלען, כּדי זיי צו דערגרייכן. ביי דער דאַזיקער מאָרד־אויפגאַבע זענען באַשעפטיקט געוואָרן ספּעציעל וואָרבירטע, ריינע ראַסיסטישע דייטשן: 410.000 רייכס־דייטשן, 300.000 פאָלקס־דייטשן, 50.000 פון דער גערמאַנישער ראַסע און 150.000 דייטשן ספּעציעל געבראַנגטע פון אַנדערע לענדער. חוץ ווי באַקאַנט, גרויסע שטאַבן עס־עס פון די סאַטעליטן־לענדער. דאָס אַלץ האָט געטאָן די מאָרדאַרבעט אין די אייראָפּעיִשע אָקו־פּירטע לענדער, ווו עס האָבן זיך געפונען די מינדערווערטיקע ראַסן, דער עיקר די ייִדן.

אויב די אַנדערע נביאות פון די דייטשע הענקער, ווי למשל, די „טויזנטיעריקע" הערשאַפט איבער דער וועלט, זענען נישט מקוים געוואָרן, איז דער מאָרד איבער די מיליאָנען ייִדן, לענדער, אין אַ גרויסער מאָס, יאָ פאַרווירקלעכט געוואָרן.

*

מיר האָבן שוין נישט איין מאָל געשריבן וועגן גיהנום־לעבן אין געטאָ און וועגן דער דייטשער ייִדן־פאַרטיליקונג. אָבער ווי אַן עדות פון דעם אויסטערלישן, דאַכט זיך אָפּט, אַז נישט אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן. אַזוי, זעט אויס, וועט דאָס פאַרבלייבן אויף ווייטער, אויך דערפאַר, ווייל אין דער שטילער שלום־צייט, נאָכן ייִדישן מבול, איז דאָס געשעענע שווער צו באַגרייפן. דער שׂכל, די מענטשלעכע פאַנטאַזיע אַפילו, קאָן זיך אַזעלכעס נישט פאָרשטעלן. חוץ דעם זענען מענטשן אין אַלגעמיין און ייִדישע מענטשן בכלל, נוטה צו פאַרגעסן די שווידערלעכע קאַטאַסטראָ־פע, כאָטש מע פילט נאָך שטאַרק אָפּ דאָס פעלן פון די נאָענטסטע, און דעם גרויסן קולטור־שעפערישן פאַרלוסט, און דאָס געמיט איז כּסדר באַהערשט פון אַ ציטער איבער דעם מאָרגן. נישט אומזיסט!

אין יאָר 1939 האָט אייראָפּע שוין צוזאַמען מיטן אייראָפּעיִשן טייל פון דעם געוועזענעם ראַטן־פאַרבאַנד, געציילט ביי 11 מיליאָן

ייִדן. אויף דער גאַנצער וועלט איז געווען אַן ערך 17 מיליאָן מיט 600 טויזנט ייִדן. די דײַטשע קאַניבאַלן האָבן אויסגעקוילעט זעקס מיליאָן ייִדן אין אייראָפּע. דאָס הייסט 63,2 פּראָצענט פון אייראָ־פּעיִשן ייִדנטום און איין דריטל פון וועלט־ייִדנטום.

צווישן די געפאַלענע 14 מיליאָן זעלנער אין די שלאַכטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען געווען הונדערטער טויזנטער ייִדישע זעלנער און אָפיצירן. די דאָזיקע געפאַלענע גייען נישט אַרײַן אין חשבון פון די זעקס מיליאָן הרוגים. די זעקס מיליאָן אונדזערע פאַרשניטענע ברידער און שוועסטער האָבן זיך נישט געפונען אויף די שלאַכטפעלדער, נאָר אין הינטערלאַנד. דאָס איז געווען אַ ציווילע באַפעלקערונג, וואָס האָט קיינעם נישט אַטאַקירט, נישט מיט געווער און נישט מיט קיין דראָונגען. די זעקס מיליאָן האָבן נישט געהאַט קיין מלוכה, נישט קיין רעגירונג. זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט, אין רעבעלעבן זינען, דערקלערן קיין קריג קיינעם. נאָר זיי זענען באַפאַלן געוואָרן דורך דײַטשע באַנדיטן און דערהרגעט געוואָרן פשוט ווי אומשולדיקע ציווילע ייִדישע מענטשן.

אויף דער פּוילישער ערד, ווו ס'איז אויך געווען דאָס אַלגע־מיינע שעכטהויז פון ייִדנמאָרד, אונטער דעם שטיוול פון ברוינעם דײַטשן פאַשיזם, איז פּאַרטיליקט געוואָרן 95 פּראָצענט פון דעם דריַי און אַ האַלב מיליאָניקן ייִדישן ייִשוב אין פּוילן, און נאָך מיליאָנען אַנדערע ייִדן געבערענגטע פון דרײַ וועלטטיילן און פון 25 באַזונדערע לענדער, וועלכע מען האָט מאַסנווײַז געפירט אין די טויטלאַגערן פון אוישוויץ, טרעבלינקע, בעלזשעץ, מאַידאַנעק, כעלמנאָ און נאָך אַנדערע דײַטשע מאָרד־פאַבריקן.

נאָך דרײַ יאָר גיהנום־לעבן, נאָך דעם ווי עס זענען שוין זינט דעם 22סטן יולי 1942 אַרויסגעריסן געוואָרן 400 טויזנט ייִדישע נפשות פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, האָבן די רעשט איבער־געבליבענע בײַם לעבן, אָנגעהויבן אַ ווידערשטאַנדס־קאַמף, קעגן דעם נאַצי־דײַטשן מערדער. קיינער אין געטאָ האָט זיך נישט גע־

לאָזט פּרײַוויליק אַרויספירן אין טויטלאַגער אַרײַן. דאָס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד.

די יידישע אויפשטענדלער האָבן געפירט אַ האַרטן, פאַר־ביטערטן קאַמף מיט געווער אין די הענט, קעגן דעם בלוטיקן דײַטשן שונא. עס זענען געפאַלן טויטע פון ביידע זײַטן. דאָס „הערנפּאַלק״ האָט באַקומען טויטקלעפּ פון די מינדערווערטיקע יידישע געטאָ־קעמפער. וואָס לענגער ס׳האָט זיך פאַרצויגן דער ווידערשטאַנד, אַלץ פאַרביסענער זענען געוואָרן די ווערמאַכט־זעלנער און די וואַפן־עס־עס. די אַקציע, דער קאַמף וואָס האָט אָפּט געדויערט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

אין רעזולטאַט פון דער אומאויפהערלעכער באַשיסונג און צעשטערונג פון די יידישע קאַמפס־פּאָזיציעס דורך אַלע דײַטשע אַרמיי־כּוחות, איז זיי געלונגען — לויט דעם ראַפּאָרט פון גענעראַל סטראָאָפּ, דעם באַנדיטישן דײַטשן אָנפירער פון די געטאָ־קאַמפן, צו ליקווידירן 36.065 יידן. צו דעם וואָלט מען נאָך געדאַרפט צו־געבן די צאָל דערהרגעטע יידן, וועלכע זענען אומגעקומען דורך פאַרגאַזט ווערן, דורך אויפרײַסן און שׂריפות.

די „גראָסע אַקציאָן״, ווי עס האָט דאָס אָנגערופן אין זײַן טעגלעכן ראַפּאָרט דער דײַטשער מערדער־גענעראַל, איז געוואָרן פאַרענדיקט דעם 16טן מאַי 1943, 20 אַ זייגער מיט 15 מינוט — מיטן אויפרײַסן און צעשטערן די וואַרשעווער יידישע סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס.

דער העראָישער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָלאַגער, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער סדר־נאַכט, דעם 19טן אַפּריל 1943, און האָט אָנגעהאַלטן מער ווי 40 טעג, צווישן באָמבאַרדירטע און ברענענדיקע הײַזער, האָט אַרויסגערופן באַוווּנדער אין דער גאַנצער וועלט, און איז געוואָרן אַ קוואַל פון דערמוטיקונג פאַר די פעלקער, וואָס זענען אַליין אויך געווען פאַרשקלאַפט בײַ די זעלבע נאַציסטן, די דײַטשע אָקופּאַנטן־מערדער. די דאַטע פון דעם נײַנצנטן אַפּריל איז דעריבער דורך אַלע לעבן געבליבענע יידן, די

שארית־הפליטה פון יידישן אויפשטאַנד, באַשטימט געוואָרן, ווי דער אייביקער געדענק־טאָג פאַר אַלע יידן אויף אַלע צייַטן.

די יידישע קאַמפן אין דער היטלעריסטישער עפּאָכע קעגן די דייַטשע מענטשנמערדער (עס זענען געווען אויפשטאַנדן אויך אין אַנדערע געטאָס), זענען די טראַגישסטע און דערבייַ אויך די העראָישסטע אין קאַמף פון פעלקער קעגן פאַשיזם. דער יידישער געראַנגל מיט די דייַטשע קאַניבאַלן וועט געוויס אויך אינספּירירן אַלע ווייַטערדיקע קאַמפן פון די יידן און פון אַנדערע פעלקער פאַר פרייַהייט און פאַר מענטשלעכער ווערדע.

בייַם באַהאַנדלען דאָס געשעענע מיט איבער 50 יאָר צוריק, טאָר מען אויך נישט, נישט אונטערשטרייַכן, אַז יענע דאָמינירנדיקע אַליאַנס־כּוחות פון דער פרייַער וועלט, וועלכע האָבן דערלאָזט צו דער אויסראָטונג פון די אייראָפּעיִשע יידן, זענען אויך הייַנט ווייַט פון צו זייַן אמתע, אויפריכטיקע יידן־פרייַנד. דאָס פילט מען אָפּ אויך פון די לעצטע, נאָר וואָס פאָרגעקומענע מאָרד־געשעענישן אין דער ישׂראל־אַמבאַסאַדע אין אַרגענטינע, מיט אַזוי פיל יידישע קרבנות, וועלכעס איז אויך דער פּועל־יוצא פון געראַנגל צו דער־פירן צו אַ שלום צווישן ישׂראל מיט די אַראַבישע שכנים. דאָס דאָזיקע באַאומרויִקט אויף ס'נייַ דאָס פאָלק אין ישׂראל און אין דער וועלט. דאָס דריקט אויפן יידישן לעבן נאָך שטאַרקער איצט, בייַם דערמאָנען און וואָרענען קעגן דעם ווידערוווּקס פון די יידן־שׂונאים אין דער מערב־וועלט און אין די אַראַבישע לענדער, וועלכעס באַדראָאַט די עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה. מיר ווילן גלייבן, אַז ישׂראל וועט געפינען די מעגלעכע, ריכטיקע וועגן, כּדי פאָרט צו דערגרייכן אַ שלום מיט די שכנים, צו פאַרמיידן אַ מלחמה, צו וועלכער עס שטרעבן אַלע שׂונאים פון יידישן פאָלק.

עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז נאָך דעם ווי די דייַטשן האָבן אומגעברענגט די זעקס מיליאָן יידישע קדושים,

איז אין יִדישן לעבן אַריַינגעטרעטן אַ נײַע היסטאָרישע ווענדונג. עס איז אויף ס׳נײַ אַנטשטאַנען די אייגענע יִדישע מדינה, דאָס ישׂראל־לאַנד. מיר ווילן דעריבער דערוואַרטן, אַז די יִדישע מדינה וועט, אַלס מלוכה־פאַקטאָר, קאָנען גורם זײַן צו דעם, אַז אַזאַ יִדן־שׂואה זאָל שוין קיין מאָל מער זיך נישט איבערחזרן, און אַז די יִדן, דאָס גאַנצע יִדישע פאָלק זאָל ענדלעך שוין קאָנען לעבן אין דער ציוויליזירטער וועלט, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּול־ווערטיקע מענטשן־בירגער, אָן דיסקרימינאַציעס און אָן יִדן־שׂנאה.

די הײַנטיקע דערמאָנונגען צו דער פופציקסטער יאָרצייט פון דײַטשן יִדנמאָרד זענען גלײַכצײַטיק אַ וואָרענונג קעגן די ווידער אַקטועלע דראָונגען, וועלכע האָבן פריש אָן אָרט אין זעלבן דײַטש־לאַנד און אין אַנדערע לענדער. דעריבער איז הײַנט אויך אַ גע־לעגנהייט פאַר דער מאָביליזאַציע פון אַלע כּוחות אין קאַמף פאַר די אינטערעסן פון דער יִדישער נאַציע, און אויך פאַר רו און שלום פאַר אַלע פעלקער, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

1992

אין הויף־קאַמיטעט אויף מילע 43

עס איז געווען סוף 1942. אין וואַרשעווער געטאָ איז צוגלייַך מיט דער כּסדרדיקער שרעק און פאַרצווייפלונג פון די היטלעריס־טישע מערדערייַען, אויך געוואַקסן דער הונגער און די נויט. אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט די טיפוס־עפּידעמיע, וועלכע האָט געזייט טויט צווישן דעם אָרעמסטן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

כּדי צו האָבן פאַר וואָס צו קויפן ברויט, האָבן ייִדן געמוזט אויספאַרקויפן אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט אַ ווערט פאַר די פּוילי־שע שמוגלער, וועלכע האָבן זיך צו דעם צוועק אַרייַנגעגנבעט אין געטאָ אַרייַן פון דער אַרישער זייַט. עס איז דעמלט אַנטשטאַנען דער האַנדלס־באַזאַר אויף דער לובעצקי גאַס, וועלכער האָט זיך געצויגן פון דער ניסקע ביז גענשע, ווו ייִדן האָבן געהאַנדלט מיט זייער אָרעמקייט.

נאָך ערגער איז געוואָרן די לאַגע, ווען מען האָט שוין געהאַט אַלץ אויספאַרקויפט. דער יקרות איז כּסדר געוואַקסן. ברויט האָט געקאָסט טייַער און די ברויט־צוטיילונג אויף די קאַרטן איז געווען צו ווייניק, און אָפט מאָל האָט מען אַפילו די דאָזיקע קאַרגע פּאַר־ציעס אויך נישט באַקומען. אַ ייִד האָט באַקומען צוגעטיילט אויף דער ברויט־קאַרטע דרייַ קילאָ מיט 250 גראַם ברויט אויף אַ גאַנצן חודש.

דער הונגער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו זייער סאָלידע מענטשן פלעגן זיך דערלויבן אַרויסצוכאַפּן פּראָדוקטן פון די קייש־לעך אַרויס, וואָס פרויען פלעגן מיט גרויס מי איינקויפן פאַר זייערע קינדער.

אין אַ געוויסן זונטיק־טאָג, האָב איך צוגעזען אויף דער מילע גאַס, ווי דער זון פון מײַן געוועזענעם בעל־הבית, ווי איך האָב פאַר דער מלחמה געאַרבעט, זייער אַן אינטעליגענטער בחור, האָט אַרויס־געכאַפּט בײַ אַ פרוי פון קױשל אַ שטיק ברויט און עס גלײַך אויפן אָרט אויפגעגעסן. זײַן מוטער האָט פאַר מיר שטאַרק געוויינט און זיך פאַרענטפערט, אַז זי קען דעם זון קיין עסן נישט געבן, ווײַל זי אַליין הונגערט און איז געשוואָלן. קיין אַרבעט קען ער נישט באַקומען, איז ער פון הונגער אַראָפּ פון זינען.

אין די דאָזיקע שוידערלעכע באַדינגונגען, צו וועלכע עס האָט דערפירט דער דײַטשער היטלער־פאַשיזם, האָבן מענטשן פאַרלוירן זייער ווערדע. ייִדן פלעגן אַרויסלייגן בײַ נאַכט די געשטאָרבענע משפחה־מענטשן, נאַקעטע אויף דער גאַס, צוגעדעקט מיט אַ צײַטונג־פּאַפּיר, כּדי די קליידער פון די געשטאָרבענע צו קענען פאַרקויפן אויף אַ שטיקל ברויט, צו דערנערן די נאָך לעבן געבליבענע קינדער און קראַנקע. מען האָט אויך אונטערגעוואָרפן די טויטע, ווײַל מען האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן דעם חסד־של־אמת די 20 זלאָטעס פאַרן אַרויספירן די טויטע אויפן בית־עולם.

ס׳זענען אויך געווען אַנדערע ייִדן, אַזעלכע, וואָס האָבן גע־זוכט וועגן, כּדי איבערצוהאַלטן די מוראדיקע שווערע צײַט. זיי זענען אַוועק צו פאַרשידענע אַרבעטן אויף דער אַרישער זײַט. זיך געלאָזט כאַפּן צו דער אַרבעט אויף „פּלאַצוווקעס" צום אויסלאָדן שטיינקוילן פון די וואַגאָנען אויף די וואַרשעווער באַנסטאַציעס. מײַן שכן פרידמאַן האָט פון זײַן פּלאַצוווקע יעדן טאָג אַרײַנגע־שמוגלט אין געטאָ אַרײַן אַ פּאָר קילאָ קוילן. באַהאַלטן הינטער די פּאָלעס פון זײַן פּאַלטן און אַזוי אַרום, ביז אַ געוויסער צײַט, צו־געהאָלפן זײַנע אַלטע עלטערן זיך דערנערן. טייל האָבן זיך פאַר־נומען מיטן אַרײַנשמוגלען פּראָדוקטן דורך די טויערן פון געטאָ, און האָבן, ס׳רוב, דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן.

גרויסע פאַרדינסטן בײַם דערנערן דעם אָרעמסטן טייל פון דער באַפעלקערונג אין געטאָ, האָט געהאַט די ייִדישע זעלבסטהילף־

אָרגאַניזאַציע א. נ. „זשיטאָס", אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען ד"ר עמנואל רינגעלבלום. דער היסטאָריקער, וועלכער האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן פון געטאָ־לעבן, וועמענס אַרכיוו ס'איז נאָך דער באַפרײַונג טיילווײַז אָפּגעפונען געוואָרן.

די „זשיטאָס"־אָרגאַניזאַציע איז געווען די איניציאַטאָרין פון שאַפן די הויז־קאָמיטעטן, וועלכע האָבן נישט ווייניק געהאָלפן צו באַשפּײַזן די אײַנוווינער פון הויף און אַזוי אַרום עטוואָס פאַרלענגערט דעם אויסדויער פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידן אין וואַרשעווער געטאָ.

אַזאַ קאָמיטעט, פּונקט ווי אין אַ רײ אַנדערע הייף, האָט אויך עקזיסטירט אין דעם הויף, וווּ איך האָב געוווינט, אויף מילע גאַס נומער 43, איינער פון די אָרעמסטע הייף אויף דער גאַס.

ס'רוב אײַנוווינער פון דעם דאָזיקן הויף איז באַשטאַנען פון האָרעפּאַשניקעס, שנײַדערס, שוסטערס, סטאָלערס אדג"ל. דער הויף איז געווען אַ שמוציקער. עס האָבן זיך דאָרט געפונען שטאַלן פאַר פערד און בהמות. די נאַסע קעלער־שטיבלעך זענען געווען געדיכט באַוווינט פון משפּחות מיט אַ סך קליינע קינדער. דער טיפוס האָט דאָ געהאַט דעם גרעסטן שניט. בלויז אין משך פון איין חודש זענען אויף דער שרעקלעכער קרענק געשטאָרבן 60 מענטשן.

דער הויף־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע 5 פּערזאָן: באַוטשע טייטלבוים, אַ יונג מיידל, געשטאַמט פון דער באַוווּסטער וואַרשעווער בעקער־משפּחה, פּראַש. זי איז געווען אַקטיוו צווישן די קינדער פון דאָזיקן הויף; טרײַבער — אַ פרומער מענטש, אַ מילך־ייִד מיט אַ גרויסער משפּחה. ער האָט זײַן קו אויסבאַהאַלטן אין אַ פאַרמאַסקירטער שטאַל און דערפון געשעפּט חיונה. ער האָט אויך געהאָלפן מיט מילך די קראַנקע קינדער פון די שכנים.

אַן אַקטיווער טוער פון קאָמיטעט איז געווען אברהם קאַהאַן, אַ פּראָגרעסיווער מענטש. געלעבט האָט ער פון דעם, וואָס זײַן פרוי האָט פאַרדינט אין יידישן שפּיטאָל. די ווײַטערדיקע מיטגלידער פון הויז־קאָמיטעט זענען געווען: דער האַנטווערקער פינקעלקרויט, אַ

געוועזענער מיטגליד פון די לינקע פועלי־ציון און דער שרײַבער פון די דאָזיקע שורות, וועלכער איז געווען דער פּאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט. ער האָט געאַרבעט אויף אַ „פּלאַצווקע" אויף דער אַרישער זײַט.

כאָטש דער קאָמיטעט האָט זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשידענע פֿראַגן, ווי קולטור, היגיענע און אַנדערע, איז אָבער די גרעסטע ענערגיע פֿאַרווענדט געוואָרן אויף דער באַשפּײַזונג פון די אײַנ־ווױנער פון הויף. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין געטאָ האָבן שוין עקזיסטירט קיכן, וועלכע האָבן אין אַ געוויסער מאָס באַשפּײַזט די אָרעמסטע, האָבן אָבער נישט אַלע געקאָנט באַקומען דעם טעלער זופּ. מען איז דעריבער געצוווּנגען געווען צו שאַפֿן אַן אייגענע הויף־קיך. ס'רוב פּראָדוקטן האָט געגעבן די „זשיטאָס"־אָרגאַניזיציע און דאָס איבעריקע האָבן געגעבן טייל אײַנוווינער פון דעם דאָזיקן הויף.

די קיך האָט אַ געוויסע צײַט געפירט נאָרמאַל די אַרבעט. יעדן טאָג איז אָפּגעקאָכט געוואָרן גרויסע טעפּ עסן, וואָס פלעגט פֿונאַנדערגעטיילט ווערן צווישן די הונגעריקע אײַנוווינער פון הויף — ביז די היטלעריסטן האָבן באַגרענעצט דאָס צופירן פּראָדוקטן אין געטאָ אַרײַן. אויך די „פּלאַצוווקאַזשעס", וועלכע פלעגן ביז איצט, אומקערנדיק זיך פון דער אַרבעט אויף דער אַרישער זײַט, מיט־ברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן און אַזוי אַרום לינדערן דעם הונגער, האָבן די היטלעריסטן גענומען שטאַרק שיקאַנירן און צונעמען אַלץ, וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט בײַם אַדורכגיין די טויערן אין געטאָ אַרײַן.

אַ חוץ דעם איז די אַרבעט פון די הויף־קאָמיטעטן געוואָרן פּאַראַליזירט דורך די טאָג־טעגלעכע „לאַפּאַנקעס" און אַרויספירן טויזנטער ייִדן אין טויטלאַגער קיין טרעבלינקע.

אויך פון הויף אויף מילע גאַס נומער 43 האָבן די היטלעריסטן צוגענומען אַ סך מענטשן. דאָס האָט גורם געווען, אַז דער קאָמי־טעט האָט געמוזט צוקאָאָפּטירן נײַע מענטשן צו דער אַרבעט, צווישן

זיי מענדל טייטלבוים, אַ געוועזענער פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין וואַרשע און דעם זייגער־מאַכער גריזיק, וועלכער האָט געלעבט פון דעם, וואָס דער פּאָליאַק קלאָזע האָט אַרײַנגעשמוגלט אין געטאָ זייגערלעך צום פאַרריכטן.

די צאָל אײַנוווינער אין אונדזער הויף איז געוואָרן פון טאָג־צו־טאָג אַלץ וויניקער. די קליינע קינדער זענען כּמעט אַלע אויסגעשטאָרבן פון טיפוס און הונגער. אויך די דערוואַקסענע זענען בּסדר אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. אַ טייל זענען ביי די „לאַפּאַנקעס״ און בלאָקאַדעס אַרויסגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

שטיל איז געוואָרן אין דעם ענגן, ביז נישט לאַנג נאָך טומל־דיקן, הויף אויף מילע גאַס 43. דער קאָמיטעט איז שוין מער נישט געווען נייטיק.

פעלקערמאָרד

רופט מען די הריגה, וואָס דײַטשן האָבן אויסגעפירט איבער ייִדן

כּדי אויפצולעבן איצט, צום 45־סטן יאָרטאָג, דעם זכּרון וועגן די לײַדן און דעם גוראַנגל פון די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, בעת דער דײַטשער פאַרטיליקונג, וועלן מיר דאָ פּרוּוון דערמאַנען געוויסע פאַקטן, וואָס זענען געבונדן מיט דער געשיכטע פון אונדזער ייִדישן לעבן. די דערמאַנונגען זענען אָנגעפּילט מיטן חורבן, מיטן ייִדישן אומקום. קיין שום רעטונגס־מאָמענטן זענען, לײדער, נישט פאַראַן צום פאַרצייכענען. די גאַנצע צײַט פון דער ייִדן־הריגה איז נישט געקומען קיין הילף פון קיינעם, כּדי אָפּצושטעלן דעם ייִדן־מאָרד. נאָר אין קרבנותפולן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער קעגן דעם נאַצי־דײַטשן שונא, דעם 19־טן אַפּריל 1943, האָבן די ייִדן מיט זייער מאַרטירער־קאַמף אָפּגעראַטעוועט די מענטשלעכע ווערדע פונעם געניזוקטן ייִדישן פאָלק.

נאָך דער באַפרײַונג, נאָך דער מלחמה, נאָך דעם ווי ס׳זענען אומגעברענגט געוואָרן די זעקס מיליאָן ייִדישע קדושים — איז ערשט געקומען אַ נײַע ווענדונג פאַרן ייִדישן לעבן, וועלכע איז נישט די איצטיקע טעמע. עס איז אַנטשטאַנען אויף ס׳נײַ אַן אייגענע מלוכה, דאָס ישׂראל־לאַנד. מיר דאַרפן דעריבער האָפן, אַז די נײַע ייִדישע מדינה וועט, אַלס מלוכה־פאַקטאָר, קענען גורם זײַן צו דעם, אַז אַזאַ אויסטערלישע קאַטאַסטראָפע זאָל שוין קיין מאָל זיך נישט קענען מער איבערחזרן און אַז ייִדן, דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, זאָל שוין ענדלעך קענען לעבן אין דער ציוויליזירטער וועלט, פּונקט

ווי אַלע אַנדערע פּאָלוּוערטיקע מענטשן־בירגער. אָן דיסקרימינאַציע, אָן יידן־שׂנאה.

✶

דעם נײַנצנטן אַפּריל 1988 ווערט 45 יאָר זינט דעם העראָישן יידישן אויפשטאַנד און ווידערשטאַנד־קאַמף קעגן די נאַצי־דײַטשע קאַניבאַלן, וואָס איז אויסגעבראָכן אין 19־טן אַפּריל 1943, און איז דער סימבאָל, דער הויכפּונקט פאַרן הייליקן יזכּור נאָך דער גרעס־טער היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע פון יידנטום, וואָס איז געשען אין דער ערשטער העלפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אין דעם גערימטן יאָרהונדערט פון דער העכסטער טעכניק און וויסנשאַפט אין דער מענטשלעכער געשיכטע.

די דײַטשע קריגסמאַכט־אָרגאַנען, אין נאַציסטישן היטלער־פעריאָד, האָבן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די אָקופּיר־טע דורך זיי אייראָפּעישע לענדער, אויסגעהרגעט, אויף אַן אויס־טערלישן אופן, זעקס מיליאָן אומשולדיקע יידישע מענטשן בלויז דערפאַר, ווײַל זיי זענען געווען יידן.

מען דאַרף דערבײַ דערמאָנען, אַז די הריגה, בעת דער צוויי־טער וועלט־מלחמה, איבער די יידן, איז בײַ די דײַטשן רײַף געוואָרן, אַלס פּועל־יוצא פון דער גערמאַניש־דײַטשער יידן־שׂנאה במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. די געשיכטע דערציילט וועגן גרויליקע מאַסן־הריגות אין דײַטשלאַנד איבער יידן שוין פון 10־טן יאָרהונ־דערט אָן: די יידן־מאָרדן אויף די שײַטערהויפנס אין די דײַטשע שטעט דורך מחנות „קרייצטרעגער” בײַם סוף פון 11־טן יאָר־הונדערט, בעת דעם „שוואַרצן טויט” אין 14־טן יאָרהונדערט (1319—1348). אויך שפּעטער, אונטער אַנדערע בייזוויליק־צוגע־טראַכטע בלבולים, זענען יידן דורך דײַטשן פאַרפּײַניקט געוואָרן אויף טויט.

דאָס אַלץ איז געשען נאָך לאַנג פאַרן אַנטשטיין, אין די 30־ער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט, פון דער נאַציאָנאַל־פאַשיסטישער,

היטלעריסטישער מאַסן־באַוועגונג. די דאָזיקע דײַטשע מאַכט איז געוואָרן דער מאָטאָר און רעאַליזאַטאָר אויף אומצוברענגען דאָס מיליאָניקע ייִדנטום אין אייראָפּע.

לגבי די ייִדן אַלס פאָלק איז דער נאַציאָנאַל־־פאַשיסטיש דײַטשער ענדציל געווען, צו מאַכן די גאַנצע וועלט „יודען־ריין". דעם 3־טן יאַנואַר 1939 האָט דער רײַכסקאַנצלער פון דער דײַטשער מלוכה, אַדאָלף היטלער, אין זײַן היסטאָרישער רעדע אין רײַכסטאַג, אַנגעזאָגט דער וועלט: „אויב ס'וועט אויסברעכן אַ נײַע מלחמה, וועט זי זיך פאַרענדיקן מיט דער פאַרניכטונג פון דער ייִדישער ראַסע". דער רײַכסקאַנצלער אַדאָלף היטלער האָט דאָס דאָזיקע דערקלערט אין נאָמען פון דעם 63 מיליאָניקן דײַטשן פאָלק, וואָס האָט אים דעם 31־סטן יולי 1932, בײַ די וואַלן צום רײַכסטאַג, געבראַנגט צו דער מאַכט. די דײַטשע געשיכטע האָט אים אַרויסגעשטעלט ווי דעם פירער פון גאַנצן דײַטשן פאָלק. די שולד פון דער ייִדן־הריגה טראָגט דעריבער נישט בלויז די נאַצי־פּאַרטיי, נאָר דאָס גאַנצע דײַטשע פאָלק.

ווען נישט די פאַרשפּילטע מלחמה, האָבן די דײַטשן לײַכט געקענט רעאַליזירן היטלערס „אַנזאָג" וועגן פאַרניכטן די ייִדישע ראַסע, ווײַל, ווען זיי האָבן „בלויז" דערמאָרדעט די זעקס מיליאָן, האָט אויך קיינער פון דער פרײַער וועלט און פון די אַליאַנס־מלוכות נישט רעאַגירט קעגן דעם. דאָס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דעם נאַציזם, אין דער דאָזיקער אויסנאַם־פראַגע, געגעבן פרײַע הענט. אַלס באַשטעטיקונג אויף דער דאָזיקער השערה קען דינען דער פאַקט, וואָס די דײַטשן האָבן דעם ייִדנמאָרד אויסגעפירט אין גאַנצן אָפן נישט באַהאַלטענערהייט פאַר קיינעם.

אויף דעם אַרויסגעשיקטן ראַפּאָרט פון 15־טן נאָוועמבער 1942 יאָר, דורך די פאַראייניקטע אונטערערדישע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשעווער געטאָ, צו דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן, און דורך איר צו די רעגירונגען פון ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, און אויך צו די וויכטיקסטע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס

אין אַמעריקע, ווי דעם „ייִדישן וועלט־קאָנגרעס״ — איז קיין ענט־פער נישט געקומען און אויך נישט קיין שום הילף.

עס איז באַוווּסט, אַז דער דאָזיקער ראַפּאָרט איז דערגאַנגען צו די אַדרעסאַטן. עס איז אויך באַוווּסט, אַז זיי האָבן מיושבדיק גאָרנישט געטאָן, כּדי צו פּרוּוון ראַטעווען די אומגעקומענע ייִדן אין די געטאָס פֿון אָקופּירטן פּוילן.

אַלע רעגירונגען און פֿעלקער האָבן גוט געוווּסט וואָס עס גע־שעט מיט די ייִדן אין די אָקופּירטע לענדער און האָבן געשוויגן. זיי האָבן פֿאַרשוויגן דעם פֿעלקערמאָרד, וואָס עס האָבן אין איי־ראָפּע אויסגעפֿירט די דײַטשן.

די גאַז־טויטפֿאַבריקן אין אוישוויץ, אין טרעבלינקע, אין מאַי־דאַנעק און אין נאָך אַנדערע דײַטשע מאָרדפֿלעצער האָבן געאַרבעט אָן שום שטערונג פֿון קיינעם. די רײַכס־אינדוסטריע מיט אירע אויסלענדישע שותּפֿים, האָט צוגעשטעלט דעם ציקלאָן־גאַז פֿאַר די מאָרדפֿאַבריקן אויף צום פֿאַרגאַזן אַ גאַנץ פֿאָלק, דאָס ייִדישע פֿאָלק. דעם אויסטערלישן מאָרד איבער קליינע קינדער און דערוואַקסענע מענטשן האָט אויסגעפֿירט די נאַציע, וואָס גייט ווײַטער נאָך אַלץ אָן אַלס דאָס כּלומרשטע „קולטורפֿאָלק״, טראָץ דעם וואָס דער נירנבערגער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונאַל האָט זיי, די דײַטשע מלוכה־מענער אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, באַצייכנט מיטן נאָ־מען : **פֿעלקערמערדער** !

אין משך פֿון צוואַנציק יאָרהונדערטער מענטשלעכע געשיכטע איז אַזאַ מערדערײַ נישט געשען. ס׳איז נישט געשען אַזאַ הפֿקרות, אַזאַ אָרגיע פֿון בעסטיאַלישקייט, עס איז נאָך נישט געווען דער באַ־גריף, דער טערמין, מיט וועלכן מען זאָל זיך קאָנען באַנוצן צו באַצייכענען די דײַטשע היטלעריסטישע פֿאַרברעכנס.

„ווען דאָס דאָזיקע שוידערלעכע וואָרט פֿון דער מענטשלעכער שפּראַך איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די באַ־שולדיקער פֿון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל, האָבן די פֿאַרשטאַרטע פֿון שטוינונג פֿעלקער, וועמען די ברווינע דײַטשע פֿויסט האָט נישט

באַוויזן צו דערגרייכן, זיך קוים געקענט אָפּגעבן אַ רעכענונג פון דער שווידערלעכער דראַמע. די פעלקער, דורך וועלכע עס איז אַדורך דער טויט, האָבן מיט אָנגעווייטיקטע הערצער צוזאַמען מיט אַלע מענטשן, אין וועלכע דער דײַטשער פאַשיזם האָט נישט פאַר־ניכטעט דאָס געוויסן און די מענטשלעכע ווערדע, זיך געזאָגט מיט צוטרוי און האָפענונג, אַז קיין מאָל מער, קיין מאָל וועט קיין שום טריבונאַל, קיין שום ריכטער נישט שטיין פאַר דער נויטווענדיקייט איבערצוחזרן דאָס דאָזיקע וואָרט".

שוין צום וויפלטן מאָל, אין אַלע יזכור־צײַטן, פרעגן מיר זיך מיט ווייטיק און שטוינונג די פראַגע, ווי האָט דאָס געקאָנט געשען, אַז אין דער מאָדערנער און קולטורעלער אייראָפּע, זאָלן מענטשן האָבן געגרייט פאַר מענטשן אַזאַ טײַוואָלאַניש גיהנום. צי דאַרף מען באַנוצן דאָס וואָרט „מענטשן" אין באַצוג צו די דײַטשע מאַסן־הענקער פון פרויען און קינדער, פון מאַמעס און טאַטעס? מיט וואָס פאַר אַ טערמין, אין ביאָלאָגישן זין, דאַרף מען באַצייכענען די דאָזיקע מאָנסטערס פון מאָרד און פאַרניכטונג? די דאָזיקע צווייפיסיקע דײַטשע בעסטיעס, אויסערלעך ענלעך צו אונדז. זיי געהערן דאָך צום זעלבן מין, וואָס די וויסנשאַפט באַצייכנט מיטן נאָמען: „האָמאָ סאַפּיענס" — דער שׂכלדיקער מענטש.

✶

אויב די דײַטשן האָבן לגבי אַנדערע פעלקער, וואָס זענען באַ־טראַכט געוואָרן דורך זיי אַלס ראַסיש־מינדערוווערטיקע, אָנגעוואָנדן קעגן זיי בלויז פאַרשקלאַפונג. אויסגענוצט זיי צו שווערער קאַ־טאָרגע־אַרבעט. צוגענומען בײַ זיי די קינדער צום דערציִען אין גײַסט פון דער גערמאַנישער ראַסע, האָבן זיי אָבער די יִדן, דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, באַשטימט אין גאַנצן אומצוברענגען.

דאָס האָבן די נאַציס רעאַליזירט אין די דאָזיקע אָקופּירטע לענדער, אין וועלכע די יִדן־שׂנאה איז געווען אַמשטאַרקסטן. ווי מיר האָבן דאָס אַליין געזען, למשל, אין פּוילן, וואָס אין דעם לאַנד

האָבן די דײַטשן אײַנגעאָרדנט אַלע שעכטהײַזער. טראָץ דעם וואָס די ברייטסטע שיכטן פון דער פוילישער באַפעלקערונג, בדרך־כּלל, האָבן דעמלט געהאַט אַן אַנטי־דײַטשע איינשטעלונג, דאָך אין דער „ייִדן־פראַגע״ האָבן ס׳רוב מיט התמדה מיטגעאַרבעט מיט דער דײַטשער אָקופּאַציע־מאַכט. אין דאָזיקן אָקופּירטן לאַנד, אויף די אויגן פון דער פוילישער באַפעלקערונג, האָבן די דײַטשן געקאָנט אומגעשטערט אויספירן זייערע פּלענער פון דער הריגה איבער דער מיליאָניקער ייִדישער באַפעלקערונג פון פוילן, און אויך דערהרגע־נען דאָרט די געברענגטע ייִדן פון אַנדערע אייראָפּעישע לענדער.

דעריבער איז אויף דער „אַרישער״ זײַט אין וואַרשע, אין מאַי 1944, אויף דער געשאַצטער צאָל 45 טויזנט ייִדן אַנטלאָפענע פון געטאָ, געוועזן קוים בײַ 15 טויזנט. דערפון האָבן 10 טויזנט באַ־קומען כּסדרדיקע שטיצע פון דער „ייִדישער אונטערערדישער קאָ־אָרדינאַציע־קאָמיסיע״ און פון „ראַט צו העלפן ייִדן״. אַ סך זענען אומגעקומען בעת דעם פוילישן מיליטערישן אויפשטאַנד, און אַנדערע פון די הענט פון דער נ. ס. ז. (פוילישע פאַשיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע).

דער נאַציסטיש „אידעאָלאָגישער״ זין אומצוברענגען די ייִדן איז פאַר די דײַטשן געוועזן דער עיקר, כּדי צו קענען ווערן דער יורש, דער בעל־הבית פון פאַרמעגן נאָך די פאַרטיליקטע ייִדן. זיי האָבן זיך אָריענטירט לויטן כּלל: „אַז כּל־זמן עס לעבט דער יורידישער אייגנטימער, איז מען נישט זיכער מיטן רויב״, און דע־ריבער געצילט וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון רעכטלעכן באַזיצער פון צוגערויבטן אייגנטום, וואָס האָט לויט נישט קיין גענויער אויס־רעכענונג באַטראָפן הונדערטער מיליאַרדן רײַכסמאַרק. דער רויב איז געווען פאַר זיי אַ וויכטיקער פינאַנסיעלער צושטײַער צו דער קריגס־באַוואָפענונג. מיטן אַנגערויבן ייִדישן קאַפּיטאַל האָבן זיי באַרײַכערט דאָס פאַרמעגן פון דײַטשן פאָלק.

פאַר אַ קלענער אילוסטראַציע וועט כּדאי זײַן צו ברענגען עטלעכע דאָקומענטירטע פאַקטן. דער נאַצי־דײַטשער פינאַנס־

מיניסטער פּאָהל האָט אויפן נירנבערגער פּראָצעס, דעם 5־טן אויגוסט 1946, איבערגעגעבן אין זײַנע דערקלערונגען, אַז אויף דער אײַנלאַדונג פון פּרעזידענט פון דער רײַכסבאַנק און ווירט־שאַפטס־מיניסטער פונק, און וויצע־פּרעזידענט פוהל, האָט ער באַזוכט די שאַצקאַמער פון דער רײַכסבאַנק און געלאָזט זיך ווײַזן די שטאַבעס גאָלד און אַנדערע טײַערע חפצים, וואָס זענען געלעגן אין ספּעציעלע קאַסטנס. דער גרעסטער טייל פון דאָזיקן צוגערויבטן גאָלד איז באַשטימט געוואָרן צו פאַרגרעסערן די גאָלדזאַפּאַסן פון דײַטשלאַנד. גרויסע צאָלן גאָלד, ווי למשל צייןגאָלד פון די דערהרגעטע מיליאָנען מענטשן, זענען פאַרוועגדט געוואָרן דורך דער עס־עס.

אַ טייל פון די גרויסע שטאַבעס גאָלד זענען נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דײַטשלאַנד אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט. די פּוילישע רעגירונג האָט אַרויסגערוקט אַ פאָדערונג צו דער קאָמיסיע פון די דרײַ גרויס־מאַכטן — אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרײַך — צוריקצוגעבן איר 143 טאָן גאָלד, צוגערויבטן אין פּוילן. די פאָדערונג איז כסדר אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דאָס דאָזיקע גאָלד איז אויך צוגערויבט געוואָרן בײַ די פּוילישע ייִדן נאָך דעם דערהרגענען זיי. עס פרעגט זיך דעריבער: ווו זענען אַהינגעקומען די דאָזיקע שטאַבעס גאָלד, די 143 טאָן? האָבן די גרויסמאַכטן אפשר דאָס גאָלד אָפּגעגעבן פאַר די לעבן־געבליבענע ייִדן? אָדער גאָר דאָס אַליין אַראָפּגעשלונגען?

די מיניסטאָרן פּאָהל און פראַנק (פאַרמשפּט אויפן נירנבערגער פּראָצעס, וועלכע די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט גיך באַפרײַט), האָבן אויך געהאַט געשלאָסן אָפּמאַכן מיטן דערמאָנטן ווירטשאַפטס־מיניסטער פונק, וועגן צושטעלן פאַרשידענע טעקסטיל־סחורות, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט בעת די עקסטערמינאַציע־אַקציעס. דעם 6־טן פעברואַר 1943 האָט דער זעלבער פראַנק אַרויסגעשיקט צו הימלערן אַ געהיימען ראַפּאָרט וועגן דעם, אַז פון די 825 וואַגאָנען

מלבושים, וועלכע עס האָבן צוגעשטעלט בלויז מאַידאַנעק און אוישוויץ און וואָס שטאַמען פון ייִדן, האָט ער געגעבן דעם רײַכס־ווירטשאַפט־מיניסטער 570 וואַגאָנען, ווײַטער — 270 וואַגאָנען זע־נען געגאַנגען פאַר פאָלקסדײַטשן. דער רעשט 44 וואַגאָנען איז פאַרנוצט געוואָרן דורך אַנדערע.

אַחוץ מלבושים זענען אויך צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַנדערע ווערטפולע זאַכן. פראַנק האָט אויפן נירנבערגער פּראָצעס דער־ציילט, אַז ביזן סוף אַפּריל 1943 האָט ער איבערגענומען 94 טויזנט מענער־זייגערלעך. 33 טויזנט פרויען־זייגערלעך, 25 טויזנט גאָלדענע שרײַב־פעדערס. חוץ נאָטירלעך די הונדערטער און טויזנטער קילאָ־גראַם פרויענהאָר, גאָלדענע ציין און אַנדערע זאַכן וועגן וועלכע ער דערמאָנט נישט אין גאַנצן.

נאָך דער פאָרמעלער פאַרענדיקונג פון דער „רײַנהאַרדט־אָפּע־ראַציע" (מאָרדן און באַרויבן די ייִדן), האָט פּאָהל אַרויסגעגעבן נאָך איינִיקע געהיימע פאַראָרדענונגען, ווי די פון 9־טן דעצעמבער 1943 און פון 4־טן יולי 1944, אין וועלכע ער קלערט אויף אַלע פּאָליציי־פירער און די עס־עס־ווירטשאַפטלער, אַז אין אַמט 2־א, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון פראַנקן, דאַרפן דורכגעפירט ווערן אַלע שלוס־אָפּרעכענונגען פון ייִדישן פאַרמעגן דורך פאַרשידענע עס־עסישע קאָמאַנדאָס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט דער ליקווידאַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

דאָס דאָ פאַרצייכנטע איז געווען אַ גאָר קליינער, אַ נישטיקער טייל פון דעם ריזן־פאַרמעגן, וואָס די דײַטשע רעגירונג האָט אײַנ־געזאַמלט נאָך דער ייִדן־פאַרטיליקונג.

אומברענגען די ייִדן איז געווען, ווי דערמאָנט, אַ ריין באַנדיי־טישע אויסרעכענונג „פון מאָרד אויף רויב". דעריבער אויך, ווען די פאַרשפּילטע מלחמה איז שוין דערגאַנגען צו איר סוף, האָבן די ספּעציעלע דײַטשע מאָרדגרופּן, ביז דער לעצטער מינוט נישט אויפ־געהערט די פאַרניכטונג פון ייִדן אומעטום. זיי האָבן געזאָרגט דער־

פאַר, אַז די אייגנטימער פון פאַרמעגן זאָלן נישט דערלעבן, און נישט קענען צוריק אָפּנעמען בײַ דײַטשלאַנד דעם רויב.

מיט אומעט דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז דאָס צוגעוואָרפענע און אָנגענומענע ביינדל פון דײַטשן הענקערס ייִדנרויב — די שילומים־מטבע — איז אַ חילול־הקודש לגבי די אומגעקומענע ייִדישע קרבנות, און דאָס זעלבע אויך אין באַצוג צו די לעבן־געבליבענע, די שארית־הפליטה־ייִדן.

ווען מיר דערמאָנען דאָ דאָס פאַרגאַנגענע, שוין פון באַלד מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז ווײַט, זייער ווײַט צו קענען זיך באַנוצן מיט וועלכע עס איז טרייסטווערטער. כּמעט די גאַנצע וועלט איז ווידער שוין פאַרפלייצט מיט נעאָ־נאַציסטישע אַנטי־ייִדישע געשעענישן. דער אַנטיסעמיטיזם בליט מיט וואַנדאַלישע אַקטן, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין אייראָפּע. דער עיקר, פאַרשטייט זיך, אין מערב־דײַטשלאַנד. אין דײַטשלאַנד איז פריש טעטיק אַ מאַסע גרופּירונגען פון צענער טויזנטער נאַצי־מיטגלידער, וואָס זענען גרייט צו יעדן ברוטאַלן אַקט קעגן ייִדן. צו פיל אָרט וואָלט פאַרנומען אויסצורעכענען אַלע געשעענישן און די לענדער פון די בליענדיקע נאַציסטישע אַקטיוויטעטן.

דאָס דאַרף שוין איצט, באַצייטנס, שטאַרק גענומען ווערן אין אַכט, איידער עס ווערט צו שפּעט, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, פאַר די בלוטיקע געשעענישן. נאָך די יאָרן פון דער ייִדישער קאַ־טאַסטראָפע, שטייט דאָס ייִדישע לעבן שוין ווידער אין געפאַר.

דאָס דאָזיקע איז מעגלעך געוואָרן, ווײַל די הײַנטיקע דײַטשן זענען שוין צוריק מאָביליזירט מיליטעריש און מלוכיש. אין יאָר 1951 איז דײַטשלאַנד פון דאָס נײַ מיליטאַריזירט געוואָרן. די ווער־מאַכט איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים. די זעלבע אַרמיי, וואָס האָט בימי היטלער מיטגעאַרבעט מיליטעריש־אַקטיוו מיט דער עס־עס אין אייראָפּע, איז ווידער בײַם רודער. דאָס לאַנד איז באַ־וואָפנט מיט די מאָדערנסטע קריגס־כּלים. דאָס איז קענטיק פון די דײַטשע אַרויסזאָגן איצט, בײַ די חילוקי־דעות אין די געשפּרעכן

אַמעריקע—ראַטנפאַרבאַנד, בעת די אַנטוואָפענונגס־פאַרהאַנדלונ־גען.

דאָס באַטײַט בפירוש, אַז די דײַטשע בעסטיע האָט זיך נישט אָנגעזעטיקט מיטן יידישן בלוט און מיטן יידישן פאַרמעגן, פון יענע אומגעבערענגטע זעקס מיליאָן יידן, בעת דער מלחמה, נאָר זי זוכט שוין אויפסנײַ צו דעראַרבערן קאַפּיטאַל, מיט דער הילף פון דעם אויסגעפּרוּווטן נאַצי־דײַטשן מאָרדמיטל צו ירשענען די יידן דורך זייער טויט.

ווי מען זעט, איז דאָס יידישע לעבן ווײַטער באַדראָאט נישט נאָר מיט אונטערצינדונגען פון סינאַגאָגעס, אָדער מיט שענדן אַנדערע יידישע הייליקטימער. מיר זענען אַפילו באַדראָאט מיטן לעבן, פּונקט ווי בעת דעם היטלער־פּעריאָד. עס זאָל זיך נישט אַרויסווײַזן נאָך אַ מאָל, אַז מיר יידן זענען ווײַטער איינזאַם און אומבאַהאָלפן צו דעם, וואָס וואַקסט שוין פריש אָן...

אַלס פּרעטעקסט אויף צו רעכטפאַרטיקן דעם יידנמאָרד און פאַר־דעקן דערמיט אויך דעם רויב פון די פאַרטיליקטע יידן, האָבן די נאַצי־דײַטשן געהאַט בלומרשט „העכערע" אידעאָלאָגישע מאָטיוון. די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס זענען געוואָרן אַקטועל פאַר די ראַסן־גײַסטער, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען מיטן מלוכה־רודער האָט אָנגעפירט דער רעאַקציאָנערסטער דײַטשער עלעמענט. דורך די דאָזיקע הענקער האָבן זיי געטרוימט צו לייזן אַלע נאַציס־טישע „וועלט־פּראָבלעמען", אַזוי ווי עס חלומען אויך אַנדערע, נישט נאָר בלויז די דײַטשע רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגן.

די דײַטשע נאַציסטישע ראַסן־תּורה, וואָס איז דער תּוך פון דער גאַנצער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, האָט אײַנ־געטיילט די מענטשהייט אויף פולווערטיקע צום הערשן באַרופענע פעלקער, און מינדערווערטיקע, שעדלעכע ראַסן. זיי האָבן נישט בלויז צוגעלאָזט דעם געדאַנק, נאָר בפירוש אָנגעוויזן אויף דער ראַסן־ביאָלאָגישער נויטווענדיקייט צו פאַרטיליקן מינדערווערטיקע ראַסן, למשל יידן, וואָס זענען שעדלעך פאַר דער אַבסאָלוטער הערשאַפט

און אויסשפרייטונג פון דער העברעער ראַסע (גערמאַנישער). די דאָזיקע פּאָליטישע ביאָלאָגיע, וואָס אין איר באַגרינדונג און אויפ־בויונג האָבן זיך באַטייליקט דײַטשע וויסנשאַפטלער מיט אַ וועלט־נאָמען, האָט די נאַציס געגעבן דעם „וויסנשאַפטלעכן" הכשר אויף דער אויסראָטונג פון דעם אייראָפּעישן ייִדנטום.

די דײַטשע נאַציס האָבן שטאַרק געשטרעבט צו אַ „מאָראַלישער רעוואָלוציע" פון דער מענטשהייט, וואָס האָט געזאָלט דורכגעפירט ווערן אונטער דעם לאָזונג: „צוריק צום גערמאַניזם" און „הערשאַפט פון קראַפט", און אויסמעקן אַלע געשיכטלעכע דערגרייכונגען פון מענטשלעכן מין אויפן געביט פון סאָציאַלער עטיק. די הויך מענטש־לעכע עטיק, וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמירט אין די גײַסטיקע שאַפונ־גען פון ייִדנטום, און איז געוואָרן דער מאָראַלישער קנין פונעם רוב פון דער מענטשהייט, האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ שטאַרקע פסי־כישע שטערונג אויפן וועג צו רעאַליזירן די דאָזיקע „רעוואָלוציע פון ניהיליזם" אין די רייען פון דײַטשן פאָלק, און בײַ אַלע פאַר־שלאָפטע פעלקער. די דאָזיקע טיפע אינעווייניקסטע שטערונג, וואָס האָט געפּענטעט דאָס חיישע אין דעם דײַטשן נאַציזם, האָט גע־רייצט און אַרויסגערופן טיפן האַס, צו דעם היסטאָרישן טרעגער פון דער דאָזיקער עטיק און מאָראַל.

צו דער פּראַקטישער רעאַליזירונג פון די אויבן אָנגעצייכנטע דײַטשע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צילן, איז געשטעלט געוואָרן דער טעכנישער אַפּאַראַט פון דער גרויסער דעספּאָטישער מלוכה־מאַכט פון דײַטשן היטלער־פאַשיזם, וואָס האָט אָנגעווענדט אַלע, אַפילו די סאַמע פאַרברעכערישסטע מיטלען, כּדי זיי צו דער־גרייכן. בײַ דער דאָזיקער מאָרד־אויפגאַבע זענען געווען באַשעפ־טיקט ספּעציעל ווערבירטע, ריינע ראַסיסטישן דײַטשן. 410.000 רײַכס־דײַטשן, 300.000 פאָלקסדײַטשן, 50.000 פון דער גערמאַנישער ראַ־סע און 150.000 דײַטשן ספּעציעל געברענגטע פון אַנדערע לענדער. חוץ, ווי באַקאַנט, גרויסע שטאַבן עס־עס פון סאַטעליטן־לענדער. דאָס אַלץ האָט געטאָן די מאָרדאַרבעט אין די אייראָפּעישע אָקו־

פירטע לענדער, ווו עס האָבן זיך געפונען די מינדערוועריקע ראַסן, און דער עיקר די ייִדן.

אויב די אַנדערע נביאות פון די דײַטשע הענקער, ווי למשל, די טויזנטיעריקע הערשאַפט איבער דער וועלט, זענען נישט מקוים געוואָרן, איז דער מאָרד איבער די מיליאָנען ייִדן, ליידער, אין אַ גרויסער מאָס יאָ פאַרווירקלעכט געוואָרן.

✶

מיר האָבן נישט איין מאָל שוין געשריבן וועגן דעם געטאָ־גיהנום־לעבן און וועגן דער דײַטשער ייִדן־פאַרטיליקונג. אָבער, ווי אַן עדות פון דעם, דאַכט זיך אָפט, אַז נישט אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן. אַזוי, זעט אויס, וועט דאָס שוין פאַרבלײַבן, אויך דערפאַר, ווײַל אין דער שטילער שלום־צײַט, נאָכן מבול, איז דאָס געשעענע שווער צום באַגרײַפן. דער שׂכל, די מענטשלעכע פאַנטאַזיע אַפילו, קען זיך אַזעלכעס נישט פאָרשטעלן, קען בשום אופן נישט באַנעמען. חוץ דעם זענען מענטשן, אויך ייִדישע מענטשן נוטה צו פאַרגעסן די שוידערלעכע קאַטאַסטראָפע, כאָטש מע פילט נאָך שטאַרק אָפּ דאָס פעלן פון די נאָענטסטע, און דער געמיט איז כּסדר באַהערשט פון אַ ציטער איבער דעם מאָרגן. נישט אומזיסט!

פון בינעם העלערס ליד, „אָן ייִדן״, די לעצטע סטראָפע:

ס׳איז שטיל אין אייראָפּע, נישטאָ מער קיין ייִדן
פון טאַנק איז אַ טראַקטאָר געוואָרן אום פרידן,
ער האָט שוין צעאַקערט די ערד אויף די קברים,
אין וועלכע אַ פאָלק ליגט באַגראָבן געאָרעמט.
דער האַקנקרייץ שטייט אויפן פעלד — אַ סטראַשידלע.
דאָס דײַטשישע לשון אויף שרעקן און זידלען
איז לאַנג שוין פאַריאָגט פונעם ווינט און פאַרגעסן,
און ס׳ווערן די היימען מיט שלום באַזעסן.
נאָר איינער לויפט אַלץ נאָך אַרום דאָרט דערשיטערט,

ווי אונטער די פיס וואַלט די ערד אים געציטערט,
ווי אונטער די טריט וואַלט די ערד זיך געהויבן —

די הײַנטצײַטיקע הונען האָבן אַדורכגעפירט אין משך פון גאָר אַ קורצער צײַט אַ פאַרברעכן, וועמענס גרויל עס לאָזט זיך מיט קיין שום זאַך נישט פאַרגלײַכן. פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט האָט מען אַרויסגעפירט הונדערטער טויזנטער וואַרשעווער יידן און מיליאָנען יידן פון דער פּראָווינץ, פון דעם אַזוי גערופענעם „גענעראַלגווּוערנעמענט״ קיין טרעבלינקע, ווו אַלע, אַלע, פון זויג־קינדער ביז זקנים, זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דערשטיקן אין גאַזקאַמערן. עס איז שווער צו באַגרײַפן די גאַנצע בעסטיאַליש־קייט פון דער צײַט. דאַכט זיך אַ געשפענסט, און דאָך ווירקלעכקייט און פּרעציזקייט, וואָס האָט געפאָדערט אַן אידעאַלע צוזאַמענאַרבעט פון די אָנפירנדיקע, אויספירנדיקע און טעכנישע פאַקטאָרן.

אינעם אָפּשיין פון פּוילישן האַרבסט האָט כּלומרשט געפינקלט אַ שיכט שניי. דער שניי איז געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר די פליענדיקע פּעדערן פון פון יידישן בעטגעוואַנט, וואָס איז אי־בערגעלאָזט געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן האָב און גוטס (וואָס די הענקער האָבן צונויפגעזאַמלט און אַהיימגעפירט אין פאָטער־לאַנד אַרײַן), פון שענק, קופערטס, וואַליזקעס פולע מיט וועש און מלבושים, ביז שיסלען, טעלער, שעפלער און אַנדערע טיילן פון שטוביקער באַלעבאַטישקייט, דורך די איבער 400.000 יידישע מענטשן, וואָס זענען, כּלומרשט, עוואַקויִרט געוואָרן אויפן מזרח. הפקרדיקע זאַכן — טישטעכער, מאַנטלען, פּערענעס, סוועטערס, ביכער, וויגעלער, דאָקומענטן, פאָטאָגראַפיעס ליגן אָנגעוואָרפן אין די שטיבער, הויפן, אויף פּלעצער, אָנגעזאַמלט אין קופּעס, באַדעקט מיטן דאָזיקן שניי — פון דער צײַט פון פּילפּאַכיקן דײַטשן מאָרד איבער די יידן פון וואַרשע — דער שניי פון די אויפגעטרעטענע בעבעכעס פון יידישן בעטגעוואַנט.

אין דער זעלבער צײַט פון דער אויסטערלישער שטילקייט האָט

מען געהערט די רעוואָלווער־שאָסן און דאָס געטראַסקערײַ פון מאַשין־געווער, אַ גערויש פון מאָטאָרן פון די דײַטשע אויטאָס און מאָטאָציקלען. דאָס געקלאַפערײַ פון געהאַקטע טירן און מעבל, הייזעריקע אויסגעשרייען „אַלע ראַוס!", אַ מאַקאַברישער מאַרש פון די צום טויט פאַרמשפּטע יידישע קרבנות, און דאָס ריטמישע קלאַפּן אויפן ברוק פון די שטיוול פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשסיטישער באַנדע, אונטער דער אָנפירונג פון די עס־עס־אָפיצירן.

די הײַזער — אויסגעשטאָרבענע אָדער גוסטדיקע, די גאַסן — פול מיט פאַרצווימונגען פון שטעכיקן דראָט, הילצערנע פאַרקאַנעס, וואָס טיילן אָפּ די באַזונדערע וווינונגס־בלאָקן, און איבער אַלעם דאָס פולשטענדיקע שוין פעלן פון די מענטשן, וועלכע האָבן נאָך מיט אַ צײַט צוריק אויסגעפילט די גאַס־אַרטעריעס פון גאַנצן געטאָ־לאַגער, אײַלנדיק זיך צו דער טאָג־טעגלעכער באַשעפטיקונג, קויפּנדיק און פאַרקויפנדיק, אַרבעטנדיק — אַ פוסטקייט, וועלכע עס האָבן נישט איבערגעלעבט אפילו די מענטשן פון די יאָרן פון דער שוואַרצער פעסט און מגפות — אָט דאָס איז געווען דאָס בילד פון יידישן קוואַרטאַל אין דער פוילישער הויפטשטאָט וואַרשע.

מיליאָנען יידן פון פוילן און מחוץ אירע גרענעצן האָבן, אין אַש פון די פאַרברענטע גופים, אויסגעפילט די ברידער־קברים אין טרעבלינקע. די ערד האָט אײַנגעשלונגען אין איר אינגעווייד די סודות פון מיליאָנען אָפּגענאַרטע, באַשווינדלטע מענטשן, וועלכע מען האָט צוגעזאָגט לעבן און געגעבן זיי אַנשטאָט דעם אַ שענדלעכן טויט. נישט האָבנדיק קיין אַנונג וועגן זייער אומקום, האָט מען זיי דאָ אַהערגעברענגט אין משׂא־וואַגאָנען. זיי אַלע — פאָטערס, מוטערס, קינדער, יונגע און זקנים, באַלמעלאָכעם, פאַבריק־אַרבעטער, ביורא־אָנגעשטעלטע, וויסנשאַפט־מענטשן און קינסטלער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן, מוזיקער און פּעדאַגאָגן — אַלע זענען זיי אונטערגעוואָרפן געוואָרן דעם זעלבן אויסטערלישן גורל.

די מאָרדפאַבריק אין טרעבלינקע איז כּסדר געווען טעטיק, נישט אויפגעהערט „אַרבעטן" אויף קיין איין מינוט. אַ טויט־שטורעם האָט זיך אָנגערוקט אויף די אייראָפּעישע ייִדן. ער וועט מיט זיין פאַרניכטנדיקער קראַפט געוויס אָנרירן אויך אַנדערע פעלקער. אַזאַ טייוולאָנישע פאַרניכטנדיקע מאַשין, וואָס איז געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, וועט זיך נישט לאָזן איינהאַלטן אין איר לויף, סיידן דעמלט, ווען דער נאַצי־פאַשיזם וועט ווערן אויף אייביק דערשטיקט. לײדער, לעבט ער און וואַרט שוין ווידער אויף אַ פרישער געלעגנהייט צו מאָרדן מענטשן.

אין יאָר 1939 האָט אייראָפּע, אַרייַנגערעכנט דעם אייראָפּעישן טייל פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, געציילט ביי 11 מיליאָן ייִדן. לאָמיר אָננעמען די אַנדערע קוועלע, וואָס רעדט בלויז פון 9.500.000 ייִדן. אויף דער גאַנצער וועלט איז שוין געווען אַן ערך פון 17 מיליאָן 600 טויזנט ייִדן. די דייַטשע באַרבאַרן האָבן אויסגעקוילעט זעקס מיליאָן אין אייראָפּע. דאָס הייסט 63.2 פּראָצענט פון אייראָפּעישן ייִדנטום און אַ דריטל פון וועלט־ייִדנטום.

צווישן די געפאַלענע 14 מיליאָן זעלנער אין די שלאַכטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען געווען הונדערטער טויזנטער ייִדישע זעלנער און אָפיצירן. די דאָזיקע געפאַלענע גייען נישט אַריין אין דער ציפער פון די זעקס מיליאָן הרוגים. די זעקס מיליאָן אונדזערע פאַרשניטענע ברידער און שוועסטער האָבן זיך נישט געפונען אויף די שלאַכטפעלדער, נאָר אין הינטערלאַנד. דאָס איז געווען אַ ציווילע באַפעלקערונג, וועלכע האָט קיינעם נישט אַטאַקירט, נישט מיט געווער און נישט מיט קיין דראָונגען. די זעקס מיליאָן האָבן נישט געהאַט קיין מלוכה, נישט קיין רעגירונג. זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט, אין רעכטלער־פּאָליטישן זין, דערקלערן קיין קריג קיינעם.

עס ווערט איצט 45 יאָר זינט עס איז, אויף דער פּוילישער ערד, אונטער דעם שטיוול פון דייַטשן ברוינעם פאַשיזם, פאַרטיליקט געוואָרן 95 פּראָצענט פון דעם דריי און אַ האַלבן מיליאָניקן ייִדישן

ישוב אין פוילן. און נאָך מיליאָנען אַנדערע ייִדן געברענגטע פון דרײַ וועלט־טײלן און פון 25 לענדער, וועלכע מען האָט מאַסנווײַז געפירט אין די טויטלאַגערן פון אוישוויץ, טרעבלינקע, בעלזשעץ, מאַידאַנעק, כעלמנאָ און נאָך אַנדערע דײַטשע מענטשנמאָרד־פאַבריקן אַרײַן.

מיט 45 יאָר צוריק, דעם 19־טן אַפּריל 1943, נאָך דרײַ יאָר גיהנום־לעבן, נאָך דעם ווי די דײַטשן האָבן שוין געהאַט אַרויסגעריסן 400 טויזנט ייִדישע נפשות פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער און זיי אומגעבריינגט — האָבן די רעשט איבערגעבליבענע בײַם לעבן אויפגעהויבן אַ ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד־קאַמף קעגן דעם נאַצי־דײַטשן מערדער. קיינער אין געטאָ האָט זיך נישט געלאָזט מער פרײַוויליק אַרויספירן אין טויטלאַגער טרעבלינקע. דאָס געטאָ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלאַכטפעלד.

זיי, די ייִדישע אויפשטענדלער, האָבן געפירט אַ האַרטן, פאַר־ביטערטן קאַמף מיט געווער אין די הענט קעגן דעם בלוטיקן דײַטשן שונא. עס זענען געפאַלן טויטע פוןביידע זײַטן. דאָס „הערן־פאָלק" האָט באַקומען טויטקלעפּ פון די מינדערוווערטיקע ייִדישע געטאָ־קעמפער.

★

דער פּלאַן צו פאַרניכטן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק, וואָס איז אויסגעאַרבעט אין דער דײַטשער הויפּטשטאָט, האָט פאַרגעזען שטופנווײַז צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ, דורך אַרויספירן זײַנע אײַנוווינער, דער עיקר אין פאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעב־לינקע.

דעם 22־סטן יולי 1942 איז פאָרגעקומען די ערשטע און גרעס־טע אויסזידלונגס־„אַקציע" פון די ייִדן פון וואַרשע. אויסצופירן דעם דאָזיקן פּלאַן זענען קיין וואַרשע אַראָפּגעקומען ספּעציעל אויסגעשולטע דײַטשן אין אויסראָטן ייִדן — די לובלינער געסטאַפּאָ. זיי האָבן אַרויסגעפירט פון 6 ביז 10 טויזנט געכאַפּטע ייִדן טעגלעך. דער סך־הכל איז געווען אַ שווידערלעכער.

אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק דעם 5־טן סעפּטעמבער, האָבן די דײַטשן באַפוילן, אַז ביז 10 אַ זייגער אין דער פרי זאָל די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג, כּלומרשט צוליב סעלעקציע־צילן, שטעלן זיך אין די גאַסן אַרום דער ניסקע, מיטנעמען מיט זיך שפּײַז אויף דרײַ טעג. ווער ס'וועט נישט אויספירן דעם באַפעל, וועט דערשאָסן ווערן.

נאָך דעם אַדורכפירן די אַזוי גערופענע „סעלעקציע" אין קעסל אויף דער ניסקע גאַס, האָבן די נאַציס דערמאָרדעט אויפן אָרט און אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע צום פאַרגאַזן אַן ערך פון 60.000 ייִדישע נפשות.

אין אָנהייב אָקטאָבער 1942 איז די גאַנצע ייִדישע באַפעלקע־רונג פון דעם גענעראַל־גוווערנעמענט שוין געווען גרופּירט אין עטלעכע צענטערס. אין וואַרשעווער געטאָלאַגער האָבן די באַנדיטן ווידער אָנגעהויבן צונויפטרײַבן די ייִדן פון די קלענערע פּלעצער. גלײַכצײַטיק, כּדי אָפּצונאַרן, האָבן זיי פאַרבעסערט דעם אַפּראָווי־זאַציע־צושטאַנד פון ייִדישן קוואַרטאַל. ס'האָבן אַפילו אויך אָנגע־הויבן שטאַרק זיך צו פאַרשפּרייטן באַרויִקנדיקע ידיעות.

אָבער דעם 18־טן יאַנואַר 1943, 7 אַ זייגער אין דער פרי, האָט די געסטאַפּאָ אַדורכגעפירט אַ פּלוצלינגדיקן איבערפאַל, און אין משך פון 4 טעג נאָך אַ נאַנד געכאַפּט יעדן איינציקן, וועלכן זיי האָבן געפונען. אויב אין די ערשטע טעג איז די תּלינים אַ דאַנק דער אומגעריכטיקייט געלונגען צו כאַפּן עטלעכע טויזנט ייִדן, האָבן אָבער אין די ווײַטערדיקע טעג די כאַפּונגען געגעבן נישטיקע רע־זולטאַטן.

שוין בעת דער דאָזיקער אַקציע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט די ייִדישע מיליטערישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „זשאָב". כאָטש אין אַ באַגרענעצטן מאַסשטאַב, צוליב דעם מאַנגל אין הייס געווער. זיי האָבן אָבער באַוויזן צו דערהרגענען בײַ אַ צענדליק דײַטשע קאַניבאַלן.

נאָך די דאָזיקע דײַטשע „אַקציעס" איז אין געטאָ געבליבן אַן

ערך פון 60.000 ייִדן. פון זיי זענען קרוב צו 30.000 געווען אָפּיציעל אַרבעטער פון די דײַטשע אונטערנעמונגען (שאָפּן).

נישט לאַנג האָבן די מערדער די ייִדן אין געטאָ געלאָזט צו רו. אָנהייב פרילינג פון יאָר 1943 איז געפאַלן אַ באַשלוס „אַרויסצופירן" דער רעשט ייִדן צום ליקווידירן און צעשטערן דאָס געטאָ און אויפשטעלן אויף זײַן אָרט אַ גרויסן פּאַרק. שוין פריער זענען ליקווידירט געוואָרן די קלענערע געטאָס און אין אַפּריל 1943 איז געקומען די ריי אויפן וואַרשעווער געטאָלאַגער.

נאָך דעם אַרומרינגלען דאָס געטאָ, דעם 19־טן אַפּריל, האָבן אין אים אַרײַנמאַרשירט די ערשטע דײַטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען, כּדי צונויפצוטרײַבן די ייִדן אויף די זאַמלערטער און דערנאָך זיי אַרויספירן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן אַרײַן.

אָבער די ייִדן, דער „זשאָב", פאַרויסזעענדיק, אַז ס'ווערט פּלאַנירט אַזאַ אַקציע, האָבן מיט געווער באַשאָסן די דאָזיקע אָפּטיילונגען אַזוי ווירקזאַם, אַז יענע האָבן זיך געמוזט צוריקציִען.

דער באַקאַנטער ייִדן־מערדער גענעראַל יורגען סטראָאָפּ, וועמען די דײַטשן האָבן ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע, האָט איבערגענומען די אָנפירונג פון דער ליקווידירונגס־אַקציע. נאָכן פאַרענדיקן זי האָט ער היטלערן אָפּגעגעבן אַ גענויעם ראַפּאָרט.

דער קאַמף קעגן די ייִדישע אויפשטענדלער און די ענדגילטיקע פאַרניכטונג פון געטאָלאַגער איז דורך סטראָאָפּן געשילדערט געוואָרן אין דערמאָנטן ראַפּאָרט אויף פאָלגנדיקן אופן:

פאַרן אָנהייבן די „גראָס־אַקציאָן" זענען די גרענעצן פונעם אַמאָליקן ייִדישן וווינקוואַרטאַל אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַן אויסערלעכן קאָרדאָן, כּדי נישט דערלאָזן, אַז די ייִדן זאָלן אַנטלויפן. דער דאָזיקער קאָרדאָן האָט עקזיסטירט די גאַנצע צײַט פון אָנהייב ביזן סוף פון דער „אַקציע". דעם 15־טן מאַי 1943 בײַ נאַכט איז ער נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן.

בײַם ערשטן אַרײַנמאַרש אין געטאָ איז די ייִדן געלונגען אָפּ־

צושטויסן די דײַטשע כּוחות צוזאַמען מיט די טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָס, דורך אַ צוגעגרייטער פּלוצלינגדיקער שיסערײַ. בײַם צווייטן אָנגריף, אַרום 8 אַ זייגער, האָט דער מערדער סטראָאָפּ אָנגעווענדט די מיליטערישע כּוחות זײַנע, וועלכע זענען אײַנגעשטעלט געוואָרן אין קאַמפּסגרופּן לויט די קריגס־כּללים.

די ייִדן האָבן זיך געמוזט צוריקציען פון די דעבער און פון די הויכע ווידערשטאַנדס־פּונקטן אין קעלערס, בונקערס און קאַנאַלן. אין אָוונט פון ערשטן טאָג האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ גרעסערן ווידערשטאַנד, וועלכער איז צום סוף געבראָכן געוואָרן.

דעם 23־סטן אַפּריל האָט דער רײַכספירער פון דער עס־עס אַרויסגעגעבן אַ באַפעל דורכצופירן די אָפּרייניקונג פון געטאָ מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. דעריבער איז גענעראַל סטראָאָפּ צו־געטרעטן צו דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון ייִדישן וווין־קוואַרטאַל, דורך באָמבאַרדירן פון עראָפּלאַנען און אויסברענען אַלע וווינ־בלאָקן. איין אונטערנעמונג נאָך דער צווייטער איז סיסטעמאַטיש עוואַקויִרט געוואָרן און דערנאָך פאַרברענט געוואָרן. סטראָאָפּס באַנדיטן האָבן באַנוצט רויך־ליכט צו צווינגען די ייִדן אַרויסצוגיין פון די קאַנאַלן.

וואָס לענגער ס'האָט זיך פאַרצויגן דער ווידערשטאַנד, אַלץ פאַרביסענער זענען געוואָרן די דײַטשע זעלנער פון וואַפן־עס־עס, פּאָליציי און ווערמאַכט. די אַקציע, דער קאַמף האָט אָפּט געדויערט פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

אין רעזולטאַט פון דער אומאויפהערלעכער באַשיסונג און צע־שטערונג פון די ייִדישע פּאָזיציעס דורך אַלע דײַטשע כּוחות איז געלונגען צו ליקווידירן — לויט סטראָאָפּס ראַפּאָרט — צוזאַמען 56.065 ייִדן. צו דעם וואָלט מען נאָך געדאַרפט צוגעבן די צאָל ייִדן, וועלכע זענען אומגעקומען דורך אויפרײַסן, שׂרפות אדג״ל און זענען נישט אַרײַן אין סטראָאָפּס חשבון.

די „גרויסע אַקציע“, ווי ס'האָט געמאָלדן גענעראַל סטראָאָפּ,

איז געוואָרן פאַרענדיקט דעם 16־טן מאַי 1943, 20 אַ זייגער מיט 15 מינוט, מיטן אויפרייַסן און צעשטערן די וואַרשעווער ייִדישע סינאַגאָגע אויף דער טלאָמאַצקע גאַס.

✶

ליידער וואָלטן אַפילו גוט באַוואָפנטע, קעמפעריש גרייטע גרויסע מאַסן ייִדן, איינע אַליין, אָן דער הילף פון אַ שטאַרקער און אַ גוט באַוואָפנטער מלוכה־מאַכט, נישט געקאָנט ענדערן דעם פאַרלויף פון דער אויסטערלישער ייִדישער טראַגעדיע. דער העלדי־שער טאַט פון די ייִדישע קעמפער אין וואַרשעווער געטאָלאַגער האָט אויך נישט געקאָנט דעצידירן וועגן דעם גורל, וועגן דעם אויסגאַנג פון אויפשטאַנד. די דייַטשע ווערמאַכט, דער נאַציזם, דער גערמאַניש־דייַטשער פאַשיזם, איז געווען מיליטעריש שטאַרק צוגעגרייט, כּדי צו געווינען די מלחמה קעגן דעם ייִדישן פאָלק.

מיט דעם דאָזיקן אומפאַרגלייַכלעכן גערעאַנגל האָבן די ייִדישע אויפשטענדלער־קדושים פאָרט באַוויזן, מיטן כּוח פון זייער אַנט־שלאָסנקייט און מאָראַלישער גבורה, אָפּצוראַטעווען דעם נאַציאָנאַלן כּבוד פון ייִדישן פאָלק און אויך די מענטשלעכע ווערדע, וואָס דער דייַטשער פאַשיזם האָט געוואָלט פאַרניכטן צוגלייַך מיט דער דורך קיינעם און דער וועלט אומגעשטערטער פיזישער פאַרניכטונג פון מיליאָניקן ייִדנטום אין אייראָפּע.

אַלע די פובליציסטן צי אַפילו די היסטאָריקער, וואָס שטעלן די פראַגע, פאַר וואָס זענען די ייִדן געגאַנגען „ווי די שאָף צו דער שחיטה", צום טויט אָן שום ווידערשטאַנד — זענען אפשר די „נון שערי בינה". זיי זענען אָבער נישט ביכולת, נישט מסוגל אַרייַנצו־דרינגען אין דער טראַגישער לאַגע פון דעמלטיקן ייִדישן צושטאַנד, פון דער אוממענטשלעכער מדרגה, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַלע ייִדישע משפּחות מיט זייערע קליינע קינדער דערצו. זייער טרעפלעך איז דעריבער דער גמרא־געדאַנק: „אל תדין את

חברך עד שתגיע למקומו". ליידער איז דאָס ריכטיק. דער עיקר בנוגע דער ייִדישער טראַגעדיע, בעת דעם געטאָ־גיהנום־לעבן און לסוף, בעת דער פאַרטיליקונג פון זייער לעבן.

כדי צו קענען משפטן האָט מען דאָס געדאַרפן אַליין מיטמאַכן, אָדער דאָס זען מיט די אייגענע אויגן. די דײַטשע בעסטיע האָט פאַרן אַרויספירן צום טויט, שטופנווײַז צוגעגרייט די ייִדישע מענטשן אין די הערמעטיש־פאַרמאַכטע געטאָס, ערגער נאָך ווי תּפיסות, מיט דער הילף פון הונגער, פלעק־טיפוס חולאתן, ווען עס זענען יעדן טאָג געפאַלן טויטע, אַ סך טויטע. זיי האָבן געזייט שרעק און אָנגעוואָנדן ראַפינירטע פּײַניקונגען, וואָס האָבן די מענטשן דער־פירט צו דער מדרגה פון ווילדקייט, אויסשעפּונג, פון נערוועזיטעט און לסוף אין גאַנצן אײַנגעבראָכן דעם מענטשן אַלס אַזעלכן און אויך זײַן ווערדע. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז בײַ די מענטשן איז אָפּגעפאַלן דער חשק און דער זין צו לעבן. דאָס אַלץ האָבן די נאַציס מיט זייערע „אינערלעכע" געהילפן דערגרייכט און געקענט טאַקע אָן ווידערשטאַנד אַרויספירן די ייִדן צו דער שחיטה.

דערבײַ דאַרף אויך גענומען ווערן אין אַכט, אַז די דײַטשע נאַציסטישע מאַכט איז געקומען אין די אָקופּירטע לענדער אַרײַן, בעת זייער בלוטיקער מלחמה, גוט מיליטעריש צוגעגרייט אויך מיט דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע פון דער ייִדן־פאַרניכטונג. פּונקט ווי דאָס אַליין וואָלט געווען זייער איינציקער ציל אין דער מלחמה. אַזאַ ווידערשטאַנד, ווי עס שטעלן זיך פאָר די דאָזיקע נאַיִווע שרײַבערס, האָט אין דער ווירקלעכקייט אומעטום געהאָלפן די באַנ־דיטן צו באַנוצן זייער גאַנצע מיליטערישע קראַפט, אויף צוצואײַלן דעם אומפאַרמײַדלעכן פאַרניכטונגס־פּראָצעס פון די ייִדן אַזוי ווי עס האָט באַוויזן אויך דער קאַמף פון די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ. דאָ איז דאָך שוין יאָ געווען אַ ווידערשטאַנד, און נאָך וואָס פאַר אַ ווידערשטאַנד. מיט טויטע פון ביידע צדדים. דעריבער איז דאָך ספּעציעל אַראָפּגעברענגט געוואָרן דער באַרימטער ייִדן־מערדער גענעראַל סטראָאָפּ, וואָס האָט אָנגעוואָנדן אַלע מיליטערישע כּלים

צו דערגרייכן דעם געפּלאַנטן דײַטשן ציל, צו פֿאַרניכטן דעם גאַנצן ייִדישן ישוב אין וואַרשע.

מיט טענות פֿון דעם סאָרט דאַרפֿן בעסער די דאָזיקע פּרעטענ־סיע־האָבער צו די ייִדישע טויטע, אַרויסטרעטן קעגן די מדינות פֿון דער מערבֿ־וועלט און אַפֿילו קעגן די ייִדישע געזעלשאַפֿטלעכקייטן אין די נישט־אָקופּירטע לענדער, פֿאַר זייער מיושבֿדיקן פֿאַרשווײַגן דאָס אַלץ, וואָס דײַטשלאַנד האָט געטאָן מיט די ייִדן אין אייראָפּע, פֿאַר דעם וואָס זיי האָבן מיט זייער האַנדלונג דעמלט דעם מערדער געגעבן אַ מאָראַלישע סאַטיספֿאַקציע.

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד איז דער טראַגישסטער און דער העראָישסטער אין דעם קאַמף פֿון פֿעלקער אין דער וועלט קעגן פֿאַשיזם. דער ייִדישער גראַנגל מיט די דײַטשע קאַניבאַלן, וועט געוויס אויך אינספּירירן אַלע שפּעטערדיקע קאַמפֿן פֿון די ייִדן און פֿון אַנדערע פֿעלקער, פֿאַר פֿרײַהייט און פֿאַר מענטשלעכער ווערדע.

*

נאָך דער גרויסער קאַטאַסטראָפֿע אינעם ייִדישן לעבן איז הײַנט נאָך 45 יאָר, לײדער, ווײַטער אַקטועל דער זעלבער געשפּענסט פֿון אַנטיסעמיטיזם, ווי שוין אויבן באַהאַנדלט. דער נעאָ־נאַציזם ווערט כּסדר שטאַרקער, באַדראָענדיקער און רעשיקער. ער איז ווײַטער קאָנצענטרירט אַרום דער זעלבער „יודען־פֿראַגע". דאָס באַווײַזט די אַנטי־ייִדישע ליטעראַטור, וואָס ווערט פֿאַרשפּרייט, ווי אויך די מאָרדן און שענדונגען פֿון ייִדישע הייליקטימער, סינאַגאָגעס.

פֿון דעם איז קלאָר, אַז דאָס ייִדישע לעבן איז ווײַטער הפֿקר, און אַז עס נייטיקט זיך אָנצוווענדן אַלע מיטלען פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, נישט צו דערלאָזן, אַז דאָס זעלבע גיהנום פֿון דער פֿאַר־ניכטונג אין דער מלחמה־צײַט זאָל זיך נאָך אַ מאָל אויפֿסנײַ איצט איבערחזרן.

דאָס אַלץ דאַרף דערמאַנט ווערן טאַקע איצט, אין 45־סטן

יזכּור נאָך די געפֿאַלענע זעקס מיליאָן ייִדישע קדושים. עס מוז דערמאַנט ווערן די נײַע געפֿאַר, וואָס דראָט שוין ווידער גאַנץ ערנסט מצד דעם דײַטשן נעאָ־נאַציזם, פֿון די מערדער פֿון ייִדישן פֿאָלק.

דער 45־סטער יאָרצײַט פֿון אויפֿשטאַנד־קאַמף קעגן דעם גערמאַניש־דײַטשן שׂונא, באַדאַרף דעריבער זײַן אַ געלעגנהייט פֿאַר דער מאָביליזאַציע פֿון כּוחות אין קאַמף פֿאַר די אינטערעסן פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿאַר ישׂראל, פֿאַרבונדן מיט די אינטערעסן פֿון רו און שלום פֿון אַלע פֿעלקער, פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

אַפּריל 1988

דער נײַנצנטער אַפּריל

דעם נײַנצנטן אַפּריל איז געוואָרן 47 יאָר (1943—1990), זינט די געפּײַניקטע ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער האָבן אויפגע־הויבן דעם בלוטיקן קאַמף קעגן די דײַטשע נאַצי־קאַניבאַלן, וואָס האָבן אומגעברענגט די זעקס מיליאָן ייִדישע מענטשן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1939—1945.

הײַנט אין 47־סטן יזכּור שטייען מיר ייִדן מיט געבויגענע קעפּ אין טיפן טרויער נאָר די ייִדישע הרוגים־קדושים אָן קברים. אין אונדזער דמיון פּליט דאָס אַש פון די פֿאַרגאַזטע און פֿאַרברענטע ייִדישע גופים נאָך אַלץ אַרום אין די הימל־רוימען, איבער די אויס־טערלישע דײַטשע גאַז־טויטלאַגערן פון טרעבלינקע, מאַידאַנעק, אוישוויץ און איבער נאָך אַנדערע געוועזענע מאָרד־פּלעצער, ווו די דײַטשן האָבן געטויט אומשולדיקע ייִדישע מענטשן.

אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן יזכּור קאָן מען נישט אַרויסלאָזן פון זכּרון די מענטשן־קאַניבאַלן, וואָס האָבן דאָס געטאָן; וואָס האָבן אין משך פון די מלחמה־יאָרן, צום ערשט די ייִדן געפּייניקט אין די געטאָ־לאַגערן, שפּעטער אַרויסגעריסן זיי פון זייערע היימען, מיט רציחה געפירט אין די טויטלאַגערן אַרײַן און דאָרט זיי אַלע אין די מיליאָנען אויסגעהרגעט אָן שום סיבה דערצו, אָן אַ פֿאַר־וואָס, נאָר בלויז דערפֿאַר, ווײַל זיי זענען געווען ייִדן, האָבן גע־הערט צום ייִדישן פֿאָלק. מען טאָר דערבײַ אויך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז די דאָזיקע שרעקלעכע מאָרד־מלאכה האָט אויסגעפירט דאָס גערמאַניש־דײַטשע פֿאָלק.

דאָס געהערט צו דער גרעסטער שאַנדע אויף פֿאַר דער ציווי־ליזירטער וועלט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועלכע האָט צום

דאָזיקן דערלאָזט, קיין מאָל אפילו נישט פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ שווידערלעכער מענטשן־הריגה אין סאַמע מיט פון אייראָפּע. עס איז נישט פאַראַן קיין שום היסטאָרישער דאָקומענט אָפּצופרעגן די דאָזיקע באַשולדיקונג קעגן דער פרייער וועלט און קעגן די אַליאַנס־מלוכות, מיטגלידער פון דער „פעלקער־ליגע״, וואָס זייער חוב איז געווען דעם מאָרד קעגנצווירקן אין יענע פינצטערע יאָרן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אין דער זעלבער צייט פון אונדזער טרויער־יזכּור לעבט די וועלט איבער אַ וואָגיקע היסטאָרישע געשעעניש, וואָס קומט פאָר אין ראַטנפאַרבאַנד און אין זיינע סאַטעליטן־לענדער. די „גלאַס־נאָסט״־אידעע האָט דערמעגלעכט, אַז די וועלט זאָל זיך דערוויסן פון די סאָוויעטן גופא דעם אמת וועגן דעם פאַרברעכערישן פאַר־נעם פון סטאַליניזם, פון וועלכן זיי באַפרייען זיך איצט. דער דאָזיקער צושטאַנד איז געוואָרן אַ סיבה צו דער צוריק־פאַראייניקונג פוןביידע טיילן דייטשלאַנד. טראָץ אַלע מעלות, וואָס עס האָט די נייע סיטואַציע פאַר דער וועלט, איז אָבער דאָס צוריק־צונויפברענגען ביידע טיילן דייטשלאַנד פאַרבונדן מיט נעגאַטיווע פאָלגן. אַזעלכע באַוואָרענישן האָבן די שכנים־לענדער מיט דייטשלאַנד און אויך מיר ייִדן.

די דאָזיקע פאַרזיכט־באַוואָרענישן זענען צוליב דער באַרעכטיקטער מורא, אַז דאָס גרויסע דייטשלאַנד וועט ווידער אויפלעבן איר טראַדיציאָנעלע, אייביקע קריגערישקייט און פאַרברעכערישקייט, וואָס אייראָפּע האָט אַזעלכעס שוין איבערגעלעבט בעת די צוויי פאַרגעקומענע וועלט־מלחמות (1914—1918 און 1939—1945), ווען מיר ייִדן האָבן, פּראָפּאָרציאָנעל גענומען, געהאַט די גרעסטע צאָל קרבנות, וועלכע מיר באַקלאָגן היינט צום 47סטן יזכּור. מיר וועלן דאָס דאָזיקע קיין מאָל נישט פאַרגעסן. די דייטשע שׂונאים נישט מוחל זיין אין די אייביקע צייטן אַריין.

מיר וועלן כּסדר שטיין אויף דער וואַך אין וואָרענונגס־אַלאַרם פאַרן לעבן פון ייִדישן פאָלק און פאַר דער דויערהאַפטיקייט פון

דער ייִדישער ישראל־מדינה. נישט אַרויסלאָזן אויך פון אונדזער זכּרון דעם פאַקט, אַז דער אויסגעפּירטער מאָרד־פאַרברעכן פון די דײַטשן אין דער ערשטער העלפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט איז נישט געווען קיין צופעליקייט, אָדער אַן אידעאָלאָגישער קאַפּריז פון דײַטשן נאַצי־היטלעריזם אַליין, נאָר, אַז דער ייִדן־מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן לויט דעם יאָרנלאַנגן שטרעבן פון דער גערמאַניש־דײַטשער ראַסע צו לייזן די... „יודען־פּראַגע".

די זעלבע דײַטשן (זע אין דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע וועגן אַנטיסעמיטיזם) זענען נאָך אין די אַלטע צײַטן געווען פּראָפּאַגאַנ־דיסטן צו שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַל אויף צו אָרגאַניזירן דעם ייִדן־מאָרד גלײַכצײַטיק אין אַלע לענדער ווו ייִדן לעבן. אַזאַ פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1882. דער ערשטער קאָנגרעס דערצו איז באַשטאַנען כּמעט אויסשליסלעך פון דײַטשן און פון אונגאַרן. ער האָט אָנגענומען טעזן, אַז אַלע רעגירונגען און פּאַרלאַמענטן אין אַלע לענדער זאָלן נעמען די איניציאַטיוו צו באַגרענעצן אַלע רעכט פון די ייִדן. זיי האָבן דעמלט גערופן צו אָרגאַניזירן און שאַפן אַן „אַליאַנס קרעטיען (קריסטלעך) אוניווערסעל", אַלס קעגנזאַץ צו דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל".

די פּרוּוון צו אָרגאַניזירן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין דעם גײַסט האָבן דעמלט נאָך געהאַט שוואַכע דערפאָלגן. ערשט שפּע־טער, ווען די נאַצי־באַוועגונג איז אין דײַטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט, איז אַקטועל געוואָרן אַזאַ אינטערנאַציאָנאַל, מיטן הויפּט־שטאַב אין דײַטשלאַנד, וועלכער האָט רעשיק פונקציאָנירט בעת דער מלחמה, און זײַן טעטיקייט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן ביזן הײַנטיקן טאָג.

אויך הײַנט, עטלעכע צענדליק יאָר נאָך דער בלוטיקער הריגה איבער די ייִדן, זעט מען ווײַטער די זעלבע ראָלע פון די „גוטע" דײַטשן, אין דער עקשנות זייערער צו וועלן לייזן ענדגילטיק די „יודען־פּראַגע" אין דער גאַנצער וועלט. דאָס האָט באַוויזן די הריגה איבער 11 ישראל־ספּאָרטלער, עטלעכע יאָר נאָך דעם מיליאָניקן

יידן־מאָרד. אין דאָזיקן לאַנד ווערן הײַנט כּסדר ווײַטער געשענדעט די נאָך געבליבענע דאָרט יידישע בתי־קברות און אַנדערע רעליגיעזע צי נאַציאָנאַלע יידישע הייליקטימער. דאָס אַלץ ווערט לײדער פאַרשוויגן. עס איז אַדורך אין גאַנצן שטיל, ווען דער בירגערמײַסטער פון מערב־דײַטשן שטעטל, קאַרשענבראָין האָט ערשט נישט לאַנג צוריק, אין יאָר 1986, פריש געהאַט די חוצפּהדיקע געוואַגטקייט, אויף אַ פאַרזאַמלונג פונעם דאָרטיקן מוניציפּאַל־ראַט צו מאָנען: „אַז מ׳וואָלט געדאַרפן דערהרגענען עטלעכע רײַכע יידן, כּדי צו דערגרייכן אַ גלײַכגעוויכט אינעם מוניציפּאַל־בודזשעט".

אין זעלבן דײַטשלאַנד הײַנט, בײַ דער עקזיסטענץ פון מאַסן נעאָ־נאַציסטישע אָרגאַניזאַציעס, ווערן אויסגעגעבן מיליאַרדן מאַרק אויף צו פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, אַז אוישוויץ איז אַן אויסטראַכטעניש, אַז די זעקס מיליאָן יידן לעבן גאָר אַלע אין... אַמעריקע. אין די מערסטע טעראָראַקטן קעגן יידן אומעטום שטעקט אַ נעאָנאַציסטישע לאַפּע. דעריבער די אָפטע אויפשריפטן און לאָזונגען, אַז „היטלער איז געווען גערעכט". „אַ טויט די יודען", און נאָך אַנדערע ענלעכע אַקטן, וואָס ווערן כּסדר אַדורכגעפירט דורך די הײַנטיקע „גוטע" דײַטשן. (די באַצייכענונג „גוטע" דײַטשן שטאַמט פון די יידן, וואָס האָבן אַדורכגעפירט דעם אָפיציעלן מחילה־אַקט פאַר די יידן־מערדער).

אָט וואָס מיר לייענען אין זײַן ליד בײַם גרויסן יידישן דיכטער אברהם סוצקעווער:

גוטע דײַטשן

„דערציייל מיר ניט פון גוטע דײַטשן, ס׳קערט פון
דעם די גאַל.
און זאָל דער טײַוול דער טײַוול גיין צום טײַוול — אויך מיט
זײַן מעדאַל.
(עס וויינען אויף העברעיש מײַנע אויסגעצאַנקטע
אותיות,

די זעלביקע פון ערשטן ליד און לעצטן יתגדל).
איך האָב געזען ווי גוטע דײַטשן מאָרדן ווויל און
גוט,
און שפּילן אויף אַ זילבערפּלייט אין זעלביקער
מינוט.
און שפּילן פוטבאָל מיט אַ יידיש קינד. זאָל אייביק,
אייביק
זיי בויערן אין טעמפּן שאַרבן זײַן פאַרגאָסן בלוט,
מיט ערד אַטאָמיש־אַנגעשטעקטער וואָס־זשע
בלײַבט צו טאָן ?
„פאַרשיטן ערד מיט ערד און שטענדיק מײַדן דעם
ראַיאָן".
דערציייל מיר ניט, אויב ס'זענען גוטע דײַטשן דאָ
באמת,
פאַר וואָס פאַרזוכן זיי ניט זייער אייגענעם
„ציקלאָן" ?

★

עס דערנענטערט זיך שוין באַלד 50 יאָר, אַ האַלבער יאָרהונ־דערט, און ביז הײַנט האָט מען נאָך נישט געהערט, אַז פון דעם נאָכמלחמהדיקן דײַטשלאַנד, פון זייער געשיכטע־פאָרשונג אָדער אינטעלעקטועלע קולטור־קוועלן און פון דער דײַטשער רעגירונגס־מאַכט זאָל קומען אַן אָפענער אָפיציעלער סך־הכל וועגן דעם באַגאַנגענעם פעלקערמאָרד און פאָלקסמאָרד איבער די יידן. מען האָט נאָך נישט געהערט, אַז דאָס דײַטשע פאָלק זאָל קומען צו דער וועלט־עפנטלעכקייט מיט אַ געוויסנס־וואָרט פון חרטה, און מיט אַ פאַרזיכערונגס־אָנזאָג פאַר דער צוקונפט־געשיכטע, פון דער דײַטשער נאַציע, אַז מער וועט אַזאַ אויסטערליש מאָרד־פאַרברעכן נישט פאָרקומען אין דער ווײַטערדיקער עקזיסטענץ פון דעם פאָלק קעגן אַנדערע פעלקער, אַז זיי וועלן אין דער צוקונפט טאָן אַלץ, אַז

דאָס דײַטשע פֿאָלק זאָל נישט דאַרפֿן מער באַצייכנט ווערן ווי אַ פֿאָלק פֿון פֿעלקער־מערדער, ווי דאָס איז געווען בעתן משפּטן די דײַטשע רעגירונגס־פֿאַרברעכער אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן מיליטעריש טריבונאַל אין נירנבערג נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

לאָמיר הײַנט, בײַם אָפּגעבן כּבֿוד די געפֿאַלענע ייִדישע קדושים, אויך דערמאָנען, אַז פֿאַר די אויגן פֿון דער גאַנצער וועלט האָבן די זעלבע דײַטשן צו דער הריגה אַרויסגעפֿירט אין די טויטלאַגערן אַרײַן, ייִדן פֿון דרײַ קאָנטינענטן: פֿון אייראָפּע, פֿון צפֿון־אַפֿריקע און פֿון אַזיע, צוזאַמען פֿון 25 לענדער.

אַלע ייִדן פֿון פּוילן און די דורך די דײַטשע קאַניבאַלן געברענגטע ייִדן פֿון אַנדערע לענדער האָבן אין די דײַטשע טויטלאַגערן אײַנגעשלונגען אין זייערע אינגעווייִדן דעם ווייטיק פֿון אָפּגעגנאַרטע, באַשווינדלטע מענטשן, וועמען מען האָט צוגעזאָגט לעבן, און געגעבן זיי אַ שענדלעכן טויט. נישט האָבנדיק קיין אַנונג וועגן זייער אומקום, זענען זיי אַלע די געברענגטע ייִדישע פֿאָטערס, מוטערס, קינדער, יונגע און זקנים, בעל־מלאכות, פֿאַבריק־אַרבעטער, ביוראָ־אָנגעשטעלטע, וויסנשאַפֿטס־מענטשן און קינסטלער, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָפֿעסאָרן, מוזיקער און פּעדאַגאָגן, שרײַבער און פּאָעטן, רעליגיעזע און נישט־רעליגיעזע ייִדן — אונטערגעוואָרפֿן געוואָרן דעם זעלבן אויסטערלישן פֿאַרניכטונגס־גורל.

ווען נישט די פֿאַרשפּילטע מלחמה, וואָלטן די דײַטשן לײַכט געקאָנט רעאַליזירן היטלערס אָנזאָג וועגן פֿאַרניכטן די גאַנצע ייִדישע ראַסע, ווײַל ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרגאַזט „בלויז" די זעקס מיליאָן, האָט אויך קיינער פֿון די אַליאַנס־מלוכות נישט רעאַגירט. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דעם נאַציזם, אין דער דאָזיקער אויסנאַם־פֿראַגע, געגעבן פֿרײַע הענט. אַלס באַשטעטיקונג דערויף קאָן דינען דער פֿאַקט, וואָס די דײַטשן האָבן די ייִדן־הריגה אויסגעפֿירט אין גאַנצן אָפֿן, נישט באַהאַלטענערהייט פֿאַר קיינעם. די טענות אונדזערע אין דעם זינען צו דער וועלט און אַפֿילו אויך צו די ייִדן אין איר דאַרפֿן הײַנט אויך דערמאָנט ווערן, ווײַל דאָס פֿאַר־

שווייגן די מעשׂים פון די דײַטשע מערדער אין יענער צײַט האָט די מערדער געגעבן אַ מאָראַלישע סאַטיספּאַקציע. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער סדר־נאַכט אויף דעם 19־טן אַפּריל 1943 יאָר, און האָט אָנגעהאַלטן מער ווי פערציק טעג, צווישן ברענענדיקע און באָמבאַרדירטע הײַזער, האָט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג פון דער גאַנצער קעמפנדיקער וועלט קעגן דעם באַנדיטישן דײַטשן פאַשיזם, און איז אויך געוואָרן אַ קוואַל פון דערמוטיקונג פאַר די פעלקער, וואָס זענען אַליין אויך געווען פאַרשקלאַפט בײַ די נאַצי־דײַטשע אָקופּאַנטן. דער ייִדישער געראַנגל מיט די דײַטשע קאַניבאַלן איז געוויס אויך אַן אינספּיראַציע אין די מלחמה־קאָנפליקטן פון ישׂראל־פאָלק מיט זײַנע שׂונאים און פאַרן ייִדישן געראַנגל מיט אַנטיסעמיטן אומעטום, וואָס ווערן גאָרנישט ווייניקער.

נאָך דעם געשעענעם אין דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין ייִדישן לעבן, איז הײַנט, נאָך 47 יאָר, ליידער, ווײַטער אַקטועל דער זעלבער געשפּענסט פון אַנטיסעמיטיזם. דער נעאָ־נאַציזם ווערט כּסדר שטאַרקער, דראָענדיקער אין דײַטשלאַנד גופא און אַפילו אויך אין ראַטנפאַרבאַנד, אונטערן מאַנטל פון „גלאַסנאָסט" און „פּערעסטראָיקאַ".

דאָס פאָדערט אויף, אונדז ייִדן, סײַ די פאַרבליבענע לעבעדיקע עדות פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע און סײַ אַלע ייִדן אין דער גאַנצער וועלט מיט ישׂראל אײַנגעשלאָסן, צו היילִיקן דעם אָנדענק פון אונדזער גרעסטן חורבן. אַנטשלאָסן ווײַטער פלעגן דעם געבאָט פון יזכּור — דעם אָנדענק פון די פאַרטיליקטע זעקס מיליאָן ייִדישע קדושים. דאָס העלפט צו שטאַרקן די צוקונפט פון פאָלק און די זאָרג פאַר דער ווײַטערדיקער עקזיסטענץ, פאַר שלום אין מדינת ישׂראל און אין דער גאַנצער וועלט.

אַפּריל 1990

פון געטאָ אויף דער „אַרישער" זײַט

(אַ פראַגמענט דערינערונגען פון דײַטשן יידנמאָרד
אין דער שטאָט וואַרשע)

פון זינט דעם 22־סטן יולי 1942, ווען אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גיהנום פון דער „ווישעדלעניע", פון כאַפּן יעדן טאָג טויזנטער ייִדן, פירן זיי צום אומשלאַגפּלאַץ אויף דער סטאַווקי גאַס און זיי פּאַרלאָדן אין די פערד־וואַגאָנען אַרײַן אַרויס־צופירן, איז געוואָרן בולטער, אַז די דײַטשן גרייטן זיך אַלע אומ־צוברענגען, טראָץ די ליגנס, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די היטלעריסטן און דורך דער ייִדישער גמינע, דורך דעם יודענראַט, אַז מען שיקט די ייִדן אַרויס אויף מזרח צו אַרבעטן.

באַלד אין די ערשטע טעג פון דער גרויסער פּאַניק, בעתן טרײַבן די ייִדן אין די וואַגאָנען אַרײַן צום טראַנספּאָרט, האָבן בלויז קליינע גרופּן גענומען זוכן אויסוועגן ווי אַרום זיך צו ראַטעווען, זיך נישט לאָזן כאַפּן און אויסמײַדן דעם פאָרגעפילטן שרעקלעכן סוף, וועלכער האָט זיך ראַשיק דערנענטערט. אַלע אַנדערע, די ווײַט גרעסטע מערהייט פון די איבער 400.000 ייִדן, גאַנצע פאַ־מיליעס, מענער און פרויען, קליינע קינדער און אַלטע לײַט, וואָס האָבן צוזאַמען מיט די אַרײַנגעטריבענע פון די אַרומיקע שטעטלער, געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ אין די שווידערלעכסטע באַדינגונגען פון הונגער, טיפוס־קרענק און פאַרצווייפלונג, זענען ליידער שוין נישט געווען בכוח מיושבדיק צו טראַכטן און צו באַנעמען די גרויל, דעם סוף זייערן. דאָס טאַקע איז געווען איינס פון די מיטלען, וואָס די דײַטשע באַנדיטן האָבן צוגעטראַכט, אויף צו רעאַליזירן דעם מאָרד איבער די ייִדן: אויסהונגערן זיי, אויסמאַטערן די ייִדן אין

דעם הערמעטיש־פאַרמאַכטן געטאָ־לאַגער, אָפּצושוואַכן דערמיט דעם מאָראַלישן און דער עיקר דעם פיזישן כּוח צו ווידערשטאַנד.

איך האָב דעמלט, בעת יענע געשעענישן, נאָך געאַרבעט אויף אַ „פּלאַצוווקע״ אויסערן געטאָ. נאָך געהאַט די מעגלעכקייט צו זען יעדן טאָג אין די גאַסן פון דער פּוילישער זײַט, גאַנצע און באַווױנטע הײַזער, גאַסן פולע מיט שפּאַצירנדיקע קינדער און דער־וואַקסענע מענטשן. אין יעדן הויז זענען די פענצטער געווען באַ־צירט מיט פאָרהאַנגען און מיט בלומען. עס האָט געשפּרודלט מיט לעבן, מיט אַ נאָרמאַל מענטשלעך לעבן, בעת אין ייִדישן געטאָ זענען ס׳רוב פענצטער פון די הײַזער, שוין פון לאַנג צוריק אַרויס־געריסן געוואָרן און פאַרנוצט אַלס ברענהאָלץ, אָפּצוקאָכן עסן פאַר די קליינע קינדער. די אַרויסגעוואָרפענע פעדערן פון בעטגעוואַנט זענען אַרומגעפלויגן אויף די הייף און איבער די געטאָגאַסן, ווײַל דאָס איבערציען האָט מען געמוזט אַראָפּנעמען און פאַרקויפן צו די פּוילישע שמוגלערס, כּדי צו קריגן דערפאַר קאַרטאָפל אָדער אַנדערע פּראָדוקטן, אָנצוקאָרמען די הונגעריקע טיפוס־קראַנקע. דאָס גאַנצע געטאָ האָט שוין דעמלט אויסגעזען ווי חרוב. עס איז דעריבער געווען אַ קאָלאָסאַלער אונטערשיד פאַרן אויג, פאַר דער פּסיכיק און פאַרן געמיט־צושטאַנד, ווען מען האָט איבערגעטראָטן דעם געטאָ־גבול און מען איז אַרויס אויף דער אַנדערער זײַט מויער, אויף דער אַזוי גערופענער „אַרישער״ זײַט.

דאָס האָבן די מעגלעכקייט יעדן טאָג זיך צוצוקוקן צום נאָר־מאַלן לעבן צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט אין אַ גע־וויסער מאָס געווירקט, האָט געוועקט חשק און ענערגיע צו וועלן לעבן, האָט אָנגערעגט עפּעס אונטערצונעמען, כּדי זיך וועלן ראַ־טעווען פון דער דראָענדיקער געפאַר פון אומקום. דאָס לעבן איז דאָך געהאָנגען אויף אַ האָר! איך האָב דעריבער קודם־כּל אונטער־גענומען שריט צו ראַטעווען כאָטש דאָס קליינע קינד מײַנס. איך בין גרייט געווען אַפילו אונטערצוואַרפן דאָס קינד אויף דער פּוילישער גאַס, אויף דער „אַרישער״ זײַט, וווהין איך בין נאָך

דערווײַל יעדן טאָג אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אין דער פּוילי־שער שיכפאַבריק פון פּאָליאַק, פּיעטרושעווסקי, אויף דער כלאָדנע גאַס נומער 45 אין וואַרשע.

עס זאָגט זיך אַזוי אונטערוואַרפן... דערצידירן זיך איבערצולאָזן אַ קליין קינד אויף דער נישט־גינסטיקער גאַס האָט אפילו אין יענער צײַט נישט געהערט צו די לײַכטע זאַכן. דאָס צו קאָנען טאָן האָט מען באמת געמוזט פאַרמאָגן אַן איבערמענטשלעכע גבורה. אַוועקצוואַרפן אַן אומשולדיק באַשעפעניש, איבערלאָזן אויף הפקר אַן אייגן קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין סאַמע געטאָ, קוים דערהאַלטן עס בײַם לעבן אין די שווערסטע געטאָ־באַדינגונגען, און דאָ פלוצלינג נעמען און עס אונטערוואַרפן, דאָס הייסט פשוט אַוועקוואַרפן דאָס קינד, נישט צו וויסן אַפילו וועגן זײַן ווײַטערדיקן גורל, ווער עס האָט דאָס קינד גענומען צו זיך און צי עס האָט זיך נישט געפונען אַזאַ אויסוואורף, וואָס האָט דערטראָגן צום דײַטש, אַז דאָס איז אַ ייִדיש קינד... וואָס דאָס וואָלט באַטײַט, מיט די אייגענע הענט גורם געווען דעם טראַגישן סוף פון קינד.

די דאָזיקע און אַ סך אַנדערע מוראדיקע געדאַנקען האָבן נישט געגעבן קיין רו, האָבן באַהערשט דעם געמיט־צושטאַנד און אומ־אויפהערלעך געמאַטערט. מען האָט אָבער געמוזט האַנדלען גיך און ענערגיש. מען האָט זיך געמוזט אָנטאָן אַ כוח, געמוזט וואַגן אַוועק־צונעמען די האַנט פון האַרץ און זיך זאָגן: מען טאָר נישט וואַרטן לענגער. די צײַט איז קורץ און אין געטאָ איז דער טויט סײַ ווי אומפאַרמײַדלעך און מען טאָר נישט אַדורכלאָזן אַפילו דעם דאָזיקן צווייפלהאַפטן שאַנס צו פּרוּוון ראַטעווען דאָס לעבן פון קינד. איך האָב שוין אויך נישט געקאָנט מער אויסהערן רויִק די פסדרדיקע שרעקלעכע באַריכטן, ווי אַזוי מײַן פרוי פאַרשטעקט זיך יעדן טאָג אין דער באַהעלטעניש אַרײַן צוזאַמען מיטן קינד, בעת די „לאַפּאַנ־קעס" (כאַפּערײַען), כדי נישט אַנטדעקט צו ווערן דורך די דײַטשע און ייִדישע היצלעס, וועלכע נישטערן אומעטום צו כאַפּן באַהאַל־טענע ייִדן און טרײַבן זיי אויפן „אומשלאַגפּלאַץ" אַרויסצופירן די

ייִדן אין טויטלאַגער אַרײַן קיין טרעבלינקע צום פֿאַרגאַזן אויף טויט.

באַגינען, דעם 2־טן אויגוסט 1942, ווען איך האָב זיך געקליבן, ווי אַלע טאָג, אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט אויף דער „אַרישער" זײַט, האָב איך געמוזט אָנווענדן זייער פֿײַנלעכע פּאָר מיר מיטלען, אַרויסצונעמען דאָס קינד פֿון דער מוטערס הענט, ווײַל עס איז איר זייער שווער אָנגעקומען דאָס שיידן זיך צוליב דער שרעק, אַז זי זעט דאָס קינד שוין צום לעצטן מאָל. איך האָב עס מיטגענומען מיט זיך אין פֿאַבריק אַרײַן מיטן באַשלוס, אַז ווי נאָר עס וועט זיך אײַנגעבן דאָס אַדורכצושמוגלען דורך דער דײַטשער וואַך, בײַם אַרויסגיין צו דער אַרבעט דורך דעם געטאָ־טויער, וועל איך דאָס קינד גלײַך אונטערוואַרפֿן, איבערלאָזן עס אויף דער גאַס. איך האָב דאָך געהאָפֿט, אַז אים וועט צו זיך אפֿשר נעמען אַ פּוילישער קינדער־אַנשטאַלט, אַ יתומים־הויז, אָדער אפֿשר גאָר אַ פּריוואַטע פּערזאָן ווי עס האָט, אין יענער צײַט טייל מאָל פּאַסירט, ווײַל עס האָבן זיך נאָך געפֿונען צווישן די פּאָליאַקן אויך הומאַניטאַרע מענטשן. מיר איז דער עיקר געגאַנגען אין דעם, אַז אויב די עלטערן מוזן אומקומען, זאָל כאָטש דאָס קינד בלײַבן לעבן. אַז מען טרינקט זיך, כאַפּט מען זיך אָן אַפֿילו אין אַ שטרוי, אַבי זיך צו ראַטעווען. איך האָב מײַן זון, אונטער די וועש אָנגעהאָנגען אַ צעטעלע מיט זײַן נאָמען און אָנגעזאָגט אים, אַז ער זאָל נישט דערציילן גאָרנישט וועגן זײַנע עלטערן. אַזעלכע קליינע געטאָ־קינדער זענען שוין דעמלט געווען ווי דערוואַקסענע מענטשן. דער זעלבסט־דערהאַלטונגס־אינסטינקט, די שרעק, די אַטמאָספֿערע פֿון פֿאַרצווייפֿלונג צווישן די דערוואַקסענע מענטשן האָט אויך אָנגעשטעקט און באַהערשט די פּיצלעך קינדער.

ווען עס איז מיר, אַ דאַנק דער מיטהילף פֿון די ייִדישע אַרבעטער פֿון דער „פּלאַצוווקע" דאָך געלונגען, אומבאַמערקט פֿון דער דײַטשער וואַך בײַם טויער פֿון געטאָ, דאָס קינד אַדורכצוגנבענען, אַרויסצופֿירן אויף דער אַרישער זײַט אַרויס, האָב איך געענדערט דעם טרויעריקן באַשלוס פֿון אונטערוואַרפֿן. איך האָב דאָס קינד

דערווײַל מיטגענומען אין דער פֿאַבריק אַרײַן און דאָרט האָב איך אין צווישנצײַט געפֿונען אַ פּאָליאַק, דעם אינזשיניער אַנטאָני גזשע־לאַק, וועלכער האָט דאָס קינד גענומען צו זיך אַהיים אויף עטלעכע טעג, ביז איך וועל געפֿינען אַ געהעריקן, סטאַבילן פּלאַץ אים אײַנ־צואָרדענען.

צוזאַמען מיט עוזר סטענזשיץ, אויך אַן אַרבעטער פֿון דער זעלבער „פּלאַצוווקע", האָבן מיר אויסגעזוכט זײַנעם אַ באַקאַנטן, נאָך פֿון דער צײַט פֿון פּוילישן מיליטער־דינסט, לעאָן טשובטשענקאָ. דער דאָזיקער געמישטער אַריער, וועמענס מוטער איז געווען פֿון דער היים פֿײַנשטיין, און דער פֿאָטער, אַן אוקראַאינער, אַ געוועזענער צאַרישער גענעראַל, האָט גלײַך גענומען צו זיך זײַן, סטענזשיצעס, מיידעלע (הײַנט אין ישׂראל) און טשובטשענקאָס ווײַבס עלטערן, די פֿאַמיליע נאַגורזשעווסקי, האָט גענומען מײַן קינד צום באַהאַלטן בײַ זיך.

דאָס לאַקאָנישע, דאָ אין קורצן דערציילטע וועגן דעם מיט מי און מאַטערניש אַנגעוואָנדענע מיטל אויף אַרויסצופּישופֿן אַ ייִדיש קינד פֿון געטאָ אויף דער „אַרישער" זײַט אַרויס, און עס ערגעץ אײַנאָרדענען אויף איבערצוהאַלטן די ייִדן־מגיפֿה, איז גאָר נישט אַזוי לײַכט איבערצוגעבן. די מענטשלעכע שפּראַך איז דערצו אויך געגנוג אָרעם דאָס דאָזיקע צו שילדערן די ייִדישע טראַגעדיע פֿון אומקום איז באמת אומבאַשרײַבלעך.

ווען מיר, זײַנע עלטערן, האָבן דערשפּירט, אַז דאָס קינד געפֿינט זיך אין זיכערע הענט, אַז עס האָט שאַנסן איבערצולעבן די היטלע־ריסטישע וואַקכאַנאַליע, דעם ייִדנמאָרד, האָט זיך בײַ אונדז גע־שטאַרקט דער ווילן אַלײַן אויך צו וועלן זיך ראַטעווען. דאָס טאַקע האָט גורם געווען, אַז גאָר גיך האָב איך אויך מײַן פֿרוי אַרויס־געפֿירט פֿון וואַרשעווער געטאָ און זי אײַנגעאָרדנט אין אַ באַהעל־טעניש בײַ דער זעלבער פּוילישער פֿאַמיליע, נאַגורזשעווסקי אין גראָכאָוו, בײַ וואַרשע. עס זאָגט זיך דאָ אויך אַזוי לײַכט: אַרויס־געפֿירט און אײַנגעאָרדנט. דאָס דאָזיקע איז אויך געווען אַ געגנוג

לאַנגע און רײַכע געשיכטע פֿון װוּנדער איבער װוּנדער. איך װיל דערבײַ דערמאַנען לזכר, אַז אַ דאַנק דער זעלבער פּױלישער פֿאַמיליע, װאָס אָן איר מסירת־נפשדיקער הילף, װאָלט איך הײַנט געװיס די דאָזיקע שורות נישט געשריבן, װאָלט אויך מסתּמא געװען געטײלט דעם גורל מיט אַלע דערמאָרדעטע קדושים. זײ האָבן חוץ מיר, אויך אָפּגעראַטעװעט 14 (פּערזן) ייִדישע נפשות פֿון אַ זיכערן טויט.

אין שפּעטערדיקן פּעריאָד, װען די אַרבעטס־פּלאַצװוּקעס אויף דער „אַרישער" זײַט פֿאַר די געטאָ־ייִדן האָבן שוין נישט עקזיסטירט, די דײַטשע מערדער האָבן זיך געגרייט צום ענדגילטיקן ליקװידירן דאָס געטאָ. דאָס הייסט דערהרגענען די רעשט ייִדן פֿון װאַרשעװער געטאָ און עס איז אויסגעבראָכן דער ייִדישער אויפֿשטאַנד, בין איך אין דריטן טאָג פֿון קאַמף, דעם 22־סטן אַפּריל 1943, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע פֿון זעקס ייִדן, אַנטדעקט געװאָרן דורך די דײַטשע באַנדיטן אין חרובן הויז אויף דער מילע גאַס. זײ האָבן אונדז אַרומגערינגלט און אונטער דראָונגען אַרײַנצוװאַרפֿן אויפֿרײַס־באָמבעס, געצװוּנגען אונדז אַרויסצוגיין פֿון בונקער. מיר זענען אַרויסגעפֿירט געװאָרן פֿון געטאָ גלײַך אין באַראַקן אַרײַן אויף דעם מערב־װאָקזאַל אין װאַרשע. צו אונדזער „גליק" דערװײַל נאָך נישט צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע. באַשעפּטיקט אונדז בײַם אויסלאָדן װאַגאָנען שטײנקוילן און בײַ אַנדערע קאַטאָרגע־אַרבעטן. גאָר אין קורצן בין איך פֿון דאָרט אַנטלאָפֿן און זיך באַהאַלטן בײַ די פּאָליאַקן סאָװיצקי און בלאַשטשינסקי, אויף די גאַסן פֿון קריפּסקי 35 און זשולקאָװסקיעגאָ 55 אין גראָכאָװ הינטער װאַרשע.

נאָך דעם װי מיר, איך, מײַן פֿרוי און דאָס קינד, זענען שוין אַלע געװען אויף דער „אַרישער" זײַט און געהערט, אַזוי צו זאָגן, צו די „גליקלעכע", געװען באַהאַלטן צװישן דער פּױלישער באַפֿעלקערונג, װעמען עס האָט נישט געדראָט קיין גאַזאַװיונס, האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אַלץ איז שוין גאָר גוט, אַז די מעגלעכקייטן

איבערצולעבן דאָס היטלעריסטישע גיהנום איז געוואָרן מער רעאַל, זענען אָבער צו דעם כּסדר צוגעקומען אַלץ נײַע מניעות און פרישע שטערונגען, וועלכע האָבן קאָמפּליצירט אונדזער אַזוי אויך זייער שווערע לאַגע צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געהערשט בײַ גרויסע טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. געווען אַזעלכע פּאָליאַקן, וואָס האָבן כּסדר געזוכט ווי צו דערטאַפּן אַ באַהאַלטע־נעם ייִד. מען האָט זיך דעריבער געמוזט גוט היטן פאַר אַזעלכע שכנים, און אויך פון די „שמאַלצאָווניקעס", פּאָליאַקן, וואָס האָבן אויסגענוצט די טראַגישע לאַגע פון די ייִדן און כּסדר אויסגעצאַפּט דעם „שמאַלץ", דאָס געלט ביז דעם לעצטן גראָשן, אונטער דראָונגען אויסצוגעבן אונדז אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ.

אויך איך אַליין בין געפאַלן אַ קרבן. צו מיר אין מײַן דירה, קריפּסקי גאַס נומער 35, זענען געקומען צוויי אַזעלכע „שמאַל־צאָווניקעס". ליידער, איינער שוין גאַרנישט קיין אַריער, און האָבן בײַ מיר צוגענומען דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב נאָך פאַר־מאָגט, פאַרן נישט דערטראָגן וועגן מיר צו דער קרימינעלער פּאָ־ליציי, צו דער געסטאַפּאָ, פאַרן איבערלאָזן מיך דערווײַל אויפן אָרט, פון וואַנעט איך האָב גיך געמוזט אַנטלויפן, נעלם ווערן און זוכן אַ פרישן פּלאַץ, אַ נײַ באַהעלטעניש פאַר פיר־פינף טויזנט זלאָטעס אַ חודש אָפּצאָל, וואָס איז פאַר מיר, דעם פּראָלעטאַריער, דעמלט געווען גאָר אַ גרויסע סומע געלט.

די הויפּט־שוועריקייט, חוץ אַלע אַנדערע אָן אַ שיער פּלאָגן, איז דעריבער איצט באַשטאַנען אין פעלן פינאַנסיעלע מיטלען, אין פעלן געלט צום באַצאָלן די פּוילישע בעלי־בתּים פאַרן באַהאַלטן און פאַרן באַשפּײַזן. איך האָב שוין מער נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר די „דירות", וואָס זענען מיט גרויסע מאַטערנישן געשאַפן געוואָרן. צו געפינען אַזאַ „דירה" ווען בעלי־בתּים עס האָט געדראָט מיט טויט פאַרן אויסבאַהאַלטן אַ ייִד, האָט שוין גאָר נישט געהערט צו די לײַכטע זאַכן. פאַרלירן אַזאַ וווינונג, בלײַבן אויף דער גאַס, האָט באַטײַט אומקום. מיר האָבן איצט געלעבט אויף

קרעדיט בײַ די אויסנאַם־מענטשלעכע פּאָליאַקן, לערערס און באַ־
אַמטע, װעלכע האָבן קוים, קוים אַליין זיך אויסגעהאַלטן פון זײערע
נישטיקע פענסיעס.

מען דאַרף דערבײַ געדענקען, אַז דער רוב פּאָליאַקן, װעלכע
האָבן גענומען ייִדן צום באַהאַלטן זײ פאַר די דײַטשן, האָבן געװאָלט
קריגן פאַר דעם גוט באַצאָלט. טײל פון זײ רײַך צו װערן און אַנדערע,
כּדי אַזוי אַרום צו האָבן מיטלען אַליין אויך צו קענען איבערהאַלטן
די היטלערסיטישע מלחמה. אין בעסטן פאַל, האָט מען אַן געלט
אין גאַנצן נישט געקענט חלומען צו קענען זיך ערגעץ באַהאַלטן

װעגן צוריקגײן אין געטאָ אַרײַן האָט דאָך נישט געקענט זײַן
קײן רײד. דאָס געטאָ האָט דעמלט שוין מער נישט עקזיסטירט. עס
האָבן זיך בלויז דאָרט נאָך געדרויכערט די פאַרברענטע הײַזער
צוזאַמען מיט די מענטשן, די ייִדן װאָס זענען אומגעקומען אונטער
די חורבות. זוכן באַשעפטיקונג איז אויך נישט געװען מעגלעך. אין
די דאָזיקע פּאַטאָלע באַדינגונגען האָט דער מינדסטער נישט פאַר־
זיכטיקער, נישט ריכטיקער שריט, אָדער דאָס פאַרבינדן זיך מיט
נישט קײן זיכערע מענטשן, גלײַך געקאָנט פירן צו אַ קאַטאַסטראָפע,
צום טויט. נישט נאָר פון זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע
מענטשן מיט װעמען מען איז געװען פאַרבונדן. מײַן לאַגע און די
לאַגע פון מײַנע נאָענטע איז װידער געװאָרן אַ געפערלעכע, פּשוט
װי אָן אַן אויסװעג.

טאַקע אין אָט אַ דער דאָזיקער גאָר ריזיקאַלישער און קריטי־
שער צײַט איז אויך אונטערגעקומען נאָך אײן נישט פאָרויסגע־
זעענער װוּנדערלעכער צופאַל, װאָס האָט װידער דערמעגלעכט די
שריט צום װעג פון דער רעטונג. גראָד דעמלט האָט דורך געװיס
ריזיקאַלישע אומװעגן, זיך דערשלאָגן צו מיר, צו מײַן קאָנספּיראַ־
טיװער דירה, סטעפאַ שאָכור, סטאַשעװסקאַ — הײַנט אַרטיסטין אין
ייִדישן טעאַטער א. נ. פון אסתּר רחל קאַמינסקאַ אין װאַרשע. זי
איז נאָר װאָס געהאַט אַנטלאָפן פון אַרבעטס־ און טויט־לאַגער אין
פּאָניאַטאָװ. זי האָט נישט געהאַט װוּ זיך אַהינצוטאָן, װוּ זיך אײַנ־

צואָרדענען. צו איר „גליק" האָט זי דעמלט אויסגעזען ווי אַן אמתע שיקסע, ווי נישט קיין ייִדישע, און האָט זיך געקאָנט פּריי באַוועגן צווישן די פּאָליאַקן. ביי דער מיטהילף פון סטעפּאַס באַקאַנטער, „באָגושיאַ", באַשע פוסווערק, הײַנט קרימקאַ, רעזשיסער פון קינדער־טעאַטער אין פּוילישן ראַדיאָ אין וואַרשע, האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט דער אונטערערדישער ייִדישער הילפס־גרופּע אויף דער „אַרישער" זײַט, אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר אַדאָלף בער־מאַן און זײַן פרוי באַשע. ערשט די דאָזיקע ייִדישע מענטשן האָבן אונדז געראַטעוועט, אונדז געהאָלפן בײַקומען די פינאַנסיעלע שוועריקייטן. אָן זייער הילף, אָן דער דאָזיקער נישט פאַרויסגעזעענער דערשײַנונג, שטעל איך זיך נישט פאָר, אין אונדזער פּאַטאַלער לאַגע, צו קענען איבערהאַלטן די קאָמפּליצירטע, טראַגיש־קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען. עס האָט געדראָט מיט אומקום, טראָץ דער אַרײַנגעלייגטער מי און אָנגעוואָנדענע, געוואַגטע מאַסמיטלען, כּדי דאָך צו קענען בלײַבן לעבן.

אמת איז, אַז אין אָנהייב בין איך געווען שטאַרק פאַרזיכטיק מיטן אָנבינדן דעם קאָנטאַקט מיט דער דאָזיקער ייִדישער אונטער־ערדישער אָרגאַניזאַציע, ווײַל אין יענער צײַט זענען אַנטשטאַנען געוויסע מאַסקירטע נאַצישע אָרגאַניזאַציעס, מיטן אָנטייל פון ייִדישע געסטאַפּאָווצעס, כּדי אַזוי אַרום צו קענען צוקומען צו די באַהאַל־טענע ייִדן צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, אויף זיי אומצו־ברענגען, ווי עס איז געווען דער פאַל מיטן באַקאַנטן שוין הײַנט, „האָטעל פּאָלסקי", אויף דער דלוגע נומער 28 אין וואַרשע, וווּהין דער געסטאַפּאָ איז געלונגען אַרײַנצונאַרן עטלעכע הונדערט ייִדן אַ דאַנק דער ראַפינירטער היטלעריסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין וואַרשע, אונטער דעם שילדל פון גרוזשיקן, דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון פאַרמלחמהדיקן „דזשאָינט" אין פּוילן, כּדי צוצוגעבן דערמיט אַ באַווײַז, אַז עס איז אמת, אַז די ייִדן וואָס וועלן פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן און קומען אין האָטעל אַרײַן, וועלן אויסגעטוישט ווערן פאַר דײַטשן און אַרויס־

פאָרן קיין אויסלאַנד, דאָס הייסט, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן. טייל ייִדן האָבן אַפילו נאָך צוגעצאָלט צו 10.000 זלאָטעס און מער פאַר אַ קאָפּ, אַבי צו קענען אַנקומען אין דעם האָטעל אַריין.

דער סוף, ווי באַוווּסט, איז געווען אַזאַ, אַז אַלע ייִדן פון דעם „האָטעל פּאָלסקי" זענען דערהרגעט געוואָרן. טייל אין דער פּאַוויאַק־תּפיסה אין וואַרשע און אַנדערע אין די דײַטשע טויט־לאַגערן. בלויז פיר פּערזאָן זענען אַרויס לעבעדיקע פון דער דאָזיקער נאַצי־אַפּערע. איין לינקער פּועלי־ציוניסט, זאַמיעטשקאָווסקי, איין בונדיסט, פאַלק, איין קאָמוניסט — גיטלער־באַרסקי, און איין אַגודהניק, ד״ר הלל זײַדמאַן. ווי עס איז צו זען, האָט אין יענער צײַט זיך טאַקע געפאָדערט אַנצווווענדן אומגעהויערע פּאַרזיכטס־מיטלען, כּדי נישט אַרײַנצופאַלן אין די ספּעציעל אויפגעשטעלטע פּאַסטקעס פון די דײַטשע פאַרברעכערס קעגן די באַהאַלטענע ייִדן. עס האָט וואָס אַן אמת קיין סך נישט געפעלט, אַז איך מיט מײַן משפּחה און דערבײַ אויך די אַנדערע ייִדן, מיט וועלכע איך האָב אָנגעהאַלטן געוויסע הילפס־קאָנטאַקטן, אַז מיר אַלע זאָלן אויך אַוועק אין דעם זעלבן האָטעל אַרײַן, כּלומרשט זיך צו ראַטעווען קיין אויסלאַנד, אָבער אין דער אמתן גאָר אומצוקומען. צוליב מײַן באַהאַנדלען דעמלט אַלץ מיט גרויסער פּאָרזיכט, האָב איך אין דעם פאַל אויך נישט איבעריק געגלייבט אין דער פלוצעמדיקער „לעבנס־מתּנה" פון די דײַטשע מערדערס און האָב דורך אַ פּראָמינענטע פּערזאָן, דורך דער פרוי פון דעם פּוילישן גענעראַל גאַלעצקי, געפּרוּווט זיך דערוויסן דעם אמת וועגן דער דאָזיקער „אויסלייזונג פון גיהנום", ווײַל אַלע וועגן זיך צו ראַטעווען האָבן שטאַרק געלאָקט. לויט איר, לויט דער פרוי גאַלעצקאָס אונטער־ערדישע קאָנטאַקטן, איז אויסגעקומען, אַז דאָס זאַמלען די ייִדן אין „האָטעל פּאָלסקי", זעט אויס צו זײַן „נישט קיין ריינע אַרבעט" — אַזוי האָט זי בוכשטעבלעך איבערגעגעבן, און מען האָט דערבײַ נאָך געראָטן צו בלייבן אויפן אָרט אין די באַהעלטענישן. מען קען אויף זיכער זאָגן, אַז מיר אַלע זענען, אַ דאַנק דער הילף פון דער

פוילישער פרוי גאַלעצקאַ, אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

טאַקע כּדי צו זײַן זיכער, אַז די דערמאָנטע ייִדישע הילפס־גרופּע, צו העלפן די באַהאַלטענע ייִדן צווישן פּאָליאַקן, איז נישט קיין פּולאַפּקע האָט מיר ד״ר אַדאָלף בערמאַן צוגעשיקט אַ ייִדיש בריוול (עס געפינט זיך הײַנט בײַ דבורה זשעלאַזאָ אין װאַרשע), וואָס האָט פאַרזיכערט, אַז איך קאָן האָבן דעם פולן צוטרוי צו זיי. דעריבער טאַקע אויך די גאַנצע צײַט פון מײַן קאָנספּיראַטיוון לעבן אויף דער פּוילישער זײַט, ביזן סוף פון דער מלחמה, פון זײַן באַהאַלטן, בין איך געווען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אַ סך געטאָן, כּדי צו העלפן די באַהאַלטענע ייִדן זיך צו ראַטעווען פון טויט.

די קרבנות־גרייטקייט פון ד״ר אַדאָלף בערמאַן, און פון אַלע זײַנע מיטאַרבעטער אויף דער „אַרישער״ זײַט, צו טראָגן הילף די פאַרפּײַניקטע ייִדן, איז פון אויסערגעוויינלעך מענטשלעכער, נאַציאָנאַלער און היסטאָרישער באַדײַטונג. אַלע ייִדן וואָס זענען געבליבן לעבן אַ דאַנק דער דאָזיקער ייִדישער „הילפסגרופּע״ אויף דער אַרישער זײַט וועלן אייביק דערמאָנען מיט כּבֿוד און דאַנקבאַרקייט די נעמען פון ד״ר אַדאָלף בערמאַן, פון זײַן פרוי באַשע ז״ל, און אַלע אַנדערע זייערע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן דעמלט אײַנגעשטעלט דאָס לעבן צו טראָגן הילף זייערע נאַציאָנאַל־אַנגעהעריקע, פאַרפאָלגטע ייִדן.

עס דאַרפן דאָ אָבער דער עיקר דערמאָנט ווערן, מיט גרויס כּבֿוד, אויך די נעמען פון די טייערע פּוילישע הומאַניטאַרע מענטשן, וועלכע האָבן טאַקע אײַנגעשטעלט זייער לעבן און אָפּגעראַטעוועט אונדז אַלע פון דעם אויסטערלישן נאַצי־דײַטשן מאָרד. אָט זענען זיי, די רעטער אונדזערע, פון דער א. ג. אַרישער זײַט אין װאַרשע אויף גראָכאָוו, לויט זייערע פאַמיליע־נעמען: נאַגורזשעווסקי, ביעלינסקי, בלאַשטשינסקי, טשובטשענקאָ, גזשעלאַק, אַדאַמסקי. איך דערמאָן פאַמיליע־נעמען, ווײַל אַלע שטוב־מענטשן פון די דאָזיקע

פּאָליאַקן זענען אויך געווען אַנגאַזשירט און האָבן מיטגעלעבט מיט דער זאָרג, אַז די רעטונג זאָל זיך איַינגעבן אָן שום מכשולים. און אַזוי איז טאַקע געשען.

איך וויל דערביַי אונטערשטריַיכן באַזונדער, אַז פאַר דער פּוילישער פאַמיליע גזשעלאַק, האָב איך אַ באַזונדערן אויסנעמ־לעכן דאַנק. ווען אַנטאַני גזשעלאַק וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר געאַרבעט אין דער זעלבער פּוילישער פאַבריק אויף דער „אַרישער" זיַיט וואָלט דעמאָלט נישט גענומען, אויף זיַין אייגענער איניציאַטיוו, צו זיך אַהיים מיין קינד, און איך וואָלט דעמלט געמוזט דאָס קינד אונטערוואַרפן אויף דער הפקרדיקער גאַס אין וואַרשע, און דערי־בער זייענדיק פאַרצווייפלט וועגן דעם לעבן־בלייבן פון דעם איינ־ציקן קינד, וואָלט איך קען זיַין, שוין נישט געפּרוּווט זיך אַליין און אויך מיין פרוי צו ראַטעווען, ווייל, ווי באַוווּסט, האָט נישט געהערט צו די גאָר לייַכטע זאַכן צו קאָנען געפינען אַן אָרט ביַי וועמען זיך אויסצובאַהאַלטן. אָבער אין דעם פאַל האָט די פאַמיליע גזשעלאַק, דורך זייער טאַט, מיר געגעבן אַ שאַנס צו פּרוּוון זיך אַליין און מיַין פרוי אויך צו ווען ראַטעווען, דער עיקר פאַרן קינדס־וועגן, פאַר דער עווענטועלער לעבעדיקער צוקונפט. און דעריבער לעבן מיר טאַקע! און האָבן איבערגעלעבט דאָס נאַצי־דייטשישע גיהנום.

די 14 יידישע מענטשן, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך די אויבן־דערמאָנטע פּאָליאַקן (אונטער דער השגחה פון פרוי העלענאַ נאַגוזשעווסקאַ), זענען פאָלגנדע: משפחה צענטנאַרסקי — 3 פּערזאָן, וווינען אין אויסטראַליע, משפחה זשיטאָ — 1 וווינט אין לאָדזש, 2 אין ישׂראל און 1 אין אַמעריקע. משפחה זשעלאַזאָ — 2 אין שוועדן, 1 אין וואַרשע, סטענזשיץ — לעבט אין ישׂראל, גע־ווען אַ מאָל אין קיבוץ „מעברות", די לעצטע 3 נעמען געדענק איך נישט.

די פרוי העלענאַ נאַגוזשעווסקאַ האָט צום 20־סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ באַקומען אַ הויכע מלוכישע אויסצייכענונג פאַרן ראַטעווען יידן.

ווי עס איז צו באַנעמען פון דעם אויבן־דערציילטן, איז דאָס קאָנספּיראַטיווע לעבן פון די גאָר דרייסטע ייִדן אויף דער אַרישער זײַט, צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג שוין גאָרנישט געווען באַצירט מיט קיין לאָרבערקרענץ. דאָס איז פאָרגעקומען אין שרעקלעך שווערע באַדינגונגען. אַחוץ דער הילף פון די דערמאָנטע נאָבעלע פּאָליאַקן, האָבן די באַהאַלטענע ייִדן געלעבט איין דער אַטמאָספער פון שטענדיקער באַדראָונג פון גאַנץ אָפענער ייִדן־שׂנאה, וואָס עס האָבן דעמלט אַרויסגעוויזן גרויסע טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, פאַר וועלכער עס האָבן זיך אויך געשראָקן די הומאַניטאַרע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געטראָגן הילף די פאַרפאָלגטע ייִדן אין דער פינצטערער היטלער־נאַכט.

לאָמיר דעריבער צום סוף פון דער דאָזיקער דערינערונג אָפּגעבן כּבֿוד אַלע געפאַלענע קדושים, די קרבנות פון דײַטשן פאַרברעכן קעגן ייִדישן פאָלק.

פעברואַר 1980

ראַט פון הילף פאַר באַהאַלטענע ייִדן
אויף דער „אַרישער זײַט"
אונטערן קריפּטאָנים „זשעגאָטאַ"

אונטערן דאָזיקן טיטל איז נישט לאַנג צוריק דערשינען אין וואַרשע אַ פּויליש בוך. די מחברים פון דעם בוך זענען: מאַרעק אַרטשינסקי. געוועזענער קאַסירער פון „זשעגאָטאַ" און דער פּוילישער היסטאָריקער, וויעסלאַוו באַלצעראַק. דאָס בוך איז געווידמעט דער טעטיקייט פון ראַט, אויפן סמך פון אייגענע זכרונות און פון היסטאָרישע אַרכיוו־מאַטעריאַלן. מאַרעק אַרטשינסקי, וועלכער לעבט ליידער שוין נישט, איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע טוער אין ראַט פון הילף פאַר ייִדן אויף דער פּוילישער זײַט.

דאָס בוך „קריפּטאָנים זשעגאָטאַ" איז צוליב זײַן אינהאַלט אַ וויכטיקער צושטײַער און אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון עדות, פּוילישע עדות, וועגן לעבן פון די ייִדן צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג בעת דער גרויסער ייִדישער טראַגעדיע אין אָקופּירטן פּוילן, ווען די דײַטשן האָבן אויף דער פּוילישער ערד אויסגעפירט זייער מאָרדפּלאַן איבערן ייִדישן פאָלק און געמאָרדעט, מיט געניטער דײַטשער פּינקטלעכקייט, מיטן זייגער אין דער האַנט, קליין און גרויס, יונגע און אַלטע, דערוואַקסענע און קליינע קינדער און אַלע אָן אויסנאַם ייִדן. זיי אַרײַנגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אין די גאַזמאָרד־קאַמערן אין פאַרשידענע טויטלאַגערן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פּוילישער ערד, ווו די דאָזיקע קרבנות האָבן געהאַט אַ טויזנטיאָריקע געשיכטע פון זייער פאַרגאַנגען לעבן.

טראָץ דער זייער שווערער לאַגע און נישט גינסטיקע באַדינ־

גונגען אויף דער „אַרישער״ זײַט, האָבן פּאָרט זיך געפֿונען אײדעלע פּוילישע מענטשן, װעלכע האָבן קרבנות־פֿול זיך פֿאַרנומען מיט ראַטעװען ייִדן פֿון די דײַטשע בלוטיקע הענט און האָבן אויך געהאָלפֿן פֿאַריאָגן די פּוילישע פֿאַרפֿאָלגער פֿון די מאָדערנע מאַראַנען, פֿון די באַהאַלטענע ייִדן.

אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע 35 יאָר נאָך דער צװײטער װעלט־מלחמה איז װעגן „זשעגאָטאַ״ שױן פֿיל מאָל געשריבן געװאָרן: אין די „בלעטער פֿאַר געשיכטע״ פֿון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פּוילן (אין די יאָרן 1961). װעגן „זשעגאָטאַ״ דערמאָנט אויך דער פּוילישער היסטאָריקער קאַזשימיעזש איראַנעקאָסמעצקי, אין זײַן בוך װעגן פּוילן אין אונטערערד, א. ט. „װער עס ראַטעװעט איין לעבן, פּאָליאַקן און ייִדן״, אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן אין 1968. װעגן דעם ראַט צו ראַטעװען ייִדן אויף דער פּוילישער זײַט האָט באַשע בערמאַן נאָך געשריבן בעת איר זײַן אין פּוילן אין די 40־ער יאָרן. איר מאַן ד״ר אַדאָלף בערמאַן, װעלכער האָט צוזאַמען מיט איר געטאָן דעם גרעסטן טייל אַרבעט אין אונטערערד, האָט נישט װייניק גערעדט און געשריבן װעגן דער זעלבער הילפֿס־אָרגאַניזאַציע. אויך אַנדערע געװעזענע מיטאַרבעטער, דער עיקר טאַקע די ייִדישע מאַראַנען, װאָס זענען אָנגעגאַנגען אַלס „אמתע״ אַריער, און האָבן זיך גלײַכצײַטיק פֿאַרנומען מיטן העלפֿן די באַהאַלטענע — אַזעלכע זענען געװען נישט װייניק — האָבן אין זײערע דערינערונגען אויך געשריבן װעגן „זשעגאָטאַ״, אָבער דאָס ערשטע מאָל איז די געשיכטע װעגן „זשעגאָטאַ״ אַרויס אין בוכפֿאָרעם. דער ראַט פֿון הילף פֿאַר באַהאַלטענע ייִדן צװישן דער פּוילישער באַפֿעלקערונג איז אַ רעאַלער פֿאַקט, אַ װאָגיקע היסטאָרישע געשעעניש אין יענער פֿינצטערער נאַכט פֿון ייִדישן אומקום. דער מחבר פֿון די דאָזיקע שורות איז אַליין אויך געװען פֿאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, דער עיקר מיט זײַנע ייִדישע אַקטיװיסטן.

צוליב דעם, װאָס כּמעט אין אַלע װיכטיקע באַשרײַבונגען פֿון

בוך וועגן די גרויסע אָנשטרענגונגען צו העלפֿן די באַהאַלטענע ייִדן זיך ראַטעווען פֿון אומקום איז אויך אַ רייד וועגן פּוילישע קאָלאַבאָראַנטן מיטן דײַטשן ייִדן־מערדער, ווי וועגן שאַנטאַזשיסטן און „שמאַלצאָווניקעס", וואָס זענען געווען די גרעסטע פּלאָג פֿאַר די ייִדן און אויך פֿאַר די פּאַליאַקן, וואָס האָבן געטאָן די קרבנות־פּולע אַרבעט — איז נייטיק צו דערמאָנען די הויפּט־סיבות, וועלכע האָבן געשאַפֿן די ייִדן־פֿײַנטלעכע אַטמאָספֿער, אַז אַפֿילו אין אַט אַ דער גרוילִיקער צײַט פֿאַרן ייִדישן לעבן האָבן זיי, די דאָזיקע פּוילישע אַנטיסעמיטן, נישט אויפֿגעהערט זייער אַקטיווע ייִדן־שׂנאה.

די פֿאַרסמטע אַנטיסעמיטישע אַטמאָספֿער בײַ גרויסע טיילן פּאָליאַקן, אונטער דער היטלעריסטיש־דײַטשער אָקופּאַציע, איז גאָר נישט געווען קיין פּלוצעמדיקע דערשײַנונג. דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן האָט, צוליב דער אָפּגעשטאַנענקייט פֿון דעם לאַנד און פֿון זײַן באַפֿעלקערונג, לאַנגע און אַלטע וואָרצלען, נאָך פֿון די פֿריערדיקע יאָרהונדערטער, פֿון זינט ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין פּוילן. אויך אין דער תּקופֿה צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז פּוילן באַקאַנט אַלס אַ צוריקגעשטאַנען לאַנד מיט רעשטן פֿון פֿעאָדאַליזם סײַ אין דאָרף און סײַ אין שטאָט — און אַזאַ איז פּוילן פֿאַרבליבן ביז דעם אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער נידעריקער שטאַפּל פֿוןווירטשאַפֿטלעכער, פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג, די אויסערסט שווערע לעבנס־באַדינגונגען פֿון די ברייטע מאַסן פֿון שטאָט און דאָרף, אַ ריזיקער פּראָצענט אַנאַלפֿאַבעטן — דאָס האָט געשאַפֿן גינסטיקע באַדינגונגען פֿון טרײַבן אַנטיסעמיטישע העצע דורך די רעאַקציאָנערע געזעלשאַפֿטלעכע כּוחות. די רעאַקציע האָט עס ווי געהעריק אויסגענוצט און דער אַנטיסעמיטיזם האָט איר געדינט אַלס אַ גיפֿטיק געווער אין קאַמף קעגן פּאָרגעשריטענע פּאָליטישע כּוחות און קעגן דער אַרבעטערבאַוועגונג. אַלע רעגירונגען אין די יאָרן 1918—1939 האָבן אַזוי טאַקע געהאַנדלט. דעם ווירטשאַפֿטלעכן קאַמף מיט די ייִדן האָט אין 1936 אויך סאַנקציאָנירט דער פּרעמיער גענעראַל סלאַוואָי־

סקלאַדקאָווסקי. דער קאַמף האָט דעמלט אָנגענומען זייער שאַרפע פאָרמען, אײַנשליסנדיק דאָס צעראַבעווען ייִדישע סטראַגאַנעס און קראָמען, וואָס האָט דערפירט צו פּאָגראָמען קעגן ייִדן אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך.

ס'איז באַוווּסט, אַז ייִדן האָט מען אין פּוילן פון קדמונים נישט באַשעפטיקט אין מלוכישע און מוניציפּאַלע אַמטן. אין די הויכשולן האָט פאַרפּליכטעט דער נומערוס קלאַוזוס. אין די זעלבע הויכשולן האָט די פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע יוגנט פון אָ.נ.ר. כּסדר אָרגאַניזירט אַנטי־ייִדישע עקסצעסן און מיט דער צײַט האָט מען דאָרט אײַנגעפירט די אַזוי גערופענע באַנק־געטאָס. די באַזיצנדיקע קלאַסן, די ענדעקעס, כאַדעקעס, סאַנאַציע און אַנדערע, האָבן פּראָפּאַגירט דעם אַנטיסעמיטיזם. דער פאַרסמטער שטראָם פון ייִדן־פײַנטשאַפט האָט זיך צעגאָסן איבער גאַנץ פּוילן נאָכן זיג פון פאַשיזם אין דײַטשלאַנד, נאָך דעם ווי היטלער איז אין 1933 געקומען צו דער מאַכט. דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט נאָך דעם ווי די דעמלטיקע פּוילישע רעגירונג האָט דעם 26־סטן יאַנואַר 1934 געשלאָסן מיט די היטלעריסטישע פירער פונעם דריטן רײַך דעם נישט־אַגרעסיע פּאַקט. די פּוילישע סאַנאַציע איז געווען אַזוי פאַרבלענדט פון אַנטיסעמיטיזם, אַז זי איז גרייט געווען אויף דעם געביט מיטצואַרבעטן מיט היטלערן. זי האָט נישט געזען דערין די טויטגעפאַר פאַר די גרונט־יסודות פון דער זעלבשטענדיקייט פון פּוילישן פאָלק מצד דעם עקספּאַנסיאָניסטישן און אַגרעסיוון היטלער־דײַטשלאַנד. אויף אַזאַ אופן האָט דאָס דריטע רײַך און זײַנע אַגרעסיווע פּלענער לגבי פּוילן אויסגענוצט די קורצזיכטיקייט פון דער פּוילישער רעאַקציע. דער אַנטיסעמיטיזם האָט געדינט אַלס דיווערסיע־אינסטרומענט, אַלס אַ ספּעציפישער עלעמענט פון דער פינפטער קאָלאָנע, דאָס האָט אויך פאַרלײַכטערט די פאַרווירקלעכונג פון די היטלעריסטישע פאַרברעכערישע פּלענער.

אַזוי האָט אין יוני 1935 די פּוילישע רעאַקציע צעפּלאַקערט אַנטי־ייִדישע עקסצעסן אין גראָדנע, סוואַלק, ראַציאָנזש און אין

נאָוועמבער דאָס זעלבע יאָר אין אָדזשיוואָל. אַ באַזונדער גרויסן פאַרנעם האָט באַקומען דער אַנטי־ייִדישער פּאָגראָם אין מערץ 1936 אין פּזשיטיק. דער דאָזיקער פּאָגראָם האָט דעמלט אָפּגעהילכט אין גאַנץ אייראָפּע. אין די ערשטע טעג פון יולי 1936 איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אין מינסק־מאַזאָוויעצק; אין דער צווייטער העלפט פון זעלבן חודש איז אַ כוואַליע פון אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אַדורך דורך לעמבערג, פּיאָטרקאָוו, פּלוינטק און סעראָצק. נאָך אַ סך עקס־צעסן און פּאָגראָמען זענען אין די יאָרן 1937—1938 פאָרגעקומען אין פּוילן.

די פירער פון דריטן רײַך האָבן זיך זייער גוט אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז די אַנטי־ייִדישע פּאָגראָמען גרייטן צו דעם באָדן פאַר זייער געפּלאַנטער אַגרעסיע קעגן פּוילן. אַ געהיימע אינ־סטרוקציע פון אויסערן־מיניסטעריום פון דריטן רײַך פון 25־סטן יאַנואַר 1939 האָט געלויטעט: „די ייִדישע פראַגע, אַלס פאַקטאָר פון דער דײַטשער פּאָליטיק, שטעלט פעסט, אַז די צוגרייטונגען צום אַגרעסיוון קריג זענען ענג פאַרבונדן מיט דער נאַצישער פּאָליטיק לגבי ייִדן". (נירנבערגער דאָקומענט 3358 — פּראָצעס קעגן די הויפּט־קריגס־פאַרברעכער).

נאָכן אָקופּירן פּוילן אין 1939 האָבן די דײַטשן באַלד געלאָזט אין גאַנג קעגן ייִדן די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע־ און העץ־מאַשין. עס האָט זיך דעמלט אַרויסגעוויזן, אַז דאָס סיסטעמאַטישע פאַרסמען די פּוילישע באַפעלקערונג דורך דער אייגענער רעאַקציע אין דער צײַט צווישןביידע וועלט־מלחמות האָט איבערגעלאָזט דויערהאַפ־טיקע שפּורן. די היטלעריסטן איז דערפאַר לײַכט געלונגען צו גע־ווינען אַקטיווע און פּאַסיווע מיטהעלפערס אין זייער קאַמף קעגן ייִדן, ווײַל דאָס איז געווען אָפּט מאָל (און שפּעטער בדרך־כּלל) פאַרבונדן אויך מיט מאַטעריעלע נוצן.

דער ערשטער פּעריאָד פון דער אָקופּאַנטישער הערשאַפט פון די דײַטשן אויף דער פּוילישער ערד איז, ווי באַוווּסט, געשטאַנען אונטערן צייכן פון בעסטיאַלישן טעראָר קעגן פּאָליאַקן און ייִדן.

בולטע עדות זענען די שחיטות אין בידגאָשטש, אין שלעזיע, אין ראָווע מאַזאָוויעצק, וואָווער (הינטער וואַרשע) א. א. צום באַדויערן, האָבן זיך געפונען פאַרשוינען, וואָס האָבן געהאָלפן די דײַטשן אין שיקאַנירן ייִדן. נאָך איידער דער אָקופּאַנט האָט אײַנגעפירט פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג די פליכט צו טראָגן ספּעציעלע צייכנס (ווייסע אָרעמבענדער מיטן בלויען מגן־דוד), פלעגן זיי אָנווייַזן די היטלערלײַט אויף ייִדן, וואָס זענען געשטאַנען אין די רייען בײַ בעקערײַען נאָך ברויט און בעת אָבלאַווע צו צוואַנגסאַרבעט. די דײַטשן פלעגן דאָך נישט שטענדיק דערקענען די ייִדן.

אין הסכם מיט זייערע פּלענער האָבן די היטלעריסטן באַזעצט שפּעטער די ייִדן אין באַזונדערע ווױן־קוואַרטאַלן, אין די געטאָס. די באַרבאַרישע פּראַקטיק פון אָקופּאַנט צו איזאָלירן די ייִדן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג און פון דער וועלט הינטער די מויערן פון געטאָ איז פאַרשידנאַרטיק אויפגענומען געוואָרן דורך פאַרשידענע שיכטן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. די פּוילישע דעמאָקראַטיע, די לינקע גרופּירונגען האָבן געשטעמפּלט דעם אומגעהויערן פאַרברעכן, די פּוילישע רעאַקציע דאַקעגן האָט מיט פרייד באַגריסט דאָס פאַרשפּאַרן די ייִדן אין די געטאָס.

אַלע רעאַקציאָנערע פּאַרטייען (די אָ־ען־ערישע פּוילישע אָרגאַניזאַציע־גרופּע „שאַניעץ", אָ. נ. ר. פאַלאַנגאַ, דאָס פאַשיסטישע „מיעטש אי פּלוג" („שווערד און אַקער"), די אַנטיסעמיטישע סטראָנניצטוואָ נאַראָדאָווע, פאַרטייען, אָפּשטאַמיקע פון דער סאַנאַציע, ווי „אָבוז פּאָלסקי וואַלטשאָנצעי" און דער קאָנוועגט פון אומאָפּהענגיקייט־אָרגאַניזאַציעס. אַלע האָבן זיי דאָס שאַפן פון די געטאָס און אַלע באַגרענעצונגען און רעפּרעסיעס פון אָקופּאַנט לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג אויפגענומען מיט פאַרגעניגן, מער אָדער ווייניקער פאַרמאַסקירט.

די עקסטרעם רעאַקציאָנערע פּאַרטייען האָבן אין היטלעריסטישן אָקופּאַנט דערזען ממש גאָטס אַ שליח, וואָס וועט רעאַליזירן

זייערע אַלטע אַנטיסעמיטישע לאָזונגען און פּלענער. מען האָט אפשר געדאַרפט האָפן, אַז די דעלעגאַטור פון דער לאָנדאָנער פּוילישער רעגירונג אין לאַנד וועט קלאָר און דײַטלעך פאַראורטיילן דאָס באַרבאַרישע פאַרפאָלגן פון ייִדן, פּוילישע בירגער — און וועט אויפפאָדערן די געזעלשאַפט, זי זאָל זיך אָפּגרענעצן פון אָט דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק און זיך סאָלידאַריזירן מיט די פאַר־פאָלגטע מיטבירגער. צום באַדויערן קען מען נישט געפינען קיין איין דאָקומענט פון דעם דעמלטיקן דעלעגאַט פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאַנד, ציריל ראַטאַיסקי, וואָס זאָל באַ־ווײַזן, אַז אַזעלכע שריט זענען געמאַכט געוואָרן. פּונקט פאַרקערט, אין איינער פון די אָפּטיילונגען פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור — דהיינו אין „אַנטיק״, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט הענריק גלאַס — געפינט מען פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן, וואָס זענען באַאַרבעט גע־וואָרן און ברייט פאַרשפּרייט צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן ממש געלויבט די אַנטי־ייִדישע פּאָליטיק פון אָקופּאַנט בכלל און דאָס שאַפן די געטאָס בפרט. די איינציקע זאָרג וואָס גלאַס האָט אויסגעדריקט אין זײַנע באַטראַכטונגען אין יאָר 1941 וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין אָקופּירטן פּוילן איז באַשטאַנען דערין, צי די אָנגעווענדטע לגבי ייִדן מיטלען וועלן זײַן גענוג ווירקזאַם. אין דער אינסטרוקציע פון מאַי 1941 א. נ. „אָריענטיר־מאַטעריאַל פאַר דער אינטעליגענץ״ באַנוצן זיך די אָנפירער פון „אַנטיק״ מיט די אַלטע ייִדן־פרעסערישע לאָזונגען און רופן צו אַנטוויקלען און פאַרטיפן דעם אַנטיסעמיטיזם, אויפקלערנדיק, ווי אַזוי ייִדן פאַרקויפן אונדז צו ביידע צדדים: „אַלס קאָנפידענטן פון געסטאַפּאָ די דײַטשן — און אַלס אַגענטן פון דער קאָמונע די באָלשעוויקעס״. און „צום געווער״ („דאָ בראָני״, נר׳ 3 פון 1־טן מערץ 1942), אָרגאַן פון אָנר־פאַלאַנגאָ, געפינען מיר אַפילו אַ קלאָרן אָנזאָג: „נאָך דעם אונטערשרײַבן דעם פרידנס־אָפּמאַך וועלן מיר די ייִדן פון געטאָ נישט אַרויסלאָזן. מיר מוזן שאַפן אַ פּוילן אָן ייִדן״.

די פוילישע דעמאָקראַטישע און לינקע פּאַרטייען דאַקעגן, האָבן אָנערקענט, אַז די קלעפּ, וואָס זענען געווענדט דורך דעם אָקופּאַנט קעגן ייִדישן פֿאָלק, טרעפֿן איינצײַטיק דאָס פּוילישע פֿאָלק. די שטעלונג צו די פֿאַרפֿאָלגטע ייִדן פֿון די דעמאָקראַטישע און לינקע גרופּירונגען אין זייערע דעקלאַראַציעס און אויפֿרופֿן האָט פֿונדעסטוועגן נישט דערפֿירט צו געהעריקע קאָנקרעטע רעזולטאַטן — קודם־כּל אַלס פּועל־יוצא פֿון דער צעשפּליטערונג פֿון די כּוחות אין פּוילישן לינקן אונטערערד. דאָס האָט נאַטירלעך געמוזט נעגאַטיוו ווירקן אויף דעם געביט. זיי האָבן נישט באַוויזן מיט גענוגנדיקער קראַפֿט זיך קעגנשטעלן דער אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער אָקופּאַנט האָט פֿאַרשפּרייט, און וואָס האָט געצויגן יניקה דורך דער היימישער רעאַקציע, זיי האָבן אויך נישט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אין אַן אַנטשפּרעכנדיקן פֿאַרנעם די אַקציע פֿון ראַטעווען ייִדן.

דער אָקופּאַנט האָט זיך באַמיט צו דערשרעקן און פּאַראַליזירן די איידעלע האַנדלונג פֿון געוויסע פּוילישע מענטשן, וואָס האָבן באמת מיטגעפֿילט די אומשולדיק לײַדנדיקע, קעגן וועלכע עס איז אָנגעוואָנדן געוואָרן דער בלוטיקער טעראָר. דער גובערנאַטאָר פֿון וואַרשעווער דיסטריקט, לודוויג פֿישער, האָט פֿאַראָרדנט דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, אַז זי זאָל איבערגעבן אין די הענט פֿון דער דײַטשער פּאָליציי ייִדן אַנטלאָפֿענע פֿון געטאָ, פֿאַרשפּרייטנדיק דעם שקר, אַז ייִדן זענען גורם די פֿאַרשפּרייטונג פֿון טיפֿוס־עפּידעמיע. דערמיט האָט ער געצילט אָפּצושרעקן די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן דאָך געפּרוּווט ראַטעווען די אַנטלויפֿנדיקע ייִדן, וואָס האָבן געזוכט רעטונג און נישט געלאָזט זיך פֿאַרשפּאַרן אין די געטאָס, וואָס דאָס האָט באַטײַט דעם אָנהייב פֿון דער ייִדן־פֿאַרניכטונג.

אין אָקופּירטן פּוילן זענען די באַדינגונגען צו ראַטעווען ייִדן געווען נישט קיין גינסטיקע, אַ סך ערגערע ווי אין די אַנדערע אָקופּירטע אייראָפּעיִשע לענדער. פֿאַרט האָבן זיך געפֿונען מענטשן פֿון פֿאַרשידענע שיכטן און סאָציאַלע סביבות, וואָס האָבן צוליב פֿאַר־

שידענע טעמים, אײַנגעשטעלט אָפט מאָל זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע נאָענטע און געקומען צו הילף די פאַרפאָלגטע ייִדן.

נאָך אין דער צײַט פון דער אָקופּאַציע האָט דער היסטאָריקער ד״ר עמנואל רינגעלבלום, דער מחבר פון דער סטודיע: „די פּויליש־ייִדישע באַציונגען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה״ (אָנגעשריבן אין באַהעלטעניש אויסערן געטאָ אין דער צווייטער העלפט פון 1943 אויפן סמך פון געזאַמלטע דאָקומענטן און פון פּערזענלעכער דערפאַרונג), אונטערגעשטראָכן די ראָל פון דעם אַרבעטסמענטש אויף דעם געביט: „די פּוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן לאַנג פאַר דער מלחמה פאַרשטאַנען דעם קלאַסן־פּרצוף פון אַנטיסעמיטיזם, אַלס מאַכטגעווער פון דער היימישער בורזשואַזיע, האָבן בעתן קריג פאַרטאָפּלט זייערע באַמיונגען צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם. דאָס ראַטעווען ייִדן האָט אַנטשפּראָכן זייער אידעאָלאָגישע אײַנ־שטעלונג״, ווײַל שוין פאַרן קריג האָבן זיי קאָמפּראָמיסלאָז געקעמפט קעגן פאַשיזם און פּוילישן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זײַנע שאַטירונ־גען און דערשײַנונגען.

אַ רומפול בלאַט אין דער כראָניק פון ראַטעווען ייִדן־קרבנות פון היטלעריזם האָט אויך אַרײַנגעשריבן די פּוילישע אינטעליגענץ, טרײַ אירע הויכע טראַדיציעס און ספּעציעל אירע באַדײַטנדיקסטע פאָרשטייער — די אינטעלעקטועלע: געלערנטע, שרײַבער, אַרטיסטן, פּלאַסטיקער. ס׳איז קלאָר, אַז דאָס באַציט זיך נאָר צו דעם בעסטן, פּראָגרעסיוון טייל פון דער אינטעליגענץ, צו די וואָס האָבן באַוווּסט־זיניק אַרויסגעוויזן פאַרשידנאַרטיקע הילף די ייִדן, האַלטנדיק עס פאַר זייער פּערזענלעכן ווידערשטאַנד־אַקט קעגן אָקופּאַנט און פאַר זייער פונדאַמענטאַלער הומאַניטאַרער פליכט.

אַ וויכטיקע ראָל אין ראַטעווען די פאַרפאָלגטע ייִדישע באַ־פעלקערונג האָבן געקענט שפּילן די גײַסטלעכע. זיי זענען, צום באַ־דויערן, נישט געשטאַנען אויף דער הויך פון דער אויפגאַבע און נישט אויסגענוצט אַלע זייערע מעגלעכקייטן. אַ באַדײַטנדיקער טייל פון די קריסטלעכע גײַסטלעכע איז צוגעטרעטן צו געבן הילף די

רעשטלעך פון די ניצול געוואָרענע ייִדן — הויפּטזעכלעך קינדער. פֿאַרגעקומען איז עס דער עיקר שפּעטער, אין גאַנג פֿון דער מאַסן־אויסראָטונג פֿון ייִדן. אָפֿט איז עס פֿאַרבונדן געווען מיט באַשטימטע מיסיאָנערישע טענדענצן, ווי שמד אא״וו.

אין אַ לאַנד מיט אַן איבערוועגנדיקער פּויערישער באַפֿעלקערונג איז דאָס הויפּטגעביט פֿון דער טעטיקייט פֿון קלער געווען דאָס דאָרף, ווו ס'איז געווען אַ בעסערע געלעגנהייט צו ראַטעווען ייִדן די באַדינגונגען און דער קלימאַט אויסבאַהאַלטן און ראַטעווען ייִדן זענען אין די דאָזיקע געביטן אין אַ געוויסער מאָס אַפֿילו געווען גינסטיקער, ווי אין שטאָט, ווו די קאָנטראָל איז געווען שטאַרקער. דאָס באַטייַט אָבער נישט, אַז די מערהייט ייִדן, וואָס האָבן געזוכט אַ רעטונג, זענען אַוועק אין דאָרף און דאָרט ניצול געוואָרן. גינסטיקע באַדינגונגען זיך אויסצובאַהאַלטן אין דאָרף האָבן עקזיסטירט נאָר פֿאַר די ייִדן, וואָס זענען מיטן דאָרף געווען פֿאַרבונדן. עס האָט זיך דעריבער אַ גאַנץ קליינע צאָל ייִדן געראַטעוועט אין דאָרף.

אַממערסטן מיטלייַד האָט אַרויסגערופֿן צווישן טיילן פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג דער טראַגישער גורל פֿון די ייִדישע קינדער. שוין אין אָנהייב פֿלעגט מען ייִדישע קינדער טרעפֿן אויף דער צווייטער זייַט פֿון דער געטאָ־מויער, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט. קליינע, אָפּגעריסענע, בלאַסע און אויסגעדאַרטע קינדערלעך. זיי פֿלעגן דאָ קומען, ריזיקירנדיק דאָס לעבן, אַבי צו באַקומען פֿאַר געלט און אפשר נאָר אויסצובעטלען אַ ביסל עסנוואַרג פֿאַר זיך און שפּייַז פֿאַר די עלטערן, ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן געהונגערט אין געטאָ. אָפֿט פֿלעגן די אומגליקלעכע קינדער אָנטרעפֿן גוטע, מיטלייַדנדיקע מענטשן, וואָס האָבן פֿאַר זיי געהאָט פֿיל האַרץ. מיט דער צייַט האָבן אייניקע פֿון די קינדער געהאָט הינטער די מויערן פֿון געטאָ געטרייַע און זיכערע באַשיצער און פֿרייַנד, צו וועלכע זיי האָבן געווענדט זייערע ערשטע שריט. נישט איין מאָל האָט אַ פּוילישער גראַנאַטענער פּאָליציאַנט אָדער כוליגאַן געמוזט אָפּטרעטן פֿאַר דעם הייליקן צאָרן און פֿאַרביטערונג פֿון

אַפּילו צופעליקע פאַרטיידיקער, דורכגייער פון דער גאַס. אייניקע קינדער זענען שוין אויף שטענדיק פאַרבליבן אויסערן געטאָ און געפונען דאָרט זייערע באַשיצער. אַ טייל פון זיי איז ניצול געוואָרן.

צוליב די מאַסן־דעפּאָרטאַציעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די טויטלאַגערן זענען אומגעקומען אַ סך הונדערטער טויזנטער קינדער. פאַרבליבן זענען זייער ווייניקע, געציילטע פון זיי. זייער עלטערן זענען זיי געווען צוזאַמען מיט איינעם אָדער ביידע עלטערן. אַלע איבעריקע זענען געווען קיילעכדיקע יתומים, אומבאַהאָלפענע און אומאויפהערלעך געפלאָגטע דורך דעם אָקופּאַנט און זיינע אונ־טערהעלפער. זייערע איידעלע אַפּוטרופּסים האָבן זיי אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ווינקעלעך פאַר די שכנים און צופעליקע געסט.

צוגלייך מיט די פאַקטן פון אינדיווידועלן ראַטעווען פאַרפאָלג־טע יידן דורך פּאָליאַקן, האָט עקזיסטירט אַ העכערע, אָרגאַניזירטע, קאָלעקטיווע פאָרם פון הומאַניטאַרער טעטיקייט. דאָס האָט געפירט צום אַנטשטיין פון אַ קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז גע־ווען דערצו באַרופן ספּעציעל און אויסשליסלעך און האָט זיך גע־שטיצט נישט בלויז אויפן גוטן ווילן פון איינצלנע פּערזאָנען, נאָר קודם כל אויף אַ רעלאַטיוו־ברייטן געזעלשאַפטלעכן באַזיס. אָט די העכערע פאָרעם פון ראַטעווען יידן האָט רעפּרעזענטירט דער „ראַט פון הילף פאַר יידן" (אויף דער פּוילישער זייט) „ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם") „זשעגאָטאַ". וועגן דעם אַנטשטיין פון אָט אָ דער אָר־גאַניזאַציע און איר טעטיקייט, איז טאַקע איצט אַרויסגעגעבן געוואָרן דאָס אויבנדערמאַנטע בוך.

אין האַרבסט 1942, ווען דער פּראָצעס פון יידן־פאַרניכטונג אויף דער פּוילישער אָקופּירטער טעריטאָריע האָט אַרומגענומען דאָס רוב יידישע ישובים, איז אַנטשטאַנען אין וואַרשע אַ „צייטווייליקער קאָמיטעט פון הילף פאַר יידן". ער איז געשאַפן געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון דער באַקאַנטער שרייבערין זאָפיאַ קאָסאַק „ווע־ראָניקאַ", פון קונסט־היסטאָריקער וואַנדאַ קראַהעלסקאַ־פיליפּאָ־וויטש („העלענאַ"), טשעסלאַווואַ וואָיענסקאַ און אַנדערע. דער

ציַיטווייַליקער קאָמיטעט איז לכתּחילה געווען פאַרבונדן מיט די קאַטוילישע קרייַזן. וואָס זענען געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם „פראָנט פון נאַציאָנאַלערווידערגעבורט" (פּאָפּ) און מיט געוויסע גרופּן דעמאָקראַטן און סינדיקאַליסטן. דורך דער פאַרמיטלונג פון דער דעמאָקראַטישער טוּריז, וואַנדאַ פיליפּאָוויטש, האָט דער קאָמיטעט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט ד"ר אַדאָלף בערמאַן ז"ל, פאַרשטייער פון דער יִדישער געזעלשאַפט אין אונטערערד. אין יאָר 1942, נאָך דעם, ווי די דעלעגאַטור פון דער פּוילישער עמיגראַציע-רעגירונג פאַרן לאַנד האָט געגעבן איר הסכּם און געשאַפן גלייַכצייטיק אַ רעפערראַט פאַר יִדישע ענינים אין דער אָפּטיילונג פאַר נאַציאָנאַלע מיטדערהייטן אין דעפאַרטאַמענט פאַר אינערן-ענינים, איז ערשט אָרגאַניזירט געוואָרן דער „ראַט פאַר הילף פאַר יִדן". זייַן קאָנסטיטואירונג און קאָנקרעטע טעטיקייט קומט פאָר אין יאָר 1943. צו דער אָנפירונג פון ראַט אין וואַרשע האָבן געהערט: דער טוער פון פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע-פּאַרטיי) וו.ר.נ. יוליאַן גראָבעלני — אַלס פאָרזיצער פון ראַט; דער טוער פון דער פאָלקס-פּאַרטיי (סטראָנניצטוואָ לודאָווע") טאַדעוש רעק, צוזאַמען מיט ד"ר לעאָן פיינער („בונד") זענען זיי ביידע געווען וויצע-פאָרזיצערס. סעקרעטאַר איז געווען ד"ר אַדאָלף בערמאַן. קאַסירער, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען דער טוער פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, פערדינאַנד אַרטשינסקי („מאַרעק"). אין דער אָנפירונג זענען געווען נאָך אַנדערע אָנגעזעענע פּאָליאַקן פון פּוילישן אונטערערד.

אַ שלעכטע ווירקונג האָט געהאַט אויף דעם ראַט פון הילף פאַר יִדן, ווי אויף דער גאַנצער ווידערשטאַנד-באַוועגונג, די פּאָליטישע צעשפּליטערטקייט פון פּוילישן אונטערערד. דעריבער, הגם די געזעלשאַפטלעכע, פּאַרטייִשע און סאָציאַלע באַזע פון ראַט איז געווען פיל ברייטער אין פאַרגלייַך מיט דעם געוועזענעם ציַיטווייַליקן קאָמיטעט, האָבן דאָך צו אים נישט געהערט אַלע אָן אויסנאַם דעמאָקראַטישע און אַנטי-היטלעריסטישע גרופּירונגען. די דעלעגאַטור אין לאַנד פון דער פּוילישער עמיגראַציע-רעגירונג

האָט זיך באַוואָרנט, אַז זיי וועלן אָפּזאָגן יעדע מאָראַלישע און מאַטעריעלע שטיצע פאַרן ראַט (געלט־שטיצע, פאַרבינדונג מיט אויסלאַנד) אין פאַל ווען די פוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי וועט ווערן צוגעצויגן צום ראַט. טראָץ דער דאָזיקער באַגרענעצטקייט, האָבן די פאָרשטייער פון יידישן אונטערערד זיך געמוזט אָפּט באַראַטן מיט די לינקע פאָרשטייער אין אָנבליק פון גרויסע סכּנות, וואָס האָבן אָפּט געדראָט די באַהאַלטענע יידן. אַזוי אַרום פלעגן יידן דאָך באַקומען הילף נישט נאָר אין די ראַמען פון „זשעגאָטאַ״, נאָר אויך דורך פּ.פּ.ר., פאָלקס־גוואַרדיע און דורך דעם לינקן פליגל פון סטראָנניצטוואָ לודאָווע. מען דאַרף דערביי באַמערקן, אַז דאָס אַנטשטיין און די אַקטיווע טעטיקייט פון דעם ראַט „זשע־גאָטאַ״, אָרגאַניזירט דורך דער ענגער גרופּע פוילישע אינטעליגענץ און דאָס באַשיצן די רעשטלעך אַנטלאָפענע יידן פון ברענענדיקן געטאָ, האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרלייכטערט, שוין נאָך דער מלחמה, די פאַליאַקן צו דערציילן פאַרשידענע מעשׂיות, וועגן אַ כּלומרשטער מאַסן־באַוועגונג פון אַלע פאָליאַקן צו ראַטעווען די יידן פון אומקום.

דער ראַט פון הילף פאַר יידן איז געוואָרן אַ ברייט פאַרצווייַג־טע אָרגאַניזאַציע, געשלאָסן און קאָנספּיראַטיוו, וואָס האָט אַנט־וויקלט אַן אויסערט וואַגיקע טעטיקייט לטובת די באַהאַלטענע רעשטלעך פון די פוילישע יידן — אַ דאַנק אַ גאַנצער מחנה פון אָפּפערוויליקע און איבערגעגעבענע טוער סיי אין וואַרשע, סיי אין דער פּראָווינץ. דאָס דאָזיקע איז, ליידער, נישט געשען פון אָנהייב אָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ענדגילטיקע הריגה פון די פוילישע יידן, נאָר ערשט ווען די רעשטלעך באַהאַלטענע יידן, צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג, האָט געדראָט מיט אומקום ביי דער מיטהילף פון פוילישע אויסוואורפן, „שמאַלצאָווניקעס״ און אַנדערע אַנטיסעמיטן.

דאָס ראַטעווען יידן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב דורך „זשע־גאָטאַ״ און פּאַראַלעל אויך דורך די צוויי אויבן דערמאָנטע יידישע

אָרגאַניזאַציעס, האָט זיך געקענט אַנטוויקלען נאָר דאַן, ווען מען האָט באַקומען שטענדיקע סובווענצן פון ייִדישע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס זינט אויגוסט 1943. אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1943 (נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון ייִדישן ווויִן־קוואַרטאַל) און אין דער ערשטער העלפט פון 1944, האָט די „ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם" (ר.פּ.זש.) געגעבן הילף אַרום 4000 פּערזאָן אין וואַרשע און דער „בונד" אַרום 2000 ייִדן. סוף 1943 און אין יאָר 1944, ווען ר. פּ. זש. האָט אַנטוויקלט די שטאַרקסטע טעטיקייט, האָבן פון זײַן הילף געניאָסן אין וואַרשע און אומגעגנט אַרום 600 קינדער, וואָס זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין שטאָטישע קינדער־אַנשטאַלטן, אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אין אַנשטאַלטן אָנגעפירט דורך די קריסטלעכע גײַסטלעכע.

די הילף פון ר. פּ. זש. איז געווען זייער פאַרשידנאַרטיק און אָנגענומען פאַרשידענע געשטאַלטן. זי איז באַשטאַנען אין צושטעלן אַזוינע געראָפענע „אַרישע" דאָקומענטן, פאַרלײַכטערן דאָס אײַנ־מעלדן זיך, אויסזוכן פאַרשידענע דירות, אַרויסבאַקומען פון אַרבעטס־לאַגערן, ווי אויך מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף פאַר אַרעסטאַנטן פון היטלעריסטישע לאַגערן, אָרגאַניזירן רײַזעס פון אָרט צו אָרט, שטענדיקע פינאַנסיעלע הילף, מעדיצינישע (קרענק, געבורטן אא"וו), אין אַ נויטפאַל, ביזן „לעגאַליזירן" דעם טויט פון אַ ייִד, וואָס האָט אומלעגאַל (קעגן די היטלער־געזעצן) גע־לעבט בײַ זײַנע פּוילישע אַפּוטרופּסים. חוץ דעם האָט ר. פּ. זש. זאָרגעוודיק באַשיצט קינדער און אַנטוויקלט אַ ברייט פאַרמאָסטענע אינפאָרמאַציע־טעטיקייט, אַלאַרמירנדיק די פּוילישע געזעלשאַפט און קודם־כּל די געזעלשאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט וועגן די פאַרברעכנס קעגן דער מענטשהייט, וואָס זענען לגבי דער ייִדי־שער באַפעלקערונג באַגאַנגען געוואָרן דורך די דײַטשע פאַשיסטן. אײַנצײַטיק האָט ר.פּ.זש. באַמיט זיך צו ווירקן אויף דער געזעלשאַפט אין לאַנד דורך דעם טייל פון דער אונטערערדישער פּרעסע, צו

װעלכער זי האָט געהאַט אַ צוטריט און דורך ספּעציעלע אויסגאַבעס, כּדי צו געווינען די געזעלשאַפט פאַר דעם ענין פון ראַטעווען די רעשטלעך פון די פּוילישע ייִדן.

דער ראַט צו העלפן ייִדן („ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם") האָט אַרויסגעוויזן געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע רײַפקייט, שטייענ־דיק אויף דער הייך לגבי די שווערע פאָדערונגען פון לעבן. אַזוי האָט ער קאַטעגאָריש אויפגעפאָדערט די דעלעגאַטור פון דער עמיגראַציע־רעגירונג, אַז דורך אַ מוסטערהאַפטער שטראָף פאַר די שולדיקע זאָל געמאַכט ווערן אַ סוף צו דער הערשנדיקער פּעסט פון שאַנטאַזש און מסירה קעגן די פּוילישע בירגער פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַרן אָקופּאַנט. אָפּ־שלעפּנדיק מיטן אָנהייב פון ראַדיקאַלע שריט קעגן די פּוילישע שאַנטאַזשיסטן, האָבן די אָפיציעלע פאַקטאָרן לויז געלאָזט די „שמאַלצאָווניקעס", וואָס זענען דעריבער געוואָרן אַלץ מער ראַ־פינירט און אויסגעלאַסן. ביזן מאָמענט פון דער באַפרייונג איז עס געווען די שרעקלעכסטע פּלאָג פאַר די אויסבאַהאַלטענע און זייערע באַשיצער. די קאַרגע אורטיילן האָבן לגמרי נישט אָפּגעשראָקן די פאַרברעכער זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער נידערטרעכ־טיקער טעטיקייט.

די אַזוי גערופענע „שמאַלצאָווניקעס" — שאַנטאַזשיסטן, אויס־פּרעסערס, דער נאָמען שטאַמט פון וואָרט „שמאַלעץ" — שמאַלץ. זיי פּלעגן זיך ווענדן צו זייער קרבן מיט די ווערטער „דאַי נאַ שמאַלעץ" (גיב אויף שמאַלץ) — אַ מין פּסעוודאָנים פאַר זייער העסלעכער מלאכה. חוץ דער טויט־שרעק פאַר אַ געסטאַפּאָוויעץ, אַן עס־עס־ניק און אַנדערע מלאכי־חבלה, וועמען מען האָט גע־קענט דערקענען פון דער ווײַטנס, האָט אויף די מאָדערנע מאַראַנען געלויערט נאָך אַן אינקוויזיציע אין געשטאַלט פון אָט די פּוילישע אויסווורפן, וועלכע האָבן געמאַכט פאַר זיך אַ געשעפט מיט ייִדישע לעבנס. די „שמאַלצאָווניקעס" זענען געווען אָרגאַניזירט אין גאַנצע באַנדעס. הונדערטער האָבן זיך פאַרנומען מיט דער דאָזיקער העס־

לעבער באַשעפּטיקונג: אויסזוכן, דערקענען, פֿאַנגען די אומגליק־לעכע, וואָס האָבן זיך גערעטעוועט פֿון געטאָ און געלעבט אויף „אַרישע״ פּאַפּירן, געצוווּנגען געווען צו פֿירן אַ לעבן פֿון אמתע קאַטאָליקן. די פּוילישע שאַנטאַזשיסטן האָבן אויסגעזויגן דאָס לעצ־טע געלט, אויב האָט מען זיי נישט אויסגעצאָלט, האָבן זיי גלײַך די קרבנות איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון די דײַטשע בעסטיעס צום דערמאָרדן.

הונדערטער יאָרן האָבן ייִדן געוווינט צוזאַמען מיט פּאָליאַקן אויף איין ערד, געווען צוזאַמענגעבונדן, צוזאַמענגעקניפּט אין איין באַפֿעלקערונגס־אָרגאַניזם. צי האָט מען זיך געקענט ווען עס איז פֿאָרשטעלן, אַז אין אַ צײַט פֿון אַזאַ קאַטאַסטראָפֿאַלן אומגליק אויףביידע פֿעלקער, זאָלן געוויסע עלעמענטן פֿון איין פֿאָלק מאַכן פֿאַר זיך אַ קוואַל פֿון הכנסה, האַנדלען מיט די לעבנס פֿון צווייטן פֿאָלק — איבערענטפֿערן זיי דעם געמיינזאַמען שונא?...

פֿאַרשידענע פֿאַקטאָרן האָבן בײַגעטראָגן, אַז די באַדינגונגען צו ראַטעווען ייִדן אויף דער פּוילישער ערד זאָלן זײַן אומגינסטיקע. דאָס זענען דער אויסערט בלוטיקער טעראָר פֿון אָקופּאַנט לגבי דעם פּוילישן פֿאָלק, טויטשטראָף פֿאַר העלפֿן און אויסבאַהאַלטן ייִדן, דאָס סיסטעמאַטישע פֿאַרסמען פֿון דער געזעלשאַפֿט מיטן גיפֿט פֿון נאַציאָנאַלן האַס און באַזונדערס פֿון אַנטיסעמיטיזם. די צוריקגעשטאַנענע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט זענען שוין אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות און אַפֿילו אין די יאָרן פֿון דער אָקופּאַציע פֿאַרטעמפּט געוואָרן פֿון אַנטיסעמיטיזם דורך דער היי־מישער רעאַקציע. דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן ריזיקע שוועריקייטן פֿאַר אַלע מענטשן פֿון גוטן ווילן וואָס האָבן, נישט געקוקט אויף אַלע מניעות, געוואָלט ראַטעווען ייִדן. אַ צוגאָב־שוועריקייט איז געווען די פּלאָג פֿון דער מסירה, שאַנטאַזש און „שמאַלצאַווניקעס״, וואָס דער אָקופּאַנט האָט נישט נאָר טאָלערירט, נאָר אויך געפּלעגט, דאָס איז געווען אַ געוויסע פֿאָרעם, אויסגעאַרבעט דורך דער היטלע־ריסטישער מאַכט און באַשטאַנען איז זי אין צולאָזן די אויסוואָרפֿן

צו אַ חלק אין רויב, וואָס איז צוגענומען געוואָרן בײַם אויסגעלי־פערטן קרבן. אין די באַדינגונגען פון דער אַלגעמיינער ירידה פון מאָראַל, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורכן קריג האָט דער דײַטשער מערדער־אָקופּאַנט דערגרייכט באַדײַטנדיקע רעזולטאַטן אויסנוצנדיק די נידעריקסטע אינסטינקטן פון קאָלאַבאָראַנטן, אונ־טערוועלט־מענטשן און אַנדערע אויסוואָרפן.

די מחברים פון „זשעגאָטאַ" שרײַבן אין זייער בוך פיל וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם צווישן טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע, וואָס האָט נישט ווייניק באַ־שווערט די טעטיקייט פון „ראַט צו ראַטעווען די באַהאַלטענע ייִדן" (זע זײַטן 58, 60, 66, 67, 68). אויב האָבן פּאָליאַקן אין לאַנד און אויף דער עמיגראַציע נאָך אַלץ טענות צו די ייִדן, די לעבנגעבלי־בענע עדות, וואָס דערציילן וועגן זייער, די פּאָליאַקנס. נעגאַטיווער באַציונג צו ייִדן אויך אין דער צײַט פון דער פאַרטיליקונג פון גאַנצן ייִדישן פאָלק דורך די מערדערישע היטלער־דײַטשן, וועלכע זענען אויך געווען זייערע שונאים — קענען זיי איצט האָבן די זעלבע טענות אויך צו די פּאָליאַקן פון „זשעגאָטאַ", צו די מחברים פון דעם אָנגעשריבענעם בוך, וואָס איז באַזירט אויף עדות און היסטאָרישע פאַקטן. די „זשעגאָטאַ"־טוער זענען געווען געצוווּנגען און פיל מאָל געמוזט זיך ווענדן מיט אָפיציעלע מעמאָריאַלן צו דער לאַנד־דעלעגאַטור פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג (זײַטן 139, 206, 220, 227), אַז זיי זאָלן באַשטראָפן די פּאָליאַקן, די א. ג. „שמאַלצאָווניקעס", וואָס האָבן שאַנטאַזשירט די באַהאַל־טענע ייִדן און אויך די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען צו העלפן ראַטעווען די ייִדן. דאָס איז געווען די סיבה, וואָס נישט ווייניק אַזעלכע איידעלע מענטשן זענען פאַרשיקט געוואָרן אויף צוואַנג־אַרבעט און אַפילו אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אַרײַן.

אין דעם בוך געפינען זיך אויך אַרויסזאָגן, וועלכע שטימען נישט אין גאַנצן מיט דער ווירקלעכקייט, דאַרף מען אפשר, לויט ווי מיר דאַכט זיך, אָננעמען, אַז די מחברים האָבן, שרײַבנדיק

אַזעלכעס, געוואָלט פֿאַרזיכערן, אַז דאָס בוך זאָל אָנזען די ליכטיקע שײַן, ווײַל אַנדערש וואָלט עס דאָך נישט געשטימט מיט דער אָפיציעלער פּראָפּאַגאַנדע־ליניע וועגן דעם, אַז אַלע פּאָליאַקן, דאָס גאַנצע פּאָלק, האָט זיך בלויז פֿאַרנומען מיט ראַטעווען די ייִדן פֿון אומקום. די צענזור וואָלט געוויס — אין אַן אַנדער פֿאַל — נישט דערלאָזט צום דערשײַנען פֿון דעם בוך. זיי וואָלטן נישט טאָלערירט אַזאַ אינהאַלט, וועגן דער געפּערלעכער אַטמאָספֿער פֿון די היימישע פּאָליאַקן.

וועגן אַלע פֿאַקטן, וואָס ווערן אין בוך דערציילט, ווײַזן די מחברים גלײַך אָן, אין אַנעקס, די קוועלע פֿון די דאָקומענטן און ביכער. דאָ אָבער, ווו זיי חזרן איבער די באָבע־מעשׂיות, ווי למשל, די מעשׂה מיט די בלומרשטע 100 טויזנט געראַטעוועטע ייִדן דורך פּאָליאַקן — גיבן זיי אויף דעם נישט אָן קיין שום קוועלע. מסתּמא, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, כּדי צו פֿאַרלײַכטערן דאָס באַווײַזן זיך פֿון דעם בוך לעגאַל.

טראָץ דעם זענען אָבער פֿאָרט פֿאַראַן אין דעם בוך זאַכן, וואָס זענען זייער נישט פּינקטלעך איבערגעגעבן און זענען אויך שעדלעך פֿון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, ווי למשל, דער „זשיטאָס״ — „זשיטאָווסקאַ סאַמאָפּאָמאָץ ספּאָלעטשנאַ״, („ייִדישע אַליינ־הילף אָרגאַניזאַציע״), וועלכע האָט די גאַנצע צײַט פֿון דער עקזיס־טענץ פֿון געטאָ, געהאָלפֿן באַשפּײַזן די אָרעמסטע און הונגעריקע געטאָ־ייִדן — ווערט דורך די מחברים פֿון בוך צונויפֿגעפּאָרט מיט דער קראָקעווער אַזוי גערופֿענער ייִדישער אָרגאַניזאַציע „יאָום״, וועלכע האָט שוין אַפֿילו נאָך דער ליקווידאַציע פֿון אַלע געטאָס, געבערענגט פֿון אויסלאַנד, פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס מעדיקאַמענטן און אַנדערע זאַכן, פֿון וועלכע עס האָבן גענאָסן די דײַטשן, די היטלעריסטישע מאָרד־מאַשין. עס איז גוט באַקאַנט, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז שטאַרק געטאַדלט געוואָרן דורך דער ייִדישער געזעלשאַפֿט נאָך בעת דער מלחמה און אויך נאָך דער באַפֿרײַונג. דערמיט האָבן די מחברים פֿון בוך „זשעגאָטאַ״ געטאָן אַ גרויסע

עוולה די וויכטיקע טוער פון דער „זשיטאָס"־אָרגאַניזאַציע, וואָס אין איר שפּיץ איז געשטאַנען דער ייִדישער היסטאָריקער און מאַרטירער ד"ר עמנואל רינגעלבלום. דאָס איז אַן ערנסטער לאַפּ־סוס, אַ טעות פון די מחברים פון בוך קריפּטאָנים „זשעגאָטאַ". טראָץ דעם אַלעם, איז דאָס בוך אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער פּיין, בעתן היטלער־דייטשן מאָרד, און פון דער באַציונג פון דער פּוילישער געזעלשאַפט צו דעם ייִדן־מאָרד.

מען דאַרף אויך פעסטשטעלן, אַז דאָס ראַטעווען ייִדן האָט אַרומגענומען וואָגיקע קרייזן פון דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג. דאָס באַווייזן די פּאַראַנענע מאַטעריאַלן און דאָקו־מענטן, וואָס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן און אויך די אָנגעשרי־בענע, נאָך דער מלחמה, גבית־עדות פון די ייִדן, וואָס האָבן אי־בערגעלעבט די אָקופּאַציע־נאַכט, אַ דאַנק דער דאָזיקער הילף.

עס פאַרדינען דעריבער אָנערקענונג די אַלע, וואָס האָבן אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען, אָפט אין געהיימניש פאַר זייער נאָענטסטער סביבה, ריזיקירנדיק מיט זייער אייגן לעבן און מיטן לעבן פון זייערע נאָענטסטע, געראַטעוועט פאַרפאָלגטע ייִדן. אויס־באַהאַלטן זיי און באַשיצט, צייטנווייז אין גאַנצן אומזיסט. דאָס איז געווען מסירת־נפש אין קאַמף פאַרן לעבן פון אַ צווייטן מענטש. דער ווערט פון אַזאַ קאַמף איז נישט אָפּצושאַצן.

10.11.1980

דאָס צווייטע בוך וועגן „זשעגאָטאַ“

אין וואַרשע איז אַרויס אַ פּריש בוך וועגן „זשעגאָטאַ“, פּוילישע ראַדע צו העלפן באַהאַלטענע ייִדן אויף דער „אַרישער“ זײַט. אין דעם נײַעם בוך איז אַ רייד וועגן געוועזענע באַהאַלטענע 10 טויזנט ייִדן, מיט וועלכע „זשעגאָטאַ“ זאָל זיך האָבן פאַרנומען זיי צו ראַטעווען פון אומקום, בעת דעם דײַטשן מאָרד. פון די 100 טויזנט כלומרשט אָפּגעראַטעוועטע ייִדן דורך פּאָליאַקן, וועגן וועלכע עס דערציילן כּסדר די אָפיציעלע פּוילישע פאַקטאָרן, איז אין דעם נײַעם בוך די דאָזיקע צאָל שוין אויסגעוואַקסן אויף הונדערטער טויזנטער.

זעלטן ווען עס דערזעט די ליכטיקע שײַן אין פּוילן אַ פּובליקאַציע וועגן די ייִדן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט, און וואָס זענען לסוף אין די מיליאָנען אויסגעהרגעט געוואָרן אויף דער זעלבער פּוילישער טעריטאָריע. אויב קומט שוין יאָ אַ מאָל אַרויס אַ בוך וועגן ייִדן, דאַרף מען זיך גוט אַרײַנלייענען אין דעם, אויף צו דערוויסן זיך די כּוונה דערבײַ, ווײַל צווישן די אַנטיסעמיטן זענען דאָ באַהאַלטענע און אָפענע שׂונאים. איצט איז אַרויס אַזאַ בוך וועגן „זשעגאָטאַ“, וואָס קלאָגט מיט פאַלשע טרערן און טראָגט אונטער די פּוילישע געשיכטע־אויטאָריטעטן אַ מאַטעריאַל, מיט וועלכן זיי זאָלן קענען לײַכט פאַרדעקן די חרפּה, די ראָלע, וואָס פּאָליאַקן האָבן געשפּילט, ווען די נאַצי־דײַטשן האָבן בײַ זיי אין לאַנד געמאָרדעט די דרײַ מיליאָן פּוילישע, און נאָך דרײַ מיליאָן ייִדן פון אַנדערע אייראָפּעישע לענדער.

סוף 1982 איז אין וואַרשע ווידער אַרויס אַ בוך וועגן „זשעגאָטאַ״, אונטערן טיטל: „געהיימע ראַדע צו העלפן ייִדן אין וואַרשע 1942—1945״. מחברין פון דעם איז די פּוילישע פּרוי טערעסאַ פּרעקעראָוואַ. איך זאָג **ווידער אַרויס**, ווײַל איין בוך אַזאַ איז שוין דערשינען אין יאָר 1979. די מחברים פון דעם ערשטן בוך א. ט. „קריפּטאָנים זשעגאָטאַ״ זענען געווען די פּאָליאַקן מאַרעק אַרטשינסקי, געוועזענער קאַסירער פון „זשעגאָטאַ״ און דער פּוילישער היסטאָריקער וויעסלאַוו באַלצעראַק. אויפן נאָמען פון מאַרעק אַרטשינסקי זענען אין ירושלים, דורך „יד ושם״, פאַרפלאַנצט געוואָרן ביימער. ער האָט אויך באַקומען דעם מעדאַל, „לאות תודה מאת עם ישראל״. מאַרעק אַרטשינסקי, וועלכער לעבט שוין הײַנט, לײדער, נישט מער, האָט געהאַט גאָר גרויסע פאַרדינסטן אין ראַטעווען ייִדן אונטער דעם היטלעריסטיש־דײַטשן ייִדנמאָרד. וועגן בוך האָב איך דעמלט געשריבן אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס איז אין יאָר 1980 געווען פאַרעפנטלעכט אין צוויי נומערן פון „אונזער וואָרט״ אין פּאַריז.

די געשיכטע פון דער געוועזענער איינציקער פּוילישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געטראָגן הילף באַהאַלטענע ייִדן צווישן פּאָליאַקן, איז גוט באַקאַנט. עס איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן די אויפטועןָ און פאַרדינסטן פון די אויסנאַמלעך איידעלע פּוילישע מענטשן און עס וואָלט געוויס נישט נייטיק געווען איצט איבערצוחזרן וועגן דעם זעלבן. דרינגען אָבער פון דעם לעצטן בוך אַרויס אַזעלכע נײַע עלעמענטן, וועלכע מען קאָן נישט איבערלאָזן און נישט מאַכן געוויסע ערנסטע באַוואָרענישן, אַז אַזאַ שטייגער בוך זאָל אַ מאָל נישט ווערן נאָך איין דעקונג־אַרגומענט פאַר דער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט אָפּט פאַרשפּרייט, אַז פּאָליאַקן האָבן, אין דער פינצטערער היטלער־צײַט, די ייִדן בלויז געראַטעוועט. אַלס באַוויַיז דערויף ווערט מען קענען פאַררופן זיך אויף „זשעגאָטאַ״, וועלכע האָט געהאָלפן „10 טויזנט באַהאַלטענע ייִדישע קינדער פון וואַרשע און הונדערטער טויזנטער דערוואַקסענע

ייִדן פון גאַנצן לאַנד". וועגן דעם שרײַבט עס איצט די מחבּרין פון נײַעם בוך אויף די זײַטן 118 און 119. זי רעדט דאָרטן וועגן די באַמיונגען פון „זשעגאָטאַ" צו באַקומען פינאַנסן אויף אויס־צוהאַלטן די דאָזיקע פאַנטאַסטישע צאָל ייִדן. זי שרײַבט אויך אין איר פאָרוואָרט צום בוך, אַז דער אויבנדערמאָנטער מאַרעק אַר־טשינסקי האָט דאָס בוך זײַנס, „קריפּטאָנים זשעגאָטאַ", סוביעקטי־וויזירט. געוויס מיט דעם, וואָס דאָרטן ווערט דערציילט וועגן דער מאַסע שאַנטאַזשיסטן און „שמאַלצאָווניקעס", וועגן אַזעלכע פּאַ־ליאַקן, וואָס האָבן בײַ די באַהאַלטענע צוגענומען דאָס געלט, דאָס גאָלד, דאָס „שמאַלץ" (דערפאַר הייסן זיי שמאַלצאָווניקעס), וואָס די ייִדן האָבן מיט זיך געהאַט צום באַצאָלן פאַרן באַהאַלטן, און שפּעטער זיי איבערגעוויזן אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אַז דאָס דאָזיקע איז נישט געווען אַזוי האָט די שרײַבערין אַ ייִדישן עדות דערויף, וועמען זי ציטירט אויף זײַט 270 פון בוך. ער שרײַבט, דערציילט זי, אַז „די פּוילישע שאַנטאַזשיסטן האָבן ייִדן נישט אי־בערגעגעבן אין די דײַטשע הענט". און אַלץ ווײַטער, מ׳שטיינס געזאָגט. איז פאַר וואָס זשע די טויטאורטיילן איבער די זעלבע, אויסגעפירט דורך דער פּוילישער אונטערערדישער מיליטערישער אָנפירונג פון א. קאָ. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) און א. על. (אַרמיאַ לו־דאָוואַ), וועגן וועלכע עס שרײַבן אַ סך ביכער־מחבּרים פון יענער צײַט? חוץ דעם פּרוּווט זי אויך אין איר בוך, מיט פאַרשידענע פילאָ־זאָפיעס פאַרגלעטן דאָס געוועזענע, גאָר נישט לויבבאַרע צוזאַמענ־לעבן צווישן פּאָליאַקן און ייִדן, וואָס האָט געהאַט אַ ביטערע אויס־ווירקונג אין דער אָקופּאַציע־צײַט אין פּוילן, בעת דער דײַטשער ייִדן־פאַרטיליקונג.

מען דאַרף דערבײַ דערמאָנען, אַז אַפילו בײַ אַלע וויכטיקע אויפטוען איז דאָך דער גאַנצער אָנשטרענג פון „זשעגאָטאַ" פאַר־געקומען בלויז אַרום אַ קליינער, דער לעצטער צאָל ייִדן, וועלכע האָט געפּרוּווט זיך ראַטעווען אויף דער פּוילישער זײַט, שוין נאָך דעם פאַרברענען דאָס וואַרשעווער געטאָ. אַלע אַנדערע ייִדן,

אַזעלכע וואָס זענען פריער נאָך אַרויס פון געטאָ צו באַקאַנטע פּאָליאַקן, האָבן מיט „זשעגאָטאַ" נישט געהאַט קיין שייכות. אויך איך אַליין און די ייִדן מיט וועלכע איך בין געווען אין קאָנטאַקט אויף דער „אַרישער" זײַט, האָבן מיר נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט די פּאָליאַקן פון „זשעגאָטאַ". אויף דער אַרישער זײַט אין וואַרשע האָבן פונקציאָנירט צוויי ייִדישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. איינע אַ בונדישע, אָנגעפירט דורך ד"ר לעאָן פײַנער („מיקאָלאַי") און די צווייטע אונטער דער אָנפירונג פון באַשע און אַדאָלף בערמאַן, פון דער „ייִדישער געזעלשאַפט אין פּוילישן אונטערערד", וועלכע האָבן געטאָן אַ וויכטיקע אַרבעט צווישן די מערסטע באַהאַלטענע ייִדן. ד"ר פײַנער און ד"ר בערמאַן האָבן אויך געהערט צו דער אָנפירונג פון „זשעגאָטאַ". די שרײַבערין פון בוך, פרוי טערעסאַ פּרעקעראָוואַ, דערציילט, אַז אין די חדשים יאַנואַר־פעברואַר 1943, האָבן אין וואַרשע פון דער ראַדע געגנאָסן אַן ערך פון 2 ביז 3 הונדערט ייִדן. אין די שפּעטערע חדשים מער. נישט געקוקט אויף דעם באַשיידענעם צושטײַער פון דער ראַדע אין דער הילף פאַר די באַהאַלטענע ייִדן, שלאָגט אָבער פון איצטיקן בוך אירן אַן אַטמאָספערע פון באותות ומופתים. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי די ראַדע זאָל עס האָבן אַרויסגעראַטעוועט אַלע ייִדן. הלוואי וואָלט טאַקע אַזוי געווען אין דער ווירקלעכקייט. דער מענטשלעכער, מאָראַלישער און הומאַניטאַרער חוב איז דאָך געווען פאַר די פּאָליאַקן, אָפּצוראַטעווען וואָס מער ייִדן פון שווידערלעכן דײַטשן מאָרד. לײדער איז אַזוינס נישט געשען.

די הילף־טרעגערס, די „זשעגאָטאַ"־מענטשן, די דאָזיקע קליינע גרופּע אינטעלעקטואַלן צווישן דער פּוילישער געזעלשאַפט, האָבן געטאָן זייער אַ וואָגיקע און הומאַניטאַרע אַרבעט, וואָס וועט שטענדיק לעבן אין ייִדישן זכרון. ערגער אָבער איז מיטן איבערטרײַבן הײַנט, מיטן וועלן אַרויסהייבן, דורך דער אויטאָרין פון בוך, אין נאָמען פון „זשעגאָטאַ", אַלערליי פּוילישע פאַקטאָרן,

וואָס אין דער אמתן האָבן זיי דעמלט גאָרנישט באַהאַלטן זייער צו־פרידנקייט פון די היטלעריסטישע מעשׂים קעגן די ייִדן, כּדי צו קענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערן פון די זשידקעס. אַפילו אין אַ פּאָלעמיק, וואָס האָט זיך געהאַט געפירט אין 1981—1982, אין די נומערן 58 און 60 פון די „היסטאָרישע העפטן" („זעשיטי היסטאָריטשנע"), וואָס גייען אַרויס אין פּאַריז, צווישן סטעפאַן קאַרבאָנסקי און יאַן טיגראַסס, איז אויך דערוויזן געוואָרן, אויפן סמך פון היסטאָרישע דאָקומענטן, אַז די פּוילישע אונטערערדישע דעלעגאַטור אין לאַנד האָט קריטיקירט איר רעגירונג אין לאָנדאָן פאַר דעם וואָס זי איז צו פיל פּילאָסעמיטיש, ווײַל זי האָט אין לאָנדאָן געהאַט אונטערגענומען אַן אַקציע לטובֿת די פּוילישע ייִדן. „דאָס מאַכט אַ שלעכטן אײַנדרוק אין לאַנד, האָבן זיי גע־שריבן, ווײַל אַלע פּאָליאַקן, אַפילו די סאָציאַליסטן, זענען אַנטי־סעמיטיש געשטימט. זיי טאַדלען די טאַרטורן, וואָס עס ווענדן אָן די דײַטשן, אָבער דאָס איזאָלירן די ייִדן אין די געטאָס מאַכט אַ גוטן אײַנדרוק צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג". אין דער פּאָלעמיק ווערן דערמאָנט די נעמען פון ראַוויצקי, יאַנקאָווסקי און אַנדערע, וואָס האָבן די דאָזיקע דאָקומענטן אונטערגעשריבן. זיי זענען עס געווען די דעלעגאַטן פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן פאַרן לאַנד. די מחברין חזרט כּסדר איבער אין איר בוך וועגן די גרויסע סומעס געלט, וואָס די זעלבע דעלעגאַטור זאָל האָבן געגעבן פאַר באַהאַלטענע ייִדן. עס לוינט אַפילו צו דער־מאָנען לשבֿח די פאַרביסנסטע שׂונאים פון הײַנטיקן רעזשים אין לאַנד, אַבי צו קאָנען דערווײַזן ווי לײַטיש עס האָט אויסגעזען די פּוילישע הילף פאַר די באַהאַלטענע ייִדן אויף דער אַרישער זײַט.

אויב די מחברין פון בוך דערציילט, אויף זײַט 111, בלויז וועגן הונדערטער ייִדן, וואָס האָבן באַקומען הילף, איז אויף זײַט 118 שוין אַ רייד, ווי דערמאָנט, וועגן 10 טויזנט קינדער און הונ־דערטער טויזנטער דערוואַקסענע ייִדן. אַן אמתער כּישוף. ווען איך האָב איבערגעלייענט די דאָזיקע פאַנטאַסטישע, נישט אמתע

צאַלן, האָב איך געטראַכט, אַז אַזוי שרײַבן קען מען נאָר אויפן סמך פון די "80—100 טויזנט געראַטעוועטע ייִדן דורך פּאָליאַקן", ווי מען לייענט אין דעם ביכל פון יאָר 1968, א.ט. „דער וואַלד פון צדיקים" („לאַס ספּראַוויעדליוויך"), וואָס די מחברין דערמאַנט טאַקע אויף זײַט 10, ווײַל דאָס האָט געעפנט אַ פּורטקע אויף פּאָר אַנדערע דאָס נאָכצוטאָן. זי ציטירט אָבער נישט, וואָס איך האָב איבערגעגעבן, ווײַל דאָס דאָזיקע לוינט איר נישט. אויף זײַט 341 דערציילט זי, אַז „אין די ראַפּאָרטן פון די ערשטע טעג נאָך דער באַפרײַונג האָט דער פּרעזעס פון קאָמיטעט צו העלפן די ייִדן, וולאַדיסלאַוו זשעלאַזאָ, ציטירט אין „אַנעקס". ווײַטער דערמאַנט זי נישט מיט קיין איין וואָרט מער. איך האָב דעמלט גערעדט וועגן 7 טויזנט ייִדן, וואָס האָבן איבערגעלעבט אין וואַרשע און אין דער גאַנצער וואָיעוואָדשאַפט. מײַנע ידיעות זענען געווען אויפן סמך פון דער עווידענץ, וואָס עס האָבן שוין געפירט די ייִדישע קאָמי־טעטן אין 31 שטעטלעך. דאָס דאָזיקע וואָלט דאָך נישט געשטימט מיט דער פאַנטאַסטישער צאָל הונדערטער טויזנטער.

(צוליב אויפקלערונג דאַרף מען צוגעבן אַז דאָס דאָ דער־מאַנטע ביכל „דער וואַלד פון צדיקים" — „לאַס ספּראַוויעדליוויך" האָט אין יאָר 1968 פאַרעפנטלעכט דער דעמלטיקער דירעקטאָר פון „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פּוילן", ד"ר שמעון דאַטנער. ער שרײַבט דאָרט אויף זײַט 86 בפירוש: אַז „אַ דאַנק דער קרבנות־גרייטקייט און הילף פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, האָבן באַוויזן זיך אָפּצוראַטעווען פון אומקום אַן ערך 100 טויזנט ייִדן".

פון וואַנעט ד"ר דאַטנער האָט עס אַרויסגעפּישופט די דאָזיקע פאַלשע צאָל געראַטעוועטע ייִדן; דורך זײַנע צדיקים איז אַ גרויס רעטעניש. דאָס ווייסט ער נאָר אַליין, ווען גאָט האָט, געזאָלבט פאַר אַזאַ סאָרט ייִדישן היסטאָריקער, אויף צו קענען בייהילפיק זײַן די פּאָליאַקן אינעם פאַרשפּרייטן חוזק־ליגנט וועגן גרויסן ייִדישן אומגליק [פון מײַן אַרטיקל: „די לעגענדע אַז פּאָליאַקן האָבן אָפּגעראַטעוועט ייִדן פון אומקום" 15.5.1977. דער מחבר]).

אין דעם בוך פון ט. פרעקעראָוואַ איז די גאַנצע צײַט אַ רייד וועגן יאָר 1943 און די שפּעטערדיקע מלחמה־יאָרן, ווען פון וואַר־שעווער און פון אַנדערע געטאָס זענען שוין די ווײַט גרעסטע מערהייט ייִדן געווען אַרויסגעפירט, שוין געווען פאַרגאַזט אויף טויט, און, ווי באַוווּסט, זענען עס די ייִדישע קינדער געווען פון די ערשטע קרבנות. דעמלט זענען שוין אויך קיין קינדער אין די געטאָס נישט געווען, זיי האָבן דאָך שוין נישט געלעבט. איז פון וואָסערע 10 טויזנט קינדער (10 פּראָצענט פון דער צאָל קינדער אין וואַרשעווער געטאָ), האָט איצט געקענט זײַן אַ רייד? די שרײַבערין פּרווּט אויך דאָס פאַררעדן מיט נאָך איין נישט ערלעך דריידל, אַז דאָס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען באַלד נישט אַרײַן אין געטאָ, בעתן פאַרמאַכן די ייִדן. איז ווי זשע זענען זיי נאָך דער באַפרײַונג, נאָך דער מלחמה אַהינגעקומען? ווער האָט זיי געזען, די דאָזיקע גרויסע מאַסע פון טויזנטער און הונדערטער טויזנטער קינדער און דערוואַקסענע ייִדן? נאָך דער מלחמה איז בלויז אַ רייד וועגן הונדערטער קינדער, וואָס זאָלן האָבן אָפּגע־ראַטעוועט געוואָרן אויף דער פּוילישער זײַט, אין די קלויסטערס, אין יתומים־הײַזער און בײַ פּריוואַטע פּוילישע מענטשן. אויך דער געוועזענער טוער פון „צענטאָס" אין געטאָ, יוסף גיטלער־באַרסקי, שרײַבט אין דער לעצטער „פאָלקס־שטימע" נאָר וועגן 300 לעבן געבליבענע וואַרשעווער ייִדישע קינדער. וואָס שייך דערוואַקסענע ייִדן, ווערט די צאָל אָפּגעראַטעוועטע געשאַצט אויף נישט מער ווי 25—30 טויזנט אין גאַנצן לאַנד, אין גאַנץ פּוילן. פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז פּרוי ט. פרעקעראָוואַ האָט געוואָגט צו חוזקן איבער דער גרעסטער ייִדישער טראַגעדיע. עס פרעגט זיך פאַר וועמען האָט זי דאָס דאָזיקע געשריבן. דאָס זעט גאָר אויס צו זײַן אַ מתּנה דער יאַרוזעלסקי־מאַכט, ווײַל אַנדערע פּוילישע מחברים פון ליטעראַטור האָבן דאָך נישט קיין מזל, אַז זייערע ביכער זאָלן איצט קאָנען אָנזען די ליכטיקע שײַן. אַזאַ סאָרט מחברים פון ביכער, פּונקט ווי די פּוילישע מאַכטהאָבערס, קאָנען

זיך נישט באַפרײַען פון ייִדן־קאָמפּלעקס. לויט דער אַלטער טראַדיציע גייט נאָך אַלץ אָן דאָס „ייִדישע פּערדל״, אַפילו אָן די ייִדן. איז שרײַבט מען זיי אויס פון אויסלאַנד, ווי דאָס האָט געטאָן די איצטיקע מאַכט אין דעם לאַנד.

די יאַרוועלסקי־רעגירונג האָט אויף די ייִדישע געטאָ־פּײַערונגען, צום 40־סטן יזכּור פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אַרײַנגעלאָזט אין לאַנד אַרײַן אַ ביסל ייִדן פון די מערב־לענדער, פון אַמעריקע און פון ישׂראל, מסתּמא מיטן ציל צו שאַפן זיך אַזוי אַרום אַ הילפס־אַנשפּאַר פאַר אירע עקאָנאָמישע און אַנדערע קריזיסן. נישט געקוקט אויף דעם אָפענעם אַנטיסעמיטיזם מיט די גרונוואַלד־נאַציסטן, זענען ייִדן דאָרטן געפאָרן, געמאַכט אַן אַנגעלויף. געוויסע ייִדן, ציניקער, מאַכן דעם אַנשטעל, אַנדערע ווילן אויף אַן אמת גלייבן, אַז פּאָליאַקן קאָנען ווערן פילאָסעמיטן. די ישׂראלדיקע ייִדן האָבן ערשט אויפן אָרט דאָרטן דערזען, אַז להכעיס די געקומענע ייִדן, האָבן די פּאָליאַקן דעמאָנסטרירט אַז אַראַפּאַטס דיפּלאָמאַטיע איז דאָרט וואַרעם פאַרנעסטעט. זענען זיי דעריבער אַוועק אין מיטן פון די געטאָ־פּײַערונגען, פון דער דאָרטיקער אַנטיסעמיטישער פעסט. עס איז כּדאי בײַ דער געלעגנהייט צו דערמאָנען, אַז די ווייניקע צאָל נאָך הײַנט לעבעדיקע, איך וואָלט זיי אָנגערופן, די קדושים, וואָס האָבן אין פּוילן אַדורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנום, וועלן דאָרט אַהין נישט פאָרן, טראָץ דעם, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז כּסדר אָנגעלאָדן מיט צער און מיט דער בענקשאַפט נאָך די דאָרט אויסגעהרגעטע משפּחות. זיי וואָלטן שטאַרק געוואָלט קומען אויף קבר־אבות פון זייערע נאָענטע, אָן די קברים. בלויז דאָס אַש פון די פאַרברענטע קרבנות טראָגן נאָך אַלץ די ווינטן אין די רוימען פון גאַנצן צעשפּרייטן פּוילישן לאַנד. די פּאָליאַקן זענען נאָך דעם גרויסן אומגליק, אַפילו ווען די ייִדן זענען אין זייער לאַנד שוין מער נישטאָ, נאָך אַלץ פאַרבליבן די זעלבע פאַרביסענע אַנטיסעמיטן. פיל דורות האָבן ייִדן געלעבט אין דעם פּוילן. דאָס לאַנד איז געווען זייער היים, ווו זיי זענען

געבוירן געוואָרן, געוואַקסן, זיך אַנטוויקלט, געבילדעט, געשאַפֿן אין דעם לאַנד אויף פּאַר דער פּוילישער קולטור, אויפֿגעבויט אַלע שטעט, אָרגאַניזירט די ווירטשאַפֿט, פֿאַרבונדן דאָס לאַנד מיט דער אויסערלעכער וועלט. דאָס אַלץ האָט די פּאַליאַקן גאָרנישט געשטערט אייביק צו טראָגן יידן־שׂנאה. דעריבער וואָגט טאַקע אַ פּוילישע אויטאָרין פֿון אַזאַ שטייגער בוך וועגן „זשעגאָטאַ", צו פֿעלשן די טראַגישע ייִדישע געשיכטע.

נאָך וואָס עס איז נויטיק געווען דאָס שרײַבן נאָך אַ צווייט בוך וועגן דער זעלבער ראַדע, ווען דאָס ערשטע איז אָנגעשריבן געוואָרן לויטן גבית־עדות, דורך מענטשן, וואָס האָבן אַליין אָנטייל גענו־מען אין איר טעטיקייט — איז צו פֿאַרשטיין פֿון פֿראַגמענטן אין ביידע ביכער. אין ערשטן בוך א. ט. „קריפּטאָנים זשעגאָטאַ" ווערט דערציילט וועגן דער אָנגעשטרענגטער, שווערער אַרבעט פֿון דער ראַדע, און דערבײַ ווערט אויך נישט פֿאַרהוילן די מיאוסע ראָלע פֿון געוויסע טיילן אין דער פּוילישער געזעלשאַפֿט. דאָס דאַזיקע קאָן מען נישט געפֿינען אין צווייטן בוך, א. ט. „געהיימע ראַדע צו העלפֿן ייִדן אין וואַרשע 1942—1945". פּונקט פֿאַרקערט, די מחברין, פּרוי טערעסאַ פּרעקעראָוואַ באַנוצט זיך מיט פֿאַרשי־דענע ציטאַטן, רייִנצוּוואַשן די פֿלאַג פּוילישע שאַנטאַזשיסטן און „שמאַלצאָווניקעס". דעריבער איז אויך איר טענה, אַז מאַרעק אַרטשינסקי איז סוביעקטיוו, דאָס הייסט, אַז ער האָט צו פֿיל דער־ציילט דעם אמת. זי פֿאַררופֿט זיך אויף דאָקומענטן און מאַטעריאַלן פֿון דער טעטיקייט פֿון דער ראַדע, נאָר כּדי צו קענען אויסנוצן „זשעגאָטאַ", די איינציקע פּאָזיטיווע גרופּע פּאַליאַקן, וואָס האָבן אויף אַן אמת געהאָלפֿן ראַטעווען אַ פּאָר הונדערט אַנטלאָפֿענע ייִדן פֿון ברענענדיקן וואַרשעווער געטאָ, אַלס אַ דעקמאַנטל פֿאַר אירע כּלומרשטע הונדערטער טויזנטער באַהאַלטענע ייִדן אויף דער „אַרישער" זײַט. די דאָזיקע ליגנט־מעשׂה געפֿינט זיך נישט אין ערשטן בוך פֿון מאַרעק אַרטשינסקי און וויעסלאַוו באַלצעראַק.

פּונקט ווי די נעאָ־נאַציס, אויף אָפּצולייקענען די וועלט־עפּנטלעכ־

קייט, פּרוּוון זיי איצט פֿאַרלייקענען דאָס דײַטשע אויסטערלישע פֿאַרברעכן קעגן ייִדישן פֿאָלק — טוען דאָס, אין זעלבן גײַסט, אויך אַנדערע, מיט נישט קיין ריינעם געוויסן. די פּאָליאַקן האָבן דעריבער פֿאַרוואַנדלט דאַטנערס געשאַצטע ציפֿער, 80—100 טויזנט אָפּגעראַטעוועטע ייִדן דורך פּאָליאַקן, אין אַן „אמתן דאָקומענט", וואָס ווערט דורך זיי אויסגענוצט אין אַלע זייערע אָפֿיציעלע פּובליקאַציעס, כאָטש זיי ווייסן גוט, אַז דאָס איז אַ גרויסער ליגנט. איצט, נאָכן דערשײַנען פֿון סערעסאַ פּרעקאָראָוואַס בוך מיט דעם פּריז געבאַקענעם ליגנט וועגן הונדערטער טויזנטער באַהאַלטענע ייִדן בײַ פּאָליאַקן, וועלן זיי דאָס מסתּמא אויך וועלן אויסנוצן אַלס אַ „היסטאָרישן" דאָקומענט. פֿון די 100 טויזנט וועט ווערן הונדערטער טויזנטער, אַ ליגן, אַז עס זאָל זיך לוינען. בעת דער ייִדן־עקסטערמינאַציע אין פּוילן זענען די פּאָליאַקן מיט זייער גיפֿטיקן אַנטיסעמיטיזם געגאַנגען די נאַציס אויף דער האַנט, מיט וואָס זיי דאַרפֿן זיך שעמען. דעריבער איז צו טאַדלען דאָס כּסדרדיקע אָנכאַפּן זיך אין אַלע אַזעלכע אונטערגעטראַגענע ליגנס מיט די כּלומרשט געראַטעוועטע ייִדן דורך פּאָליאַקן. די געוועזענע טוער פֿון „זשעגאָטאַ" וועלן געוויס רויט ווערן פֿאַר חרפּה, ווײַל אין זייער נאָמען ווערט געפֿעלשט די געשיכטע וועגן דער ייִדישער לאַגע בעת דעם היטלעריסטיש־דײַטשן ייִדנמאָרד.

די ייִדן, אומעטום ווו זיי לעבן, וועלן דעריבער קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן און נישט מוחל זײַן דעם גיפֿטיקן פּוילישן אַנטיסעמיטיזם פֿון אַלע צײַטן, אונטער אַלע רעזשימען. זיי וועלן זיך נישט לאָזן אײַנרעדן קיין ליגנס, אַפֿילו אונטער דער פֿאָן פֿון דער פּאָזיטיווער „זשעגאָנאַ"־אָרגאַניזאַציע.

5.5.1983

אַרום דעם אָנדענק פון פאַרטיליקטן ייִדישן לעבן

מען האָט טענות צו די פּאָליאַקן, אַז זיי מײַדן אויס ייִדישע חורבן־טעמעס אין דער פּוילישער ליטעראַטור. אויב איז דאָ, אָדער דאָרטן, אין דער בעלעטריסטיק יאָ עפּעס פאַראַן אויף דער דאָזי־קער טעמע, ווערט אין די ווערק פון אַ היסטאָרישן ווערט אויס־געמיטן אַפילו דאָס עיקרדיקסטע, אַז ייִדן זאָלן האָבן ווען עס איז געלעבט אין דער שטאָט, אָדער אין דעם לאַנד, אין פּוילן.

צו דעם פּראָבלעם ייִדישע חורבן־טעמעס אין דער פּוילישער ליטעראַטור זענען אויך פאַראַן געוויסע באַוואָרענישן, ווײַל אין פּוילן, אין דער פּוילישער שפּראַך, איז פאַראַן נישט ווייניק ביכער וועגן דער ייִדישער טראַגעדיע, וועלכע זענען אַרויסגעגעבן גע־וואָרן דורך פּוילישע מלוכה־פאַרלאַגן. די שאַפונגען ווערן פאַר־שפּרייט איבערן לאַנד אין די ביכער־געשעפטן און אין די ביבליאָ־טעקן — נאָר וואָס דען? די דאָזיקע ליטעראַטור איז געשאַפן גע־וואָרן ס׳ רוב דורך ייִדיש־פּוילישע פּראָזאַיִקער, פּאָעטן און פּוב־ליציסטן, מייִנסטנס דורך אַסימילירטע ייִדן־מחברים, וואָס זייערע פאַרפּוילישטע נעמען זענען זיך צעגאַנגען אין די צאָלרײַכע אויס־גאַבן און זשורנאַלן נישט צום דערקענען זיי.

צו די פאַרפּוילישטע ייִדישע מחברים, וועלכע האָבן געשריבן חורבן־ליטעראַטור, געהערן: קאַזשימיעזש בראַנדיס, דער מחבר פון צוויי חורבן־ביכער, „די נישט־באַזיגטע שטאָט" און „שמשון"; אַרטור סאַנדאַוער, דער מחבר פון בוך א. ט. „טויט פון אַ ליבע־ראַל"; סטעפאַן אָטווינאָווסקי, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ מיסטישע דראַמע וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. צו די מער וואָגיקע

(יִדיש־פּויליש) דיכטער געהערן אַנטאָני סלאָנימסקי מיט זײַנע חורבן־לידער; יוליאַן טובים, מחבר פון „מיר פּוילישע ייִדן״; סטאַניסלאַוו וויגאָדסקי, לוציאַן שענוואַלד און אַדאָלף רודניצקי, מיט צאָלרײַכע דערציילונגען און ראָמאַנען. פאַראַן נאָך פיל אַנדערע מחברים מיט זייערע שאַפונגען אין דער פּוילישער שפּראַך, אָבער מיט דעם עכטן, טיפן, ייִדישן ציטער, איבער דעם טראַגישן גורל פון די אומגעקומענע קדושים.

באַלד נאָך די ערשטע מלחמה־יאָרן, נאָך דער באַפרײַונג, האָבן אויך פּויליש־פּוילישע מחברים פון גאָר אַ הויכן קולטור־ניוואָ געשריבן וועגן דער ייִדישער קאַטאַסטראָפע. אין דער ערשטער ריי דאַרף מען דערמאָנען דעם שרײַבער יעזשי אַנדזשעיעווסקי, וועמען דער דײַטשער ייִדנמאָרד האָט שטאַרק אויפגערייסלט. נאָך אין דער מלחמה־צײַט האָט ער אָנגעשריבן די דערשיטערנדיקע דערציילונג א. ט. „די גרויסע וואָך״. שפּעטער דאָס באַקאַנטע בוך־דראַמע „פּאָפּיאָל אי דיאַמאַנט״ (אַש און דימענט). בײַ אַנדזשעיעווסקין פאַרנעמט די ייִדישע דראַמע זייער אַ באַדײַטנדיק אָרט.

זאָפיאַ נאַלקאָווסקאַ, די גרויסע פּוילישע שרײַבערין, האָט וועגן ייִדישן חורבן געשריבן אַ ציקל דערציילונגען און סקיצן. אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרעם, אונטערן נאָמען, „מעדאַליאָנען״, מיט דעם באַוווּסטן מאָטאָ: „דאָס האָבן מענטשן צו מענטשן צוגעגרייט אַזאַ גורל...״.

אויך לעאָן קרוטשקאָווסקי האָט געשריבן וועגן די טראַגישע געשעענישן מיט די ייִדן. צווישן די פּויליש־פּוילישע שרײַבער און פּאָעטן געפינען זיך: וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, מיכאַל רושינעק, יוזעף מאָרטאָן, קסאַווערי פּרושינסקי, טשעסלאַוו מילאָש. איך האָב געוויס נישט אויסגערעכנט אַלע פּוילישע מחברים און זייערע שאַפונגען אויף דער ייִדישער חורבן־טעמע.

אין די ערשטע צײַטן, באַלד נאָך דער מלחמה, האָט אַפילו דאָס פּוילישע מיניסטעריום פאַר נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, די

הײַנטיקע פֿאַרשפּרייטער פֿון גיפֿטיקער אַנטיסעמיטישער לעקטור אין פּוילן, אַרויסגעגעבן אַן אַלבום מיט בילדער פֿון ייִדישן אומקום. די הקדמה צום דאָזיקן אַלבום האָט דעמלט אָנגעשריבן דער פּרעזעס פֿון דער פּוילישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע „פּאַן", דער גרויסער ייִדן־פֿרײַנד, פּראָפֿעסאָר טאַדעאוש קאָטאַר־בינסקי. עס איז ווערט צו ציטירן דעם טיפֿן הומאַניזם פֿון זײַנע ווערטער:

„דאָס זענען בלעטער פֿון אומגעהויער טרויעריקע דערמאָנונ־גען. מען שטייט איבער דער דאָזיקער זאַמלונג ווי איבער אַ קבר נאָך אַ נאָר וואָס פֿאַרגעקומענער לוויה, און דער איינציקער אופֿן צו שטיין איבערן קבר, ווו עס הערשט אַן אייביק שווײַגן פֿון די פֿאַרשוווּנדענע, איז אויך צו פֿאַרבלײַבן אין אַ פֿולשטענדיקער שטילקייט. עס איז אָבער אוממעגלעך צו דערלאָזן, אַז דאָס וואָס איז געשען זאָל פֿאַרגעסן ווערן. מיר מוזן אויפֿהאַלטן די פֿאַרלאָ־שענע געשעענישן, כּדי דערמיט מקיים צו זײַן דעם ווילן פֿון די, וואָס זענען אומגעקומען אין פֿאַרצווייפֿלונג און מיט דער איינציקער האָפֿענונג, אַז עס וועט פֿאַרבלײַבן נאָך זיי אַן אָנדענק".

אויף ייִדישע חורבן־טעמעס האָבן אויך געשריבן פּויליש־פּוילישע און ייִדיש־פּוילישע מחברים, וואָס געפֿינען זיך אויסער פּוילן. זיי זענען פּאָליטישע עמיגראַנטן און לעבן אין אויסלאַנד, למשל: דער פֿירער פֿון דער „פּע־פּע־עס" (פּוילישע סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי), זיגמונט זאַרעמבאַ. ער האָט אַרויסגעגעבן דאָס בוך א.ט. „מלחמה און קאָנספּיראַציע", דערשינען אין פּאַריז; י. לובער, „דאָס לעבן און טויט אין וואַרשעווער געטאָ", אַרויס־געגעבן אין רוים; לידער פֿון יוזעף וויטלין, געשריבן אין ניו־יאָרק; סטעפֿאַניאַ זאַהאַרסקאַ, „סמאָטשע צו", דערשינען אין לאָנדאָן. דער שרײַבער מיכאַל גרינבערג האָט אין ניו־יאָרק אָנגעשריבן 11 ביכער אויף דער ייִדישער חורבן־טעמע.

דער שרײַבער און היסטאָריקער, פּראָפֿעסאָר בערל מאַרק, האָט אין יאָר 1950 פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך א.ט. „די ייִדישע טראַ־

געדיע אין דער פוילישער ליטעראַטור״, און דאָרטן אַרויסגעהויבן, אין דעם זינען, די פוילישע שרײַבער. שוין אין זײַן פּאָרוואָרט שרײַבט ער:

„אין קיין שום ליטעראַטור האָט די ייִדישע טראַגעדיע און דער ייִדישער ווידערשטאַנד נישט באַקומען אַזאַ פּאַרנעם — הן אין דער צאָל ווערק און הן אין פּאַרטיפונג — ווי אין דער הײַנט־צײַטיקער פוילישער. עס איז כּמעט נישטאָ דער פוילישער שרײַבער, וואָס זאָל נישט ברענגען צום אויסדרוק — בעלעטריסטיש, אָדער פּובליציסטיש, באַשרײַבעריש אָדער ליריש — זײַן באַציונג צו די גרויליקע געשעענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען מיט ייִדן. דאָס איז אַ מין קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו, אַ מאָראַלישער חוב, בײַ כּמעט איטלעכן פּראָזאַיקער, פּאָעט, דראַמאַטורג און עסייִסט צו נעמען אַ וואָרט, אויפצורודערן זײַן לייענערשאַפט, מאַנען חשבון, נישט לאָזן פאַרגעסן. די דאָזיקע טעמע האָט די פוילישע ליטע־ראַטור געהאַלטן פאַר איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע תּיכּף נאָך דער באַפרײַונג פון לאַנד״.

אויך אַנדערע ייִדישע שרײַבערס האָבן זיך דעמלט פונקט אַזוי באַגײַסטערט מיט דער חורבן־טעמאַטיק אין דער פוילישער ליטע־ראַטור, נישט „דערזעענדיק״, ווײַזט אויס, אַז ס׳רוב ווערק אין דעם גײַסט זענען געשאַפן געוואָרן דורך ייִדיש־פוילישע מחברים. מיר ווען זיך איצטער דאָ נישט פאַרנעמען מיט די דאָזיקע מיינונגען, ווײַל נישט נאָר זיי אַליין האָבן אַזוי אָפּגעשאַצט די דעמלטיקע ייִדן־לאַגע אין פוילן, און ממילא די טעמאַטיק פון דער דאָרטיקער פוילישער שרײַבער־וועלט.

אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן, פון זינט דעם ייִדישן גירוש־פוילן, איז אין פוילן, ווי באַוווסט, אַרײַנגעטרעטן אַ ראַדי־קאַלע איבערקערעניש אין דעם זינען. מיר וועלן איצטער אויך נישט דערמאָנען די אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור־שאַפונגען פון די שי־דאָרס, וואַליכנאָווסקיס און אַנדערע מיט דער בפירושער ברכה פון דער דאָרטיקער „פּאַרטיי״ און רעגירונג. כאָטש די זעלבע פּרוּוון

לעצטנס, צוליב זייערע פּאָליטיש־עקאָנאָמישע הצטרכותן, פאַר־בעסערן די דאָזיקע סיטואַציע, דאַרף מען צו דעם זיך באַציען מיט פאַרשטענדלעכן רעזערוו.

אין ערנסטע פּוילישע ווערק מיט אַ היסטאָרישן באַטײַט ווערן די ייִדן דורך הײַנטיקע פּוילישע ליטעראַטור־מחברים נישט דער־מאָנט, כאָטש אין דער שטאָט, אָדער אויף דעם אָרט, ווו עס ווערן באַשריבן וויכטיקע היסטאָרישע מאָמענטן, האָבן זיי, די ייִדן, פּוי־לישע בירגער, אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע, און אפשר גאָר די הויפּט־ראָלע. זיי ווערן אין גאַנצן נישט דערמאָנט, פּונקט ווי זיי וואָלטן דאָרטן, אין דעם אָרט, אין דעם לאַנד קיין מאָל נישט עקזיסטירט.

אַלס בײַשפּיל קאָן דינען דער פּוילישער שרײַבער, טאַדעוש קאָנוויצקי, וועלכער האָט אין זײַן בוך א. ט. „וואַרשע" געשיל־דערט די פאַרגאַנגענהייט פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט, איר טראַדיציע, קולטור און אַלץ, מיט די מינדסטע פּרטים. ער האָט אָבער פאַרגעסן איין „קלייניקייט" — די גרויסע אַפּאָקאַליפּסע, דאָס אַרויספירן פון דער זעלבער וואַרשע, און דאָס אויסמאָרדן בײַ 400 טויזנט ייִדישע מענער, פרויען און קליינע קינדער. אין קאָנוויצקיס „וואַרשע" זעט מען נישט קיין סימן פון זיי. דאָס דאָ־זיקע איז שוין געוואָרן אַ ליטעראַרישע טראַדיציע אין פּוילן. „וויפל אַזעלכע שטעט — פרעגט דער שרײַבער הענריק גרינבערג — זענען עס געווען אין פּוילן אָן יידן? צי האָט מען נישט געקאָנט באַמערקן, אויב נישט זייערע שאָטנס, די ליידיקייט נאָך זיי, אין די טעג און שעהען נאָך דער מלחמה? די גרויסע בערג פון ייִדישן אַש האָט קיינער דאָרט אין דער פּוילישער ליטעראַטור אין גאַנצן נישט באַמערקט".

דער זעלבער פּוילישער שרײַבער הענריק גרינבערג, וועלכער געהער הײַנט צו דער נאָכמלחמהדיקער יונגער שרײַבער־גענע־ראַציע, קריטיקירט אין זײַנע שאַפונגען די מחברים פון דער פּוי־לישער ליטעראַטור פאַר זייער פאַרשווײַגן דעם ייִדישן חורבן אין זייער לאַנד. ער פּראָטעסטירט נישט נאָר קעגן דעם פאַרהוילן דורך

זיי דעם פולן אמת וועגן דער ייִדן־טראַגעדיע, נאָר ער רעאַגירט אויף קעגן דעם מאָדנעם אופן פון אוניווערסאַליזירן דעם מאָרד איבער די ייִדן, צושרײַבנדיק זיי צו די פאַרשידענע פעלקער, ווי זיי האָבן פאַרן אויסגעהרגעט ווערן געוווינט, רופנדיק זיי היינט נאָכן טויט: פראַנצויזן, בעלגיער, אונגאַרן, טשעכן, פּאָליאַקן, כאָטש בײַם לעבן האָט מען די דאָזיקע ייִדן אָפּגעזאָגט די רעכט אָנצוגעבן זיך אַלס פּאָליאַקן.

וואָס שייך די טענות צו די הײַנטיקע פוילישע שרײַבערס און היסטאָריקערס וועגן זייער אויסמײַדן די ייִדישע חורבן־געשיכטע, וועט ווערט זײַן צוצוגעבן נאָך איין זייער באַלערנדיקן פאַקט: נישט נאָר בלויז ייִדן אַליין קומען אַרויס מיט די דאָזיקע גערעכטע טענות, נאָר עס טוען דאָס אויך אַפילו פויליש־פוילישע ייִדן־פרײַנד.

אָט האָט איצט, אין סוף פון יאָר 1984, אַרויסגעגעבן אַ בוך דער פוילישער היסטאָריקער אויף דער עמיגראַציע, יעזשי לערסקי, א. ט. „עמיסאַריוש יאַור" (געהיימער פּאָליטישער שליח). שוין דער נאָמען אַליין זאָגט, אַז דאָס איז אַ היסטאָריש בוך, און אַז דער מחבר זײַנער איז אויך נישט אַבי ווער. דער פּסעוודאָנים „יאַור" איז געווען גילטיק, ווען יעזשי לערסקי איז געווען טעטיק אַלס עמיסאַר אין דער אַ.־קאַ, בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, צווישן פוילישן מיליטערישן אונטערערד און דער פוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן.

וועגן דאָזיקן בוך האָט פּראָפעסאָר וולאַדיסלאַוו באַרטאָ־שעווסקי פאַרעפנטלעכט אַ רעצענזיע אין נומער 71 פון די פּויליש „היסטאָרישע העפטן", וואָס די פּוילישע עמיגראַציע גיט אַרויס אין פּאַריז. צווישן אַלע זײַנע באַמערקונגען וועגן דעם אינהאַלט פון דעם בוך, דערמאָנט פּראָפ׳ וולאַדיסלאַוו באַרטאָשעווסקי מיט פּאַראיבל, אַז י. לערסקי „יאַור" האָט דאָרטן גאָרנישט געשריבן וועגן דער ייִדן־טראַגעדיע. ער שרײַבט אין זײַן רעצענזיע, אַז יעזשי לערסקין האָט ער באַקענט און מיט אים צוזאַמענגעאַרבעט, צווישן

אַנדערן, אין רעפּעראַט פאַר ייִדן־פּראָבלעמען אין אינערן־מיניס־טעריום, ביַי דער רעגירונגס־דעלעגאַטור אין אונטערערדישן פּוילן. ער רעכנט אויס אַלע פונקציעס פון „יאָור", ביַי דער הילפאַרבעט פאַר ייִדן.

פּראָפ' וול. באַרטאָשעווסקי דערציילט אויך, אַז יעזשי לערסקי האָט נאָך פאַר דער מלחמה געביטן זיַין באַציונג צו ייִדן. און אויך געהאַט ייִדישע פריַינד, אַז ער איז געווען אין וואַרשע, ווען עס זענען פאָרגעקומען די ייִדישע קאַמפן אין געטאָ, וועלכע ער האָט דעמלט באַצייכנט אַלס „צווייטער וואַרשעווער האָפענונגסלאָזער קאַמף אין דער איצטיקער מלחמה". ווער עס געדענקט יענע טעג אין וואַרשע פון אייגענעם איבערלעבן זיי — שריַיבט וו. באַרטאָ־שעווסקי — דער וועט זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן. דעריבער איז ער שטאַרק פאַרוווּנדערט וואָס י. לערסקי שריַיבט גאָרנישט וועגן די ייִדן אין זיַין היסטאָרישן בוך.

דאָס וואָס איך אַליין האָב איבערגעלייענט אין יעזשי לערסקיס בוך וועגן ייִדן איז בלויז וועגן דעם (זיַיט 199), אַז אין פּוילן איז אָנגעגאַנגען אַ שענדלעכע קאָמוניסטישע העצע (ער מיינט פון דער „פּע־פּע־ער" (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי) קעגן דער לאַנדס־אַרמיי (אַ.־קאַ.), ווי די מיטשולדיקע אין דער ייִדן־עקס־טערמינאַציע.

אין צוזאַמענהאַנג מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים האָט י. לערסקי אויף אַן אַנדער אָרט (זיַיט 94) דערמאָנט נעמען פון טע־טיקע אין אונטערערד ייִדישע פאָרשטייער פון „בונד" און פון די לינקע פּועלי־ציון, נישט מער. וויַיטער איז ריכטיק פּראָפ' וולאָ־דיסלאַוו באַרטאָשעווסקיס טענה צו „יאָור", פאַר זיַין פאַרשוויַיגן די חורבן־פּראָבלעמען אין זיַין וויכטיקן היסטאָרישן בוך „עמי־סאַריוש יאָור".

די טענה צו די פּוילישע ליטעראַטור־שעפער דאַרף זיַין נישט בלויז וועגן דעם, פאַר וואָס זיי שריַיבן נישט, אָדער זיי שריַיבן ווייניק וועגן ייִדישן חורבן; אַז זיי דערפילן נישט זייער מענטשלעך־

מאַראַלישן חוב לגבי די אויסגעמאָרדעטע ייִדן, פּוילישע בירגער, מיט וועלכע זיי האָבן צוזאַמען געלעבט אין זייער לאַנד, אויף דער פּוילישער ערד. די טענה דאַרף אויך זײַן, פאַר וואָס גראָד דורך פּאָליאַקן, די עדות פון דער ייִדן־טראַגעדיע בײַ זיי אין פּוילנלאַנד ווערן, אין דער פּוילישער און אין אַנדערע שפּראַכן, אין לאַנד און אין אויסלאַנד, ווו עס לעבן טייל פּאָליאַקן, אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטן, דורך זיי טאַקע פאַרשפּרייט ביכער מיט אַן אַנטיסעמיטישן אינהאַלט, און אויך אַזעלכע ביכער, וואָס פּרוּוון פאַרלייקענען דעם ייִדישן חורבן, פונקט ווי דאָס טוען די נעאָ־נאַציס און אַנדערע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין אויסלאַנד, אויף דער פּוילישער עמיגראַציע, איז שוין גאָרנישט קיין מאַנגל אין אַזאַ שטייגער פּוילישע ליטעראַטור פון אַ באַזונדערן קאַליבער, טאַקע וועגן די אויסגעמאָרדעטע ייִדן, וואָס לאָזן זיי, זעט אויס, נישט רוען. דער שטייגער ליטעראַטור באַווײַזט זיך, וואָס אַן אמת, נישט אַזוי אָפט. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי דאָס וואָלט געווען אַ שאַפונג בלויז פאַר זיך אַליין. פונקט ווי עפּעס אַ מאַניאַק האָט פאַר זיך אַליין אָנגעשריבן אַזאַ ייִדן־פרעסעריש ווערק. אָבער מיט דער צײַט זעט מען פאָרט, ווי אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישע פּאָליטישע עמיגראַנטן, פאַררופן זיך אויף די דאָזיקע „ווערק", רעקאָמענדירן זיי צום לייענען און הייסן זיי אויך איבערזעצן אויף ענגליש „כּדי די וועלט זאָל זיך אויך וועגן דעם דערוויסן".

וועגן „פּאָלאָניאַ" און וועגן איין אַזאַ ביכל, האָב איך שוין געהאַט געשריבן. עס איז געווען אַ רייד וועגן „ווערק" אונטערן פּיל־זאָגנדיקן טיטל, „ווielקיע ניעפּאָראָזומיעניע" („אַ גרויס מיספאַרשטענדעניש"), פון אַ געוויסן פּאָליאַק מיטן נאָמען סטעפאַן נאָוויצקי, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1970 אין סידנעי, אויסטראַליע. דאָס דאָזיקע ביכל איז אָנגעפּראָפּט מיט אינהאַלט און גײַסט פון די באַקאַנטע צאַרישע „זקני ציון פּראָטאָקאָלן".

דאָרטן ווערט דער ייִדנמאָרד, בעת דער צווייטער וועלט־

מלחמה נישט פֿאַרלייקנט, חס וחלילה. ער שרײַבט בלויז, אַז די ייִדן האָבן זיך אַליין פֿאַרקאָכט די קאַשע. די ייִדישע „דיאַספּאָראַ־רעגירונג", אַנשטאָט פֿאַר דער מלחמה צו שטיצן אַ גרויס פּוילן, האָט זי בעסער געהאָלפֿן די דײַטשן. דעריבער איז פּוילן נישט געוואָרן קיין גרויסמאַכט און נישט געווען בכּוח צו העלפֿן די ייִדן. דאָס איז די שולד — שרײַבט ער — פֿון דער ייִדישער דיאַספּאָראַ־רעגירונג, וועלכע פֿירט אָן מיט דער וועלט.

גאָר לעצטנס איז אַרויס אַ פֿריש בוך, ווי פֿון דער נאָדל אַרויס. אַ ווערק פֿון אַ ספּעציעלן כאַראַקטער, טאַקע אויך אין זעלבן אויסטראַליע, נאָר פֿון אַן אַנדערן פּוילישן מחבר. גראָד שוין אין דער ענגלישער שפּראַך, כּדי אויך אַנדערע פֿעלקער זאָלן די זכיה האָבן זיך צו דערוויסן דעם גאַנצן אמת וועגן די ייִדן. דאָס דאָזיקע „ווערק" איז געשריבן אין גײַסט פֿון דעם פֿראַנצויזישן פּראָפֿעסאָר פֿאָריסאָן, דעם פֿאַרלייקענער פֿון דער היטלער־דײַטשער הריגה איבער די זעקס מיליאָן ייִדן.

אויף די פּאָליצעס פֿון אַ בוכהאַנדל אין מעלבורן האָט זיך איצט באַוויזן דאָס דאָזיקע פּוילישע בוך אין דער ענגלישער שפּראַך. אַרויסגעגעבן לוקסוסאַרטיק מיט אַ קאָסטבאַרער שײַנער הילע א. נ. „פּרידאָם פֿייטער" („פֿרײַהייט־קעמפֿער"). אויף פּויליש וואָלט דאָס געהייסן „באָיאָווניק אָ וואָלנאָשטש". דער מחבר פֿון דעם בוך איז אַ פּאָליאַק פֿון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" (אַ־קאַ) אין פּוילן, מאַיאָר דזיורי־דזיורסקיעגאָ.

וועגן דעם דאָזיקן בוך האָב איך געלייענט אַ רעצענזיע אין זעלבן 17־סטן נומער פֿון די פּוילישע „היסטאָרישע העפֿטן" וואָס זענען דערשינען אין יאָר 1985. דער מחבר פֿון דער טשעקאָווער רעצענזיע, וואַצלאַוו קראָלאַק, שרײַבט דאָרטן, אַז ער האָפֿט מיט דער הילף פֿון די דאָזיקע „היסטאָרישע העפֿטן" צו באַקענען די פּוילישע מאַסן מיט די רעוועלאַציעס פֿון דעם בוך. איך חזר אויף איבער דאָס זעלבע, אַז מיט דער הילף פֿון דער ייִדישער פּרעסע וועט דער ייִדישער לייענער זיך דערוויסן, אַז די אַנטי־

יידישע הערעס פון פּאָליאַקן גרייכן אומעטום, אַז דער אַנטי־סעמיטיזם האָט נישט קיין גרענעץ און אַז דאָס פּוילישע פאָלק באַשטייט נישט בלויז פון די אײדעלע, הומאַניטאַרע פּאָליאַקן, פון די באַרטאָשעווסקיס, פון די מענטשן, וועלכע האָבן אין דער פינצטערער דײַטשער היטלער־נאַכט, אַלץ געטאָן, כּדי צו העלפן יידן ראַטעווען זייער לעבן, נאָר אַז די ווײַט גרעסטע מערהייט, איז פּאַרט געווען און איז אַן אַנדערע, ווײַט נישט קיין ענלעכע צו די „חסידי אומות העולם", וואָס עס ווערן פאַר זייער כּבוד וועגן אין ישׂראל, אין ירושלים, דורך דעם „יד ושם" פאַרפלאַנצט זכּרון־ביימער.

דער מחבר אַליין סיגנאַליזירט וועגן זײַנע אויסערגעוויינלעכע רעוועלאַציעס. אויף זײַט 1x אין אַרײַנפיר־וואָרט, באַצייכנט ער דאָס דערציילטע אין דעם בוך אַלס זייער וויכטיקע היסטאָרישע פאַקטן. טראָץ דעם, וואָס דער אויטאָר גיט זיך אָן ווי דער „קעמפער פאַר פרײַהייט" זענען אַלע זײַנע נעגאַטיווע העלדן נישט די אָקופּאַנטן פון פּוילן, די היטלער־דײַטשן, נאָר גראָד די יידן. דאָס אַליין זאָגט שוין עפּעס.

מיר דערוויסן זיך פון זײַן אַרײַנפיר, אַז פאַר דער מלחמה האָבן אַלע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אין די פּוילישע שטעט, געמוזט, אויפן באַפעל פון די גמינע־עלטסטע און זייערע רביים, וווינען אין געטאָס. זיי האָבן דאָרטן געהאַט זייערע ראַדעס, געריכטן, שולן, שטייער־אַמטן אדג"ל. די יידן וואָס זענען געווען רעליגיעז האָבן זיך געטיילט אויף קרימער יידן, וואָס האָבן אויף די קעפּ געטראָגן „קרימקעס", און אויף חסידים, וועלכע האָבן געטראָגן פּיקסענע היטלער, דאָס מיינט געוויס שטרײַמלעך.

ער שרײַבט דאָרטן, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט זיך באַמיט די יידן אַרויסצונעמען פון די געטאָס און זיי באַזעצן אויפן דאָרף, כּדי זיי זאָלן זיך פאַרנעמען מיט לאַנדווירטשאַפט, פאַרלייגנדיק זיי הילף אין דער פאָרעם פון קרעדיטן, אָבער אָן דערפאָלג. דאָס הייסט, אַז די פּאָליאַקן האָבן די יידן נישט געקענט אַרויסרײַסן

פון די געטאָס. מיר דערוויסן זיך אויך, אַז אין פּוילן איז נישט געווען קיין אַנטיסעמיטיזם, אַחוץ געוויסע רײַבונגען צווישן יוגנט־לעכע אויף די פוטבאָל־מעטשן, פּראָוואָצירטע דורך די ייִדן.

איז דאָס נאָך ווייניק, גייט אַ ווײַטערדיקע סעריע פון סענ־סאַציעס. אין יאָר 1938 (זײַט 4) האָט די פּוילישע רעגירונג אויפ־גענומען אין דער שטאָט זבאָנשין 140 טויזנט אָרעמע ייִדן פון דײַטשלאַנד. אַנדערע אייראָפּעישע לענדער האָבן צו זיך גענומען נאָר די רײַכע ייִדן. פון די אינטערנאַציאָנאַלע ידיעות זײַנע ווערן מיר געוווּיר, אַז דאָס וועלט־ייִדנטום האָט באַשטימט סטאַלינען אַלס דיקטאַטאָר און אַז די ציוניסטן האָבן פּלאַנירט און פינאַנסירט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אַן אַלטע באָבע־מעשׂה, אָבער אַרויסגעברענגטע איצט אויף ס'נײַ, אין 1985 יאָר, דורך אַ פּוילישן מחבר אויף ענגליש, כּדי „די גאַנצע וועלט זאָל זיך דער־וויסן דעם אמת, ווער עס זענען די ייִדן”. אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן — שרײַבט ער — האָבן די ייִדן בעסער געוואָלט וווינען אין געטאָס, פאַר וואָס? דערפאַר, ווײַל דאָרטן זענען די געוועלבער געווען בעסער פאַרזאָרגט מיט פּראָדוקטן (זײַט 59). די דײַטשן רעדן צו די ייִדן, זיי זאָלן זיך אַריבערטראָגן אין ווײַטערדיקע געגנטן, אָבער אָן דערפאָלג.

אַלע ווייסן דאָך וועגן דעם, אַז דאָס אַרויספאָרן אין ווײַטערע געגנטן, „ווישעדלעניע”, האָט באַטייט קיין טרעבלינקע. דער וועג צום אומקום, צום טויט. אָבער אַזאַ פאַרשוין נוצט אויס אַלע קאָמבינאַציעס צו דערווײַזן, אַז די ייִדן אַליין האָבן דעצידירט איבער זייער גורל.

דער מלחמה־זיג נעמט זיך איבערוועגן אויף דער זײַט פון דער אַליאַנס. די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען שוין באַפרײַט, אָבער די ערשטע — שרײַבט דער אויטאָר — קומען דאָרט אַרײַן די ציוניסטן (זײַט 213) און נעמען גלײַך צו די קאַרטאָטעקעס און פאַרווישן אַזוי אַרום די שפּורן פון דעם אמת, אַז אַזוי ווייניק ייִדן זענען דאָרט אומגעקומען.

דער מחבר פון דאָזיקן שמירעכץ איז דאָך נישט אַבי־ווער. ער איז דאָך אַ פּאָליאַק מיט אַ מיליטערישן ראַנג. געווען מיליטעריש אַקטיוו אין דער אונטערערדישער „לאַנדס־אַרמיי", געשאַפן דורך דער דעמלטיקע פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן, כּדי צו קעמפן קעגן דײַטשן אָקופּאַנט. דער מחבר האָט אין דער אַרמיי געהאַט אַ וויכטיקע פונקציע. איז געווען אין פּוילן אַלע מלחמה־יאָרן, אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן. ער האָט פון דער נאָנט געזען וואָס די דײַטשן האָבן אָפּגעטאָן מיט די מיליאָנען ייִדן פון די געטאָס. אים איז נישט פרעמד טרעבלינקע, מאַידאַנעק און אָשוויענטשים, דאָך האָט ער געקענט אָנשרײַבן אַזעלכעס.

צי וואָלט אַזאַ שטייגער בוך געקענט אָנשרײַבן אַ נאָרמאַלער מענטש, אַ פּאָליאַק, אַ קעמפער פאַר פרײַהייט, ווי ער דעקלאַרירט זיך? געוויס נישט, ניין דאָס האָט נישט אָנגעשריבן קיין אָרנטלעכער פּוילישער מיליטערמאַן. עפּעס איז דאָ קראַנק. דאָס זעט אויך נישט אויס צו זײַן קיין אינדיווידועלע שאַפונג. ער איז געוויס נישט אַליין אין זײַן שרײַבערישער ראָלע. ער, דער מיליטערמאַן אונטערליגט דאָך אַ דיסציפּלין, וועגן וועלכער מיר וועלן זיך פון ווײַטערדיקן דערוויסן.

דער פּוילישער מאַיאָר שרײַבט ווײַטער אין זײַן „ווערק":

דער פראָנט דערנענטערט זיך, די קאַמפן קומען שוין פאַר אין פּוילן צווישן די דײַטשן און דער אַליאַנס. די געסטאַפּאָ געפינט זיך אין אַ פּאַניק־צושטאַנד. דער אויטאָר, וועלכער, ווי ער פּאַרזיכערט, איז דיווערסיע־שעף פון דער אַ־קאַ, הייבט אָן אין דער שטאָט קראָקע צו גיין אויף דער פּאָמאָרסקע גאַס, כּדי אונטערצוהאַנדלען מיט דער געסטאַפּאָ וועגן צוזאַמענאַרבעט (זײַט 185). ביידע צדדים זענען צופרידן — שרײַבט ער — פון די רעזולטאַטן. אָבער די געסטאַפּאָ און די ווערמאַכט (זײַט 219) בעטן שטאַרק דעם אויטאָר, צו פאַרבינדן מיט זיי ענגערע קאָנטאַקטן, און (זײַט 212) זיי לייגן אים פאָר די אָנפירונג מיט די פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אונטער דער עגידע (אָנפירונג) פון דער געסטאַפּאָ. ווי

ער שטעלט פעסט, איז דער ספּעציעלער אָפּעראַציע־שטאַב פון דער אַ־קאַ, באַגײַסטערט געווען פון דעם און האָט דעם פּאָרשלאַג פון דער געסטאַפּאָ באַשטעטיקט. דער אויטאָר באַקומט אַ מיליטערישן אַוואַנס אויף מאַיאָר און אויך אַ פאַרדינסט־קרייץ מיט שווערדן.

נאָך דער מלחמה וויל מאַיאָר דזיורי־דזיורסקיעגאָ אַרויסגעבן אין ענגלאַנד זײַנע „זכרונות", אָבער גענעראַל באָר־קאָמאָראָווסקי, געוועזענער שעף פון דער אַ־קאַ אין פּוילן, האָט אים דאָס פאַרבאָטן (זײַט 10). ער האָט געפונען אַן אַנדערן אַפּנעמער פון זײַן ווערק, וועמענס נאָמען ער דערמאָנט נישט אין בוך. עס איז אָבער אים לײַכט צו אידענטיפיצירן, שרײַבט דער רעצענזענט, וו. קראַלאַק. דער מאַיאָר האָט באַקומען אַ פּאָרשלאַג צוריקצופאָרן אין לאַנד אַרײַן. מען האָט אים צוגעזאָגט — דערציילט ער — אַ מיליטערישע פּענסיע און אויסצייכענונגען, אַבי נאָר ער זאָל זײַן ביכל אַרויסגעבן אין פּוילן.

דאָס באַשרײַבענע פון אַ־קאַ־מאַיאָר וועגן זײַן מיטאַרבעט מיט דער געסטאַפּאָ באַשטעטיקט דאָס, וואָס עס האָט, אין זײַנער צײַט דערציילט יאַנקל וויערניק, דער גראַטעוועטער אויפשטענדלער פון טרעבלינקער טויטלאַגער, אַז ווען זיי זענען, נאָך דעם פאַרניכטן טרעבלינקע 2, אַנטלאָפן אין די וועלדער אַרײַן, זענען זיי נאָכגעיאָגט געוואָרן דורך דײַטשן און דורך דער אַ־עז־ערבאַנדע (פּוילישע פאַשיסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע), אַזוי גערופענע „פּאַרטיזאַנער", וועלכע האָבן אַלע יִדן דערשאָסן אין וואַלד. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז געווען די זעלבע מאַסקירטע געסטאַפּאָ־פּאַרטיזאַנטקע, מיט וועלכער דער אַ־קאַ־אָוויעץ, מאַיאָר דזיורי־דזיורסקיעגאָ האָט אָנגעפירט.

איך האָב זיך אפשר אַ ביסל צופיל צעשריבן וועגן דעם איינעם פּאַטאָלאָן אַנטיסעמיטישן ביכל. דערפאַר האָב איך אָבער נישט אָפּגעטרעטן פון דעם עצם פּראָבלעם, וואָס פאַר אַ שטייגער לי־

טעראַטור מען קען זיך דערוואַרטן פון געוויסע פּוילישע ליטעראַ־טור־שעפּערס אומעטום.

דאָס אויסמײַדן די ייִדישע חורבן־טעמע און דער באַהאַנדלטער דאָ אָנוווּקס פון דעם סאָרט אַנטי־ייִדישע ליטעראַטור — ברענגט ווידער אַרויף אויפן געדאַנק, אַז די דרײַ און אַ האַלבן מיליאָן ייִדן זענען אין 378 פּוילישע שטעט פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די הערמעטיש־פאַרמאַכטע געטאָלאַגערן, זענען דאָרטן דורך דעם נאַצי־דײַטשן אָקופּאַנט שווידערלעך געפּײַניקט געוואָרן, זענען אין די גרויסע מאַסן, אין די טויזנטער, יעדן טאָג געפאַלן טויטע פון הונגער און פון דער געפערלעכער טיפוס־קרענק. געווען אָן שום מעדיצינישער הילף און אָן ברויט. אין די ווײַטערדיקע צײַטן יעדן טאָג געשלעפּט געוואָרן מיט כּוח, דורך די אָפענע פּוילישע שטעט און גאַסן, פאַרלאַדעוועט געוואָרן אין פערד־וואַגאָנען און גע־פירט געוואָרן איבער די לאַנגע פּוילישע וועגן אין די באַקאַנטע טויט־לאַגערן אַרײַן פון מאַידאַנעק, טרעבלינקע און אָשוויענטשים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער זעלבער פּוילישער ערד, און אויף אַלעמענס אויגן זענען זיי דאָרטן פאַרגאַזט און געמאָרדעט געוואָרן. דאָס דאָזיקע, דער דאָזיקער שרעקלעכער אויסגעפירטער טויט איבער דערוואַקסענע מענטשן און קליינע קינדער, איז געווען באַקאַנט דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג, גרויס און קליין. אַלע האָבן וועגן דעם געוווּסט. אויך די פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע האָט וועגן דעם געשריבן. ווילט זיך דעריבער, טאַקע איצ־טער בײַם באַהאַנדלען די אויבן באַרירטע פראַגן, פרעגן, ווו זענען עס דעמלט געווען אָט די דאָזיקע ליטעראַטור־שעפער, וואָס האָבן זיי דעמלט געטאָן, ווען בײַ זיי אין לאַנד, אויף זייער ערד, זענען אַזעלכע שווידערלעכע זאַכן געשען מיט די מיליאָנען פּוילישע ביר־גער, ווי אויך מיט די אַנדערע מיליאָנען מענטשן, די מיליאָנען ייִדן געברענגטע פון גאַנץ אייראָפּע אין זעלבן שעכטהויז אַרײַן און זיי אומגעבררענגט? פאַר וואָס האָבן זיי, אַלע פּאָליאַקן, די פּוילישע שרײַבערס, פּאָעטן, קינסטלערס, די גאַנצע פּוילישע אינ־

טעלעקטועלע וועלט פֿאַרמאַכט פּלוצלינג זייערע אויגן און אַפֿילו אויך זייערע מיילער? פֿאַר וואָס האָבן זיי נישט פּראָטעסטירט, נישט פּראָטעסטירט עפֿנטלעך אין דער אויסערלעכער וועלט, אַפֿילו נישט דורך די אונטערערדישע פּאָליטישע דיפּלאָמאַטישע קאַנאַלן, נישט אויפֿגערודערט די וועלט וועגן דעם וואָס עס טוט בײַ זיי אין לאַנד דער אָקופּאַנט, דער דײַטשער מערדער. פֿאַר וואָס האָבן זיי נישט אַלאַרמירט, אַז איצטער, אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, מאָרדעט אַן אייראָפּעיש פֿאָלק אַנדערע פֿעלקער אין באַוווסטזיניק אָרגאַניזירטע צו דעם צוועק טויטלאַגערן?

זאָל דאָס הײַנטיקע נישט דערמאַנען דאָס געוועזענע ייִדישע לעבן אין פּוילן אין משך פֿון די איבער טויזנט יאָר און אויך דאָס נישט שרײַבן וועגן דעם שווידערלעכן קאַטאַסטראָפֿאַלן אומקום האָבן אַ וועלכן עס איז שײַכות צו יענעם שווײַגן, נישט פּראָטעס־טירן, בעת דער ייִדן־אויסראָטונג?

ניִשט אויסגעשעפּטער ידיעות־קוואַל
פון מיטהעלפערס אין דער דײַטשער ייִדן־שואה
מיט דראָענדיקער געשיכטע־איבערחזרונג

ווען מען טרעפט אָן אויף אַ נײַעם, ביז הײַנט נישט באַקאַנטן מאַטעריאַל, אַפילו אין דער צײַט ווען עס פאַלט אויס, ווי איצט, דאָס אָפּמערקן פון דעם פופציקסטן יזכור־יאָר נאָך דער טראַגי־שער פאַרטיליקונג פון די זעקס מיליאָן ייִדן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, דורך דעם דײַטשן מענטשנמערדער־פאָלק, אין די מיט פאַשיסטישער ברוטאַלער קראַפט פאַרשפּאַרטע געטאָ־לאַגערן און אין די ספּעציעל אויפגעבויטע צו דעם צוועק קאָנצענטראַציע־טויטלאַגערן, ווי די אוישוויצס און טרעבלינקעס, פאַר דער דײַ־טשער קאַניבאַלן־גײַסטער רעאַליזאַציע פון דער פאָלקסמאָרד־אידעאָלאָגיע, צו מאַכן די וועלט „יודען־ריין", דאַרף אַזאַ מאַ־טעריאַל נאָך אַלץ באַטראַכט ווערן ווי אַ טייל פון אַלע אַנדערע פאַראַנענע שוין דאָקומענטן לזכר. אין גאַנצן אַנדערש קער מען אויפנעמען אַזאַ נײַ דאָקומענטירטן מאַטעריאַל, וואָס איז איצט פּלוצלינג כּמו־פאַרשפּעטיקט אַרויסגעקומען ווי אַ פּועל־יוצא פון טענדענציעזע אומשטענדן, וועגן וועלכע עס וועט ווײַטער זײַן אַ רייד און וועלכע דערציילן און באַקרעפטיקן אויך שוין באַקאַנטע, אין אַ געוויסער מאָס ביז אַהער פאַרטושטע ייִדנמאָרד־אַקטן, אויס־געפירטע צו הילף דעם נאַציסטישן מערדער, נישט נאָר דורך באַ־זונדערע פאַרשוינען אָדער גרופּן אין די אָקופּירטע לענדער, נאָר אויך דורך אונטערערדישע פּאָליטישע באַוועגונגען, דורך זייערע מיליטערישע כּוחות און דורך זייערע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער־

איינהייטן אין די וועלדער. דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך פּאַק־טאָרן פון די זעלבע פעלקער, וועלכע זענען אַליין אויך געוואָרן דערשלאָגן מיליטעריש, און נאַציאָנאַל אונטערגעדריקט געוואָרן דורך דעם זעלבן היטלעריסטיש־דײַטשן אָקופּאַנט, ווי דאָס זענען געווען די פּאַליאַקן אין זייער פאָטערלאַנד, בעת דער גאַנצער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן בעת דער מלחמה אין זייער אָקו־פּירטן לאַנד, ווי באַקאַנט, געהאַט גוט באַוואָפנטע אונטערער־דישע געזעלשאַפטלעכע און מיליטערישע פּאָלגנדיקע כּוחות: 1) „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ (לאַנדס־אַרמיי), אונטער דעם פּאַרקירצטן נאָמען: אַ־קאַ. אָנגעפירט דורך דער דעלעגאַטור אין לאַנד פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן. 2) „אַרמיאַ לודאָוואַ״, אַ־על, פון דער פּ. פּ. ר. (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי), אונטער די באַפעלן פון דעם סאָוויעטן־פּאַרבאַנד. 3) „מיליץ״ פון דער פּ. פּ. עס (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי). 4) „פּאָל־סקאַ אַרמיאַ לודאָוואַ״, פּ.אַ.ל., „גרינע באַטאַליאָנען״, פּויערים־איינהייטן. דער ערשטער קאַדער פון דער אונטערערדישער פּוילי־שער אַרמיי פון 1939 איז שפּעטער אַרײַנגעטרעטן אין דער אַ־קאַ. די ענדעקישע נ. ס. ז. (באַוואָפנטע נאַציאָנאַלע כּוחות) האָבן אויך געהערט צו דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״. זיי האָבן זיך אָבער באַזונדער אויך פרײַ באַוועגט אין די אָקופּירטע שטעט. די דײַטשע נאַציס האָבן זיי אין דעם נישט געשטערט. די זעלבע פּוילישע נ. ס. ז.־פּאַשיסטן האָבן, צוזאַמען מיט דער דײַטשער עס־עס, נאָכגעיאָגט אין די וועלדער די אַנטלאָפענע ייִדישע אויפשטענדלער פון טויט־לאַגער אין טרעבלינקע און זיי געמאָרדעט. וועגן דעם דערציילט אין זײַן בראָשור, ה. וויערניק, דער געראַטעוועטער העלד פון ייִדישן אויפשטאַנד אין טרעבלינקער טויטלאַגער.

טראָץ דעם פונקציאָנירן פון די אַלע מאָביליזירטע פּוילישע פאָלקס־כּוחות קעגן דײַטשן אָקופּאַנט, האָבן די היטלעריסטישע נאַצי־דײַטשע מערדער געקענט פרײַ און אָן שום דערווידער, אײַנ־

אָרדענען אין פּוילן אַזעלכע מאָרדלאַגערן ווי כעלמנאָ, בעלזשעץ, סאָביבאָר, טרעבלינקע, מאַידאַנעק, אוישוויץ און נאָך אַנדערע שרעקלעכסטע דייַטשן טויטפאַבריקן, אויסצופירן דעם שווידער־לעכסטן מענטשנמאָרד־פאַרברעכן זינט די וועלט עקזיסטירט. די גאַנצע פּוילישע עפנטלעכקייט, די צענדליקער מיליאָנען פּויליש־ע מענטשן, פון דער אינטעליגענץ ביז דעם פּשוטן פאָלקסמענטש, מיט זייַן רעליגיעזן גלויבן, האָבן אַלע צוזאַמען קיין מאָל נישט רעאַגירט קעגן דעם, נישט געשטערט מיט גאָרנישט דעם דאָזיקן פאַרברעכן פון דייטשן אָקופּאַנט אויף זייער פּוילישער ערד, אין זייער פאָטערלאַנד. די פאַרשפרייטע אינפאָרמאַציעס דורך פּאָ־ליאַקן, אַז זיי זאָלן האָבן ווען עס איז פּראָטעסטירט קעגן דעם, זענען פּשוט אויסגעטראַכטע. די גערמאַניש־דייַטשע נאַצי־עליטע, וואָס האָט בעת דער מלחמה אָנגעפירט מיט דער מענטשמאָרד־מלאכה, האָט פון פאָרויס גוט געוווּסט, אַז זי מאַכט נישט קיין שום טעות מיטן אויסקלייַבן פון צווישן אַלע 25 אָקופּירטע לענדער, גראָד דאָס פּוילן־לאַנד, אייַנצואָרדענען אין אים אַלע מענטשן־שעכט־הייַזער, אַז די פּאָליאַקן וועלן נישט שטערן אין דעם אויסקוילענען די מיליאָנען פּוילישע און אויך די געברענגטע ייִדן פון די אַנדערע אָקופּירטע לענדער. די אָרגאַניזירטע פּאָליאַקן אין פּוילישן אונטער־ערד און אויך די פּוילישע עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן האָבן גוט געוווּסט, אַז אין אָקופּירטן פּוילן גופא גרייט היטלער־דייַטש־לאַנד עפּעס צו טאָן מיט די פּוילישע און מיט די געברענגטע ייִדן פון דייַטשלאַנד און פון דער גאַנצער אָקופּירטער אייראָפּע. די פּראָפּאַגאַנדע אַרום די פּלענער, וואָס די דייַטשע היטלער־רעגירונג האָט געגרייט, דאָס מיינט דעם ייִדנמאָרד, איז געווען אונטער דעם באַלומרשטן לאָזונג וועגן שאַפן דעם רעזערוואַט פאַר אַלע ייִדן אין לובלינער דיסטריקט. וועגן דעם האָבן זיי פאַרעפנטלעכט פּובליקאַציעס אויך אין אויסלאַנד. די נאַציס האָבן פון דעם נישט געמאַכט קיין סוד. דער פּאָליטישער שרייַבער און זשורנאַליסט הערמאַן עריך זייַפערט, האָט דעמלט געשריבן אין זייַן בוך א.ט.

„די מזרח־גרענעץ״, בערלין 1941, זייטן 86, 88: „מען רעדט פון צייט צו צייט וועגן יידישן „זידלונגס־געביט״ אין לובלינער באַצירק, אַזאַ מין רעזערוואַט פאַר יידן. דאָרט וואָלטן זיי געוועז צווישן זיך און געמוזט, אַנדערש ווי ביז אַהער, אָרגאַניזירן צום ערשטן מאָל זייער לעבן און דאָס וואָס זיי באַדאַרפן צום לעבן אין אַלע פּרטים...

זינט פעברואַר 1940 האָט מען זיך ספּעציעל אין לובלין אַ נעם געטאָן צו דער „יודען־פראַגע״, און טאַקע נישט אַזוי ווי מען טוט עס אין די דעמאָקראַטיעס, מיט „הומאַניטאַרן״ געפּלוידער, מיט רירנדיקע רייד, נאָר מיט נייע מעטאָדן, מיט אָרדענונג און אַר־בעט״. וועגן דאָזיקן האָט מען אומעטום געוווּסט, שוין אָפּגערעדט פון דעם פּוילישן אָרגאַניזירטן אונטערערד.

די פּאָליאַקן האָבן שוין פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געקענט אַלץ, וואָס היטלער־דייטשלאַנד טוט מיט די יידן ביי זיך אין דייטשלאַנד: די באַרימטע „קריסטאַל־נאַכט״, דאָס מאָרדן און רויבן די דייטשע יידן, זינט היטלער האָט איבער־גענומען די מאַכט אין יאָר 1933. די פּאָליאַקן האָבן געוווּסט וועגן היטלערס אָפענע פּלענער פון דער יודען־ריינמאַכונג. די פּוילישע רעגירונג האָט דעמלט נאָך אַפילו אונטערגעוואַרעמט די נאַציס מיט זייער אַלטן מאַדאַגאַסקאַר־פּראָיעקט פון יאָר 1926, און אין יאָר 1937 אויך אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע קיין מאַדאַ־גאַסקאַר. דאָס האָט זי געטאָן טראָץ די יידישע געזעלשאַפטלעכע פּראָטעסטן און טראָץ דער קעגנערשאַפט פון דער יידישער פּרע־סע. דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער יוזעף בעק האָט זיך באַמיט צו באַקומען די הסכּמה פון פראַנקרייך, דעם קאָלאָניזאַטאָר, צו קענען אַהין אַרויסשיקן די פּוילישע יידן, פּטור צו ווערן פון די יידישע מיטבירגער אין פּוילן־לאַנד. עס שרייבט דער יידישער היסטאָריקער, פיליפּ פרידמאַן, אין זיין היסטאָרישער אַרבעט: „לובלינער רעזערוואַט און דער מאַדאַגאַסקאַר־פּלאַן״, אַז אויך דער „שטירמער״, די באַוווּסטע נאַצי־צייטונג, האָט געוווּסט צו דערציילן אין נומער 1 (יאַנואַר 1938) און אין נומער 20 (פון

מאַי), אַז די פּוילישע רעגירונג האָלט ביַים שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער פראַנצויזישער רעגירונג וועגן דערלויבן אַרויסצושיקן קיין מאַדאַגאַסקאַר דריַיסיק טויזנט פּוילישע ייִדן. מען רעכנט אַפילו איַינצואָרדענען אין גדיניע (די פּוילישע האַפּנשטאָט) אַ ליניע פאַר רעגלמעסיקן פאַרקער קיין מאַדאַגאַסקאַר. עס זעט אויס כמעט ווי אַ צוזאַמענאַרבעט וועגן „משלח" זיַין די ייִדן קודם־כּל פון פּוילן. דער דיַיטשער היטלעריזם האָט אויך געדעדט וועגן אַ פּלאַן צו באַ־זעצן די ייִדן פון אַלע אָקופּירטע לענדער אין מאַדאַגאַסקאַר. לויטן עדות־זאָגן פון הויכן עס־עס־באַאַמטן וויסליצעני אויפן ערשטן נירנבערגער אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס קעגן די דיַיטשע רעגי־רונגס־פאַרברעכער, האָט אַפילו דער ספּעציעלער ייִדן־רעפעראַט אונטער דער לייטונג פון אַדאָלף איַיכמאַן, געזען דעמלט אין דעם מאַדאַגאַסקאַר־פּלאַן אַ מעגלעכקייט פאַר דעם ענדגילטיקן ענט־פער אויף דער „יודען־פראַגע" פון די 11 מיליאָן ייִדן אין איי־ראָפּע. היטלער אַליין האָט דעם פּלאַן אַפּראָבירט. אַפילו אין יאָר 1942, פאַר דעם אָנהייב פון ענדגילטיקן ייִדנמאָרד, איז נאָך אַלץ וועגן מאַדאַגאַסקאַר געווען אַ רייד. צי דאָס האָט נאָר געדאָרפט צו זיַין דאָס אָרט פאַר דער פאַרטיליקונג, ווי דאָס איז געוואָרן אין פּוילן, איז אַ באַזונדער פּראָבלעם. אָבער אַז אַלע אייראָפּעישע מלוכות זענען געווען אַנגאַזשירט דעריין דורך דער ריבענטראָפּ־דיפּלאָמאַטיע איז קלאָר. אויף דעם ברענגט פיליפּ פרידמאַן אַ סך ביַישפּילן. זעט אויס אַז דערפאַר, וואָס די אַליאַנס־מלוכות האָבן אָפּגעזאָגט צו העלפן דער עמיגראַציע פון די ייִדן פון אייראָפּע, האָבן זיי דעריבער נישט געשטערט אין דער דיַיטשער ייִדן־הריגה, אין די אָקופּירטע לענדער, און בכלל טאָלערירט דאָס אויספירן דעם מענטשנמאָרד דורך דער דיַיטשער היטלער־רעגירונג. דאָס דאָזיקע פּראָבלעם איז ביז היַינט נישט באַהאַנדלט געוואָרן אָפן, וויַיל מיר ייִדן, די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער פריַיער וועלט, האָבן אויך געהאַט אַ חלק אינעם פאַרשוויַיגן דעם ייִדנמאָרד אין אייראָפּע. מיט דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע וועט זיך

מוזן פאַרנעמען די ישׂראל־רעגירונג, ווען עס וועט נעמען הערשן רו און שלום. באַזונדערס איז דאָס דערוויַיל נישט די איצטיקע טעמע, ווען מיר שטייען פאַרן גרויליקן יזכּור פון פופציק יאָר נאָך דער הריגה איבער די זעקס מיליאָן גלות־ייִדן. צו דעם מאַדאַגאַסקאַר־רעטעניש איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די פּוילישע עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן האָט מורא געהאַט, אַז היטלערן וועט פאָרט נישט געלינגען דאָס וואָס עס האָט זיך אים יאָ איַינ־געגעבן, דאָס מיינט צו דערהרגענען 90 פּראָצענט פּוילישע ייִדן, און אַז נאָך דער מלחמה וועלן נאָך בלײַבן לעבן צו פיל ייִדן. ווי עס שרײַבט פיליפ פרידמאַן, איז אין פרילינג 1942 געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ באַזונדערער שליחות אַ הויכער פּוילישער גײַסטלעכער, אַ מיטגליד פון פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט און וויצע־מיניסטער פאַר אינפאָרמאַציע אין דער פּוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן, זיגמונט קאַטשינסקי. דער דאָזיקער גלח האָט מיט־געבראַכט מיט זיך אַ פּלאַן צו שאַפן נאָך דער מלחמה אַ רעזער־וואַט פאַר ייִדן אין מזרח־טייל פון פּוילן אָדער אין בעסאַראַביע. אין דעם דאָזיקן רעזערוואַט וואָלטן געדאַרפט קאָנצענטרירט ווערן אַן ערך אַ מיליאָן פּוילישע ייִדן. דער פּלאַן האָט געהאַט די אונ־טערשטיצונג פון דער אָנפירערשאַפט פון דער פּוילישער אונטער־ערדישער באַוועגונג אין וואַרשע. דאָס האָט אויך ד״ר אַדאָלף בערמאַן באַשטעטיקט אין זײַן אַרטיקל: „היהודים בצד הארי״.

דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע. ער איז געווען אויף דער האַנט פון די נאַציסטישע פאַר־טיליקונגס־פּלענער. דעריבער האָט דער היטלעריזם גאַנץ פרײַ געקענט טאָן אין פּוילן אַלץ וואָס ער האָט דאָרט געטאָן מיט די ייִדן און מיט די נישט־ייִדן. עס זענען דאָך אויסגעהדגעט געוואָרן 50 מיליאָן מענטשן ציווילע אומשולדיקע. אַזעלכעס צו טאָן אין אַנדערע אָקופּירטע לענדער האָבן די דײַטשן נישט געהאַט קיין גרויסע מעגלעכקייטן, אַפילו נישט אין זייערע אַקס־מלוכות און אין די סאַטעליטן־לענדער, ווי למשל אין איטאַליע, רומעניע,

אונגאַרן, בולגאַריע, צי אין פראַנקרײַך, אין בעלגיע און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, וועלכע האָבן צו דעם נישט דערלאָזט. אַפילו די דעפּאָרטאַציע פון די דאָרטיקע ייִדן איז די דײַטשן, אײַכמאַנען נישט אַנגעקומען לײַכט צו רעאַליזירן. אויך אין דײַטשלאַנד גופא האָבן די נאַציס אַזעלכעס נישט אײַנגעאָרדנט. בלויז אין פּוילן האָט דער דײַטשער נאַציסטישער מערדער געקענט באַשטאַטן אַלע שעכטהײַזער, צום אויסקוילענען די ייִדן און אויך אַנדערע מענטשן. דאָס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אין די יזכּור־טעג ווי אַ וואָרענונג פאַר דעם וואָס לויערט ווידער.

ווען מען קאָנסטאַטירט הײַנט דעם אומבאַשטרײַטבאַרן פאַקט, אַז די פּאָליאַקן, אין אַלגעמיין גענומען, האָבן נישט אָנגעריררט די מאָרד־מעשׂים פון דײַטשן מערדער־אָקופּאַנט אויף זייער אייגענער פּאָטערלאַנד־ערד, דאַרף דערבײַ אויך דערמאָנט ווערן, אַז די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", וועלכע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פּוילישן פּאָליטישן און מיליטערישן אונטערערד, האָט אָפּגעזאָגט יעדער הילף פאַר די געפּײַניקטע ייִדן. אַפילו ווען די געוואָגטע העלדישע ייִדן אין וואַרשעווער געטאָלאַגער האָבן זיך געגרייט צו פאַרמעסטן מיט די ווערמאַכט־דײַטשע מערדער, אין באַוואָפנטן ווידערשטאַנד־קאַמף, נישט צו לאָזן זיך אַרויספירן אין די טויט־לאַגערן אַרײַן דאָרט אומצוקומען, האָט די זעלבע גוט באַוואָפנטע אַ־קאַ־אַרמיי די ייִדן נישט געוואָלט העלפן אַפילו מיט אַ ביסל געווער, ווער שמועסט נאָך מיט מענטשן. זייער אָנפירונג איז געווען קעגן דעם ייִדישן ווידערשטאַנד־קאַמף פאַרן מענטשלעכן לעבן און פאַר פאַרטיידיקן דעם געשענדעטן נאַציאָנאַלן כּבוד פון ייִדנטום. וועגן דאַזיקן קאָן מען לייענען אַ סך מאַטעריאַל פון גבית־עדות. אויך אין דעם בוך א. נ. „ספר מלחמות הגיטאות, בין החומות, במחנות, ביערות" (דאָס בוך פון מלחמות פון געטאָס, צווישן די מויערן, אין די לאַגערס און וועלדער), אַרויסגעגעבן דורך דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות אין ישׂראל. מען קאָן, אויף זײַט 228, לייענען: „נישט בלויז וואָס די באַציונג פון דער אָפיציעלער

פאַרשטייערשאַפט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָווואַ״ איז צום קאַמף פון די ייִדן געווען אַ נעגאַטיווע, נאָר זיי האָבן נאָך געדראָט מיט אַ באַוואָפנטן רעאַגירן קעגן דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „זשאָב״. דאָס הייסט, אַז זיי זענען געווען גרייט אָנצופאַלן אויף די ייִדישע „זשאָב״־קעמפער זיי צו ליקווידירן, פונקט ווי דאָס האָבן געטאָן די דײַטשע מערדער.

די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „זשאָב״ האָט אויף דער „אַרישער״ זײַט אין וואַרשע געהאַט אירע אונטערערדישע פאַר־בינדלער מיט ביידע פוילישע אַרמיי־אָנפירונגען, פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ און „אַרמיאַ לודאָוואַ״ (א. ווילנער, יצחק „אַנטעק״ צוקערמאַן). אָבער אַלע באַמיונגען צו באַקומען פון זיי וועלכע עס איז הילף און אויך אַ ביסל געווער האָבן קיין מאָל נישט גע־געבן קיין שום רעזולטאַטן. דאָס געווער מיט וועלכן די ייִדישע קעמפער האָבן זיך באַנוצט בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָלאַגער דעם 19טן אַפּריל 1943 קעגן דעם דײַטשן ווערמאַכט־מיליטער, איז אײַנגעקויפט געוואָרן בײַ פריוואַטע פוילישע גאַסן־הענדלער, און מיט דער הילף פון די ייִדישע „פּלאַצוווקאַזשעס״ (ייִדישע אַרבעטער אויף דער אַרישער זײַט), אַרײַנגעשמוגלט גע־וואָרן אין געטאָ אַרײַן.

וועגן די דאָ באַהאַנדלטע פראַגן, אויך וועגן דער „ייִדן־רעטונג״ דורך פּאָליאַקן, איז הײַנט פאַראַן אַ מאַסע געשריבענע ליטעראַטור, סײַ פון פוילישע און סײַ פון ייִדישע מחברים, מיט וועלכע מען קאָן אויך פּאָלעמיזירן איבער זייערע, איידל געזאָגט, נישט קאָנטראָלירטע, אָדער טענדענציעזע פאַקטן. למשל אין פוי־לישן בוך א. נ. „פּאָלאַצי אי זשידזשי״ (פּאָליאַקן און ייִדן), אַרויס־געגעבן דורכן פאַרלאַג „קשיאַנזשקאַ אי וויעדזאַ״ (בוך און וויסן), וואַרשע 1971, ווערט דערציילט אַז „די ריזן־מערהייט ייִדן האָט איבערגעלעבט, אַ דאַנק דער הילף פון הונדערטער טויזנטער פּאָ־ליאַקן״. איין קלייניקייט! עס שרײַבט אויך שמעון דאַטנער, גע־וועזענער דירעקטאָר פון „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן״,

אין זײַן פּויליש ביכל פון יאָר 1968 (בעת דעם ייִדן־גירוש 1967 1971), א.ד.ט. „לאַס ספּראַוויעדליוויך" (דער וואַלד פון די גע־רעכטע), אַז די פּאָליאַקן האָבן אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן פון 80 ביז 100 טויזנט ייִדן. ווי האָט דאָס דער ייִדישער „היסטאָריקער" גענומען די ריזנצאָל אָפּגעראַטעוועטע ייִדן דורך פּאָליאַקן? ווער האָט זיי נאָך דער באַפרײַונג געזען פאַר די אויגן? אַפילו דער פּוילישער היסטאָריקער (אַ־קאַ מיטאַרבעטער), קאַזשימיעזש אי־ראַנעק־אָסמעצקי, אין שטודיום וועגן דער פּוילישער אונטערערד, א. נ. „קטאָ ראַטויע יעדנאָ זשיציע" (ווער עס ראַטעוועט איין לעבן), „פּאָלאַצי אי זשידזשי 1939—1945", רעדט בלויז וועגן „גע־שאַצטע 50 טויזנט. די מחברין פון צווייטן „זשעגאָטאָ" בוך, א. ט. „געהיימע ראַדע צו העלפן ייִדן אין וואַרשע 1942—1945", טערעסאָ פּרעקעראָוואַ, וועלכע וואַגט אָנצוגעבן אַ געפּעלשטע ריזן־ציפער פון צענדליקער טויזנטער קינדער, אונטער דער אויפזיכט פון „זשעגאָטאַ" אויף דער „אַרישער" זײַט, ווען לויט גיטלער־באַר־סקיס רעלאַציעס (באַקאַנטער ייִד, וואָס האָט אין וואַרשעווער געטאָ זיך פאַרנומען מיט דער קינדער־פראַגע), האָבן די פּאָליאַקן בלויז אָפּגעראַטעוועט מאַקסימום פון 2 ביז 3 הונדערט ייִדישע קינדער. די זעלבע מחברין שרײַבט אין איר בוך, אויף זײַט 341:

„די ראַפּאָרטן פון די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייונג, קאָמענטירט פון פּרעזעס פון „קאָמיטעט צו העלפן ייִדן", וולאַדיסלאַוו זשע־לאַזאָ, ציטירט אין אַנעקס (זײַט 13). מען קאָן אין דאָזיקן בוך מער נישט געפינען קיין שום אויפקלערונגען, ווײַל עס האָט איר, דער פּרוי פּרעקעראָוואַ, געלוינט צום עסק נישט צו פאַרעפנטלעכן דעם פולן אינהאַלט. דער מחבר פון די אָנגעגעבענע רעלאַציעס, וואָס איז אויך דער מחבר פון די דאָזיקע שורות, האָט דערציילט: אַז, לויט דער שאַצונג, זענען בײַ 45 טויזנט ייִדן אַנטלאָפן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער זיך צו ראַטעווען אויף דער „אַרישער" זײַט, צווישן די פּאָליאַקן. נאָך דער באַפרײַונג זעט מען אין דער עווידענץ פון ייִדישן קאָמיטעט, אַז בלויז 7 טויזנט ייִדישע מענטשן

זענען לעבן געבליבן אין דער גאַנצער וואַרשעווער וואָיעוואָד־שאַפט, צוזאַמען אין אַלע 31 שטעטלעך אַרום וואַרשע. דעריבער האָט טערעסאַ פּרעקעראָווא נישט ציטירט אַלץ, וואָס דער פּרעזעס פון „ייִדישן קאָמיטעט" האָט פּאַקטיש איבערגעגעבן אין זײַנע רעלאַציעס פאַר דער פּרעסע. עס איז נישט קלאָר ווער עס האָט דער רעשט באַהאַלטענע ייִדן אַרום וואַרשע דערהרגעט, די נאַצי־דײַטשן צי די פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס", אָדער אַנדערע ייִדן־פײַנטלעכע פּאָליאַקן, צו הילף דער נאַצי־דײַטשער ייִדן־פּאַרטילי־קונג. דאָס זענען די רעאַליסטישע פּאָלגן, וועלכע דרינגען אַרויס פון דער „גרויסער הילף", וואָס ייִדן האָבן געניאָסן פון די געהיימע אָרגאַניזאַציעס און פון די מאָביליזירטע פּוילישע מיליטערישע אונטערערדישע כּוחות, ווי דאָס איז געווען די „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", בעת דער גאַנצער מלחמה־צײַט.

מען טאָר אָבער נישט מיט שטילשווייגן פאַרבײַגיין און נישט דערמאַנען און נישט באַוווּנדערן דעם אויסערגעוויינלעכן פּאָזיטיוון פּאַקט, אַז אין דער זעלבער צײַט פון ייִדן־אומקום אויף דער פּוי־לישער ערד זענען געווען אויך אַנדערע, לײַדער בלויז אַ קליינע צאָל, מענטשלעכע הומאַניטאַרע פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אײַנגע־שטעלט זייער אייגן און זייער פאַמיליעס לעבן, און אָפּגעראַטעוועט אַ צאָל באַהאַלטענע ייִדישע מענטשן. אויך דער מחבר פון דעם מאמר געהער צו זיי, צו דער גאָר ווינציקער צאָל לעבן געבליבענע מיט דער הילף פון די באַזונדערע אויסנעמלעך־מענטשלעכע פּאָ־ליאַקן אין יענער גרויליקער צײַט. די דאָזיקע פּאָליאַקן האָבן זיך אויך אַליין געמוזט היטן, אַז זייערע שכנים זאָלן זיך נישט דערוויסן וועגן דעם. מיר דריקן אויס אונדזער דאַנק פאַר זייערטוועגן, דורך דעם פאַראייביקן זייער אָנדענק מיט ביימער־פלאַנצן אין ישׂראלס הויפּטשטאָט ירושלים. אויך די באַקאַנטע פּוילישע „זשעגאָטאַ"־אָרגאַניזאַציע אין פּוילישן אונטערערד האָט באמת געוואָלט העלפן ראַטעווען די באַהאַלטענע ייִדן אין געהיימען פּוילישן אונטערערד. אָבער דער ווײַט גרעסטער טייל פּאָליאַקן האָבן מיט זייערע פרומע

רעליגיעזע געפילן, מיט צופרידנקייט אויפגענומען דאָס באַפרײַען זיי, דורך דעם דײַטשן אָקופּאַנט, פון די נישט־געוווּנטשענע מיט־בירגער, פון די מיליאָנען, ייִדן, וואָס האָבן אין פּוילן־לאַנד געלעבט, געבויט און געשאַפן קולטור־אוצרות במשך פון טויזנט יאָר צײַט, צענדליקער דורות און לסוף אויף דער זעלבער ערד, אויף די אויגן פון די אַלע פּאָליאַקן, אויף אַן אויסטערלישן אופן, מיט דער הילף פון ציקלאָן־גאַז, אויסגעהרגעט געוואָרן דורך דעם דײַטשן מער־דער, דורך דעם באַקאַנטן אויך אין דער אייגענער טראַגישער פּוילישער געשיכטע, דורך דעם ווילד־חיהשן גערמאַניש־דײַטשן מערדערפאָלק.

✶

נאָך דער בלוטיקער מלחמה, נאָך דער באַפרײַונג, נאָך דעם ווי די רעגירונגס־מאַכט אין נײַעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן איז שוין געלעגן אין די הענט פון דער פּ.פּ.ר.־פּאַרטיי, אונטער דער סטאַ־לין־סאָוויעטישער העגעמאָניע, האָט די „פּאַרטיי" אויף אַ ספּעַ־ציפישן אופן געפּרוּווט פאַרטושן אַלע מערדערײַען פון דער אונ־טערערדישער „אַרמיאַ לודאָוואַ" איבער ייִדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּן מיט זייערע משפחות און די קינדער אין די פּוילישע וועל־דער, ווו די דאָזיקע ייִדן האָבן מיט זיי צוזאַמען געקעמפט קעגן דײַטשן בלוטיקן שׂונא. די פּאַרטיי האָט זיך דעמלט, ווי די הער־שערין, געשטעלט פאַר אַ ציל איבערצונעמען אויף איר קאָנטע אויך אַלע געוועזענע העלדיש אויסגעפירטע אַקטן קעגן דעם נאַצי־דײַטשן אָקופּאַנט. חוץ דעם האָבן זיי גענומען פאַרשפּרייטן אויס־געטראַכטע לעגענדעס וועגן געראַטעוועטע ייִדן, וועגן געגעבענעם געווער צום ייִדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און נאָך אַנ־דערע ליגנס. ווער שמועסט נאָך אַז זיי האָבן געהאַט ייִדישע מיט־העלפערס צו דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט, די געוועזענע קאָפּעפּאָוצעס (פאַרמלחמהדיקע קאָמוניסטן), און איצט פרישע פּ.פּ.ראָוצעס, כּדי טאַקע צו מאַכן פון דער פּ.פּ.ר. און אַ־על

(אַרמיאַ לודאָוואַ) די איינציקע און אויסשליסלעכע העלדן אין דעם אָקופּירטן פּוילן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס זענען בײַ די ייִדן געווען אַזעלכע וואַזשנע אַטוטן, ווי דער אויפשטאַנד אין װאַרשעווער געטאָ־לאַגער, און דער עיקר דאָס אומברענגען זעקס מיליאָן ייִדישע קרבנות. האָבן טאַקע דעמלט געוויסע פּוילישע ייִדן, צוריקגעקומענע נאָך דער מלחמה אַהיים פון די געטאָ־לאַגערן, פון די דײַטשע קאָנצענטראַציע־טויטלאַגערן, און פון די וועלדער ווי געוועזענע פּאַרטיזאַנער, מיט טומל פאַרשפּרייט די ליגן־לעגענדעס, דער עיקר וועגן עפּעס אַ הילף־טעטיקייט פון פּ.פּ.ר. און אַ־על פּאַר די געמאָרדעטע ייִדן דורך די נאַצי־דײַטשע אָקופּאַנטן. צוליב דער אונטערדריקונגס־ראָלע פון דער פּוילישער „בעזפּיעקאַ״ איז דעמלט נישט מעגלעך געווען דאָס צו דערווידערן, אויפצוווײַזן אַז אַלץ איז מיאוסע ליגנט־אַפּנאַרערײַ. אין דער זעכציקער צײַט האָבן די דאָזיקע ייִדישע אַקטיוויסטן, די ייִדישע פראַקציע פון דער פּ. פּ. ר. בײַם „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן״, גערופן אַ ספּעציעלע אַלאַרם־באַראַטונג. דער פאַרלויף פון דאָזיקן צוזאַמענטרעף איז באַשטאַנען אין קריטיקירן דעם ייִדישן שרײַבער־היסטאָריקער, פּראָפעסאָר בערל מאַרק, פאַר זײַן נאָך אַלץ צו ווייניק אַרויסהייבן אין זײַנע ביכער, איבער אַלע ציוניסטישע און בונדישע אויפטוען, די גרויסע ראָלע פון דער פּ. פּ. ר. און פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ״.

די דאָזיקע ווילדע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט זייערע האָט אָנגעהאַלטן אויך שוין נאָך דעם ווי עס האָט געפּלאַצט די באָמבע, ווען אַלע אַנטי־פאָלק מעשׂים פון דער פּוילישער „פּאָלקסמאַכט״, זענען פּלוצלינג אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שײַן. ווען איינער פון די וויכטיקסטע אובע־ און מלוכה־פונקציאָנערן, ווי דאָס איז געווען דעמלט יוזעף שוויאַטלאָ, האָט דעם 5־טן דעצעמבער 1953 „דעזערטירט״, געמאַכט פּליטה, איז געוואָרן אַ „פּראָוואָקאַטאָר״, ווי עס האָבן אים דעמלט באַצייכנט זײַנע געוועזענע שעפן פון באַרימטן 10־טן דעפּאַרטאַמענט פון „בעזפּיעקאַ״־

מיניסטעריום, אויף דער קאָשיקאָווע גאַס נומער 6 אין וואַרשע, וועלכע זענען דערפֿאַר אַליין אויך אַרויסגעניזוקט געוואָרן פֿון זייערע מיניסטער־פּאָזיציעס. שוויאַטלאָ איז געווען פֿון די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט אַ דירעקטע טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג מיט אַזאַ פֿיגור ווי לאַווורענטי בעריאַ, דעם שעף פֿון דער סאָוויעטישער ענקאַווועדע און ק. ג. ב. אין מאָסקווע. חוץ דעם האָט שוויאַטלאָ די באַפֿעלן פֿאַר זײַן פֿונקציע באַקומען דירעקט פֿון „טאָמאַשן", פֿון ביערוטן אַליין, איבער די קעפּ פֿון די שעפֿן אין 10־טן דע־פּאַרטאַמענט. אַפֿילו דעם אַרעסט פֿון וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ האָט שוויאַטלאָ אויך אַליין דורכגעפֿירט. ער איז אויך געווען דער שעף פֿון „שוויאַטלאָס ספּעציעלן ביוראָ", וואָס איז באַשטאַנען פֿון זאַמלען אַלע פּערסאָנאַלע ידיעות פֿון דער העכסטער פּאַרטיי־און רעגירונגס־אָנפֿירונג. חוץ, פֿאַרשטייט זיך, ביערוטס ידיעות, וועמענס פּערזענלעכע אַקטן האָבן זיך שוין געפֿונען אין מאָסקווע. דאָס האָט געהייסן אַז זיי האָבן אים שוין אַליין אין דער האַנט, מיט זײַנע אַלע חטאים. יוזעף שוויאַטלאָ האָט דעריבער געהאַט וואָס צו דערציילן פֿאַר דער וועלט וועגן אַלע פֿאַרברעכנס פֿון אַ מלוכה־אָנפֿירונג אין דעם סטאַליניסטישן פּוילן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט שוויאַטלאָס סענסאַציאָנעלן אַנטלויפֿן און זײַנע רעוועלאַציעס פֿאַר דער אויסערלעכער וועלט האָט דאָס בעזפּיעקאַ־מיניסטעריום, לויט דעם באַפֿעל פֿון פּוילישן פּאַרטייִשן פּאָליטביוראָ, גערופֿן אַ ספּעציעלע געהיימע באַראַטונג (1954) פֿון וויכטיקסטן אובע־אַקטיוו מיטן אָנטייל פֿון די אַלטע קאָפּע־פּאָווצעס, כּדי דורך „זעלבסקריטיק" צו דערגיין, ווער אַלץ עס האָט שוין פֿריער געוווּסט וועגן שוויאַטלאָס פּלענער עוקר צו זײַן פֿון פּוילן. מען האָט אין דער שטיל געהאַט דערציילט, האָט מען איבערגעגעבן, אַז ווען שוויאַטלאָ איז צוריקגעקומען פֿון די פּראַ־צעסן אין אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע אין סוף פֿון די 40־ער יאָרן, זאָל ער האָבן געזאָגט, אַז די פּראָצעסן זענען געווען אַן אַנטיסעמיטישע טראַגי־קאָמעדיע. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג

אין יאָר 1954 האָט מען פאַרבאָטן צו מאַכן נאָטיצן און צו שרײַבן אַ פּראָטאָקאָל, ווײַל דער צוזאַמענטרעף איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ שטרענג געהיימער. דאָך, ערשט נישט לאַנג צוריק, מיט 38 יאָר שפּעטער, האָט זיך אין פּוילישן זשורנאַל „קולטוראַ״, וואָס דערשײַנט אין פּאַריז, אין נומער פון נאָוועמבער 1992, באַוויזן אַ לאַנגער מאמר, א. נ. „פּראָטאָקאָל״, אין וועלכן מען לייענט אַלע געדרעדערייען פון יענער אסיפה אין יאָר 1954, וועלכע נעמט אַרום די גאַנצע פאַרברעכערישע טעטיקייט, ווו איינער האָט געוואָרפן די שולד אויפן אַנדערן פאַר די באַגאַנגענע פאַרברעכנס אין דעם פּוילישן „בעזפּיעקאַ״־מיניסטעריום.

פאַרשטענדלעך, אַז מיר וועלן איצט זיך נישט פאַרנעמען מיט אַלע פראַגן, וועלכע זענען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן דורך די גענערעלער און וויצע־מיניסטאָרן און אַנדערע אובע־שלעק, דאָס געוועזענע פּוילישע הערשער־געזינדל, ווײַל דאָס דאָזיקע איז נישט איצט אונדזער טעמע. מיר וועלן פון דאָזיקן „פּראָטאָקאָל״ בלויז אַרויסנעמען דעם ענטפער, וועלכן מיר באַטראַכטן ווי אַ דאָקומענטאַלע ידיעה, וואָס דער פאָרזיצער פון דעם ספּעקטאַקל, מיניסטער גענעראַל סטאַניסלאַוו ראַדקיעוויטש, האָט געגעבן אויף דער געשטעלטער פראַגע, פאַר וואָס דער גענעראַל גזשעגאָזש קאַרטשינסקי, וויצע־מיניסטער פון זעלבן מיניסטעריום, איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 15 יאָר תּפיסה? מיניסטער ראַדקיעוויטשעס ענטפער האָט געלויטעט: „גזשעגאָזש קאַרטשינסקי איז פאַרמשפּט געוואָרן דורך דעם ריכטער פאַר אַ באַגאַנגענעם מאָרד־פאַרברעכן, בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן, ווען קאַרטשינסקי איז געווען אַרמײ־קאָמאַנדיר פון דער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג אין דער „אַרמיאַ לודאָוואַ״ אין די יאַנאָווער וועלדער פון לובלינער קרײַז. מיר האָבן ביז אַהער וועגן דעם נישט אינפאָרמירט, ווײַל דאָס איז אַ טראַגישער און קאָמפּראָמיטירנדיקער ענין״. און מיניסטער ראַדקיעוויטש דערציילט ווײַטער. נאָך קאַרטשינסקיס פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען אין די וועלדער זענען נאָכגעגאַנגען באַגאַזש־

טראַנספּאָרטן מיט אַמוניציע און פּראָדוקטן. די דאָזיקע וועגענער זענען גלײַכצײַטיק געווען אַ שוצפּונקט פֿאַר איבער 100 ייִדישע פֿאַמיליעס, געבערענגטע אַהין דורך פּאַרטיזאַנער. דאָס זענען געווען ייִדן אַנטלאָפֿענע פֿון די געטאָס אין דער לעצטער מינוט, איידער דעם כאַפּן זיי דורך די נאַציס און פֿירן זיי צו טויטן אין די גאַז־קאַמערן. בעת אַ שטאַרקן אָנגריף פֿון דײַטשן מיליטער אין די דאָזיקע וועלדער האָט דער קאָמאַנדיר קאַרטשינסקי געוואָלט זיך באַפֿרײַען פֿון ייִדישן באַלאַסט און באַפֿוילן זיי צו קערעווען אין דער ריכטונג פֿון דײַטשן אָנגריף. דאָס האָט באַטײַט צו אַ זיכערן טויט. אָבער די ייִדישע פּאַרטיזאַנער האָבן פֿאַרשטאַנען די סכּנה וואָס זיי דראָט און זענען פֿאָרט געלאָפֿן אין דער זעלבער ריכטונג מיט אַלע פּאַרטיזאַנער, האָט דעמלט קאַרטשינסקי געגעבן אַ באַ־פֿעל צו דערהרגענען די ייִדן. און אַזוי איז עס טאַקע געשען. אַלע ייִדן, דערוואַקסענע און קליינע קינדער, האָבן די פּאַרטיזאַנער פֿאַליאַקן דערהרגעט אויף טויט. לויט דעם ווי עס האָט דערציילט מיניסטער ראַדקיעוויטש, האָבן די איבערגעבליבענע פּאַרטיזאַנער אָנגעקלאָגט דעם גענעראַל וויצע־מיניסטער גזשעגאָזש קאַרטשינ־סקי, אָבער דער סעקרעטאַר וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ האָט אים באַשיצט, נישט געלאָזט אים משפּטן פֿאַרן מאָרד פֿון איבער די הונדערט ייִדישע מענטשן. ערשט ווען גאָמולקאַ איז געוואָרן אַרעסטירט, האָט מען קאַרטשינסקין פֿאַרמשפּט אויף 15 יאָר תּפֿי־סה". צי קאַרטשינסקי זיצט טאַקע אין תּפֿיסה, קאָן מען זיך דער־וויסן פֿון דעם, וואָס עס שרײַבט וועגן אים די „אַלגעמיינע פּוי־לישע ענציקלאָפּעדיע" פֿון 1965, באַנד 6, זײַט 40: „גענעראַל גזשעגאָזש קאַרטשינסקי איז אין 1950 געוואָרן אַרעסטירט, אויפֿן סמך פֿון רכילות און פֿאַרמשפּט. נאָך דער רעהאַביליטאַציע (1956) פֿאַרנומען הויכע פּאָזיציעס". ווייסן מיר שוין צום וויפֿלטן מאָל, אַז פֿאַר דערהרגענען ייִדן האָט מען אין „פֿאָלקספּוילן" נישט געמוזט באַשטראָפֿט ווערן, און אויב יאָ, האָט מען נישט געמוזט אויס־זיצן דעם געריכט־אורטייל. פֿאַרקערט גאָר. מען האָט דערפֿאַר נאָך

לײַטיש אַוואַנסירט, ווי דער ייִדנמערדער גזשעגאַזש קאַרטשינסקי.

לויט די באַשטעטיקטע ידיעות אויף דער געהיימער באַראַטונג אין בעזפּיעקאַ־מיניסטעריום אין 1954, און פון די פּאַרעפּנטלעכע אין בוכפאָרעם מאַטעריאַלן פון יוזעף שוויאַטלאָס רעלאַציעס, איז קאַרטשינסקיס מאָרדאַקט איבער די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אויסגע־פירט געוואָרן מיט דער הסכמה פון הויפּטשעף פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ", וואָס איז דעמלט געווען דער גוט באַקאַנטער אין פּוילן פראַנצישעק יוזשוויאַק, מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער „פּאַרטיי", פרעזעס פון דער מלוכישער קאָנטראָל־קאַמער, פאַר־זיצער פון דער צענטראַלער קאָנטראָל־קאָמיסיע פון דער פּאַרטיי, און נאָך אַנדערע פּאָזיציעס. יוזשוויאַק איז נישט געשטעלט גע־וואָרן צום משפּט פאַר זײַן מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט אין דאָזיקן מאָרד־פאַרברעכן. אויך אַן אַנדערער פּוילישער „פּאַרטיי"־ און מלוכה־פירער פון פּ. פּ. ר., אַ באַקאַנטער פירער, ווי דאָס איז גע־ווען הילאַרי כעלכאָווסקי, האָט גאַנץ נאָרמאַל און פּשוט באַפוילן דעם אונטערגעאָרדנטן זײַנעם, מאַיאָר בעק, אויסצופירן אַ מאָרד איבער אַ ייִדישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די פּרושקאָווער וועל־דער, פון דער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט. וויפל ייִדן עס זענען דאָן געפאַלן פון די הענט פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ" איז נישט באַוווּסט. די דאָזיקע אַלע מערדערײַען פון דער אַ־על איבער ייִדישע פּאַרטיזאַנער זענען געוויס נישט געווען די איינציקע. זיי כאַראַקטעריזירן אָבער די אײַנשטעלונג פון דער פּ. פּ. ר.־פּאַרטיי און פון אירע אונטערערדישע מיליטערישע כּוחות, אין דער אָקו־פּאַציע־צײַט, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. וואָס די דאָזיקע „פאָלקסמאַכט" האָט שפּעטער, שוין נאָך דער מלחמה, געטאָן קעגן דעם אײַנגעשרומפּענעם קליינעם ייִדישן ישוב אין פּוילן, האָט זיך אַרײַנגעפּאַסט אין דער לאַגע, אויפן באַקאַנטן בײַשפּיל פון ווען מאַכן פּוילן יודען־ריין, ווען די דאָזיקע א. ג. „פאָלקס־מאַכט" האָט רעגירט מיטן לאַנד. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז קעגן דער געוועזענער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", פון רעכטן פּוילישן

לאַגער, בעת דער מלחמה־צײַט, זענען נישט פֿאַראַן אַזעלכע באַ־שטעטיקטע מערדערייען קעגן ייִדן, ווי בײַ דער געוועזענער פּויליש־ער סטאַליניסטישער סאַטעליטן־„פֿאָלקסמאַכט״, וועלכע האָט דאָס אַלץ געטאָן אונטער דעם מאַסקירטן אָנשטעל, אַז זי בויט כּלומרשט אַ סאָציאַליסטיש פּוילן.

עס ווערט אומהיימלעך דאָס באַקרעפטיקן זייערע אויסטער־לישע מעשׂים קעגן די קוים אָפּגעראַטעוועטע ייִדן, אַרויסגעקומענע גאַנץ פֿון דער דײַטשער מאַסן־פֿאַרטיליקונג, פֿון דער הריגה אי־בער דעם מיליאָניקן ייִדנטום אין אייראָפּע. זייערע נאָכמלחמהדיקע מעשׂים קעגן די רעשטלעך לעבן געבליבענע, ווי למשל: דער פּאָגראָם אין דער פּוילישער שטאָט קראָקע, די הריגה איבער דעם רעשטל ייִדן אין שטעטל זשעלעכאָוו, און דער טראַגישער פּאָגראָם־מאָרד אין יאָר 1946 אין דער פּוילישער שטאָט קיעלץ, ווו עס זענען דורך פּאָליאַקן מונדירטע און ניט־מונדירטע, אויף די „אויגן״ פֿון דער פּוילישער „פֿאָלקס־רעגירונג״ 52 ייִדישע נפֿשות צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. זעט אויס אַז טאַקע דערפֿאַר, ווײַל די היטלער־דײַטשן האָבן נישט באַוויזן די קיעלצער ייִדן צו פֿאַרגאַזן אויף טויט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די דאָזיקע לעבן גע־בליבענע ייִדן האָבן נאָך געהאַט די חוצפּה צוריקצוקומען אַהיים קיין קיעלץ (און מסתּמא אין נאָך אַנדערע פּוילישע שטעט), און וועלן צוריק געניסן פֿון זייער פֿאַרמעגן, פֿון זייערע הײַזער און דירות, אין וועלכע זיי האָבן ביז דער ייִדן־קאַטאַסטראָפֿע געלעבט. כּדי צו מאַסקירן ווער עס איז פֿאַקטיש געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון פּאָגראָם אין קיעלץ (און ווי אַ וואָרענונג אויף פֿאַר אַנדערע שטעט ווו ייִדן האָבן געלעבט) האָט מען באַגלייט די צוגרייטונג צו דער הריגה מיט דער אויסגעפּרוּווטער אין פּוילן עלילת־דם־העצע, אַז די ייִדן האָבן אין קיעלץ פֿאַרכאַפּט אַ פּויליש ייִנגעלע, כּדי צו צאַפּן פֿון אים זײַן בלוט, אויף אַרײַנצוטאָן דאָס אין די ייִדישע מצות, וואָס זיי באַקן אויף פּסח. זאָל אויך דערמאָנט ווערן דער פֿאַקט, אַז אין דעם זעלבן טאָג פֿון פּאָגראָם, איז אין דער

שטאָט קלאָצקאָ אין נידער־שלעזיע, דורך דעם דאָרטיקן פּוילישן מיליטער, ספּעציעל אויפגעמאַכט געוואָרן די גרענעץ, כּדי די דאָרטיקע ייִדן זאָלן קענען מאַכן פּליטה, זיך ראַטעווען פון אַזאַ ענלעכן פּאָגראָם, ווי אין קיעלץ. נאָך דער מלחמה איז אין נידער־שלעזיע, אין די געוועזענע געביטן נאָך דײַטשלאַנד, געווען דער גרעסטער ייִדישער ישוב אין פּוילן. פאַר שרעק זענען טאַקע אַ סך ייִדן פון נידער־שלעזיע אַנטלאָפן מיט דער הילף פון צוגעשטעלטע לאַסט־אויטאָס.

ווי מע זעט, זענען די אַלע דערמאַנטע פאַרברעכנס קעגן ייִדן, קעגן די ייִדישע בירגער פון פּוילן, באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער פּוילישער „פּאַרטיי" און „פאָלקסמאַכט" גופא. וועגן דעם ייִדנמאָרד דורך דער פּוילישער „אַרמיאַ לודאָוואַ" אין די פּאַרטיזאַנער־וועלדער האָט אויף דער דערמאָנטער באַראַטונג אין 1954 דערציילט, זיך מודה געווען אין דעם פאַרברעכן, דער געוועזענער בעזפּיעקאַ־מיניסטער, גענעראַל סטאַניסלאַוו ראַדקיעוויטש. וואָס שייך דעם אָפיציעלן פּאַרטייִשן און מלוכישן אַנטיסעמיטיזם און יודען־ריין־מאַכונג פון פּוילן, מיט דער הילף פון די דערמאָנטע בלוטיקע פּאָגראָמען, ווי אין קיעלץ, און דורך די אַרויסטרײַבונגען פון די ייִדן אין די יאָרן 1967—1971, וואָלט מען דאָך צום באַשטעטיקן דאָס נישט געדאַרפט האָבן קיין דאָקומענטן, ווײַל צו דעם זענען דאָך עדות די ייִדן גופא, די אַנטלאָפענע דעמלט פון פּוילן קיין ישׂראל און אין אַנדערע לענדער. טראָץ דעם איז שוין הײַנט אויך פאַראַן נישט ווייניק ביכער און אַנדערע דאָקומענטן וועגן דעם גירוש־פּוילן. דער ציל פון דער געוועזענער סטאַליניסטישער פּוילישער „פאָלקסמאַכט" איז פולקאָם דערגרייכט געוואָרן. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אײַנגעשלאָסן צווישן אַלע אַנדערע פאַרברעכנס פון דעם פּוילישן און אַלגעמיינעם פאַרברעכן פון סטאַליניסטישן סאָוויעטיזם, ביז צום ירידה־קראַך, אין אונדזער צײַט, פון דאָזיקן געוועזענעם אויסטערלישן סיסטעם. מען דאַרף צו דעם נאָך צוגעבן, אַז די פּראַקטיק אַרום דער ייִדן־שׂנאה פון די געוועז־

זענע „סאָציאַליסטישע" מאַכטהאָבערס אין פּוילן האָבן שוין אי־בערגענומען די הײַנטיקע נײַע כּלומרשטע דעמאָקראַטישע הער־שער מיט דער ברכה, ווי אַלע מאָל, פֿון פּוילישן קלער און אַנדערע פּרעזידענטן. דאָס זענען אין כּלל די זעלבע פּאָליאַקן, מיט די זעלבע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, מיט דער זעלבער נטיה צו קאָנען מאַכן דעם זעלבן פֿאַלשן אָנשטעל, אַז די קנאַפּע צאָל ייִדן, וואָס זענען אין פּוילן נאָך געבליבן פֿון דעם 3,5 מיליאָניקן ייִדישן ישוב פֿון פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, פֿון פֿאַר דער דײַטשער ייִדן־אויסראָטונג — לעבן דאָרט בשלום, טראָץ דעם שענדן די איינציקע נאָך סימנים, די ייִדישע בית־עלמינס, כּמעט יעדן טאָג, נאָך די געשטאָרבענע ייִדן, און אויך נאָכן פֿאַראומרייניקן דאָס אַש פֿון די פֿאַרגאַזטע און פֿאַרברענטע ייִדן, אין די טויטלאַגערן אין פּוילן. עס מאַכט דעם אײַנדרוק ווי די מעשׂים זייערע זאָלן זײַן ווי אַ פֿאָרזעצונג, אָדער פֿאַרענדיקונג, פֿון דער גערמאַניש־דײַטשער אידעאָלאָגישער הריגה איבער די ייִדישע קרבנות־קדושים אויף דער פּוילישער ערד.

דאָס אויבן געברענגטע, פֿון דעם נישט־אויסגעשעפּטן ידיעות־קוואַל וועגן די מיטהעלפֿערס אין דער נאַצי־דײַטשער ייִדן־שואה דאַרף דינען ווי אַ וואָרענונג הײַנט און פֿאַר דער נאָענטער צו־קונפֿט. ליידער חזרן זיך איבער די צײַטן פֿון דעם פּעריאָד פֿון צוגרייטן דעם אידעאָלאָגישן וווקס פֿון דײַטשן היטלעריזם נישט נאָר אין דײַטשלאַנד אַליין. דערפֿון זענען עדות די פֿאַקטן שוין פֿון הײַנטיקן טאָג אין דייטשלאַנד מיט דער בפּירושער הילף פֿון דער הײַנטיקער קאָהל־רעגירונג. עס באַשטעטיקט דאָס די נאָטיץ אין דער שוועדישער טאָגצײַטונג „דאַגענס ניהעטער" פֿון 1־טן פֿעברואַר 1993. דאָרט לייענט מען, אַז „דײַטשיש מיליטער איז אויך אָנגעפֿאַלן אויף די פֿליכטינגס־ (פּליטים) לאַגערן אין דײַטש־לאַנד אין 1992 יאָר". די דאָזיקע ידיעה שטאַמט פֿון אַ רעגירונגס־ראַפּאָרט, וואָס עס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די דײַטשע טאָגצײַטונג „בילד". דעם ראַפּאָרט האָט צוגעשטעלט דאָס דײַטשע פֿאַרטיידיקונגס־

מיניסטעריום. חוץ דעם באַוואָפּענען די נעאָ־נאַציסטישע באַנדעס, האָט די בונדעסווער אויך אַליין אָנטייל גענומען אין 14 אַטאַקעס קעגן די אימיגראַנטן. די דײַטשע מיליטער־לײַט, וואָס האָבן צו־זאַמען מיט די נעאָ־נאַציס אָנטייל גענומען אין די גאַסן־אַוואַנטו־רעס, האָבן אַליין זיך אויך באַנוצט מיט דעם היטלעריסטישן לאָזונג: „זיג הײַל״. אַזוי אַרום האָט דאָך די היטלער־פּאַרטיי אין דײַטשלאַנד אָנגעהויבן די פֿאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט אין די דרײַסיקער יאָרן, איידער דעם אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. היטלער איז געקומען „דעמאָקראַטיש״ צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד דורך דעמאָקראַטישע וואַלן, אויך מיט דער ברכה פֿון הינדענבורגן. דער אַנטיסעמיטיזם איז הײַנט נישט שוואַ־כער ווי בעת דעם קומען פֿון היטלערן צו דער מאַכט אין דײַטש־לאַנד. ווי אַזוי זאָל פֿאַרשטאַנען ווערן די דאָפּלטע שפּיל פֿון דער הײַנטיקער דײַטשער מאַכט? אָן דעם הסכּם פֿון דער רעגירונג וואָלט די ווערמאַכט נישט געוואַגט אָנטייל צו נעמען אין די אַלע נעאָ־נאַציסטישע אַוואַנטורעס און פּראָפּאַגאַנדע־מעשׂים. פֿון דער אַנדערער זײַט האָט מען גענומען דעם אָנטייל פֿון די זעלבע הויכע דײַטשע מלוכה־מושלים אין די אַנטי־נאַציסטישע דעמאָנסטראַציעס. אַ גאַנץ לײַטישע דאָפּלטשפּיל. דאָס איז אויך זייער כאַראַקטעריס־טיש פֿאַר די אינטערווענצן פֿון די אַנדערע מלוכות בײַ דעם רײַכס־קאַנצלער, בײַ דער דײַטשער רעגירונג, וועגן נישט דערלאָזן דעם ווידערוווקס פֿון היטלער־פֿאַשיזם אין הײַנטיקן כּלומרשט דעמאָ־קראַטישן דײַטשלאַנד. דאָס אַלץ וואָס געשעט הײַנט אין דער פֿאַרצווײַגטער אויף ס׳נײַ נעאָ־נאַציסטישער באַוועגונג ווערט דאָך כּסדר געטאָן דורך די „דעלעגאַליזירטע״ נאַצי־באַנדעס, איבערן גאַנצן לאַנד אין דײַטשלאַנד.

מיט די אויפֿגעדעקטע נעאָ־נאַציסטישע אַקטיוויטעטן פֿון דער דײַטשער ווערמאַכט שוין אויך אין די הײַנטיקע טעג פֿון יאָר 1992, וואָס איז שטאַרק אַלאַרמירנדיק פֿאַר דער וועלט און דער עיקר פֿאַר אונדז ייִדן, באַקומט די אויבנדיקע טעמע פֿון היסטאָרישן

נעכטן אַ גאַנץ נײַעם רעפּלעקס. בעת דער רעאַלער קלאָרקייט און הײַנטיקן שוין אומבאַשטרײַטבאַרן ווידערוווּקס פון דער נעאָ־נאַציסטישע דײַטשער קאַניבאַלן־בעסטיע, ווערט די לאַגע אין אײַראָפּע און אין דער וועלט אָן שום צווייפל צוריק שווער, ווי אין די פאַרמלחמה־יאָרן, בעתן אויפקומען אין דײַטשלאַנד פון דער היטלעריסטישער נאַצי־באַוועגונג. עס שטעלט זיך דעריבער די גאָר ערנסטע פראַגע פאַר דער וועלט און דער עיקר פאַר די ייִדן: „מי ומי ההולכים", מיט וועמען גייט מען צום טיש? ווער זענען עס הײַנט די געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און מלוכישע פאַקטאָרן, מיט וועלכע און אויף וועלכע מען קאָן זיך ריכטן געמיינזאַם קעגנצוּווירקן קעגן דעם בייז, וואָס נעמט ווידער דעם אויבן אָן אין דער הײַנטיקער וועלט, בײַם סוף פון יאָרהונדערט, וואָס האָט געהאַט און האָט ביז אַהער אויך גענוג קאַטאַסטראָפעס צו פאַרצייכענען, דער עיקר דעם דײַטשן מענטשנמאָרד, וועמענס שווידערלעכן יזכור־יאָר מיר צייכענען איצט אָפּ צום פופציקסטן מאָל, נאָך דעם דײַטשן פאַרטיליקן די זעקס מיליאָן ייִדישע קדושים.

דער נישט־אויסגעשעפּטער ידיעות־קוואַל פון די מיטהעלפערס אין דער דײַטשער ייִדן־שואה, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1939—1945, איז הײַנט פריש באַהויכט מיט דער נײַער אַנקומענדיקער צײַט פון אויפטרייסלונגען, וועלכע מען טאָר נישט מער, ווי פאַר דער מלחמה, גרינגשעצן, נאָר מיר דאַרפן מאָביליזירן כּוחות דאָס שלעכטע מער נישט צו דערלאָזן. דאָס היסטאָרישע געשעענע אין רוסלאַנד און אין יוגאָסלאַוויע איז, אין כּלל גענומען, נישט אָפּגעריסן פון דעם וואָס עס טוט זיך הײַנט אין דײַטשלאַנד און אויך אין די מזרח־אייראָפּעישער לענדער, ווי דער וווּקס פון פאַשיזם אין אונגאַרן און דער אַנטיסעמיטיזם אין דעם נײַעם פּוילן, אונטער דער פּראַזעאָלאָגיע פון דעמאָקראַטיע.

5.2.1993

„פּאָליאַקן — ייִדן: די שוואַרצע בלעטער פון אויפשטאַנד"

באַהאַלטענע ייִדן וואָס זענען נישט אומגעקומען פון די דײַטשן זענען דערהרגעט געוואָרן דורך אַ־קאַ־זעלנער בעת דעם פוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע

עס איז שוין אַריבער מער ווי אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט דער היטלעריסטיש־דײַטשער ייִדן־אויסראָטונג אין דער אָקופּירטער אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס זענען פאַרגעקומען די פאַראייניזאַמטע אויפשטאַנדן און ווידערשטאַנד־קאַמפן פון די אויסטערליש־פאַרשקלאַפטע ייִדישע מענטשן אין די געטאָ־גיהנום־לאַגערן, און אין די קאָנצענטראַציע־טויטלאַגערן קעגן די קאַניבאַלן־דײַטשע פאָלקסמערדער — אָן שום הילף פון קיינעם, נישט פון די עקזיסטירנדיקע דעמלט פוילישע אונטערערדישע לאַנדס־כּוחות און נישט פון דער גרויסער אויסערלעכער, אייגענער און פרעמדער מענטשנוועלט. די דײַטשע באַנדיטן־מאַכט האָט דעריבער פרײַ, אָן שום שטערונג פון קיינעם נישט, אויסגעפירט דעם ייִדן־מאָרד אין די ספּעציעלע, צו דעם צוועק אויפגעבויטע, גאַזטויט־קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין פוילן, אויף דער נאַציאָנאַלער פוילישער ערד מיט אַ קאַטויליש־רעליגיעזער באַפעלקערונג.

וועגן דעם טראַגישן גורל פון ייִדישן פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז נישט ווייניק געשריבן געוואָרן, סײַ דורך דער אָפּגעראַטעוועטער לעבן געבליבענער שארית־הפּליטה, און סײַ דורך ייִדישע און נישט־ייִדישע פאָרשער־היסטאָריקער. דער מחבר פון די דאָזיקע שורות אַליין אויך אָן איבערגעלעבטער פון ייִדישן

געטאָ־גיהנום אַרויס, אָנטײלנעמער אין דעם העראָישן וואַרשעווער אויפשטאַנד, צוזאַמען מיט די געוואַגטע געטאָ־ייִדן, דעם 19־טן אַפּריל 1943, וואָס צו זײַן יאָרצײַט, צום 51־סטן יזכּור־יאָרטאָג מיר דערנענטערן זיך איצט — האָט אויך נײַשט ווייניק געשריבן אויף דער דאָזיקער טעמע און פאַרעפנטלעכט אין דער ייִדישער פּרעסע און ווו אַנדערש, זינט דער באַפרײַונג. דאָס איז געווען זײַן דאַפּלטע באַפרײַונג; פון היטלער־דײַטשן גיהנום אַרויס און, נאָך דער בלוטיקער מלחמה, פון דער פּוילישער „בעזפּיעקאַ״, זיכערהייטס רעגירונגס־מאַכט פון אינערן־מיניסטעריום, וועלכע האָבן אים ברוטאַל געפּאַרשט און געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין די קעלערן אויף דער קאָשיקאָווע גאַס נומער 6 אין וואַרשע, געגרייט קעגן אים אַ פּאָליטישן פּראָצעס מיט טויטשטראָף פאַר דער אַנטי־סטאַליניסטישער אַקטיוויטעט, אין די צײַטן פון פאַר און בעת די מלחמה־יאָרן.

מיר וואָלטן דעריבער געוויס נישט געשריבן, נישט דערמאָנט איצט ספּעציעל, נישט איבערגעחזרט די אָנגעוויטיקטע צוגאָב־טראַגעדיע, בעת דעם געוועזענעם אויסטערלישן ייִדישן פאָלקסלעבן און שוידערלעכן אומקום, נישט געשריבן הײַנט ווידער אַ מאָל, וועגן די באַקאַנטע מיטשולדיקע, וועגן די נאַצי־דײַטשע מיט־העלפערס, און אויך נישט קעגן די הײַנטיקע פּוילישע אָפּלייקע־נערס פון די פאַקטישע מעשׂים זייערע, אין משך פון די אַלע טראַגישע יאָרן, פון בעת, און שוין נאָך דער בלוטיקער צווייטער וועלט־מלחמה. איז אָבער גראָד איצט, אין אָנהייב פון יאָר 1994, אַקטועל באַהאַנדלט געוואָרן, דורך פּאָליאַקן אַליין, אין דער פּוילישער פּרעסע פון וואַרשע, אין דער פּאָפּולערסטער הײַנט טאָג־צײַטונג „גאַזעטאַ וויבאָרטשאַ״ (וואַלן־צײַטונג) נומער 24 פון דעם 29/30־סטן יאַנואַר — דאָס פּײַנלעכע פּראָבלעם אַרום דער הריגה איבער די אַרויסגעקומענע ייִדן פון זייערע באַהעלטענישן, דורך דער פּוילישער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״ (לאַנדס־אַרמיי), גערופן אין קורצן אַ־קאַ, וואָס עס האָט געהאַט אַן אָרט, בשעת דעם

פוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, וועלכער איז אויסגעבראָכן דעם 1־טן אויגוסט 1944, קעגן דער אַנטלויפנדיקער דײַטשער ווער־מאַכט־אַרמיי, ווען די רויטע אַרמיי האָט גענומען זיך דערנענטערן צו וואַרשע, בעת די פראָנטקאַמפּן מיט דער ווערמאַכט, פאַרן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

עס איז גוט געשען, וואָס עס איז איצט אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שײַן, און דאָס גראָד דורך פּאָליאַקן אַליין, כאָטש עס האָט געדויערט אַזש 50 יאָר צײַט, זיך אַליין מודה צו זײַן אינעם אמת פון דער ביז איצט אָפּגעלייקנטער אויסטערלישער רשעות אין אַנטיסעמיטישן ברוטאַלן גײַסט, אַרויסגעוויזענעם דורך פּאָליאַקן, בעת זייער געוועזענעם אונטערערדישן אָקופּאַציע־צושטאַנד, אין אַלע מלחמה־יאָרן, אַפילו אויך בעת דעם טראַגישן מאָרדפּעריאָד, וואָס די היטלעריסטישע נאַצי־דײַטשן האָבן אויס־געפירט איבער די מיליאָניקע ייִדישע מיטבירגער זייערע, און אי־בער די אַנדערע מיליאָנען ייִדישע מענטשן, וועלכע די דײַטשן האָבן געבראַנגט קיין פּוילן פון אַלע 25 אָקופּירטע לענדער, וואָס זענען אויך אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין די זעלבע אוישוויצס און טרעבלינקעס אין פּוילן. מען דאַרף דערבײַ איצט טאַקע שוין יאָ איבערחזרן דעם אויסטערלישן פאַקט, אַז די מערדער, די נאַצי־דײַטשע רעגירונגס־מאַכט, האָט אין אָקופּירטן פּוילן־לאַנד, און נישט ערגעץ־אַנדערש, גאַנץ פרײַ נישט באַהאַלטענערהייט, געקענט אויספירן אַזאַ אויסטערלישן מאָרד דאָס ערשטע מאָל אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע, קעגן אומשולדיקע מענטשן, אָן שום דערוווידער פון די לאַנדס־אײַנוווינער, אָן שום קעגנשטעלן זיך פון קיינעם נישט, אָן שום פּראָטעסט, אַפילו אויך לפּנים נישט, מצד דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג פון קרוב דרײַ צענדליק מיליאָן פּאָליאַקן פון אַלע שיכטן, פון פּשוטע פאָלקס־מענטשן ביז דער פּוילישער אינטעלעקטועלער וועלט. זיי טאָר מען אָבער נישט צונויפמישן מיט די אַנדערע, גאָר באַזונדערע פּאָליאַקן, פון אַ הויכן מענטשלעך הומאַניטאַרן גײַסט, מיט די אויסנעמלעכע

מענטשלעכע פּאַליאַקן, וואָס האָבן אָפּגעראַטעוועט אַ צאָל ייִדן פון אומקום. פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מיליאָניקער גרויסער באַפעלקערונג איז דאָס, ליידער, אַ קליינע, אָבער דאָך גאָר אַ וואָגיקע צאָל, לגבי דעם גאַנצן פּאָלק.

דער פּוילישער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן דעם 1־טן אויגוסט 1944 און האָט ביז דער פאָרמעלער קאַפּיטולאַציע פון דער אַ־קאַ לגבי דער נאַצי־ווערמאַכט, געדויערט בײַ 60 טעג. עס זענען געפאַלן טויט 200.000 פּאָליאַקן, חוץ דער צאָל דורך זיי אַליין געהרגעטע ייִדן, וואָס איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן ביז היַינט. די אַטמאָספערע פאַרן אָנהייב פון אויפשטאַנד איז געווען פון פאָרויס אַ גינסטיקע, ווײַל וואָס מער דער פראָנט אין דעם שטאַרקן אָנגריף פון דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו וואַרשע, האָבן די דײַטשן אַלץ מער זיך דענערווירט און פאַרשטאַרקט דעם טעראָר, מורא האָבנדיק פאַר אַרויסטרעטונגען פון אונטערערדישע כּוחות, הינטער דעם פראָנט. דאָס איז געווען שוין אין דער צײַט פון דײַטשן מהומהדיקן אַנטלויפן. אויך די געסטאַפּאָ איז שוין געווען אין וועג מיט זייערע פּעק און קופערטס מיט די אַקטן פון זייער פאַרברעכערישער אַרבעט אין וואַרשע. די עוואַקואַציע פון די דײַטשע מיליטערישע פאָרמאַציעס איז שוין דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין די נעכט. מען האָט שוין געהערט דעם האַרמאַטן־דונער פון נאָענטן פראָנט. דאָס איז פאַר די באַהאַלטענע, אין שרעק לעבנדיקע ייִדן אין די אויסטערלישע לעבער, געווען ווי מוזיק. ווער שמועסט נאָך אַז מען האָט שוין אויך געהערט דאָס פליען פון די סאָוויעטישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, און די שטאַרקע אויפרײַסן פון אַראָפּגעוואָרפענע באָמבעס. מיט שטילער געדריקטער פרייד האָבן מיר זיך דעמלט צוגעהערט צו דעם, וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן אויף די גאַסן אין די שטעט, ווו עס האָט ביז נישט לאַנג צוריק געהערשט דאָס קאַניבאַלן־דײַטשע הערנפאָלק. מיט צופרידנקייט איז די באַפעלקערונג געלאָפן זיך באַהאַלטן אין די שוצקעלערן, ייִדן האָבן פון אַזאַ

„פֿאַרגעניגן" נישט אומעטום געקענט געניסן, ווײַל די פּוילישע רעטער זייערע האָבן נאָך אַלץ מורא געהאַט פֿאַר די פּוילישע שכנים און דעריבער נישט געלאָזט זיי זיך אַרויסרירן פֿון די לעבער אַרויס. די שרעק פֿאַר דער געסטאַפּאָ האָט נאָך אַלץ ווײַטער גע־דריקט די געמיטער. איך, דער באַהאַלטענער ייִד אין גראָכאָוו הינטער וואַרשע, האָב אויך נישט געקענט געניסן פֿון דעם, וואָס עס איז שוין געהאַט פֿאַרגעקומען אין וואַרשע אין די באַפֿרײַטע גאַסן, ווײַל גלײַך אין אָנהייב פֿון אויפֿשטאַנד, האָבן די דײַטשן זיך קאָנצענטרירט אויף אײַנצוהאַלטן די סטראַטעגישע פּונקטן אין דער קאָמוניקאַציע, בעיקר די בריקן איבער דער ווײַסל, כּדי צו האָבן פֿאַרבינדונגען מיטן צווייטן ברעג. איך האָב דעריבער שוין נישט געהאַט קיין באַדינגונגען זיך אַריבערצוקריגן דורך דער ווײַסלבריק קיין וואַרשע, ווי עס האָבן דאָס שוין געהאַט געטאָן פֿריער אַ סך מענטשן און, לײַדער, זענען זיי נאָך פֿריער אומ־געקומען דורך די דײַטשן, אָדער דורך די פּוילישע אַ־קאַ־זעלנער. אפֿשר דעריבער בין איך לעבן געבליבן, נישט ווי די, וואָס האָבן מיט פֿרייד זיך געמאָלדן צו די אַ־קאַ־מיליטערישע פּונקטן, כּדי זיך אָנצושליסן אין מיליטערישן קאַמף קעגן די דײַטשן, און זענען נישט געוואָרן אָנגענומען געוואָרן, חוץ אויסנאַמען, אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט מיליטערישע דערפֿאַרונג. אָבער אין אַלגעמיין גע־נומען, זענען ייִדן גרופּנווײַז און אויך אײנציקווײַז דערשאָסן גע־וואָרן דורך אַ־קאַ־זעלנער. מער קאָנקרעט און היסטאָריש גענומען דערציילט דאָס דער געוועזענער אַ־קאָאָוויעץ צאַלעל פֿערעכאָדניק, אין זײַן בוך, אונטערן טיטל: „דערינערונגען פֿון וואַרשעווער אויפֿ־שטאַנד".

איבער דעם דאָזיקן בוך פֿון צאַלעל פֿערעכאָדניק האָט טאַקע רעדאַקטאָר מיכאַל טשיכי אָנגעשריבן אַ רעצענזיע און זי פֿאַר־עפֿנטלעכט אין דער „גאַזעטאַ וויבאָרטשאַ" נומער 11 אין יאָר 1993, וואָס עס האָט אַרויסגערופֿן בייז בלוט בײַם פּוילישן לייע־נער. דאָס זעלבע בוך איז דאָך שוין אַ סך פֿריער געווען דערשינען,

איז פון דעסטוועגן געווען שטיל די גאַנצע צײַט. מען האָט נישט געהערט, אַז עס זאָל ווער עפּעס האָבן קעגן דעם אינהאַלט פון בוך. ערשט די פּאַרעפנטלעכע רעצענזיע אין דער פּוילישער פּרע־סע האָט דענערווירט אַ סך לייענער, דער עיקר די געוועזענע אַ־קאַ־אַנטיילנעמערס פון פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, ווײַל פון דאָרט דערוויסט מען זיך דעם טראַגישן שרײַענדיקן אמת, וועלכן פּאָליאַקן פּרוּוון הײַנט פאַרלייקענען, אַז בשעת דעם אויפ־שטאַנד אין יאָר 1944 קעגן דער דײַטשער ווערמאַכט האָבן אַ־קאַ־זעלנער דערהרגעט די אַנטדעקטע, אויפגעזוכטע, אָדער דערקענטע ייִדן אין די באַפרײַטע וואַרשעווער גאַסן, די גאָר ווייניקע נאָך איבערבלײַבעכצן, די רעשטן פון וואַרשעווער געטאָ, אַזעלכע ייִדן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן בײַ די מענטשלעך־הומאַניטאַרע פּאָ־ליאַקן. ווען בעת דעם אויפשטאַנד, אין די באַפרײַטע געביטן פון וואַרשע, האָבן די דאָזיקע ייִדן זיך באַטראַכט אַלס באַפרײַטע, שוין לעבן געבליבענע נאָך דער דײַטשער ייִדן־הריגה, און זענען מיט גרויס גדולה אַרויס אויף די גאַסן — האָבן זיי, לײַדער, גלײַך געפונען דעם טויט. זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די פּוילישע אַ־קאַ־זעלנער, וועלכע האָבן, ווי מען וויל גלייבן, געפירט אַ באַ־פרײַונגס־מלחמה קעגן אָקופּאַנט, דעם דײַטשן נאַציזם. טייל פּאָ־ליאַקן אומצופרידענע פון דער רעצענזיע, האָבן אויך אַרײַנגע־שיקט אין דער רעדאַקציע פון דער „גאַזעטאַ" פּראָטעסטבריוו און געפאָדערט פון רעדאַקטאָר מיכאַל טשיכי, דעם רעצענזענט, אויפ־קלערונגען. זיי אַליין קאָנען אָבער פאָרט נישט פאַרלייקענען דעם געוועזענעם ייִדן־מאָרד — שרײַבן זיי, אַז דאָס האָבן געטאָן פּוילי־שע אויסוואָרפן אין אַ־קאַ־מונדירן, אָבער דאָס דאָזיקע זאָל נישט האָבן געטאָן געוואָרן, לויט אַ וועלכן ס'איז באַפעל פון מיליטערישן אַ־קאַ־שטאַב, זאָגן זיי.

אין אַלע פיר פּאַרעפנטלעכע בריוו אין דער „גאַזעטאַ" פון דער זעלבער דאַטע, דעם 29/30־סטן יאַנואַר 1994, ווערט איבער־געחזרט דער זעלבער נוסח, מיט וועלכן עס ווילן זיך, פּאַר חרפּה

וועגן און פּאַרדרוס, אויספּײַנערן הײַנט די פּאָליאַקן. דאָס טוען אויך שרײַבער, היסטאָריקער און די געוועזענע אַקטיווע אונטער־ערדישע מיליטער־לײַט, דער עיקר טוען דאָס די אַ־קאַ־מיליטערי־שע פירער. דעריבער איז אַ רייד, כּדי פּאָרט צו פּרוּוון פּאַרטושן דעם טראַגישן אמת, גאָר וועגן האָבן געראַטעוועט ייִדן, און דער־בײַ, אַז אַ־קאַ האָט אויך געקעמפּט אין וואַרשעווער געטאָ, צוזאַ־מען מיט די ייִדישע געטאָ־אויפשטענדלער, וואָס דאָס איז אַ בפירוש־שער, שרײַענדיקער ליגנט. איך אַליין האָב שוין אַ סך וועגן דאָזיקן געשריבן פון מײַנע אייגענע דערפאַרונגען אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, און אויך געבראַכט ציטירטע דאָקומענטן. וועגן דעם האָב איך אויך פאַר אַ יאָרן פאַרעפנטלעכט אין „אונזער וואָרט" אין פּאַריז, צום 50־סטן יזכור־יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַר־שעווער געטאָלאַגער, אַן אַרטיקל אונטערן טיטל: „נישט אויסגע־שעפּטער ידיעות־קוואַל פון מיטהעלפערס אין דער דײַטשער ייִדן־שואה". די מחברים פון די בריוו, וואָס טרעטן אַרויס אַזוי פּאַרריסן קעגן דעם רעצענזענט פון בוך, זענען אַלע אַליין אויך געוועזענע אַנטיילנעמערס אַלס אַ־קאַאָווצעס אין דעם וואַרשעווער אויפ־שטאַנד. זיי זענען נישט געקומען איצט מיט קיין באַווײַזן, אַז זיי זאָלן האָבן געשטערט די זעלנער־פאַרברעכער, וואָס האָבן אויף זייערע אויגן געמאָרדעט ייִדן, די אויסגעזוכטע אין די באַהעל־טענישן.

דאָס פּרוּוון זיך פאַרענטפערן, דורך דער „גאַזעטאַ"־רעדאַק־ציע און פון רעצענזענט, פאַרן פאַרעפנטלעכטן אינהאַלט פון זײַן רעצענזיע, איז אויך באַגלייט מיט נישט ווייניק איבערחזרונגען, וועגן האָבן געראַטעוועט ייִדן בעת דעם אויפשטאַנד, דער עיקר אין דעם ספּעציעלן מאמר פון הויפּט־רעדאַקטאָר אַליין פון אַדאַם מיכניק, דער אַרײַנפיר צו דעם לויטעט:

מיכאַל טשיכי האָט אין זײַן רעצענזיע איבער צאַלעל פּערע־באַדניקס דערינערונגען געשריבן, אַז „פּערעבאַדניק האָט אַפילו

אויך איבערגעלעבט דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, ווען אַ־קאַ און די נ. ס. ז. (ענדעקישע פאַשיסטן) האָבן דערהרגעט אַ סך נישט־אומגעברענגטע פון געטאָ". די רעדאַקציע איז ביַי דער מיינונג, אַז דאָס זענען נישט דערלאָזבאַרע פּאַראַלגעמיינערונגען. עס זענען פאַראַן פיל דאָקומענטן, וואָס באַווײַזן וועגן העלפן ייִדן דורך דער אויפשטאַנד־מאַכט. עס זענען נישט פאַראַן קיין באַווײַזן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן שלעכטע באַהאַנדלונגען מצד דער אַ־קאַ־ מיליטער־רישער אָנפירונג. דאָך — גיט די רעדאַקציע נאָך פאַרט צו, אַז עס האָבן געהאַט אָן אָרט פאַלן פון מאָרדן ייִדן, וואָס עס האָבן אויסגעפירט מענטשן אין מונדירן פון די אויפשטענדלער, און וועגן דאָזיקן רעדט טאַקע מיכאַל טשיכי, אין דעם טעקסט, וואָס קומט אונטערן הויפט־טיטל:

„פּאָליאַקן — ייִדן: די שוואַרצע בלעטער פון אויפשטאַנד".

וועגן די דאָזיקע „שוואַרצע בלעטלער" פון פּוילישן אַ־קאַ־אויפשטאַנד אין וואַרשע האָט רעדאַקטאָר מיכאַל טשיכי, נאָך דער קריטישער רעצענזיע זײַנער, פון יאַנואַר 1993, איצט אויף גאַנצע פיר זײַטן פון דער „גאַזעטאַ" נומער 24, 1994, צוגאָבלעך פאַר־עפנטלעכט פרישע 25 באַזונדערע דאָקומענטירטע פאַקטן (מיט אָנ־געגעבענע אַרכיוו־קוועלן), וועגן דעם וואָס עס האָבן אַליין דער־ציילט פּוילישע און ייִדישע אָנטיילנעמערס אין אַ־קאַ־אויפשטאַנד אין יאָר 1944. טראָץ דעם וואָס דער איצטיקער מאמר פון מיכאַל טשיכי האָט דאָך געדאָרפן דער עיקר צו זײַן באַגלייט מיט אויפ־קלערונגען אין גייַסט פון די בריוו־קריטיקער, כּדי דערמיט צו באַווײַזן די נשמה־ריינקייט פון דער אַ־קאַ־אָנפירונג, דרינגט אָבער אַרויס פון אַלע זײַנע מאַטעריאַלן, אַז אַ סך ייִדן, ייִדישע מענער און פרויען, וועלכע האָבן ביזן אויפשטאַנד געלעבט אין באַהעל־טענישן, אָדער אַפילו אַלס „אַריער", זענען אומגעקומען. דאָס מאָל שוין נישט פון די נאַצי־דײַטשע מערדער, נאָר גראָד פון פּאָליאַקן, וועלכע האָבן די דאָזיקע ייִדן געמאָרדעט אונטער דעם

זעלבן נאַצי־אידעאָלאָגישן לאָזונג פון „יודען־ריין־מאַכונג״ אין פוילן־לאַנד.

דאָך, אין 1־טן נומער צו זײַן אַרײַנפיר שרײַבט מיכאַל טשיכי, אַז זײַנע פאַרמולירונגען אין דער רעצענזיע, וועגן דער אַ־קאַ, נ. ס. ז., ייִדן און וואַרשעווער אויפשטאַנד, זענען געווען שלעכטע, פאַר וואָס ער בעט איבער. שרײַבנדיק, אַז אַ־קאַ און נ.ס.ז. האָבן געמאָרדעט ייִדן, האָט ער נישט געהאַט אין זינען קיין אָרגאַניזאַציע, נאָר פּריוואַטע עלעמענטן, וועלכע האָבן אָבער צו זיי אָנגעהערט.

„מערדערײַען זענען געווען, שרײַבט מיכאַל טשיכי. לעבן פּאָזיטיווע, זענען אויך געווען אַנטיסעמיטישע דערשײַנונגען. איך פּרוּוו נישט באַווירקן די מאַטעריאַלן פון די קוועלן, פּאָזיטיווע צי נעגאַטיווע. בלײַבנדיק בײַ דער פעסטשטעלונג, אַז ביידע האָבן עקזיסטירט, סײַ די שלעכטע און סײַ די גוטע באַציונגען פון די פּויליש־ייִדישע אַ־קאַ־אויפשטענדלער צו די ייִדן. אָן דעם באַקענען די אייגענע נעגאַטיווע פאַקטן, וואָלטן מיר נישט אומשטאַנד געווען צו פאַרשטיין די מאָראַלישע און פיזישע לײַדן, פאַראורזאַכטע פון אַ־קאַ לגבי די ייִדן, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין זייערע הײַנטיקע רעלאַציעס״.

„איך שרײַב נישט וואָס איך וואָלט געוואָלט, כּדי אונטערצושטרײַכן די סינטעזע פון די פּויליש־ייִדישע באַציונגען אין וואַרשעווער אויפשטאַנד. איך זאַמל קוועלן־מאַטעריאַל (אַפילו אַזעלכע וואָס זענען נאָך נישט געווען פאַרעפנטלעכט), נאָר וואָס שייך פראַגמענטן פון די דאָזיקע באַציונגען, שטעל איך זיי איצט פאַר און פּרוּוו דערבײַ אויפקלערן די פינצטערסטע עפּיזאָדן.״

עס זענען מיר באַקאַנט דאָקומענטירטע רעלאַציעס, וועלכע דערציילן וועגן 60 דערהרגעטע ייִדן, דורך אויפשטענדלער. אין דעם 45 אין צוויי גרופּן אַדורכגעפירטע מערדערײַען (אין וועלכע 30 קרבנות זענען געפאַלן פון די הענט פון נ. ס. ז.אָווצעס).

מיכאַל טשיכי שרײַבט ווײַטער, אַז עטלעכע צענדליק דערהר־

געטע ייִדן זענען אַ סטאַטיסטישער מאַרגינעס אין פאַרגלײַך צו די 200.000 געפאַלענע אין אויפשטאַנד. אָבער געשיכטע רעכנט זיך נישט נאָר מיט סטאַטיסטישע רעגלמעסיקייטן.

„פיל מאָל האָט מען שוין באַשריבן אין פוילן וועגן דער צוגע־טיילטער הילף פאַר ייִדן דורך פּאָליאַקן, און אויך דורך אונטער־ערדישע אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז אָבער נישט דער גאַנצער אמת, שרײַבט מיכאַל טשיכי. דער פוילישער און ייִדישער זכּרון, אין האַלבן יאָרהונדערט, באַזיצט סתּירותדיקע פאַקטן פון דער קריגס־צײַט. דעריבער גלייב איך נישט, אַז עס זאָלן זײַן רעאַלע באַדינ־גונגען פאַר אַן ערנסטער פאַרשטענדיקונג".

דערבײַ שטרײַכט מיכאַל טשיכי אונטער, אַז היסטאָריקער האָבן זיך ביז אַצינד נישט פאַרנומען ערנסט און אויספירלעך מיט דער געשיכטע פון די ייִדן בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד. עס זענען בלויז פאַראַן אָפּטיילן פון סינטעטישע באַאַרבעטונגען. צו שרײַבן וועגן די שוואַרצע בלעטלער, דורך פוילישע היסטאָריקער, האָט דאָס נאָר געטאָן אַנדזשעי זשביקאָווסקי אין זײַן פאַרוואָרט צו די דערינערונגען פון סאַמועל וויללענבערג, וועלכע געפינען זיך אין „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן".

כאָטש וועגן געוויסע פראַגן האָבן מיר אויפשטאַנד־דאָקו־מענטן, אָבער אין דער מערהייט קוועלן זענען דאָס דערינערונגען געשריבענע דורך די געליטענע אַליין. דער היסטאָריקער דאַרף זיך נישט וווּנדערן, אַז ס׳רוב מאַטעריאַלן שטאַמען פון די געלי־טענע ייִדן. די צאָל באַהאַלטענע ייִדן אין וואַרשע ווערט געשאַצט צווישן 7 און 30 טויזנט. איך ווייס נישט פון וואַנעט עס שטאַמען די דאָזיקע אָפּט איבערגעחזרטע צאָלן. אויך אַז אין די רייען פון די אויפשטענדלער האָבן געקעמפט 1000 ייִדן, פון וועלכע עס זענען אומגעקומען 500. עס איז אויך שווער פעסטצושטעלן די אַנגעגעבענע, דורך דעם האָלאָקאָוסט־היסטאָריקער, מאַרטין גיל־בערט, צאָל איבער 100 מערדערײַען באַגאַנגענע איבער ייִדן דורך פּאָליאַקן, בעת דעם אויפשטאַנד.

פאַר פּאָליאַקן איז דער אָנהייב פון אויפשטאַנד געווען די דערוואַרטע שטרעבונג צו באַפרײַונג. פאַר די באַהאַלטענע ייִדן איז דאָס געווען אַ שאָק, אַן אויפטרייסלונג. אַ סך באַהאַלטענע ייִדן זענען דאַך יאָרנלאַנג נישט אַרויס אויף דער גאַס, נישט גע־אָטעמט קיין פרישע לופט און נישט געזען די נאָרמאַלע ליכטיקע שײַן פאַר די אויגן. אין דער אמתן, שרײַבט מיכאַל טשיכי, ווייסן מיר נישט וואָס אין די ערשטע אויפשטאַנדטעג איז געשען מיט די אַרויסגעקומענע ייִדן. אין אָנהייב פון אויפשטאַנד האָט מען ליק־ווידירט ייִדן — שרײַבט אין זײַנע רעלאַציעס מיעטשיסלאַוו פוקס (ייִוואָ 16/450), שפּעטער זענען די באַציונגען פון פּאָליאַקן געווען אַ ביסל אַנדערש. אָבער אַלע האָבן אויך חוזק געמאַכט איבער די אַנגעטראָפענע ייִדישע מענטשן.

די אויפשטענדלער האָבן אויפן געוועזענעם אומשלאַגפּלאַץ באַפרײַט עטלעכע צענדליק ייִדן, און פון דער גענשוווקע, געווע־זענער מיליטערישער תּפיסה (וועלכע איז בעת דער געטאָצײַט געווען אַ געטאָ־תּפיסה, און די נאַציס האָבן זי פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו זיי האָבן געהאַלטן עטלעכע הונ־דערט ייִדן, דער עיקר פון אונגאַרן, גריכנלאַנד, פראַנקרײַך, צוזאַ־מען 348 ייִדן), האָבן זיי די ייִדן באַפרײַט דעם 5־טן אויגוסט 1944, דורך דעם באַטאַליאָן „זאָשקאַ" פון אַ־קאַ.

אַ סך פון די באַפרײַטע ייִדן האָבן גלײַך געוואָלט אַרײַנטרעטן אין די רייען פון די אויפשטענדלער. טייל מיליטערישע ספּעציאַ־ליסטן זענען טאַקע מאָביליזירט געוואָרן אין דער אַ־קאַ. אַ סך זענען צוגעשטאַנען צו דער אַ־על — „אַרמיאַ לודאָוואַ".

רעדאַקטאָר מיכאַל טשיכי ברענגט אויך די דאָקומענטירטע רעלאַציעס פון די אונדז גוט באַקאַנטע היסטאָרישע ייִדישע העל־דישע מענטשן פון דעם אויפשטאַנד פון די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ, דעם 19־טן אַפּריל 1943. ער שרײַבט: דעם 3־טן אויגוסט 1944 האָט דער „זשאָב"־קאָמענדאַנט פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ, יצחק צוקערמאַן „אַנטעק"

אַפּעלירט צו די וואַרשעווער ייִדן, וועגן זיך מעלדן אין די רייען פון די אויפשטענדלער, נישט אָנגעבנדיק קיין אָרגאַניזאַציע. „אַנ־טעק" האָט געוואָלט אונטעראָרדענען די „זשאָב"־גרופּע דער אַ־קאַ. אָבער דער סוף איז געווען, אַז 22 ייִדן פון די געוועזענע געטאָ־אויפשטענדלער זענען אַריינגעטרעטן צו דער אַ־על אויף אַלטשטאָט (גאמלאַ־סטאַן).

„איך בין געווען אין דער אַ־על, איבער דעם, ווייל אין אַ־קאַ האָט מען מיך געוואָלט דערשיסן. זיי האָבן געזאָגט, אַז איך האָב אַ פּוילישע קענקאַרטע, און אַז איך בין אַ ייִד — אַ שפּיאָן" — דערציילט מאַרעק עדעלמאַן, געוועזענער פאַרטרעטער פון קאָמענ־דאַנט אַניעלעוויטש, בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע. „מיר האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוואַרפן פון קעלער אויף דער גאַס אַרויס אַ פּאָר ווערטער אויף אַ שטיקל פּאַפּיר וועגן מיין געפער־לעכער לאַגע. און קאַמינסקי האָט מיך פון דאָרט אַרויסגעצויגן. דערנאָך האָט נאָך די אַ־קאַ מיך געשטעלט אונטער דער וואַנט, אונטערן פּרעטעקסט, אַז ייִדן איז אַ פעלער. די זשאַנדאַמעריע אין אַלטשטאָט איז געווען אַן אָ.נ.ר. — ריינע „פאַלאַנגאַ"־פאַשיסטן (גרופּינסקי ס. 24).

„עטלעכע קריסטן, אין דעם איין פּרוי, האָבן געברענגט צו פירן צום ביוראָ פון דער דעלעגאַטור (מיטן־שטאָט) אויף זלאָטע גאַס — 7 פּערזאָן, אין דעם 3 פרויען, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי זענען שפּיאָנען... די באַשולדיקונג, אַז זיי זענען שפּיאָנען איז געווען דערפאַר, ווייל די פאַרהאַלטענע האָבן זיך לעגיטימירט מיט אַרישע דאָקומענטן, און זענען געווען באַקאַנטע ייִדן". גע־שריבן וועגן דעם האָט סטעפאַן סענדלאַק. זיי, די אַרעסטירטע ייִדן, האָבן געהאַט גליק, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף אַן אַקטיוויסט פון „זשעגאָטאַ", פון דער פּוילישער אָרגאַניזאַציע צו ראַטעווען ייִדן.

דער אַרעסטירטער דורך דער זשאַנדאַמעריע, מאַרעק עדעל־מאַן, האָט אויך געהאַט גליק, ווייל עס האָט ווער געפונען זיין

קאַרטל, און הילף איז באַלד געקומען. אים האָט געראַטעוועט איינער פון די אַ־קאַ־לייטער, אַלעקסאַנדער קאַמינסקי, הויפּט־רעדאַקטאָר פון וויכטיקסטן אַ־קאַ־אינפאָרמאַציע־ביולעטין, אויטאָר פון באַקאַנטן בוך „קאַמיעניע נאַ שאַניעץ״.

מאַסן־מערדער זענען געווען אַ סך. אויף דעם זענען אויך פאַראַן עדות און דאָקומענטן. אָבער צי די אַלע מערדער האָבן זייערע פאַרברעכנס אויסגעפירט אינדיווידועל, ווי ווילדע זעלנע־רישע מערדער, כּלומרשט אָן דעם וויסן פון דער הויפּט־אָנפירונג פון אויפשטאַנד אין וואַרשע — דאָס איז די פראַגע.

איך ציטיר דעם ראַפּאָרט — שרײַבט מיכאַל טשיכי אין 20־סטן פּונקט פון זײַן מאמר — פון איינעם פון די געראַטעוועטע, פאַרשרי־בענעם אין וויללענבערגס דערינערונגען, וועלכער האָט אויף צו מאָרגנס נאָך דער שחיטה געטראָפן הירשביינען און בורשטינען אויף דער פּראָסטע גאַס — ווו די אַ־קאַ־מערדער האָבן אַרײַנ־געצויגן פרויען מיט די קינדער אין קעלער אַרײַן. באַלד נאָך דעם האָבן זיי געהערט פון דאָרטן געשרייען פון די פרויען, פאַרגוואַל־דיקטע דורך די אויפשטענדלער, און דערנאָך אַ סעריע שיסערייען.

ס׳איז וואַרשײַנלעך, אַז דער דאָזיקער גרופּנמאָרד האָט אויך אַ שײַכות צום ווײַטער ציטירטן פראַגמענט פון די דערינערונגען אַרויסגעגעבענע אין לאָנדאָן אין יאָר 1957, פון קאַפּיטאַן וואַצלאַוו זאַגורסקי „לעך גזשיבאָווסקי״, קאָמענדאַנט פון 2־טן באַטאַליאָן אין אַ־קאַ „כראָברי 2״, אין שכנות מיט דער גרופּע „האַלאַ״:

„פּלוצלינג, אין די געטאָ־גרוזן, אין מערבדיקן טייל, נישט ווײַט פון דער טוואַרדע גאַס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע שיסע־רײַ (...).

עס פאַלט איין סעריע נאָך דער אַנדערער, פּעעם־שאָסן.

— וואָס צום טײַוול? אַלע זענען פאַרשלאָפן געוואָרן בײַ „האַלאַ״. צי זיי האָבן אַדורכגעלאָזט דורך די קאַנאַלן דײַטשן, אויף זייערע פּאָזיציעס?

אַלאַרם! אַ ל אַ אַ אַ ר ם!! (...).

מיר דערנענטערן זיך צום סוף געטאָ (...). אויפן באָדן אין גרוב ליגן נישט געהיבלעוועטע ברעטער. אין פינצטערן אַרײַנגאַנג פון אונטערשטן בונקער, בײַ די טירן, שטייט אַן אַלטיטשקע אײַנגעהויקערטע פרוי מיט אַ שוואַרצער פאַטשיילע. זי לאַכט צו זיך אַליין (...).

דורך אַ פּאָר טרעפּלעך קומען מיר אַראָפּ צום האַלב־פינצטערן לאָך. לינקס אויף אַ קאָץ ליגט אַ יונגע פרוי מיט ברייט צעשפּרייטע הענט. אויף איר העלן קלייד, וואָס זי טראָגט, זעט מען גרויסע בלוט־פלעקן. באַלד לעבן איר, אַ ביסל ווײַטער אין קעלער, ליגט אַן עלטערע פרוי און טאָרעט זיך אין בלוט פון די שאָסן אויפן גאַנצן קערפּער. אין דער פינצטערניש איז שווער איבערצוציילן די קערפּערס פון בלויז פרויען. אויף דער ערד ליגן אויפגעמאַכטע וואַליזקעס, ווו עס וואַלגערן זיך אַרום דערלעבן אָנגעוואָרפענע זאַכן.

(...) — ציִ האָט איר, באָבעשי, געזען ווער עס האָט געשאָסן?

— יאָ, איך האָב געזען, געזען זעלנערלעך.

— וואָסערע זעלנער?!

— אונדזערע, אונדזערע זעלנערלעך. גוטע זעלנערלעך, הע, הע, הע...

— זיי האָבן מיר געגעבן גאָלדענע רובלעס. — זי מאַכט אויף די צוגעדריקטע פינגער און ווײַזט אויף דער האַנט אַ גאָלדענע מטבע.

(...) — מיר זענען עטלעכע צענדליק טריט פון דעם קאַפּיטאַן „האַלאַ"ס זיצאָרט, וואָס געפינט זיך פאַרן אײַזערנעם טויער, וועלכער פירט אין די מאַגאַזינען פון „האַבערבושס" ביר־פאַבריק, ווו עס שטייט שטענדיק אַ וואַך. ער האָט געוויס געהערט די שאָסן, און האָט אפשר אויך באַמערקט די אַנטלויפנדיקע. מיר גייען ווײַטער, לעבן דעם וואַכמאַן שטייט „האַלאַ" אַליין, אין זײַן ברייטער אָפיצירישער פעלערינע, וואָס גרייכט אים ביז די קנעכל.

— ס'איז מיר ליב צו באַגריסן דעם העלדישן שכן!

די פרײַנדלעכע ווערטער זענען אָנגעפילט מיט אַ פּילבאַרער נאָטע פון שטעכווערטער.

— האָט איר געהערט די שיסערייען אין געטאָ? (אויפן גע־ביט פון געוועזענעם געטאָ).

— איך האָב געהערט. וועמען האָט איר דאָרט געפּאָרשט?

— מיר?! מיר זענען געקומען צו לויפן אַהער צו זען וואָס עס טוט זיך בײַ אײַך. און אײַך איז גאָרנישט אײַנגעפאַלן צו שיקן אַ פּאָר מענטשן צו דערוויסן זיך?

— די נערוון, קאַפּיטאַן... ווען איך וואָלט אומעטום געשיקט מענטשן, פון וואַנען מען הערט שיסערײַען, וואָלטן מיר געלאָפן אָן איבעררײַס. איך האָב געמיינט, אַז איר אויך ווילט אויף ס׳גיך וועמען דערהרגענען, אָדער גאָר איבן אייער פּרויען־האָרעם.

— אָבער דאָס איז דאָך אײַער פּאָזיציע נישט מײַנע! — מאַך איך זיך נישט הערן זײַנע בייזוויליקייטן.

— יעדער האָט רעכט אַרײַנצוקומען אויף מײַן געביט, יעדער איז גוט געזען. מיטן אויסנאַם פון די דײַטשן.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז נישט דורך אַלע. גייט אַ קוק טאָן אײַערע געסט! אין בונקער ליגן זיבן באַרויבטע און געטויטע פּרויען.

— אויב טויטע, ווען זיי נישט אַנטלויפן. וואָס גייט דאָס אונדז אָן? קומט בעסער אַרײַן אינעווייניק. עס איז שוין צײַט, אַז מ׳זאָל עפּעס איבערבײַסן. ייִדישקעס, זאָגט איר? זאָל זיך מיט זיי פּאַר־נעמען די „לעצטע־באַדינונג".

— עס גייט נישט וועגן באַגראָבן די טויטע, מען דאַרף אויס־פאָרשן ווער עס האָט זיי דערמאָרדעט און אַרעסטירן די מערדער.

— צו דעם זענען פאַראַן די זשאַנדאַרן, אָדער דער זיכער־הייטס־קאָרפּוס. קומט, הער קאַפּיטאַן, ווײַל די קישקעס שפּילן בײַ מיר אַ מאַרש. איך בין טויט־הונגעריק.

— אַ דאַנק. מיר האָבן נישט קיין צײַט, און אויך נישט קיין אַפּעטיט. אַדיע — טשאָלעם!

מיר גייען צוריק דורך דער צעגלאָזנע גאַס. פאַר דער וואַלי־

צאָוו קומט צו מיר צו „טשעש" (טשעסלאָוו קוטשערא). ער איז, זעט אויס, מיט עפּעס פאַרטראַכט.

— לעשעק, הער מיך, — רופט ער זיך שטילערהייט אָן — איך גיב מײַן קאָפּ, אַז דאָס האָבן די אויסוואורפן פון דער לײַבוואַך „האַלאַ" געטאָן. נישט איינעם האָבן זיי שוין דערהרגעט, פאַר דער מינדסטער עוולה דערשאָסן און באַגראָבן. יעדער ווייסט וועגן דעם, אָבער מען האָט מורא. זיי האַלטן דאָס פאַר אַ קריגסגעזעץ. זיי האָבן געוויס אַליין דערהרגעט די דאָזיקע קרבנות, די ייִדישע פּרויען, וואָס זענען געווען באַהאַלטן כּדי נישט געהרגעט צו ווערן דורך די נאַצי־דײַטשן, זענען זיי אומגעקומען דורך פּאָליאַקן, אונטער „האַלאַ"ס מאַכט".

אַ טאָג פאַרן שטורעמען די „גענשוווקע"־תּפיסה איז אַנט־שטאַנען דער איינציקער, מיר באַקאַנטער דאָקומענט, פון דער צענטראַלער מאַכט פון אויפשטאַנד, אין וועלכן עס איז אַ רייד וועגן ייִדן, שרײַבט רעדאַקטאָר מיכאַל טשיכי. דעם 4־טן אויגוסט האָט דער שעף פון זיכערהייטס־שטאַב (הויפּט־קאָמענדאַנט), גענעראַל טאַדעוש פּעלטשינסקי „גזשעגאָזש", אַרויסגעשיקט צום לייטער פון אַ־קאַ אין וואַרשעווער קרײַז, פּאָלקאָווניק אַנטאָני כרושטשעל „מאָנטערא", אַ נאָטיץ מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט: „איך גיב אײַך צו וויסן, אַז אויפן געביט פון וואָלי, איז אַנטשטאַנען אַ פראַגע וועגן אינטערנירטע ייִדן פון יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד און אַנדערע. טייל פון די דאָזיקע ייִדן זענען באַפרײַט געוואָרן פון די דײַטשע הענט דורך אונדזערע אָפּטיילונגען. זעט פאַרויס צו־צוגרייטן אַ צײַטווייליקן לאַגער, ווו מען וואָלט געקענט שיקן אַהין אַלע באַפרײַטע ייִדן און אַנדערע נישט־געוווּנטשענע עלעמענטן. די אָפּטיילונגען דאַרפן באַקומען אָנווײַזונגען, וועלכע וואָלטן אויסלאָסן עווענטועלע עקסצעסן". (12/40/3, ק. 25).

„איך קלער אויף, אַז אַלס פרעמדלענדער באַדאַרפן באַטראַכט ווערן אַלע וואָס געהערן צו אַנדערע פעלקער, אַפילו ווען זיי האָבן פּוילישע בירגערשאַפט פון פאַר דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939" —

האָט אינסטרואירט דעם 25־סטן אויגוסט 1944 אַלע שעפֿן פֿון זיכערהייטס־קאָמיסאַריאַט דער לייטער זייערער פֿון מיטנשטאָט־טייל אין וואַרשע. אויפֿן סמך פֿון דער דאָזיקער אינסטרוקציע (באַפֿעל) — זענען אויך אַלע פּוילישע ייִדן, אַרייַנגעשריבן גע־וואָרן אין דער זעלבער עווידענץ, מיט אַלע פֿרעמדלענדער, די נישט געוווּנטשענע עלעמענטן — און אַזוי אויך זענען זיי טראַקטירט געוואָרן.

די דאָזיקע נאָטיץ איז צווייִדײַטיק, שרייַבט מיכאַל טשיכי. פֿון איין זייַט זאָרגט זיך דער גענעראַל פּעלטשינסקי וועגן דעם, אַז די באַפֿרייַטע ייִדן זאָל נישט געשען קיין עוולה, און פֿון דער אַנדערער זייַט, לייגט ער פֿאָר, אַז מען זאָל זיי איזאָלירן. עס איז אויך נישט איבעריק קלאָר, ווער, לויט גענעראַל פּעלטשינסקין, קאָן זיך דערוועגן צו טאָן שלעכטס די ייִדן, ציווילע מענטשן, צי גאָר אָפּטיילונגען פֿון דער אַ־קאַ (אויב זיי זאָלן נישט באַקומען די גע־העריקע אָנווייַזונגען). אַ שלעכטן אייַנדרוק מאַכט די פֿאָרמולי־רונג: „ייִדן און אַנדערע נישט געוווּנטשענע עלעמענטן".

די אויבן ציטירטע קורצע פֿראַגמענטן פֿון רעדאַקטאָר מיכאַל טשיכיס צוגאָבלעך געבערענגטן מאַטעריאַל צו זייַן נאָך פֿריער פֿאַרעפֿנטלעכער קריטיקירטער רעצענזיע איבער צאַלעל פּערע־באַדניקס בוך „דערמאָנונגען פֿון אַ־קאַ־אויפֿשטאַנד אין וואַרשע", וואָס האָט איצט פּלומרשט געדאַרפֿט זייַן אין גייַסט פֿון די פֿאָדע־רונגען פֿון קריטיקערס — ווי עס האָט דאָס אויך פֿאָרויסגע־זאָגט אין זייַן אַרייַנפֿיר־וואָרט דער שעף־רעדאַקטאָר פֿון דער „גאַזעטאַ", אַדאַם מיכניק, — איז גאָר, חוץ געוויסע אויסנאַמען, אַ ווייַטערדיקע פֿאַרזעצונג פֿון באַווייַזן, אַז די אַלע באַגאַנגענע ייִדן־מאָרדן, דורך אַ־קאַאָווצעס, בעתן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע זענען שוין גאָרנישט געווען קיין פֿאַראייַנזאַמטע מעשׂים, דורך באַזונ־דערע אַ־קאַאָווצעס אַליין, אויף דער אייגענער האַנט, נאָר אַז דאָס איז אויסגעפֿירט געוואָרן אין אייַנקלאַנג מיט די באַפֿעלן פֿון דער אַ־קאַ־לייטונג. בעתן פֿאַרגעקומענעם אויפֿשטאַנד זייערן.

דאָס איז אויך אַרויסגעדרונגען פון נאַטירטן באַפעל, אַרויסגעגעבענעם דורך דעם גענעראַל טאַדעוש פעלטשינסקין „צו איזאָלירן די באַפרײַטע ייִדן, צוזאַמען מיט די אַנדערע נישט געוווּנטשענע עלעמענטן" — וואָס דאָס איז דאָך שוין אַליין פאַר זיך אַזאַ שטײַגער סוגעסטיע, וואָס די אויפשטענדלער־זעלנער פון דער אַ־קאַ דאַרפן אָדער קאָנען טאָן מיט די ייִדן, וואָס האָבן נאָך איבערגעלעבט די דײַטשע ייִדן־הריגה.

דאָס דאָזיקע שטימט דאָך אויך מיטן גײַסט פון די געוועזענע באַציונגען פון דער אַ־קאַ־אָנפירונג צום ייִדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער אין אַפּריל 1943, וועגן וועלכן איך האָב געשריבן אין דערמאָנטן אַרטיקל א. ט. „נישט־אויסגעשעפּטער ידיעות־קוואַל פון מיטהעלפערס אין דער דײַטשער ייִדן־שואה". איך האָב דאָרט ציטירט אַ פראַגמענט פון העברעישן בוך א. ט. „ספר מלחמות הגיטאות, בין החומות, במחנות, בעירות", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם קיבוץ לוחמי הגיטאות אין ישׂראל, און וועלכער לויטעט: „נישט בלויז וואָס די באַציונג פון דער אָפיציעלער פאָרשטייערשאַפט פון דער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" איז צום קאַמף פון די ייִדן געווען אַ נעגאַטיווע, נאָר זיי האָבן נאָך געדראָט מיט אַ באַוואָפנטער רעאַגירונג קעגן דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע „זשאָב". דאָס האָט באַטײַט, אַז זיי זענען גרייט געווען אָנצופאַלן אויף די ייִדישע „זשאָב"־קעמפערס, כּדי זיי צו ליקווידירן, פּונקט ווי עס האָבן דאָס געטאָן די דײַטשע מערדער בעת דעם אויפשטאַנד פון די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, דעם 19־טן אַפּריל 1943".

איך האָב אין דערמאָנטן אַרטיקל, פאַרעפנטלעכט פאַר אַ יאָרן אין „אונזער וואָרט", דער עיקר באַהאַנדלט די ראָלע פון דער פּוילישער גאַמולקאַ־„פאַלקסמאַכט" צו מאַכן פּוילן „יודען־ריין", און אויך די באַגאַנגענע, דורך דער „אַרמיאַ לודאָוואַ" אויסטערלישע מאָרדן, איבער ייִדישע פאַרטיזאַנער אין די וועלדער. איך האָב אויך על פּי טעות גאָר געגלויבט די אַ־קאַ און געשריבן, אַז

קעגן דער געוועזענער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" פון רעכטן לאַגער איז, פון בעת דער מלחמה־צײַט, נישט פאַראַן אַזעלכע באַשטע־טיקטע מאַסנמאָרדן איבער ייִדן, ווי בײַ דער געוועזענער פוילישער סטאַליניסטישער סאַטעליטן.־„פאָלקסמאַכט".

דאָס דאָזיקע איז אויך אַ באַווײַז, אַז מיר ייִדן, און אַוודאי די וואָס זענען געבליבן געוואָרן און געלעבט אין פוילן — טראָץ אַלע דאָרטן געליטענע אַנטיסעמיטישע צרות — זענען נישט גערן צו טאַדלען נישט זיכערע, נישט קאָנטראָלירטע מעשׂים זייערע, כּדי דערמיט פאַרט נישט צו שטערן אַ וועלכע עס איז ייִדיש־פוילישע פאַרשטענדיקונג. זאָל דאָס זײַן אַפילו פאַרן נוצן פון ישׂראלס דיפּלאָמאַטישע באַדערפענישן. כאָטש, ווי עס האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן פון די נאָר וואָס פאַרעפנטלעכטע רעלאַציעס אין דער „גאַזעטאַ" דורך די אַ־קאַאָווצעס אַליין, האָט די פוילישע געוועזענע „אַרמיאַ קראַיאָוואַ", אויך שוין גאָר נישט ווייניק ייִדישע לעבנס אויף איר געוויסן ווי אַ צושטייער צו דער נאַצי־דײַטשער ייִדן־אויסראָטונג אין דער אָקופּירטער אייראָפּע, צו מאַכן זי „יודען־ריין".

דאָס אויבן געברענגטע קאַפּיטל שטערט נישט די זעלבע פּאָ־ליאַקן הײַנט צו דערציילן, אין וואָרט און אין שריפט, אויסגע־טראַכטע ליגנס, אַז זיי, אַז אַלע פּאָליאַקן, און אַוודאי און אַוודאי די פּוילישע אָרגאַניזאַציעס, די געהיימע אונטערערדישע כּוחות זייערע, ציווילע און מיליטערישע, האָבן אין אַלע מלחמה־יאָרן געהאָלפן אין איין ראַטעווען ייִדן פון דײַטשן מאָרד. טראָץ דעם וואָס אַלע פוילישע שטעט און שטעטלעך, ווו עס האָבן די ייִדן געלעבט ביז דעם יאָר 1939, זענען אין גאַנצן אויסגעליידיקט פון די ייִדן מיט זייערע משפּחות, וועלכע האָבן דאָרט לאַנגע דורות געלעבט, ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביז די נאַצי־היטלער דײַטשן האָבן מיט דער דײַטשער סיסטעמאַטישקייט, במשך פון זעקס יאָר צײַט, געמאָרדעט, פאַרגאַזט אויף טויט די דאָרטיקע ייִדן. דאָס האָבן זיי געטאָן אויף די אויגן פון דער גאַנצער פוילישער באַ־

פעלקערונג, צוזאַמען מיט די קאַטוילישע גײַסטלעכע, און אויך פון דער פוילישער אינטעליגענץ.

פון די אַלע 3.250.000 ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין פוילן ביז די מלחמה־יאָרן, ביז דעם יאָר 1939, זענען (לויט דער אַמע־ריקאַנער ייִדישער סטאַטיסטיק פון יאָר 1947 וועגן דעם ייִדישן חורבן אין גאַנץ אייראָפּע), אין פוילן אַליין פון די פוילישע ייִדן, קוים געבליבן לעבן 120.000 ייִדישע מענטשן, פון וועלכע די גרעס־טע צאָל איז צוריקגעקומען פון געוועזענעם ראַטנפאַרבאַנד, פון די וועלדער אַלס געוועזענע פּאַרטיזאַנער. טייל זענען צוריקגע־קומען לעבעדיקע פון די קאָנצענטראַציע טויט־לאַגערן. אין פוילן גופא, אין גאַנצן לאַנד האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט מאַקסימום 25.000 ייִדן, וואָס טייל פון זיי האָבן איבערגעלעבט אַלס „אַריער", און טייל זענען אַרויסגעקומען לעבעדיקע פון די באַהעלטענישן בײַ די אויסנעמלעך הומאַניטאַרע פוילישע מענטשן, וועלכע האָבן דערבײַ אַליין אויך ריזיקירט מיטן לעבן, וועלכע ווערן הײַנט באַ־טראַכט אַלס „חסידי אומות העולם", און האָבן אַזעלכע מעדאַלן באַקומען פון ישׂראל־אינסטיטוט „יד ושם", חוץ די פאַרפלאַנצ־טעביימער אויף זייערע נעמען אין ירושלים. גאַנצע 3.130.000 פוילישע ייִדן זענען דורך דעם דײַטשן קאַניבאַלן־פאָלק דערהרגעט געוואָרן אין די גאַז־אויוונס פון אוישוויץ, טרעבלינקע, מאַידאַנעק, און אין אַנדערע דײַטשע טויט־פאַבריקן, דער עיקר אויף דער פוילישער ערד.

אַן אויסנעמלעך אויסטערליש בלעטל געשיכטע פון די ייִדישע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אינעם געוועזענעם ייִדישן ישוב אין פוילן, אין משך פון טויזנט יאָר און עס איז פון אים בסך־הכּל געבליבן בלויז אַ גאָר קליינע צאָל ייִדן, וועלכע לעבן הײַנט אין אייגענעם ישׂראל־לאַנד און אין פאַרשידענע אַנדערע לענדער. אין פוילן־לאַנד גופא איז, ליידער, געבליבן אַ מאַסע אַלטע שוין צעשטערטע בתי־קברות.

צו דעם אַלעם איז איצט, אין יאָר 1994 — צום 51־סטן יזכּור

יאָרטאָג, זינט דעם הערויִשן ייִדישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, דעם 19־טן אַפּריל 1943, קעגן דעם דײַטשן אויס־מאָרדן די זעקס מיליאָן ייִדישע מענטשן, צוגעקומען, ווי אויבן באַהאַנדלט, אַ נײַ צוגאָבלער דאָקומענטירט טראַגיש בלעטל ייִדי־שע געשיכטע וועגן דערהרגעטע ייִדן דורך דער אַ־קאַ, פּוילישער „אַרמיאַ קראַיאָוואַ" — ווי אויבן אין קאָפּ פֿון דאָזיקן מאמר: „פּאָליאַקן — ייִדן — די שוואַרצע בלעטער פֿון אויפֿשטאַנד", וועגן די באַהאַלטענע ייִדן וואָס זענען נישט אומגעקומען פֿון די דײַטשן, זענען נאָר דערהרגעט געוואָרן דורך די אַ־קאַ־זעלנער, בעת דעם פּוילישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע אין יאָר 1944.

לאָמיר דעריבער אָפּגעבן כּבוד אַלע געפֿאַלענע ייִדישע קדו־שים, די קרבנות פֿון די דײַטשע פֿאַרברעכערס און פֿון זייערע מיט־העלפֿערס.

1994

דער נירנבערגער פּראָצעס

נאָך דער צווייטער היטלעריסטיש־טאָטאַלער וועלט־מלחמה און נאָך דער גרעסטער גרויליקסטער שחיטה, וואָס דאָס דײַטשע פֿאָלק האָט אויסגעפירט איבער ציווילע מענטשן אין אייראָפּע בעת די מלחמה־יאָרן 1939—1945, איז געוואָרן ווי אַ טראַדיציע צו דער־מאַנען די וויכטיקסטע געשעענישן פֿון דער דאָזיקער קאַטאַסטראָ־פֿע. מערסטנס חזרט מען איבער די שוין באַקאַנטע אָפּיציעלע ידיעות, אָן צו ברענגען וועלכע נײַע, נישט פֿאַרעפֿנטלעכע פֿאַקטן, וואָס זאָלן אַרײַנברענגען מער ליכט וועגן דעם געשעענעם. דאָס פּובליצירטע האָט פֿאַר אַ ציל אָפּצופֿרישן אין זכּרון די פֿאַקטן און גלײַכצײַטיק צו וואָרענען, אַז אַזאַ קאַטאַקליזם זאָל זיך מער נישט איבערחזרן, אַז די וועלט זאָל פֿאַרט ווערן מענטשלעכער, מער נישט לעבן אויסשליסלעך מיט אַנעקסיע־טענדענצן ווי ביז אַהער, ווײַל ווי מיר אָבסערווירן איצטער, גייט אויף ס'נײַ שוין אָן אַ מוראדיקער געיעג פֿון פּראָדוצירן פֿרישע נוקלעאַרע מאָרד־מכשירים, טאַקע אין דעם זעלבן שעפֿערישן יאָרהונדערט און באַ־דראָט ווידער אונדזערע לעבנס.

אין קורצן וועט ווערן 40 יאָר זינט עס איז פֿאָרגעקומען דער משפּט פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל איבער די נאַצי־דײַטשע פֿאַרברעכערס, די שולדיקע אין אויספֿירן דעם פֿעלקערמאָרד, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ משפּט וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען: „דער נירנבערגער פּראָצעס".

איידער מיר באַהאַנדלען דעם דאָזיקן פּראָצעס, דאַרף מען פֿריער אַ בליק טאָן אויף צוריק, אויף די סיבות פֿון דאַרפֿן פֿאַר־רופֿן דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל. מע דאַרף

זיך גלײַכצײַטיק דערמאָנען, אַז אין אונדזער לעבנס־פּעריאָד זענען מיר שוין עדות פון צוויי וועלט־מלחמות קעגן דער מענטשהייט, מיט ריזיקע פאַרלוסטן, פיזישע, מאַטעריעלע און גײַסטיקע. די צווייטע וועלט־מלחמה איז, ווי באַוווּסט, מיט אירע פאָלגן, געווען אַ סך טראַגישער פון דער ערשטער. ביידע זענען אָבער פאַראורזאַכט און געפירט געוואָרן דורך די זעלבע געזעלשאַפטלעכע כּוחות. ביידע זענען פאָרגעקומען צוליב די זעלבע עקספּאַנסיאָניסטישע אינטערעסן, צוליבן וועלן אויף דעם אופן לייזן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קריזיסן.

די פאָלגן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918), דער פאַרלוסט פון מענטשן און פון מאַטעריעלע ווערטן, זענען געווען גענוג טראַגיש אַפילו אין די טרוקענע ציפערן: עס האָבן אין איר אָנטייל גענומען און געבלוטיקט גאַנצע 33 לענדער מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,5 מיליאַרד מענטשן. אויף די פראָנטן האָבן זיך איינע מיט די אַנדערע געשלאָגן 70 מיליאָן מאָביליזירטע זעלנער. עס זענען געווען 10 מיליאָן געהרגעטע און 20 מיליאָן פאַרוווּנדעטע מענטשן, אינוואַלידן. חוץ דעם זענען 10 מיליאָן מענטשן אויסגעשטאָרבן פון הונגער און פון פאַרשידענע עפּידעמישע קראַנקייטן. די קאָסטן, די אויסגאַבן פון דעם בײַזוויליקן קריג האָבן באַטראָפן 208 מיליאַרד דאָלאַר. דאָס איז אין קורצן דער סך־הכּל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די צווייטע וועלט־מלחמה האָט געקאָסט אַ סך מער. דער מענטשן־פאַרלוסט און אויך דער מאַטעריעל־עקאָנאָמישער שאָדן איז געווען קאָלאָסאַל. אין דער דאָזיקער מלחמה (1939—1945) האָבן אָנטייל גענומען 72 פעלקער (צוויי מאָל מער ווי אין דער ערשטער) מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,7 מיליאַרד מענטשן. די אויסגאָבן האָבן באַטראָפן 1380 מיליאַרד דאָלאַר. מע האָט זיך געשלאָגן אויף די טעריטאָריעס פון 40 לענדער. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן 110 מיליאָן זעלנער, נישט אַרײַנגערעכנט די אונטערערדישע, מיליטערישע און פאַרטיזאַנער־כּוחות, וואָס האָבן זיך

אויף געשלאָגן אין דעם קריג. דער אַלגעמיינער שאָדן פון דער צאָל מענטשן איז אין דער דאָזיקער מלחמה געווען 5 מאָל גרע־סער ווי אין דעם ערשטן קריג, און האָט באַטראָפן ביי 50 מיליאָן טויטע. איבער 50 מיליאָן מענטשן זענען געוואָרן אינוואַלידן, גע־בליבן קאַליקעס אויפן גאַנצן לעבן.

נאָך פאַרן באַהאַנדלען דעם היסטאָרישן פּראָצעס, פיל איך פאַר מיין חוב, ביי דער געלעגנהייט, מיט אַ פּאָר ווערטער צו דערמאָנען די ייִדן־טראַגעדיע, ווייל אין דער זעלבער דייטשער שטאָט נירנבערג האָט דעם 15־טן נאָוועמבער 1935 די נאַצי־דייטשע אָנפירונג אָנגענומען די באַרימטע אַנטי־ייִדישע און ראַסן־געזעצן. זיי פיגורירן טאַקע אין דער דאָקומענטאַרער ליטעראַטור אונטערן פּאָפּולערן נאָמען: „נירנבערגער געזעצן”.

די פאַרניכטונגס־קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן דאָס ייִדישע פאָלק בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט געהאַט אַ גלאָבאַלן פאַרנעם. זי האָט אַרומגענומען דריי קאָנטינענטן: איי־ראָפּע, צפון־אַפריקע און אַזיע — מיט 25 לענדער.

די צאָל ייִדן אונטער דער דירעקטער נאַצישער הערשאַפט און אין די לענדער פון זייערע פאַרבינדעטע און סאַטעליטן האָט אין יאָר 1939 באַטראָפן 9,170,000. אין יאָר 1945, נאָך דער מלחמה, האָט מען געשאַצט די צאָל לעבן געבליבענע ייִדן אין אייראָפּע אויף 3,770,500. דאָס הייסט, אַז אומגעקומען זענען אין די יאָרן 1939—1945 מינימום 5,400,000 ייִדן. אָבער אומגעקומען זענען פאַקטיש מער, ווייל די אָפיציעלע ציפערן פון 1939 זענען נישט קיין גענויע און גיכער צו קליין צוליב אומפּינקטלעכקייטן אין די מלוכישע פאָלקסציילונגען, וועגן דער גרייס פון דער ייִדישער באַ־פעלקערונג. מען דאַרף דעריבער אָננעמען, אַז אומגעקומען זענען בערך 6,000,000 ייִדן. דאָס הייסט, אַ דריטל פון דער צאָל ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט אין יאָר 1939.

זעקס מיליאָן ייִדן זענען די קרבנות פון דייטשן מאָרד, וואָס די וועלט האָט מיט אַ רויִקן געוויסן דערלאָזט זיי אומברענגען.

די צווייטע וועלט־מלחמה איז געווען די גרעסטע, די בלו־טיקסטע פון אַלע מלחמות אין דער געשיכטע פון דער מאָדערנער מענטשהייט. די אַגרעסאָרן, די דײַטשע נאַציס, האָבן אָנגעוואָנדן אַזעלכע רויב־ און מאָרד־מעטאָדן, וואָס זענען ביז איצטער נישט פּראַקטיצירט געוואָרן. מען דאַרף צו דעם צוגעבן, אַז די אויס־פירערס פון דעם מאָרד באַזיצן אין גאַנצן נישט קיין סימנים פון ציוויליזירטע באַשעפענישן, נאָר זענען גיכער אויסגעשולטע דײַ־טשע מאָנסטערס, וואָס האָבן מיטן זייגער אין דער האַנט, אויס־געמאָסטן די צײַט, ווי לאַנג לעבעדיקע מענטשן דאַרפן אײַנזאַפּן אין זיך דעם דײַטשן יז־גע־פאַרבן־ציקלאָן, כּדי שוין צו זײַן טויט, צו קאָנען זיי וואָס גיכער פאַרברענען, כּדי עס זאָל נישט איבער־בלײַבן קיין שום סימן פון דער הויכער דײַטשער קולטור־ און מאָרד־קונסט.

עס פרעגט זיך אַ פּראָסטע קלאָץ־קשיא: ווען די מערב־מדינות, מיט אַמעריקע און אויך דער סטאַלין־ראַטנפאַרבאַנד, וואָלטן שטאַרק נישט געוואָלט, צי וואָלטן די דײַטשן אומשטאַנד געווען דאָס אַלץ צו טאָן — פירן אַ טאָטאַלע מלחמה אויף די פראָנטן מיט זייער ווערמאַכט־אַרמיי, און אין דער זעלבער צײַט, אין אַלע דורך זיי אָקופּירטע לענדער, אין טעכניש צוגעגרייטע מאָרדפאַבריקן, צו קוילענען און פאַרגאַזן אויף טויט מיליאָנען ציווילע אומשולדיקע מענטשן, דערוואַקסענע און קליינע, פּיצעלע קינדער? דער ענטפער איז אַ קלאָרער: ניין! קיין מאָל נישט! דאָס האָבן די דײַטשן געקאָנט טאָן נאָר אַ דאַנק דער „פּאַסיווער הסכּמה" פון די מערב־רעגירונגען און פון דער אַמעריקאַנער מאַכט. דאָס דאָזיקע דרינגט אויך אַרויס פון זייער האַנדלונג מיט די פאַראורטיילטע אויף דעם איינציקן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָ־צעס און אַפילו אויך פון די אורטיילן אין די באַזונדערע אַמערי־קאַנער 12 פּראָצעסן פון דעם צונישט מאַכן די רעזולטאַטן, וואָס דאָס מיינט דאָס באַפרײַען פון ס'רוב פאַרמשפּטע פאַרן פעלקער־מאָרד, וועגן וועלכן מיר וועלן ווײַטער רעדן.

מען דאַרף באַנעמען, אַז די פּראָצעדוראַלע פראַגן פון פּראָצעס, די טעכנישע, צי יורידישע ענינים, און אויך די פאָלגן פון די גע־ריכט־פאַרהאַנדלונגען דאַרפן פאַר די בײַשפּיללאָזע היסטאָרישע נויטווענדיקייטן, נישט שפּילן די הויפּטראָלע. מען דאַרף זיך גיכער פאַרטראַכטן איבער די סיבות, וואָס האָבן דערפירט דערצו, אַז אַזאַ סאָרט פּראָצעס איבער אַן אייראָפּעישער מדינה זאָל מוזן פאָרקומען. מען דאַרף זיך אויך פאַרנעמען מיט די פאַקטישע אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָמפּאָנענטן. די דאָזיקע זענען עס דאָך די הויפּט בעלי־דבר, וועלכע האָבן דערפירט דערצו און מעגלעך געמאַכט די געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און מיליטערישע לאַגע, אַז דער בלוטיקער קאָנפליקט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זאָל פאָר־קומען.

נאָך איידער דער היטלער־פאַשיזם איז אין דײַטשלאַנד גע־קומען צו דער מאַכט, איז אין די מערב־לענדער און אין אַמעריקע אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע באַוואָפענונג און ס'איז גלײַכצײַטיק געפירט געוואָרן אַ קריגס־פּראָפּאַגאַנדע אויף צוצוגרייטן די וועלט־עפנטלעכקייט צום געדאַנק, אַז עס וועט אויסברעכן אַ נײַע וועלט־מלחמה.

די צעריסנקייט פונעם דײַטשן אַרבעטער־קלאַס און דער פּאַ־טאַלער פאַר דײַטשלאַנד ווערסאַלער טראַקטאַט, וואָס איז אונטער־געשריבן געוואָרן דורך אַלע קריגס־פירנדיקע לענדער נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט גורם געווען אַ גרויסע אַרבעטס־לאָזיקייט און אַפילו הונגער. דאָס האָט די מלחמה־גייציקע מדינות געגעבן אַ מעגלעכן שאַנס. דעריבער איז דעמלט מעגלעך געוואָרן דאָס אַנטשטיין פון דער היטלעריסטיש־פאַשיסטישער באַוועגונג אין דײַטשלאַנד, וועלכע איז מיט אַלע מיטלען אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די זעלבע מערב־מדינות, און דערמיט דערנענטערט דאָס אויסברעכן פון דער שרעקלעכער צווייטער וועלט־שׂריפה.

דעם פּראָצעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין די יאָרן 1945—1946 קעגן די דײַטשע הויפּט־פאַרברעכער און איז אָנגעפירט געוואָרן,

ווי דערמאָנט, דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבו־נאַל אין דער מערב־דײַטשער שטאָט נירנבערג, האָבן די אַליאירטע מלוכות באַגרענעצט בלויז צו די פאָלגן פון דער מלחמה, פון זינט די דײַטשן האָבן אַטאַקירט פרעמדע לענדער, און דער עיקר, פון זינט די ווערמאַכט־אַרמיי האָט געשלאָגן אויך זיי, טאָקע די לענדער וואָס האָבן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה גע־האָלפן באַשאַפן דעם „גולם",* די נאַצי־באַוועגונג אין דײַטש־לאַנד, וועלכע האָט געדאַרפן דינען ווי אַ טאַמע קעגן דער אָק־טאָבער־איבערקערעניש (1917) אין צאַרישן רוסלאַנד. פּאַקטיש האָבן די דײַטשע פֿאַרברעכנס זיך אָנגעהויבן אַ סך פֿריער, שוין אין יאָר 1933, ווען דער היטלער־פֿאַשיזם איז אין דײַטשלאַנד געקומען צו דער מאַכט. דאָס דאָזיקע איז אויף די פּראָצעסן פֿאַר־שוויגן געוואָרן.

דער צוזאַמענשטעל פֿון טריבונאַל איז באַשטאַנען פֿון אַ קאָמפּלעט ריכטער פֿון די פֿיר גרויסמאַכטן פֿון די אַליאַנס־מלוכות, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, אַמעריקע און דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. פֿיר גרוי־פּעס פֿאַקוראָרן האָבן באַשולדיקט פֿאָלגנדיקע פֿאַרברעכער: ה. וו. גערינג, ה. העס, י. ריבענטראָפּ, ר. לעי, וו. קייטעל, ע. קאַל־טענברונער, א. ראָזענבערג, ה. פֿראַנק, וו. פֿריק, י. שטרײַכער, וו. פֿונק, ה. שאַכט, ג. קרופּ פֿאָן באָהלען און האַלבאַך, אַ. יאָדל, מ. באָרמאַן, פֿ. פֿאָן פּאַפּען, א. סייס־אינקוואַרט, א. שפּער, צ. נויראַט, ה. פֿריטש, ע. רעדער, סאַוקעל, שיראַך, ק. דעניץ.

אַלע דאָ אויסגערעכנטע זענען געמשפּט געוואָרן, סײַ אינדי־ווידועל און סײַ אַלס פֿירערס פֿון די אָרגאַניזאַציעס און גרופּן, וואָס דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט זיי באַצייכנט אַלס פֿאַרברע־כערישע און האָט אַרומגענומען: די נאַצי־דײַטשע רײַכס־רעגירונג, די פּאָליטישע אָנפֿירונג פֿון דער נ.ס.ד.א.פּ. (נאַציאָנאַל סאָציאַ־

* די אַלעגאָריע איז באַזירט אויף דער לעגענדע פֿון פּראָגער מהר"ל, וועגן באַשאַף פֿון „גולם" אויסצופֿירן זײַן ווילן.

ליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי), עס־עס (שוץ־שטעלע), עס־דע (זיכערהייטס־דינסט), געסטאַפּאָ (געהיימע רעגירונגס־פּאָליציי), עס־אַ (שטורם־אָפּטיילונג), דעם מיליטערישן גענעראַלשטאַב, די צענטראַלע אַרמיי־אָנפירונג פון דער ווערמאַכט. כמעט דאָס גאַנצע פאַרברעכער־געזינדל, וואָס האָט אויסגעפירט דעם מאָרד איבער די 43 מיליאָן מענטשן. זיי האָבן אויך דערהרגעט עלף מיליאָן מענטשן מיט דער הילף פון ציקלאָן־גאַז, צוגעשטעלט אין די קאָנצענטראַציע־טויט־לאַגערן אַריין דורך דער דייטשער אינדוסטריע, וועלכע האָט גענומען אַ דירעקטן אָנטייל אין דער אָנפירונג פון קריג.

די געריכט־פאַרהאַנדלונגען האָבן געדויערט 216 טעג — פון דעם 20־סטן נאָוועמבער 1945 ביז דעם 1־טן אָקטאָבער 1946. דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט אַרומגענומען פיר פאַרשידענערליי פאַרברעכנס: 1) העצן, פּלאַנירן און צוגרייטן די מלחמה. 2) אַנעקסירן עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיע, באַפאַלן און אָקופּירן פּוילן, פראַנקרייך, ענגלאַנד, דענעמאַרק, נאָרוועגיע, בעלגיע, האָלאַנד, לוקסענבורג, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד און טיילווייז ראַטנפאַרבאַנד. פאַרלעצן אין 64 פאַלן 36 אינטערנאַציאָנאַלע טראַקטאַטן און קאָנווענצן. 3) מלחמה־פאַרברעכנס: מענטשנמאָרד און באַרבאַריש טראַקטירן די ציווילע באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע געביטן, פייניקן געפאַנגענע, 4) באַגיין פאַרברעכנס קעגן דער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד און אויף אַלע אָקופּירטע פרעמדע טעריטאָריעס פון דעם 1־טן נאָוועמבער 1939 ביז דעם 8־טן מאַי 1945. פאַר פאַרפאָלגן און פייניקן מענטשן צוליב פּאָליטישע, ראַסיסטישע און רעליגיעזע סיבות, אין דער פאָרעם פון דעפּאָרטירן, פאַרקנעכטן און לסוף דערהרגענען אויף טויט.

בעת די פאַרהאַנדלונגען אויף 403 עפנטלעכע געריכט־סעסיעס, זענען באַטראַכט געוואָרן אַ גרויסע צאָל, אין די טויזנטער, באַווייז־דאָקומענטן. דער פאַרלויף פון פּראָצעס איז פּובליקירט געוואָרן דעם 30־סטן סעפּטעמבער און דעם 1־טן אָקטאָבער

1946. דער טריבונאַל האָט 12 באַשולדיקטע פאַרמשפּט אויף טויט־שטראָף. דאָס זענען: ה. גערינג, י. ריבענטראָפּ, וו. קייטעל, ע. קאַלטענברונער, א. ראָזענבערג, ה. פראַנק, ווי. פריק, י. שטרײַכער, סאַוקעל, א. יאָדל, אַרטור סייס־אינקוואַרט און מ. באָרמאַן. טייל באַשולדיקטע האָבן באַקומען קלענער שטראָפן, און אַנדערע זענען אַפילו אין גאַנצן באַפרײַט געוואָרן. ווי למשל ה. שאַכט, פאָן פּאַפּען און האַנס פריטש. זיי זענען אין גאַנצן געוואָרן ריינגעוואַשן. חוץ דעם האָט דער טריבונאַל טייל נאַציסטישע אָרגאַניזאַציעס נישט אָנערקענט אַלס פאַרברעכערישע.

איידער די צווייטע וועלט־מלחמה וועט אין גאַנצן פאַרגעסן ווערן, איז דערווײַל דער נירנבערגער פּראָצעס, געוויינטלעך, נאָך אין זכּרון פון דער געניזוקטער וועלט. מען געדענקט גוט, אַז אין נירנבערג זענען געמשפּט געוואָרן דײַטשע פאַרברעכער, אָבער וועגן באַזונדערע פּראָצעסן, אָנגעפירטע דורך אַמעריקע אַליין, וואָס זענען אויך פאָרגעקומען אין דער זעלבער דײַטשער שטאָט, ווייסט מען גאָרנישט, אָדער מען ווייסט זייער ווייניק.

אין אַרטיקל 5 פון דעם טריבונאַלס סטאַטוט איז געווען פאָרויסגעזען די מעגלעכקייט פון ווײַטערדיקע פּראָצעסן. דעריבער פרעגט זיך, וואָס איז געווען די סיבה, אַז עס זענען נישט פאָרגעקומען מער אַזעלכע פּראָצעסן און דער אינטערנאַציאָנאַלער מיליטערישער טריבונאַל איז געוואָרן אויפגעלייזט, האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן? דער ענטפער אויף דעם קען זײַן אַ פּשוטער: מחמת די מערב־מלוכות האָבן נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו, אַז דער דײַטשער גרויס־קאַפּיטאַל און די דײַטשע אינדוסטריעלער, די אמתע שולדיקע, זאָלן זיך געפינען אונטער דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטראָל און ווערן געמשפּט, ווײַל דאָס דאָזיקע וואָלט, חס־וחלילה, נאָך געקענט דערפירן צום אויפדעקן זייער, ענגלאַנדס און אַמעריקעס, אייגענע מיטשולד.

ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די דײַטשע קריגס־פאַרברעכער וועלן געשטעלט ווערן פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל

צום משפט, האָט די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט זיך געריכט, אַז צווישן די באַשולדיקטע וועלן זיך, אין דער ערשטער ריי, טאַקע געפינען די פאַרשטייער פון דייַטשן גרויס־קאַפּיטאַל. זייער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט איז דאָך געווען קלאָר. דאָך איז קיינער פון זיי נישט געשטעלט געוואָרן פאַרן טריבונאַל. אויב איז ווער פון זיי כּלומרשט יאָ געמשפּט געוואָרן, איז ער סײַ ווי גיך באַפרייַט גע־וואָרן׳

אַפילו נאָכן באַפרייַען, אַ דאַנק די באַמיונגען פון ענגלאַנד, גוסטאַוו קרופּן, דעם איינציקן פאַרשטייער פון דער דייַטשער שווער־אינדוסטריע, פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס, און אויך אומשולדיק מאַכן שאַכטן און פאָן פּאַפּענען, קעגן דער שטימע פון סאָוויעטישן געריכט־פאַרשטייער — האָט מען נאָך אַלץ געגלייבט, אַז עס וועט דאָך דערגיין צו ווייַטערדיקע פּראָצעסן פון טריבונאַל. די גרויסע מאַסע באַשולדיקונגס־מאַטעריאַלן קעגן די דייַטשע קאַפּיטאַליסטן זענען שוין געווען צוגעגרייט. די פּראָ־קוראָרן האָבן שוין אַפילו געהאַט באַשטימט די ליסטע פון די באַ־שולדיקטע. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק האָבן טאַקע געדאַרפן זיך געפינען די „אַסן" פון דער פינאַנסיעלער וועלט און פון דער גרויס־אינדוסטריע, די אַלע וואָס זענען געווען אין רשות פון די מערב־מלוכות און פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

דער נירנבערגער טריבונאַל האָט נישט געקענט פאַרזעצן זייַנע ווייַטערדיקע פּראָצעסן קעגן די וויכטיקסטע דייַטשע פאַרברעכערס. ווי עס דערציילן די פּוילישע אָנטיילנעמער אין נירנבערגער פּראָ־צעס, די פּראָקוראָרן, טאַדעוש ציפּריאַן און יעזשי סאַוויצקי, אין זייער בוך אונטערן טיטל „אומבאַקאַנטע נירנבערג", האָט אַמערי־קע נישט דערלאָזט, אַז דער דייַטשער גרויס־קאַפּיטאַל זאָל ווערן געמשפּט, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען דער הויפּט־שולדיקער אין איבערנעמען דורך היטלערן די מאַכט אין דייַטשלאַנד. ער, דער גרויס־קאַפּיטאַל און די דייַטשע אינדוסטריעלער האָבן דאָך באַוואָפנט די היטלעריסטישע באַנדעס אויסצופירן די מאַסנמאָרדן

איבער אומשולדיקע מענטשן. חוץ דעם איז דער גאַנצער נאַצי־רויב אין אייראָפּע, ווי אויך דער רויב נאָך די דערהרגעטע 6 מיליאָן ייִדן אין זייער באַזיץ. די דײַטשע אינדוסטריעלער האָבן אויך אויסגענוצט די אומזיסטע אַרבעטסהענט פון די קנעכט אין די אַרבעטס־ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, און אויך פון די גע־פאַנגענע מיליטער־לײַט. זיי זענען אויך די אייגנטימערס פון די פאַבריקן, וואָס האָבן צוגעשטעלט דעם ציקלאָן צום פאַרגאַזן אויף טויט מיליאָנען מענטשן. די ווײַטערדיקע פּראָצעסן האָט שוין אַמע־ריקע געפירט איינע אַליין. פון די כּלומרשט געמשפּטע אינדוסט־ריעלער, למשל, פון אײַזנטרעסט פלירא, פון יִי־גע־פאַרבען, פון קרופּס פאַבריקן, צוזאַמען בלויז 11 פאַרברעכער, זענען זיי אַלע געוואָרן באַפרײַט. די מאָטיוון האָבן געלויטעט: „צוליב העכערע וויכטיקייטן קאָן מען זיי נישט משפּטן”. חוץ דעם איז דער טויט־אורטייל פון אַ טייל פאַרמשפּטע אויפן איינציקן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס פאַרביטן געוואָרן אויף אייביקע תּפיסה. צוויי פון זיי האָבן זיך גלײַך געפונען אויף דער פרײַ.

קעגן די באַשולדיקונגס־פּלענער פון אינטערנאַציאָנאַלן מילי־טערישן טריבונאַל האָבן זיך די הינטערקוליסן־רעאַליעס פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָלן אַרויסגעוויזן צו זײַן פיל שטאַרקער. די ענגלישע, אַמעריקאַנער און דײַטשע פינאַנס־ און אינדוסטריע־שותּפים, אין וועמענס הענט עס איז געלעגן די מאַכט, האָבן זיך בעסער אַן עצה געגעבן.

די מערב־אַליאַנס מיט אַמעריקע האָבן דעמלט געאַרבעט מעשׂים, כּדי צו מאָטיווירן זייער קעגנערשאַפט צום משפּטן דעם דײַטשן גרויס־קאַפּיטאַל. עס זענען פאַרגעקומען געהיימע און אָפענע באַראַטונגען. יעדער מלוכה באַזונדער האָט געהאַט אַנדערע מאָ־טיוון נישט מער צו פירן קיין ווײַטערדיקע פּראָצעסן. טייל האָבן אַפילו אָנגעגעבן מידקייט ווי דעם הויפּטמאָטיוו. עס וואָלט פאַר־נומען צו פיל פּלאַץ צו באַשרײַבן אַלע כאַראַקטעריסטישע אַרגו־מענטן. עס וועט ווערט זײַן בלויז אין קורצן איבערצוחזרן, וואָס

עס האָט געשריבן דער אַמעריקאַנער דזשעקסאָן, אין זײַן מעמאָריאַל צום פּרעזידענט טרומאַן דעם 13־טן מאַי 1946:

„מען לייגט אונדז פאָר צו מאַכן אַ נײַעם פּראָצעס, אין וועלכן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זאָל מען דער עיקר און אויס־שליסלעך משפּטן די דײַטשע אינדוסטריעלער און די פינאַנסיטן. אַזאַ פּראָצעס קאָן דאָך מאַכן דעם אײַנדרוק, אַז מיר פאַרפאָלגן זיי נאָר דערפאַר, ווײַל זיי זענען אינדוסטריעלער, ווער שמועסט נאָך, אַז די באַשולדיקונגס־אַרבעטן וועלן אויך געטאָן ווערן דורך די קאָמוניסטן פון ראַטנפאַרבאַנד און פון די פראַנצויזן, וואָס אין זייער רעגירונג זיצן אויך קאָמוניסטן. עס קען אַפילו מעגלעך זיין, אַז דער פאָרזיצער פון געריכט וועט גראָד זײַן אַ רוס, אָדער אַ פראַנצויז, דעריבער בין איך קעגן אַ נײַעם פּראָצעס פון אינטער־נאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל, און בין אויך אַ קעגנער פון באַזונדערע אַמעריקאַנער פּראָצעסן. זיי דאַרפן געמשפּט ווערן נאָר דורך זייערע רעגירונגען. פון אַזעלכע פּראָצעסן קאָנען זײַן ווייניק נוצן. דערפאַר קאָן דער שאָדן אָבער זײַן גענוג גרויס... איך בין אויך פול מיט זאָרג וועגן דער לאַנגער עפנטלעכער אַטאַקע קעגן די פריוואַטע אינדוסטריעלער, און צי דאָס דאַזיקע וועט נישט אַ מאָל גורם זײַן צו אַ שטאַרקן ווידערווילן פון דער דײַטשער אינדוסטריע, צו דער מיטאַרבעט מיט אונדזער רעגירונג בײַם באַ־וואָפענען זיך, כּדי צו שטאַרקן אונדזער פאַרטיידיקונגס־פּאָטענ־ציאַל אין דער צוקונפט...“

אויף דעם מעמאָריאַל האָט פּרעזידענט טרומאַן געענטפערט דעם 17־טן אָקטאָבער 1946 מיט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט פאַראָרדנט, אַז אַלע שולדיקע, וואָס זענען אין די אַמעריקאַנער הענט, זאָלן געמשפּט ווערן דורך אַמעריקאַנער טריבונאַלן.

אין אַלגעמיין האָבן די אַמעריקאַנער מיליטערישע טריבונאַלן אין זעלבן נירנבערג, געפירט 12 פּראָצעסן, אין וועלכע עס זענען אַפילו געפאַלן טויטשטראָפן, לעבנסלאַנגע און אַ סך יאָרן תּפיסה. דער פאַרנעם פון די פּראָצעסן איז געווען גענוג גרויס.

דאָס באַאַרבעטן די באַשולדיקונגס־אַקטן האָט זיך געצויגן אין די יאָרן 1946, 1947 און 1948. די פּראָצעדור פון די פּראָצעסן איז געווען באַזירט אויף דעם איינציקן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס. דער ערשטער אורטייל איז געפאַלן דעם 17־טן אַפּריל 1947, דער לעצטער — דעם 11־טן אַפּריל 1949.

עס דאַרף דערמאַנט ווערן, אַז אין די 50־ער יאָרן האָבן אַלע פאַרמשפּטע פון די אַמעריקאַנער פּראָצעסן זיך שוין געפונען אויף דער פרײַ, אויפן סמך פון אַן אַמנעסטיע. די דאָזיקע באַפרײַטע האָבן געדאַרפט מיטווירקן, אַז די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן אין מערב־דײַטשלאַנד זאָלן זיך שטאַרקן.

די דײַטשע מלחמה־פאַרברעכערס זענען געווען גוט געזען בײַ דער אַליאַנס. דאָס דרינגט אַרויס פון דעם פאַקט, אַז פון די 5025 פאַרמשפּטע, דורך די מיליטערישע טריבונאַלן, האָבן אין סוף פון יאָר 1954, אין די תּפֿיסות זיך געפונען בלויז 174 פּערזאָן.

די אויבן־דערמאַנטע מאַניפּולאַציעס פון דער אַליאַנס אַרום דעם משפּטן די דײַטשע פאַרברעכער זענען אַ געטרייער רעפלעקס פון זייער שטאַרקער אומצופרידנקייט, וואָס ס'איז זיי נישט געלונגען צו לייזן אין דער מלחמה אַלע זייערע פּלענער. זיי האָבן מיט דער הילף פון נאַצי־דײַטשן מאָרד, בלויז געלייזט דעם (כּלומרשטן) מענטשן־איבערסלופ, די גרויסע אַרבעטסלאָזע מאַסע.

נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען פון די מערב־רעגירונגען און פון אַמעריקע צו טאָרפּעדירן דאָס באַשטראָפן די דײַטשע נאַצי־פאַרברעכער, האָט פונדעסטוועגן דער אורטייל פון נירנבערגער אינטערנאַציאָנאַלן מיליטערישן טריבונאַל דאָך געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם אין דער גאַנצער וועלט. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אויך אַרײַן אין דער וועלט־געשיכטע ווי אַ שטאַרקער טויט־קלאַפּ פאַרן פאַשיזם בכלל, און ווי אַן אָפּרעכענונג און וואָרענונג קעגן אַלע מלחמה־העצערס און פאַרברעכערס אויף לאַנגע צײַטן.

אויגוסט 1986

די פאַרטיליקטע ייִדן אין פוילישן שטעטל לוקאָוו און די שארית־הפליטה פון דעם שטעטל אין ישׂראל

דאָס פאַרטיליקן די ייִדן דורך דעם דײַטשן מערדערפאָלק, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די יאָרן 1939—1945, איז אין די קליינע פוילישע פּראָווינץ־שטעטלעך, פאָרגעקומען אויפן ברוטאַלסטן דײַטשן שטייגער. דאָ האָבן די שׂונאים פון ייִדישן פאָלק געקאָנט אין גאַנצן אומגעשטערט באַנוצן די אכזריותדיקסטע מיט־לען קעגן די איינזאַמע אומבאַהאָלפענע מענטשן. ווער שמועסט נאָך, אַז די שכנים, די פוילישע באַפעלקערונג, איז אויך געווען פאַרטשאַדעט מיט שׂנאה און מיטן חשק צו ירשענען דאָס האָב־און־גוטס פון די פאַרפײַניקטע ייִדן.

טראָץ דעם, וואָס עס פעלט שוין הײַנט נישט קיין געטאָ־ליטעראַטור, איז אָבער ביז איצט, שוין 36 יאָר נאָך דער טראַגעדיע, נאָך נישטאָ די געהעריקע שילדערונג וועגן דעם גרויליקן לעבן און פּײַן פון ייִדישן מענטש, פון ייִדישן קינד, פון דער ייִדישער פרוי, פון זייער שווער לעבן צום טויט, אין די קליינע פוילישע שטעטלעך, אין איזאָלירטע, הערמעטיש פאַרמאַכטע געטאָס, ביז, ביז די דײַטשע פאַרברעכער האָבן זיי ענדגילטיק דערמאָרדעט אין די גאַזקאַמערן פון די קאָצענטראַציע־ און טויט־לאַגערן.

אַפילו די אַרויסגעגעבענע יזכּור־ביכער דורך דער שארית־הפליטה, דורך די שטעטלשע לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, זענען בעיקר דערינערונגען און שילדערונגען פונעם פאַרגאַנגענעם לעבן, פון זייערע משפחות. אויב געפינען זיך, אין

אַזאַ יזכּור־בוך, געוויסע פאַקטן פון פּײַן און אכזריות פון די היט־לעריסטן אין די דאָזיקע געטאָס, זענען זיי ספּעציפישע עפּיזאָדן. גוט איז, וואָס די דאָזיקע ייִדן, ווי די לעבעדיקע עדות, דערציילן וועגן דעם געוועזענעם דורותדיקן ייִדישן לעבן און שאַפן. זאָלן פאַר דער געשיכטע בלײַבן דאָקומענטאַלע סימנים פון דער ייִדי־שער פאַראַנגענהייט אין די מזרח־ און מערב־אייראָפּעישע לענ־דער, וואָס וועט זײַן מאַטעריאַל פאַרן שרײַבער און היסטאָריקער דאָס צו דערציילן די ווײַטערדיקע ייִדישע דורות.

איך וויל דאָ דערמאָנען בלויז געוויסע פראַגמענטן וועגן דעם פּוילישן פּראָווינץ־שטעטל לוקאָוו. היטלערס ייִדנמאָרד האָט עס געמאַכט פאַר אויס ייִדיש שטעטל. אַפילו קיין איין ייִד לעבט דאָרט נישט מער. בלויז די קברים פון די שוין לאַנג פאַרשטאָרבענע גע־פינען זיך אין לוקאָוו, און ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד. נישט־דאָרטיקע אײַנוווינער האָבן דאָס שטעטל גערופן „ליקעווע", באַצייכענענדיק די ייִדן אין שפּאַס ווי „ליקעווער רשעים", פון פּסוק: לי קוה רשעים. לוקאָוו געפינט זיך אין שעדלעצער קרײַז, אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט.

אַן אָרעם שטעטל איז עס אייביק געווען, דער עיקר באַשטאַ־נען פון בעלי־מלאכות, קליינהענדלער און האָרעפּאַשניקעס. בלויז אַ 3־4 משפחות האָבן זיך גערעכנט אַלס פאַרמעגלעכע. ייִדן פון מיטלשטאַנד זענען געווען די קרעמער. זיי האָבן געהאַט געוועלב־לער און שטעלן אויפן מאַרק. די מיינסטע זענען געווען בעלי־מלאכות, כאַלופּניקעס און געדונגענע אַרבעטער. די ווײַט גרעסטע צאָל איז געווען רעליגיעז געשטימט. זענען באַשטאַנען פון מתנג־דים און אַ שפּאָר ביסל חסידים. אין שטעטל האָבן זיך אויך גע־פונען צוויי רביים — דער קאָצקער רבי און דער מעבעוואער רבי. חוץ דעם זענען געווען חסידים־שטיבלעך פון אַנדערע רביים, ווי דער גערער, לובלינער, סאָקאָלאָווער און אַנדערע. אין די צײַטן פון ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה איז שוין געווען אַן אָנגע־זעענער טייל פאַרגעשריטענע ייִדן, דער עיקר צווישן דער יוגנט.

עס איז געפירט געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טעטיקייט דורך פאַרשידענע פּאַרטייען און גרופּירונגען, פון ציוניסטן, בונדיסטן און פון פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען.

גאַנץ לוקאָוו האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געציילט אַן ערך 15 טויזנט איינוווינער, דערין קנאַפּע 10 טויזנט ייִדן. די ייִדן האָבן אין לוקעווע זיך באַזעצט אין סוף פון 12־טן יאָרהונ־דערט, מיט איבער 700 יאָר צוריק. כּמעט גלײַך מיטן באַזעצן זיך דאָרט אויך פון אַנדערע טיילן באַפעלקערונג, ווי די פּאָליאַקן אַליין, פון יאַדזשווינגן (אַ ליטוויש קריגערישער שבט) און פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. אָפיציעל איז לוקאָוו באַשטימט געוואָרן אַלס שטאָט ערשט אין יאָר 1403. אין די סאַמע ערשטע צײַטן, ווען די ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין דעם שטעטל, האָבן זיי, פּונקט ווי אַנדערע גרופּן פון דער באַפעלקערונג, געלעבט אַ פּרימיטיוו דאָרפסלעבן. פאַרנומען זיך ס׳רוב מיט ערדאַרבעט. ערשט אין די שפּעטערדיקע צײַטן, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט די עקאָנאָמיק אין גאַנצן לאַנד, איז אויך אין דעם שטעטל אַנטשטאַנען אַ באַדײַ־טנדיקער האַנדל. עס האָט זיך אַנטוויקלט די פּראָדוקציע פון טייל בראַנזשעס און פון האַנטווערקערײַ.

לוקאָווער ייִדן, ווי שוין דערמאַנט, האָבן זיך קיין מאָל נישט אויסגעצייכנט מיט קיין ספּעציעלער עשירות. ס׳רוב ייִדן, און צווישן זיי דער האָרעפּאַשנער טייל, האָבן געלעבט אין דחקות, זיך דער־נערט פון קנאַפּע פאַרדינסטן אין קליינהאַנדל און מלאכות. זיי זענען געווען שנײַדערס, שוסטער, שלאָסערס, רימערס, בעקערס, פריזירערס, קאָוואַלעס, סטאָליערס און סופרים ; טרעגערס, מלמדים און דראָזשקאַזשעס ; שוחטים, בלעכערס, היטלמאַכערס און מצבה־קריצערס. ס׳זענען אויך געווען דאָרפסגייערס, דאָס הייסט אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן געהאַנדלט אויפן דאָרף צווישן די פּויערים מיט דראָבנע גאַלאַנטעריע־אַרטיקלען, ווי נאָדלען, שפּילקעס און אַג־ראַפקעס, טאַשמעס און שיכבענדלעך. אַ גאַנצע וואָך זענען די דאָזיקע ייִדן געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף צו פאַרהאַנדלען זייערע

סחורות צווישן די פויערים. ערשט אויף שבת אַהיים געקומען מידע צו זייערע פרויען און קינדער. טייל יִדן האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנדל אין שטאָט גופא. געהאַט קראָמען און בוידן אויפן מאַרק מיט פאַרשידנערליי טעקסטיל־שטאָפן, אײַזנוואַרג און שפּײַז־אַרטיקלען. זיי זענען אויך געפאָרן מיט זייערע סחורות אויף יאַרידן אין די שכנותדיקע שטעטלעך אַרײַן.

צו דעם אַלעם איז די יִדישע באַפעלקערונג אין לוקאָוו גאָר אַ לאַנגע צײַט געווען כּמעט ווי איזאָלירט פון אַנדערע שטעט אין פוילן. עס איז דאָרט אַהין נישט דערגאַנגען דער טעמפּאָ פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, וואָס איז דעמלט שוין אַנגעוואַקסן אין גאַנץ פוילן אויפן געביט פון עקאָנאָמישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. ווען טייל יִדן אין אַנדערע ערטער האָבן שוין געהאַט אַפילו פאַרנומען אַנגעזעענע פּאָזיציעס אין דער אַלגעמיינער ווירט־שאַפט אין לאַנד און זענען אַ דאַנק זייערע קאַפּיטאַלן געוואָרן קרעדיטאָרן, גרויסע סוחרים, פּאַדריאַטשיקעס און אַרענדאַרן, זע־נען די לוקאָווער יִדן נאָך אַלץ געבליבן קבצנים, ציִענדיק קוים קאַרגע פאַרדינסטן אויף חיונה.

די אָנוואַקסנדיקע געזעלשאַפטלעכע דיפערענצירונגען צווישן דער באַפעלקערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער כּסדרדיקער אַנט־וויקלונג פון דער עקאָנאָמיק אין פוילן, דאָס אַנטשטיין פון פאַר־שידענע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען, ווי דער אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט און אַנדערע גרופּירונגען, האָט נאָך נישט געפונען אין יענער צײַט קיין געהעריקן אָפּקלאַנג בײַ דער לוקאָווער יִדישער באַפעלקערונג. די יִדן אין דעם שטעטל זענען דעמלט נאָך נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אַלגעמיינעם פּראָגרעסיוון שטראָם אין לאַנד. זיי זענען אויף דעם געביט געווען אַ סך אָפּגעשטאַנענער פון דער דאָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג.

דעם דאָזיקן צושטאַנד קאָן מען דערקלערן מיט דעם פאַקט, וואָס דאָס שטעטל איז דאָס רוב באַווינט געווען דורך אַ פאַנאַ־טיש רעליגיעזן טיפּ יִדן. ס'דאַרף אָבער דערבײַ דערמאָנט ווערן

לשבח, אַז גראַד דער רעליגיעזער טייל ייִדן איז געווען דער אַק־טיוויסטער און געפירט אַ באַדײַטנדיקע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון דעם שטייגער־שטעטלשן לעבן. אין לוקאָוו זענען געווען אַ סך פריוואַטע חדרים, אַ תּלמוד־תּורה, אַ ישיבה, בתּי־מדרשים, שולן און חסידים־שטיבלעך. רעליגיעזע פּאַרטייען און אינסטי־טוציעס, לייקאַסעס, אַ ביקור־חולים, אַ חברה־קדישא און נאָך אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אָנגעפירטע דורך רעליגיעזע ייִדן. די דאָזיקע מענטשן האָבן כּמעט אין אַלע צײַטן דאָמינירט און אויך אָנגעפירט מיט דעם שטעטל אויף דער ייִדישער גאַס.

ווי עס האָט איבערגעגעבן ירחמיאל לאַנדסבערג, איינער פון די וויניקע איבערגעלעבטע פּיאָנירן פון דער אַמאָליקער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט אין לוקאָוו (געשטאָרבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער שטאָט שטשעטשין אין פּוילן), איז אין דער פּריוואַטער דירה פון הערש אײַזנבערג, מיט אַ סך יאָרן צוריק פּאַרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענטרעף פון ייִדישער יוגנט, וועלכע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַרשפּרייטן קולטור און וויסן צווישן דער לוקאָווער ייִדישער באַ־פעלקערונג. עס איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע ביבליאָטעק און אַ שולע פּאַר קינדער פון בעל־מלאכות. שפּעטער איז אַנטשטאַנען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע פּאַר קולטור־טעטיקייט צווישן דער אַרבע־טער־יוגנט. אין דער זעלבער צײַט זענען שוין אויך אײַנגעאָרדנט געוואָרן פּאַרלעזונגען פון ייִדישע שרײַבערס, וועלכע זענען ספּעציעל געקומען קיין לוקאָוו פון גרעסערע שטעט, דער עיקר פון וואַרשע. עס האָט זיך אַ ריר געטאָן אַ טעטיקייט אויך בײַ די פּאַרגעשריטענע ייִדן פון דעם שטעטל.

אין יאָר 1904 איז שוין טעטיק געווען אַ לעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון די חובבי־ציון. עס איז אויך געווען אַ בונדישע באַוועגונג, וועלכע האָט אָרגאַניזירט אַרבעטער־שטרײַקן. די לוקאָווער ייִדישע אַרבעטער האָבן געוווּנען אַ 10־שעהדיקן אַרבעטסטאָג און העכע־רע לוינען. אין דער וווינונג פון דעם זעלבן ירחמיאל לאַנדסבערג

איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע אַרבעטער־ביבליאָטעק. אין יאָר 1905 איז איבער די גאַסן פון לוקאָוו פאַרגעקומען אַ דעמאָנ־סטראַציע מיט אַ רויטער פאָן. עס איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישע זעלבשוץ, וואָס האָט פאַריאָגט צעווילדעוועטע רוסישע זעלנער, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן אַ פּאָגראָם אין שטעטל.

אַ פאַרצווייגטע יידישע קולטור־אַרבעט האָט אין לוקאָוו זיך אָנגעהויבן נאָך דער מלחמה 1914—1918. טיילן פון דער יידישער יוגנט, וועלכע האָבן געהאַט געלערנט אין דער ישיבה, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן מיט גיריקייט צו וועלטלעכער בילדונג. אין דער זעלבער צייט איז אַנטשטאַנען אַ יידישער קולטור־פאַראיין, פראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען פון לעדער־אַרבעטער, שניידער און טראַנספּאָרט. עס איז אויך אַנטשטאַנען אַ קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו. יידישע אַרטיסטן־טרופּעס זענען געקומען פון וואַרשע און געגעבן טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אין דער זעלבער צייט איז געשאַפן גע־וואָרן אַן אייגענער דראַמאַטישער קרייז און געשפּילט טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון לוקאָווער בעקער, לייבל קראַמאַזש.

אין יענער צייט קריסטאַליזירן זיך אויס פאַרשידענע ריכטונ־גען אויף דער יידישער גאַס, פון רעכטס ביז לינקס. אין יידישן לעבן ווערט אַריינגעבראַכט אַ פילפאַרביקייט. עס אַנטשטייען פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס פון צעירי־ציון, פּועלי־ציון רעכטע, פּועלי־ציון לינקע, מזרחי, אגודת־ישראל. דער בונד שפּאַלט זיך און עס ווערט אַקטיוו דער „קאָמבונד". אין אומאָפּהענגיקן פּוילן אין יאָר 1918 איז די לינקע אַרבעטער־באַוועגונג פאַריאָגט געוואָרן אין אונטערערד. אין דער לוקאָווער תּפיסה ווערט דערהרגעט דער אַרבעטער־טוער שעפּסל קאַסטראָזשעווסקי און אין 1920, נאָך גרויסע אַרעסטן, איז אויך אין דער לובלינער תּפיסה דערהרגעט געוואָרן דער בונדיסט מאָטל בראַנדוויל. אין דער זעלבער צייט איז שוין טעטיק געווען אַ האַנטווערקער־פאַראיין.

די יידישע ראַטמענער אין לוקאָוו, וואָס זענען אַריין אין שטאָטראַט, פון דער אגודה, פּועלי־ציון רעכטע, בונד, קאָמוניסטן

און האַנטוואָרקער, האָבן געטאָן אַ באַדייטנדיקע אַרבעט פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. די פּוילישע רעאַקציע אין שטעטל האָט זיך געמוזט רעכענען מיט דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן כּוח. עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ייִדישע וואָכן־צייַטונג אונטערן נאָמען: „דאָס לוקאָווער וואָרט”, אין וועלכער עס איז געקומען צום אויסדרוק די אַלגעמייטע לאַגע אין לוקאָוו, און וואָס האָט זיך באַמיט צו הייבן דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער באַפעלקערונג. די צייַטונג איז געווען אַן שום פּאַרטייִישער באַפאַרבונג.

אין דער דאָזיקער צייַט אין דער באַשטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לוקאָוו כּסדר געוואַקסן. צווישן די טויזנטער ייִדן אַלט און יונג האָט געשפּרודלט מיט אַ געזונט מענטשלעך לעבן. פּונקט ווי אין אַנדערע אַזעלכע פּוילישע פּראָווינץ־שטעטלעך מיט אַ ייִדישער באַפעלקערונג זענען געוואַקסן אויך אויפן לוקאָווער גרונט פרישע דורות און געגרייט זיך צו אַ נוצלעך און פּראָדוקטיוו לעבן, ביז, ביז עס איז אָנגעקומען די היטלער־תּקופה און אַלץ צעשטערט. לויט אַלע רעלאַציעס האָט די לוקאָווער ייִדישע באַפעלקערונג, אונטער דער היטלעריסטיש דייַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן, דורכגעמאַכט דאָס שווערסטע גיהנום־לעבן און דאָך זיך נישט לייַכט אונטערגעגעבן, נישט געווען פּאַסיוו. די דאָזיקע ייִדן האָבן זיך בייַ יעדער געלעגנהייט מיט שטאָלץ און גבורה אַנטקעגנגעשטעלט און געקעמפט קעגן די דייַטשע מערדער.

אין חודש סעפּטעמבער 1939 איז געקומען, פּונקט ווי אין גאַנצן לאַנד, דער ערשטער קלאַפּ. איידער די היטלעריסטן זענען אַרייַן קיין לוקאָוו, האָבן זיי דאָס שטעטל באַוואָרפן מיט באָמבעס. אויף די גאַסן זענען געפאַלן פיל מענטשלעכע קרבנות. 10 טעג שפּעטער קומען אַרייַן די דייַטשן און צינדן אונטער אַ סך הייַזער, דערמאָרדן גלייַך 42 ייִדן. דאָס האָבן זיי ספּעציעל געטאָן, כּדי אָנצושרעקן די ייִדישע באַפעלקערונג. 2 טויזנט ייִדן ווערן פאַריאָגט קיין ווענגראָוו און ווערן דאָרט געהאַלטן אויף אַ פּלאַץ אונטערן פרייַען הימל, אין די רעגנדיקע האַרבסטיקע טעג, אָן עסן און אָן

וואַסער. פֿאַרן אַרײַנדערלאַנגען עסן דורך די שטעכלדראָטן איז דערשאָסן געוואָרן דער לוקאָווער ייִד וועלוול פּעלצמאַן.

ווען די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך, אין יאָר 1939, צו לוקאָוו — דאָס איז געשען בעת דעם אָנהייב פֿון דער צוזאַמענ־אַרבעט פֿון די צוויי אויסטערלישע דיקטאַטאָרן, סטאַלין און היט־לער, איידער דעם באַשטימען די דעמאַרקאַציע־ליניע פֿון דער צעטיילונג מיטן אָקופּירטן פּוילן — ווערן אַלע ייִדן פֿון ווענגראָ־ווער לאַגער באַפֿרײַט. די לוקאָווער ייִדן קומען צוריק אַהיים. די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין שטעטל לעבט ווידער אויף און נעמט זיך צוריק צו דער טאָג־טעגלעכער באַשעפֿטיקונג. אָבער די פֿרייד דויערט נישט לאַנג. די רויטע אַרמיי ציט זיך צוריק ביזן טײַך בוג. אַ באַדײַטנדיקער טייל ייִדן פֿון לוקאָוו פֿאָרן אַריבער דעם בוג און אָרדענען זיך איין אין דער שטאָט מינסק. נאָכן איבערפֿאַל פֿון דײַטשלאַנד אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד גייען אַ סך לוקאָווער ייִדן אין די וועלדער אַרײַן און קעמפֿן דאָרט אַלס פּאַרטיזאַנער.

אין לוקאָוו גופֿא האָבן די ייִנגערע ייִדן זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג פֿון דער פּאַטאַלער לאַגע. געזען, אַז דאָס לעבן איז נישט זיכער, און אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג ווי נאָר קאַמף קעגן היטלעריזם. שאַפֿן זיי זיך אײַן געווער און אַנט־לויפֿן אין די וועלדער אַרײַן. ווי עס דערציילט יאַנקל קעסלברענער, איינער פֿון די לעבן געבליבענע לוקאָווער ייִדישע קעמפֿער קעגן די נאַציס, זענען שוין אין יאָר 1939, גלײַך נאָכן איבערפֿאַל אויף פּוילן דורך דער דײַטשער אַרמיי, אַנטשטאַנען גרופּן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם קאַמף קעגן פֿאַשיזם. ישׂראל שפּרינגער צוזאַמען מיטן דרוקער מרדכי קליינמאַן, האָבן רעדאַגירט, געדרוקט און קאָלפּאָרטירט פֿלוגבלעטלעך, וועלכע האָבן גערופֿן צו פֿאַראייניקן אַלע כּוחות אין קאַמף קעגן די דײַטשן. די דאָזיקע מענטשן זענען שפּעטער אומגעקומען אין טויטלאַגער פֿון אוישוויץ.

איינער פֿון די הערלעכסטע געשטאַלטן צווישן די לוקאָווער ייִדן, איז געווען יחיאל אַנשטאָק. פֿילנדיק, אַז די טעג פֿון געטאָ

זענען געציילטע, האָט ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע דרייסטע און זיכערע מענטשן, צונויפגעזאַמלט געווער אין געטאָ, בּדי צוצוגרייטן זיך צו אַ שלאַכט מיט די היטלעריסטן. די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי האָט זיך אָבער דערוווּסט וועגן די דאָזיקע צוגרייטונגען און, אין פאַרשטענדיקונג מיט דער געסטאַפּאָ, האָבן די ייִדישע אויסוווּרפן געוואָלט, מיט דער הילף פון אַ פּראָוואָקאַציע, פאַרהאַלטן די קעמפער. דאָס האָט זיך זיי נישט איַינגעגעבן. אָבער צוליב דעם פאַקט איז שוין דער פּלאַן פון ווידערשטאַנד דורכגעפאַלן. אויך דאָ, אין דער פּוילישער פּראָווינץ, אין די קליינע שטעטלעך, האָט די ייִדישע געטאָ־פּאָליציי נישט געשפּאָרט קיין מי צו העלפן בייַם ייִדנמאָרד. מיט אַ קורצער צייַט שפּעטער זענען טיילן פון די דאָזיקע ייִדן אַרעסטירט און דערמאָרדעט געוואָרן אויפן לוקאָווער מאַגיסטראַט־הויף.

אין שטעטל לוקאָוו זענען אויך פאָרגעקומען אינדיווידועלע העלדישע ווידערשטאַנד־טאַטן. משה־עליע געווערצמאַן, אַ פּאָפּולערער געזעלשאַפטלעכער טוער אין לוקאָוו, דאָס גאַנצע לעבן געליטן פון דער שווערער קרענק, האָט אויף דער פאָדערונג פון די דייַטשן, זיי צו ווייַזן, וווּ עס באַהאַלטן זיך אויס געוויסע ייִדן, ווידערשטעטנדלעך — אַנטבלויזט זייַן האַרץ און געזאָגט צו זיי: סייַ ווי וועט איר מיך דערשיסן אַלס דעם ייִד — טאָ שיסט!". ער איז געפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט. בעת דער ערשטער דעפּאָרטאַציע האָט דער לוקאָווער רב זיך אָנגעטאָן אין זייַן קיטל, געזעגנט זיך מיט דער משפּחה. ווען די דייַטשן זענען געקומען אים נעמען, איז ער מיט זיי אַרויס פאַר דער טיר און דערקלערט, אַז ווייַטער וועט ער נישט גיין. זייַן טויטן קערפּער האָט מען שפּעטער געפונען לעבן זייַן דירה. ליבערמאַן, אַ חסידישער ייִד, מיטגליד פון לוקאָווער יודענראַט, האָט אויף דער פאָדערונג פון די דייַטשן צונויפגעזאַמלט אַ גרעסערע סומע געלט. נאָר ווען די דייַטשן זענען געקומען נאָכן געלט, האָט ער געזאָגט צו זיי: „איר ווילט נאָך באַצאָלט פאָרן פאַרניכטן די ייִדן?" — ער צערייסט דאָס געלט,

וואַרפט זיך אויף אַ דײַטש און שטיקט אים. ער איז דורך אַן אוק־ראַיִנישן פאַשיסט געוואָרן דערמאָרדעט.

די קליינע גרופע ייִדן, וועלכע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון די באַן־וואַגאָנען, וואָס האָבן געפירט די לוקאָווער ייִדן אין טויטלאַגער אַרײַן קיין טרעבלינקע, האָבן זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט פון קאַמף קעגן שונא. זיי האָבן זיך גרופּירט אין אַ וועלדל לעבן לוקאָוו און ווײַטער געפירט דעם קאַמף. אין די בסדרדיקע צוזאַמענשטויסן מיט די דײַטשן זענען זיי ביסלעכווײַז כמעט אַלע אומגעקומען. דער דערמאָנטער קעמפער, יחיאל אַנשטאַק, מיט נאָך 5 אַנדערע זײַנע חברים זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך פּוילישע פּאַרטיזאַנער. דעם 1־טן און 2־טן מאַי 1943 איז אין לוקאָוו פאָרגעקומען די לעצטע „אַקציע" פון די דײַטשע באַנדיטן, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען כמעט אַלע ייִדן פון שטעטל לוקאָוו.

לוקאָווער ייִדן האָבן אַנטייל גענומען אין די קאַמפן און ווי־דערשטאַנדן קעגן די דײַטשע היטלעריסטישע באַנדעס אויך אין אַנדערע וועלדער און שטעט, סײַ אַלס פּאַרטיזאַנעד און סײַ אַלס מיליטער־לײַט. טייל זענען דעריבער באַלוינט געוואָרן מיט פאַר־שידענע הויכע קאַמפּסאָרדנס פון דער פּוילישער און סאָוויעטי־שער מאַכט.

אַזוי אַרום איז אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן, נאָך 700 יאָר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, 1939—1943, אויסגעמאָרדעט געוואָרן, דורך דעם דײַטשן מערדער־פאָלק, די גאַנצע עדה פון 10 טויזנט ייִדן פון פּוילישן שטעטל לוקאָוו. בלויז אַ קליינע צאָל האָט זיך געראַטעוועט און געפינט זיך הײַנט צעשפּרייט אין אַ ריי לענדער און אויך אין ישראל, אָר־גאַניזירט אין אַ לוקאָווער לאַנדסמאַן־פאַראייניקונג.

די שארית־הפליטה, די לעבן געבליבענע ייִדן נאָך דעם גרעסטן חורבן אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, פירן געוויסנ־האַפט אויס דעם געבאָט פון די געפאַלענע, וואָס דריקט זיך אויס אין נישט פאַרגעסן, אין אייביקן געדענקען דעם גרעסטן מאָרד

פון 20־סטן יאָרהונדערט, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן איבער די ייִדן דורך די דײַטשן. אויף צו פאַראייביקן דאָס ייִדישע לוקאָוו, איז דורך די לוקאָווער לעבן געבליבענע ייִדן אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ היסטאָריש יזכּור־בוך אונטערן נאָמען „ספר לוקאָוו", ווי אויך אַנדערע אויסגאַבעס און ביולעטינען. עס זענען געשטעלט געוואָרן פיר מצבה־מאָנומענטן, כּדי צו באַערן די פאַרטיליקטע לוקאָווער ייִדן.

איין מצבה געפינט זיך אין דער שטאָט בריסל אין בעלגיע. זי איז געשטעלט געוואָרן בײַם קבר פון עקסהומירטע אָפּגעפונענע ביינער פון דערמאָרדעטע לוקאָווער ייִדן. די דײַטשע באַנדיטן האָבן אויף אַ פעלד הינטער לוקאָוו אויסגעהרגעט עטלעכע טויזנט ייִדן, זיי נישט באַערדיקט נאָר צוגעדעקט די טויטע מיט אַ דינעם שיכט זאַמד, וואָס דער ווינט האָט לײַכט צעבלאָזן און די אַרויסגעסטאַר־טשעטע גופים זענען דעריבער צעפרעסן געוואָרן דורך הינט, קעץ און חזירים. די שטעטלישע פּוילישע בעלי־בתּים האָבן אַפילו שוין נאָך דער מלחמה נישט באַוויליקט צו פאַרשיטן דעם אָפענעם קבר־גרוב.

אָט דעם טראַגישן און סקאַנדאַליעזן פאַקט האָבן ערשט אַנט־דעקט און שאַרף רעאַגירט דערויף די לוקאָווער ייִדן, וועלכע זענען באַלד נאָך דער באַפרײַונג געקומען פון בעלגיע און אַנ־דערע ערטער צו באַזוכן דאָס חרוב געוואָרענע, געוועזענע היים־שטעטל. צוריקפאָרנדיק האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען ביינער פון זייערע נאָענטע און געבראַכט זיי צו קבר־ישׂראל אין בריסל און אויך געשטעלט די מצבה.

אַ צווייטע מצבה, שוין אַ דענקמאָל, איז געשטעלט געוואָרן אויפן ייִדישן בית־עולם אין לוקאָוו גופא. דער דאָזיקער דענק־מאָל איז געמאַכט פון די מצבה־שטיינער, וואָס פּאָליאַקן האָבן זיי געהאַט אַרויסגעריסן פון די קברים אויפן בית־עולם און אויס־געלייגט זיי אויף די שטעטלשע טראָטואַרן אין די גאַסן, כּדי אויף זיי צו טרעטן.

טײַער האָט מען די לוקאָווער שטאָט־באַלעבאַטים אין פּאָלקס־פּוילן געמוזט באַצאָלן, כּדי זיי זאָלן דערלויבן פון די געשענדטע ייִדישע מצבֿות צו שטעלן דעם דענקמאָל די אומגעקומענע. מען האָט אויך געמוזט באַצאָלן פאַרן פאַרשיטן דעם גרוב מיט די מתים, אַז חזירים און הינט זאָלן מער נישט קאָנען צו זיי צוקומען.

פאַר דעם האָבן די לוקאָווער לעבן געבליבענע ייִדן געמוזט באַצאָלן מיט דער שיינער ייִדישער שול, וועלכע איז אַלע יאָרן געווען די קרוין, דאָס שענסטע צירונג, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט די רעליגיעזע ייִדן אין שטעטל, אַ געמויערטער שיינער בנין, ספּע־ציעל אויפגעבויט געוואָרן אַלס אַ שול. פון אינעווייניק מיט פיל ייִדישע קונסט־מאַלערייען. דאָרט איז געווען דאָס קליינע בית־מדרשל, ווו עס האָבן געדאַוונט און געלערנט די לוקאָווער מתנג־דים און בעל־מלאכות. די פּאָליאַקן האָבן פאַר זייער אַרבעט אויך געהייסן באַצאָלן מיטן חק־בית־המדרש, אַ צווײשטאָקיק גע־מויערט הויז, ווו עס איז געווען די באַקאַנטע לוקאָווער ישיבֿה.

פון די צונויפגעזאַמלטע מצבֿות אין די לוקאָווער גאַסן, שטייט (?) הײַנט אויפן בית־עולם אַ דענקמאָל־מצבֿה אין גע־שטאַלט פון דער פּיראַמידע.

די דריטע מצבֿה געפינט זיך אין געוועזענעם טויטלאַגער אין טרעבלינקע, ווו אַ קנאַפּער מיליאָן ייִדן זענען דאָרט פאַרגאַזט גע־וואָרן צום טויט. דאָרט געפינט זיך הײַנט אַ סימבאָלישער בית־הקברות צום באַערן דעם אָנדענק פון די דערמאָרדעטע ייִדן. אַרום דעם צענטראַלן דענקמאָל זענען אָוועקגעלייגט געוואָרן הונדערטער שטיינער, אויף וועלכע עס זענען אויסגעקריצט די נעמען פון די לענדער און שטעט, פון וואַנעט עס האָבן געשטאַמט די קרבנות. אויף איינעם אַזאַ שטיין איז אויך אויסגעקריצט, אויף פּויליש, דער נאָמען פון שטעטל לוקאָוו, כּדי צו באַערן די לוקאָווער ייִדישע קרבנות פון דײַטשן פאַשיזם. דער דאָזיקער סימבאָלישער שטיין איז ווירדיק פאַררעכנט צו ווערן אַלס נאָך איינע, אַלס די דריטע מצבֿה.

די פּערטע מצבה איז געשטעלט געוואָרן אין דער ייִדישער מדינה, אויף דער ישׂראל־ערד, אין דעם לאַנד, וואָס איז אייביק געווען די גרעסטע האָפענונג, דער חלום פון די פאַרשניטענע לוקאָווער ייִדן. אין חודש מאַי 1978 איז אין ישׂראל, אויפן בית־עולם אַנטהילט געוואָרן אַ נײַע מצבה דורך דער לוקאָווער לאַנדס־מאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע, צום 35־סטן יאָרצײַט פון די געפאַלענע ייִדישע קדושים פון שטעטל לוקאָוו אין פוילן.

דאָ, אין ישׂראל, וועט זײַן און וועט בלײַבן דער איינציקער סימבאָלישער קבר און מצבה וווּהין די לעבן געבליבענע לוקאָווער ייִדן וועלן זיך ווענדן אין די יאָרצײַטן, כּדי אָפּצוגעבן כּבוד זייערע אויסגעהרגעטע משפּחות. אויף דער ישׂראל־ערד וועט דאָס זײַן דער גײַסטיקער מאָנומענט פון די פיזיש אויסגעמאָרדעטע לוקאָ־ווער ייִדן.

אייביק וועט דאָס דײַטשע פאָלק טראָגן די שאַנד און דעם נאָמען מערדערפאָלק. קיינער וועט זיי קיין מאָל נישט מוחל זײַן פאַרן אויסמאָרדן אומשולדיקע קליינע קינדער, דערוואַקסענע מענטשן און קראַנקע אַלטע עלטערן. דאָס פאַרבלוטיקטע געלט, די אַזוי גערופענע „ווידערגוטמאַכונג״, און דער עקלהאַפטער „קולטור־פאָנד״, וואָס זיי גיבן, וועט אויך נישט אָפּווישן זייער פאַרברעכן איבער אַ גאַנץ אומשולדיק פאָלק.

21.4.1981

דער באַגינען פון ייִדישן ישוב אין דער פוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע

נאָך דעם דײַטשן מאָרד איבערן ייִדנטום, בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה

נישט לײַכט איז צו דערמאָנען איצט די טראַגישע ייִדישע פאַרגאַנגענהייט, דעם דײַטשן פאַשיסטישן ייִדן־מאָרד אין אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז אַפילו שווער צו דער־מאָנען דעם באַגינען פון נײַעם ייִדישן ישוב באַלד נאָך דער מלחמה, אין סוף פון יאָר 1944, אין פּראַגע, הינטער וואַרשע, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען פון זייערע באַהעלטענישן די ייִדן, וועלכע עס האָט זיך פּאַרט אײַנגעגעבן איבערצולעבן דאָס דײַטשע מאָרד־גיהנום. זיי זענען, לײַדער, געווען גאָר ווייניק. קליינע קינדער נאָך ווייניקער. טייל זענען אַרויסגעקומען פון די קעלערס און פון אַנדערע לעכער, ווו זיי זענען געווען באַהאַלטן בײַ הומאַניטאַרע פּאָליאַקן, דער עיקר אין וואַרשע, און אַרום וואַרשע, אין די קליי־נע שטעטלער. עס זענען געווען צוריקגעקומענע פון די פּאַרטיזאַ־נער־וועלדער. טייל זענען געקומען, אויך נאָך לעבעדיקע, פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין אַ צושטאַנד ווי אויפגעשטאַנענע תחית־המתים, פון דעם מערדערס קברים אַרויס. דאָס אַלץ נאָך לאַנגע יאָרן פון לעבן אין אויסטערלישער שרעק, אין אוממענטש־לעכע באַדינגונגען. אָן לופט צום אָטעמען, מיט שלעכטער, אָדער בכלל אָן געהעריקער דערנערונג, אָן שום מעדיצינישער הילף, אָפּגעריסן אין גאַנצן פון אַ לעבעדיקער מענטשלעכער סביבה. באמת אין אַ ווילדן צושטאַנד. צוריקגעקומענע ייִדישע פּאַרפּײַ־ניקטע מענטשן, אָבער דאָך לעבעדיקע נישט ווי זייערע נאָענטע,

וואָס האָבן נישט איבערגעלעבט. ערשט אויף דער פרייער לופט האָבן די דאָזיקע ייִדן דערזען די גרויליקעווירקלעכקייט און שטאַרק אָפּגעפילט די איינזאַמקייט, דאָס פעלן פון די נאָענטסטע, פון די משפחות, פון די עלטערן, פון די קינדער, פון די שוועסטער און ברידער. דאָס דאָזיקע האָט מיט אַ באַזונדערער קראַפט נאָך שווערער געמאַכט צו קאָנען אָנהייבן צוריק אַ מענטשלעך לעבן אין נייַעם ייִדישן גייַסט, טראָץ אַלע נאָך נישט פאַרויסגעזעענע קאָמפּליקאַציעס, ווייַל אַלע ייִדישע באַפרייַטע מענטשן האָבן אַלץ נאָך נישט געקאָנט זיך באַפרייַען פון דעם ציטער, מיט וועלכן זייער טאָג־טעגלעך לעבן איז באַגלייט געווען אין די פאַרגאַנגענע אויס־טערלישע באַדינגונגען. דאָך, אויף צו להכעיס דעם אייביקן ייִדישן מערדער־שונא, דעם גערמאַניש־דייַטשן מענטשנמערדער פון די זעקס מיליאָן ייִדישע קרבנות־קדושים, האָט מען פאַרט געמוזט אָנהייבן צו לעבן און צו וואַרטן, אפשר וועלן נאָך אויך זיך באַווייַזן אָפּגעראַטעוועטע פון דער פאַמיליע, ווער פון די קינדער, פון די נאָענטע מענטשן. די דאָזיקע ערשטע אַרויסגעקומענע ייִדן האָבן זיך שטאַרק גענייטיקט אין אַלערליי הילף, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געוואָרן אָפּהענגיק פון אָרגאַניזירן אַ מיטל דאָס צו דער־גרייכן. דאָס איז געוואָרן אַ וויכטיק פּראָבלעם פאַר די לעבן גע־בליבענע. מען האָט זיך אויך גענייטיקט רעכענען מיטן אָנקומען פון נאָך אַנדערע, מיט נסים אָפּגעראַטעוועטע ייִדישע מענטשן. דעריבער טאַקע איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ הילפס־קאָמיטעט, פון וועלכן עס איז אַזוי אַרום אַנטשטאַנען דער נייַער וואַרשעווער ייִדישער ישוב, פון דער אייַנגעשרומפּענער ייִדישער שארית־הפליטה. דער אַמאָליקער וואַרשעווער ישוב עקזיסטירט נישט מער, פונקט ווי עס עקזיסטירט נישט מער דער אַמאָליקער גרויסער ייִדישער ישוב אין פּוילן אין באַשטאַנד פון דרייַ און אַ האַלב מיליאָן ייִדן, וואָס האָבן דאָ געלעבט טויזנט יאָר צייַט, ביז דער דייַטשער ייִדן־הריגה אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה 1939—1945.

ווי שוין אין אָנהייב פון דאָזיקן מאמר דערמאָנט, אַז עס איז נישט לײַכט צו וועלן דערציילן וועגן דעם אָנהייב, נאָך דעם ייִדישן חורבן, צוריק צו וועלן אויפבויען, אַפילו בלויז אַ סימן פון דעם געוועזענעם רײַכן ייִדישן לעבן. אַלץ וואָס מען האָט דעמלט, אין אָנהייב, געדאַרפט טאָן איז געווען, אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן נישט פאַרלירן אין גאַנצן דעם גלויבן, דעם מענטשלעכן און דעם פאָלקס-גלויבן, דעם גלויבן אין דעם חשיבות פון זיך אַליין. וועגן אָט דעם דעמלטיקן מעמד פון די ייִדישע אָפּגעראַטעוועטע מענטשן האָט נאָך דערווײַל קיינער נישט געשריבן.

איך האָב געלעבט אין אויסטערלישן וואַרשעווער געטאָ-לאַגער און געליטן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פאַרפאָלגטע ייִדישע מענטשן-שקלאַפן פון די היטלער-דײַטשע פּײַניקונגען. געהונגערט און דער עיקר כּסדר זיך געראַנגלט אין טויטשרעק, ווי אַרום בײַ-צוקומען, אויסצומײַדן די פּורעניות פון דער „אויסזידלונג", דאָס הייסט פון נישט לאָזן זיך כאַפּן דורך די דײַטשע היצלעס און די ייִדישע געטאָ-פּאָליציאַנטן, אַוועקגעפירט צו ווערן אין טויטלאַגער קיין טרעבלינקע. אויך בײַ די ווידערשטאַנד-קאַמפן קעגן די דײַ-טשע נאַצי-ווערמאַכט-מערדער אין וואַרשעווער געטאָ-לאַגער-אויפשטאַנד אין אַפּריל 1943, און שפּעטער ווען איך בין שוין גע-ווען אויף דער אַזוי גערופענער „אַרישער זײַט", לעבנדיק אין קאָנ-ספּיראַציע צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, איז מיר אַפילו אויף קיין איין מינוט נישט אײַנגעפאַלן דער געדאַנק, אַז איך וועל דעם שווידערלעכן גיהנום, די דײַטשע מאָרד-מעשׂים איבער דעם ייִדנטום, איבערלעבן, און דערצו נאָך, אַז אויף מיר, דעם שטאַרק געליטענעם, וועט אויך פאַלן די אחריות באַלד נאָך דער באַפרײַונג, צו אָרגאַניזירן צוריק אַ ייִדישן ישוב פון דער שארית-הפליטה, פון די גאָר-ווייניקע ניצול געוואָרענע ייִדן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע. דאָך איז אַזוינס געשען.

געווען איז דאָס סוף זומער 1944, ווען איך האָב געלעבט אין דער שרעקלעכער, נישט זיכערער, קאָנספּיראַציע אויף גראָכאָוו,

הינטער וואַרשע, צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג. קורץ פאַרן באַפרייען די פאַרשטאָט פּראַגע פון די נאַצי־דײַטשישע מערדער האָט די סאָוויעטישע שווערע אַרטילעריע באַשאָסן די דײַטשע ווערמאַכט־אָפּאָזיציעס אויף גראָכאָוו. דאָס היטלעריסטישע מיליטער האָט גענומען אין פחד אַנטלויפן. האַרט פאַרן אָפּטרעטן פון גראָכאָוו האָט די דײַטשע מיליטערישע מאַכט באַפוילן, אַז אַלע מענער פון דער דאָזיקער געגנט זאָלן זיך מעלדן אין פּוילישן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אויף דער קריפּסקי גאַס, ווער עס וועט זיך נישט צושטעלן, האָבן זיי באַפוילן, וועט באַטראַכט ווערן אַלס פּאַרטיזאַן און באַנדיט, און וועט דערשאָסן ווערן. די דײַטשן האָבן דערמיט געצילט מיטצונעמען מיט זיך אַלע מענער, בעת זייער אַנטלויפן פון גראָכאָוו.

כּדי אין די לעצטע שעהען פאַר דער באַפרײַונג, נישט אַרײַנצופאַלן אין די בלוטיקע הענט פון די דײַטשע מערדער, בין איך, דער באַהאַלטענער ייִד, דער באַדראָטער מיטן לעבן, פאַרשטייט זיך אַהין נישט געגאַנגען, נישט צוגעשטעלט זיך אין פּוילישן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. איך האָב געהאַט באַשלאָסן, אַז ווען איך וועל פאַרט זײַן געצווונגען צו פאַרלאָזן מײַן באַהעלטעניש, וועל איך זיך איבערטאָן אין פרויען־קליידער. ווײַל אַלס מאַן האָט מען זיך שוין נישט געטאָרט באַווײַזן אויף דער גאַס. די דײַטשע באַנדיטן האָבן יעדן געטראָפענעם מאַנצביל באַלד אויפן אָרט דערשאָסן.

ווען די סאָוויעטישע אַרמיי־אָפּטיילן פון אַנין (הינטער וואַרשע) האָבן פאַרשטאַרקט זייער אַנגריף און אָנגעהויבן צו באַשיסן די שכנותדיקע הייַזער, נאָנט ווו איך האָב געוווינט, בין איך געצוווּנגען געווען צו אַנטלויפן, צו פאַרלאָזן מײַן דירה. איך האָב אָבער קוים באַוויזן בלויז אָנצוטאָן דאָס האַלב־קליידל פון אַ פרויען־קאָסטיום, ווי אַ האַרמאַטן־קויל האָט געטראָפן אין דעם הייַזל, ווו איך האָב געוווינט אין קאָנספּיראַציע. קוים אַ לעבעדיקער איז מיר דאָך געלונגען זיך אַרויסצוקריגן פון אונטער די

חורבות, און זיך צו באַהאַלטן אין צוגעגרייטן בונקער־אָקאָפּ (גרוב) נאָנט לעבן דעם צעשטערטן הויז.

ווען איך בין דעם 12־טן סעפּטעמבער 1944, 5 אַ זייגער באַגינען אַרײַנגעקראָכן אין דעם מאַסקירטן אָקאָפּ אין גאָרטן פון דער פאַמיליע בלאַשטשינסקי, לעבן מײַן דירה אויף דער זשול־קיעווסקי גאַס נומער 55, כּדי זיך צו ראַטעווען פון האַרמאַטן־קוילן, איז באַלד נאָך מיר אויך אַרײַן אין דעם זעלבן גרוב אַ דײַטש, אַן עס־עס־מאַן, מיט זײַן מאַשין־געווער. ער האָט פון דאָנעט, ווײַזט אויס, געוואָלט באַשיסן די אָנגרײַפנדיקע אָפּטיילן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. איידער דער היטלעריסט האָט זיך נאָך באַוויזן צו אָריענטירן ווער עס איז זײַן שכן, האָבן אים גע־נומען אין געפאַנגענשאַפט די סאָלדאַטן פון אַ סאָוויעטישער פעלד־קיך, וועלכע איז פונקט פאַרפאָרן נאָנט צום בונקער. איך בין אַזוי אַרום אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

נאָך פינף יאָר לעבן אין שרעקלעכע געטאָ־לאַגער־באַדינגונ־גען, אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אין לאַגער בײַ קאַטאָרגע־אַרבעט, און לסוף, זײַן באַהאַלטן אין גרוב נאָנט פון אַ גרוב מיט מענטשלעכער צואה, אויף דער אַזוי גערופענער „אַרישער זײַט", בין איך ענדלעך געוואָרן פרײַ, אַרויס אַ לעבעדיקער מענטש פון די אַלע פינצטערע גיהנום־יאָרן, געפּלאָגטע דורך דעם דײַטשן קאַניבאַלן־פאָלק, וואָס זײַן ציל איז געווען צו פאַרניכטן דאָס גאַנ־צע ייִדישע פאָלק.

די ערשטע ייִדן, וועלכע איך האָב געטראָפן, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל ווי דער פרײַ געוואָרענער מענטש אַרויס אויף דער גאַס, אויף דעם שעמבעק־פּלאַץ אין גראָכאָוו, זענען געווען די ייִדישע זעלנער פון דער פּוילישער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, וועל־כע איז צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי אַרײַן קיין גראָכאָוו. אין קורצן האָבן זיך אויך אָנגעהויבן צו באַווײַזן אַנדערע ייִדן, אַזעלכע ווי איך, נאָר וואָס אַרויסגעקומענע פון זייערע באַהעל־

טענישן, פון זייער פאַראומערט לעבן אין משך פון דער מלחמה־צײַט, און פון דער ייִדן־הריגה דורך דעם דײַטשן נאַציפּאַלק.

אין ערשטן מאָמענט פון אומגעריכטן, פּלוצעמדיקן צוזאַמענטרעפן זיך האָט יעדער ייִדישער מענטש געהאַט אַ געמישט געפיל. מען האָט זיך זייער געפרייט מיט דער לאַנג געגאַרטער פרײַהייט, וועלכע איז געקומען אַ דאַנק דער היטלעריסטישער מפּלה, און גלײַכצײַטיק איז מען געווען טיף פאַראומערט איבער דער שרעקלעכער אבידה פון די ייִדישע משפּחות, פון די טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, פרויען און קינדער, און דעם גאַנצן ייִדישן אַרום. חוץ דעם, חוץ אַלע צרות האָט מען נאָך ווײַטער אָפּגעפילט די בייזע אַנטיסעמיטישע בליקן, בײַ טייל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, ווען זיי האָבן דערזען די ערשטע לעבן געבליבענע ייִדן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן אין גראָקאָוו, און אויף דעם שעמבעק האַנדלס־באַזאַר, ווו מען האָט געקענט טרעפן אַ סך מענטשן, און אפשר אויך לעבעדיקע ייִדן.

באַלד אין ערשטן טאָג פון דער באַפרײַונג פון גראָקאָוו, האָב איך, אויף דער ביטע פון אַ ייִדן־רעטער, אַ פּאָליאַק, געמוזט גיין אויפקלערן אַן עלטער ייִדיש פּאָרפּאָלק, אַז זיי קאָנען גלייבן זייער רעטער, אַז זיי זענען שוין פרײַ, אַז די דײַטשע נאַצי־באַנדיטן זענען שוין פאַרטריבן (ליידער, האָט די דאָזיקע אייביקע שרעק בײַ טייל מענטשן אויך אָפּגעטויט דעם באַוווסטזײַן). איך בין אָבער צוריקוועגס צו דער איגאַנסקע גאַס, פּלוצלינג פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּוילישן פעלדזשאַנדאַרם, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז איך בין אַן איבערגעטאָענער דײַטשער זעלנער. אַזאַ מסירה האָט צו אים דערטראָגן אַ פּוילישע פרוי, אונטער דעם אויסרייד, אַז זי זאָל מיך האָבן געהערט רעדן דײַטש. עס האָט נישט געהאָלפן מײַן „אַרישער" דאָקומענט, די פּוילישע „קענקאַרטע" און אַפילו אויך נישט מײַן דערציילן, אַז איך בין אַן אָפּגעראַטעוועטער ייִד. ער האָט מיך אַרעסטירט און איך בין געזעסן טאָקע מיט אמתע דײַטשע זעלנער, דעריבער שוין נישט געגלייבט אַרויסצוקומען אַ לעבעדי־

קער פון דער „קאַזע". ערשט אויף צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך, דורך אַ צופאַל, דערקענט געוואָרן דורך דעם אייגנטימער פון דער דירה, בײַ וועמען עס איז געווען די צײַטווײַליקע „קאַזע" (אַרעסט). דער דאָזיקער פּאָליאַק, וואָס אַ טאָג פריער האָט ער מיך געזען בײַם אָרגאַניזירן הילף פאַר אָרעמע אײַנוווינער אין גראָבאָוו, האָט גלײַך אינטערווענירט בײַם עלטסטן פון דער פּוילי־שער זשאַנדאַמעריע און איך בין באַלד באַפרײַט געוואָרן. זייער לײַכט האָב איך אויך דעמלט געקענט אומקומען, ווײַל זעלנער פון דער פּוילישער קאָשטשושקאָ־אַרמיי, דאָס רוב ייִדישע זעלנער, האָבן אַלס נקמה פאַרן אויסמאָרדן זייערע משפּחות, בײַ יעדער געלעגנהייט געשאָסן אויף אָנגעטראָפענע דײַטשן. על־פּי טעות האָב איך דערווײַל אויך געקאָנט ווערן דערשאָסן, ווײַל לויטן אויסזען האָט מען מיך אויך געקענט אָננעמען פאַר אַ פּאָליאַק, אָדער אַפילו פאַר אַ דײַטש און אַ קויל אין קאָפּ אַרײַן איז געווען זיכער.

די שטימונג איז דעריבער גאָרנישט געווען קיין געהויבענע בײַ די פון די לעבער אַרויסגעקומענע געראַטעוועטע ייִדן. דערצו האָט קיינער נישט געוווּסט וואָס מיט זיך צו טאָן. קיינער האָט נישט געהאַט וווּהין צו גיין, צו וועמען זיך צו ווענדן נאָך הילף. אַלע ייִדן האָבן זיך געפילט ווי אויפגעשטאַנען פון אַ הינערפּלעט, פון אַ לעטאַרגישער קרענק, אָן אַ היים און אָן אָן אייגן ווינקל, ווו צו קענען פרײַ דעם קאָפּ אַנידערצולייגן.

דעמלט טאַקע איז אויפגעקומען די פראַגע, וואָס דאַרף מען און וואָס קאָן מען טאָן פאַר די ייִדן וואָס קומען אַרויס פון זייערע באַהאַלטענע לעבער, ווו אָרדנט מען זיי אײַן, און וואָס קאָן מען מאַכן, אַז זיי זאָלן זיך באמת דערפילן ווי פרײַע לעבעדיקע ייִדישע מענטשן. אַלע אָן אויסנאַם זענען נאָך אַלץ געווען דערשראָקענע און דערשלאָגענע פון דעם ביז איצטיקן שטייגער־לעבן אין אויסערגע־וויינלעכע שווערע און אוממענטשלעכע באַדינגונגען, פון זײַן באַ־האַלטן אין די הערמעטיש־פאַרמאַכטע נאַסע קעלערס, אָן לופט

צום אָטעמען, אָן געהעריקער דערנערונג, אָן מעדיצינישער הילף, אין אַ לעבן פון אייביקער שרעק פון אומקום.

איך האָב, וואָס אָן אמת, קיין מאָל פאַר דער מלחמה זיך נישט פאַרנומען מיט אַזאַ שטייגער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. קיין מאָל זיך נישט געעסקנט מיט קיין סאָציאַלער הילפס־אַרבעט, אָדער פון ענלעכן כאַראַקטער. דאָך, נישט קענענדיק גלײַכגילטיק צוזען דאָס בילד פון די מיט נסים אַרויסגעקומענע לעבעדיקע ייִדישע מענטשן, און זייער כּמעט ווילדן און פאַרצווייפלטן אויסזען, האָב איך נישט געקאָנט און נישט געטאָרט פאַרלירן קיין צײַט אויף וואַקלענישן, ווײַל מען האָט געמוזט שנעל האַנדלען און טאָן עפּעס, כּדי אויפצווועקן בײַ די מענטשן דעם ווילן, צוריק זיך אומצוקערן צום לעבן, נישט געקוקט אויף די גרויליקע פאַרלוסטן פון אַלע זייערע משפּחה־מיטגלידער און אַלע ייִדן.

בײַ דער מיטהילף פון דעם לעמבערגער ייִד, מעלצער, און נאָך אַנדערע, איז מיר געלונגען צו געפינען אַן אָרט ווו די ייִדן זאָלן זיך קאָנען זאַמלען, און נישט פילן זיך אין גאַנצן איינזאַם. דאָס איז געווען אין דעם קעלער־שטיבל פון פּאַליאַק וולאַדיסלאַוו גאַרטשיצאַ, אויף דער פּולטוסקאַ גאַס נומ׳ 17 אין גראָבאָוו. דאָרט, אין דעם זעלבן קעלער זענען געווען באַהאַלטן און האָבן איבערגעלעבט די צוויי שוועסטער זאָפיאַ און העלענאַ קעזמאַן, און זאָפיאַס 4־יעריק ייִנגעלע יורעק.

אין דעם דאָזיקן האַלב־פינצטערן קעלער האָבן מיר, די שארית־הפּליטה, נאָך די יאָרן פון פּײַן־ און מאַרטירער־לעבן, געמאַכט דעם ערשטן פּרווו צו אָרגאַניזירן אַ ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. דער דאָזיקער אַדרעס איז גיך באַקאַנט געוואָרן צווישן די ייִדישע זעלנער, און אויך צווישן אַלע ייִדן, וועלכע זענען ביז איצט געווען באַהאַלטן אין און אַרום וואַרשע. דאָס קעלערשטיבל האָט זיך צו ביסלעך אָנגעפילט מיט די לעבן געבליבענע ייִדן. צווישן די פיר ווענט פון דעם שטיבל האָבן זיך אָפּגעשפּילט זייער פיל טראַגישע סצענעס. אַלע ייִדן האָבן געוויינט פון אויס

טערלישן צער, פון פאַרלוסט פון די אַלע פאַרטיליקטע דורך דעם דײַטשן באַנדיטן־פאָלק, און פון דער אומגעריכטער פרייד מיט די אַרויסגעקומענע לעבעדיקע ייִדן. דאָס ספּאַזמירן פון די ייִדישע פרויען איז דערגאַנגען אַזש צו די הײַזער פון די שכנותדיקע גאַסן, און גורם געווען צום אַנלויפן זיך פון די שכנים פּאָליאַקן.

נישט האָבנדיק דערווײַל נאָך קיין שום מעגלעכקייט צו באַקומען וועלכע עס איז הילף פון דרויסן, פון ייִדישע קוועלן, האָבן מיר זיך געוואָנדן צום פּוילישע מיליטער נאָך הילף. אַ דאַנק דער זאָרג פון די ייִדישע זעלנער האָבן מיר באַקומען פון דער מיליטערישער קיך געקאָכטע זופּן און אַ ביסל רויע פּראָדוקטן. דאָס האָט אין ערשטן מאָמענט עטוואָס געלינדערט דעם הונגער בײַ די קינדער און דערוואַקסענע ייִדן, וועלכע האָבן זיך באַלד אין די ערשטע טעג געזאַמלט אין דעם פּראָוויזאָרישן פּרישן ייִדישן הילפס־קאָמיטעט, אין דעם דאָזיקן קעלער־שטיבל אויף גראָכאָוו. פון די דאָזיקע קורצע ווערטער וועגן דער אויסטערלישער לאַגע פון די נאָר וואָס אַרויסגעקומענע ייִדן איז צו פאַרשטיין ווי די טראַגעדיע איז געווען טיף אין געמיט פון די לעבן געבליבענע ייִדן.

איבער דעם פעלן פון שרײַבפּאַפּיר, כּדי צו קאָנען פירן וועלכע עס איז ביוראָ־אַרבעט און אויף צו קאָנען פאַרשרײַבן די נעמען פון די געראַטעוועטע ייִדן, האָבן מיר בלית ברירה אויפגעהאָנגען אויף די ווענט פון קעלער לאַנגע פּאַסן ווײַס פּאַקפּאַפּיר, אויף וועלכן יעדער האָט געקענט פאַרשרײַבן זײַן אייגענעם נאָמען און די נעמען פון זײַנע נאָנטע, וועלכע ער זוכט. אַלע ייִדן האָבן הייליק געגלייבט, אַז נאָכן באַפרײַען וואַרשע און גאַנץ פּוילן וועט מען צוריק טרעפן די פאַרלוירענע משפחות, וועט מען זיך צוריק אָפּגעפינען...

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אונדזער באַפרײַונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין פּראַגע געפינען זיך אויך געראַטעוועטע ייִדן. עס איז אָבער שווער געווען צו זיי צוצוקומען, ווײַל די דײַטשע ווערמאַכט האָט פון דער צווייטער זײַט ווײַסל געוואַלדיק באַשאָסן

די פּאָזיציעס פון דער סאָוויעטישער אַרמיי אין פּראַגע. דאָך, מיט דער הילף פון עטלעכע ייִדישע זעלנער איז מיר געלונגען זיך דאָרט אַריינצוקריגן. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין פּראַגע זאַמ־לען זיך שוין אויך די געראַטעוועטע ייִדן אין אַ דירה פון איינעם פון זיי, אַז זיי ווילן אָרגאַניזירן הילף פאַר די לעבן געבליבענע ייִדן. די דאָזיקע גרופּע ייִדן האָט אַפילו שוין אויך געהאַט אַן איי־גענעם סטעמפּל: „ייִדישע קהילה אין וואַרשע״.

אין דער פּריוואַטער דירה אויף דער לאָמזשינסקאַ גאַס נו־מער 67, ווו עס האָבן זיך געזאַמלט די פּראַגער ייִדן, האָב איך באַגעגנט די צוויי ברידער לעדניצקי (לעדערמאַן). שפּעטער באַ־קאַנטע מוזיקער אין פּוילישן ראַדיאָ. איך האָב אויך דאָ געטראָפן שוויצגאָלדן, געוועזענעם סוחר פון קינדער־שפּילצייַג אויף די נאַלעווקעס אין וואַרשע און נאָך אַנדערע ייִדן. ליידער זייער אַ קליינע צאָל. זיי האָבן געהאַט פון זיך אויסגעטיילט אַ גרופּע אַק־טיוויסטן אין באַשטאַנד פון פּאָלגנדיקע ייִדן: ביעלסקי, געוועזע־נער פּרעזעס פון ליטעראַטן־פאַראיין אין לאָדזש; בראָדער, גע־וועזענער דירעקטאָר פון אַ באַנק אין וואַרשע; בידער, שוויצגאָלד און אַנדערע.

אויף דער דאָזיקער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר גלייַך זיך פאַרשטענדיקט וועגן געמיינזאַם צו פירן די טעטיקייט און באַשלאָסן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע ייִדן פון פּראַגע און גראָכאָוו, כּדי די אַרויסגעקומענע לעבעדיקע ייִדן צו אינפאָרמירן וועגן דער אַנטשטאַנענער ייִדישער הילפס־אָרגאַניזאַציע, באַלד נאָכן אויס־טערלישן חורבן איבער אונדזער ייִדישן פאָלק דורך די דייַטשע באַנדיטן.

דעם 24־סטן סעפּטעמבער 1944 איז אין פּראַגע, אויף דער קאָוועגטשינסקאַ גאַס נומער 2, אין לאָקאַל פון דער נייַער פּוילי־שער מאַכט, פאָרגעקומען אַזאַ פאַרזאַמלונג, ביי דער אָנוועזנהייט פון בערך דרייַ צענדליק ייִדן, ס׳רוב פרויען. איבער דער שטאַרקער באָמבאַרדירונג פון די דייַטשן, איז פון גראָכאָוו געקומען אַ גאָר

קליינע גרופּע מענטשן, אַזעלכע וואָס האָבן באַשטאַנען אַפילו צו ריזיקירן מיטן לעבן, אָבי מיט די אייגענע אויגן צו קאָנען זען נאָך לעבעדיקע ייִדישע מענטשן.

די פֿאַרזאַמלונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע, אַ טראַגישע קען מען זאָגן. אַלע אַנוועזנדיקע האָבן גאָר שטאַרק איבערגעלעבט דעם ערשטן ייִדישן צוזאַמענטרעף נאָך די גרויליקע יאָרן פֿון פּײַן. די דאָזיקע ייִדישע מענטשן האָבן די אייגענע אויגן נישט געגלייבט, ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל, נאָך די שווערע פּײַנלעכע יאָרן, דערזען אַזאַ צאָל לעבעדיקע ייִדן. יעדער איינער איז געווען זיכער, אַז נאָך דעם היטלעריסטישן ייִדנמאָרד איז ער דער איינציקער לעבן געבליבענער ייִד. אין אַזאַ אַטמאָספֿערע איז מיט גרויסע שוועריקייטן אַנגעקומען דאָס פֿירן די ערשטע ייִדישע פֿאַרזאַמלונג, דאָס רעדן צו די פֿאַרזאַמלטע. עס האָט געשטיקט אין האַלדז און אין די אויגן זענען געשטאַנען טרערן. קיין איינער פֿון די רעדנער האָט דעריבער נישט געקאָנט פֿאַרענדיקן זײַנע פֿאַר ווערטער אַן געוויין. אין געוויסע פֿאַלן האָט זיך עס געענדיקט מיט חלשות און איבעררײַסן.

אויף דער דאָזיקער פֿאַרזאַמלונג איז אויסגעקליבן געוואָרן אַן איינהייטלעכע פֿאַרוואַלטונג אַנצופֿירן מיט דער אַרבעט פֿון ערשטן ייִדישן קאָמיטעט אין וואַרשע נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון די ייִדן אין פּראַגע. וואַרשע איז דעמלט נאָך געווען אָקופּירט דורך דער נאַצידײַטשער ווערמאַכט. אין דער אָנפֿירונג זענען אַרײַן פֿאָלגנדיקע פּערזאָנען: בידער, ביעלסקי, בראָדער, זשעלאַזאָ און שוויצגאָלד. אַלס פֿאָרזיצער איז באַשטימט געוואָרן נח זשעלאַזאָ, וועלכער האָט באַלד פֿון אָנהייב אָן, פֿון נאָך דער באַפֿרײַונג, געטאָן די וויכטיקסטע אַרבעטן פֿאַר דער געראַטעוועטער ייִדישער שארית־הפּליטה. די ערשטע וויכטיקסטע אַרבעט איז באַשטאַנען אין שאַפֿן שפּײַז, קליידער און דירות פֿאַר די היימלאָזע ייִדן און העלפֿן אויפֿזוכן לעבן געבליבענע קרובים, באַזאָרגן די שוואַכע מיט מעדיצינישער הילף און נאָך אַנדערע נויטווענדיקע באַדערפֿענישן. דער קאָמי־

טעט האָט גלײַך איבערגענומען די אויפזיכט איבער די געראַטע־וועטע ייִדישע קינדער אין די קלויסטערס, אין יתומים־הײַזער און בײַ פּריוואַטע פּוילישע מענטשן, וועלכע האָבן די ייִדישע קינדער בײַ זיך אויסבאַהאַלטן.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מיליטערישע אָפענסיווע פון די סאָוויעטן צו דעראָבערן וואַרשע, האָט דער קאָמיטעט זיך שוין געפונען אין דער פּריוואַטער דירה, אויף דער בזשעסקאַ גאַס נו־מער 12 אין פּראַגע. צו דער מיטאַרבעט זענען צוגעצויגן געוואָרן די אייגנטימערין פון דער דירה, פרוי ד״ר געלבערג, דער זשור־נאַליסט דאָביעצקי, מיטאָרגאַניזאַטאָר פון דער ערשטער פּוילישער טאָגצײַטונג „זשיטשיע וואַרשאַווי״ און דער בונדיסט געלבוים. אין דער זעלבער צײַט האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיטן ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער איז שוין געווען טעטיק אין לובלין, אונטער דער אָנפירונג פון דעם אַלגעמיינעם ציוניסט, ד״ר עמיל זאָמער־שטיין, וועלכער איז גלײַכצײַטיק געווען מיניסטער אין דער פּוילי־שער צײַטווײַליקער רעגירונג.

נאָכן באַפרײַען וואַרשע פון די דײַטשע קאַניבאַלן, דעם 17־טן יאַנואַר 1945, זענען אין קאָמיטעט אָנגעקומען די ערשטע לעבן געבליבענע ייִדן פון דער צווייטער זײַט ווײַסל, צווישן זיי: דער אונטערערדישער טוער אויף דער פּוילישער זײַט, ד״ר אַדאָלף בערמאַן מיט זײַן פרוי באַשע (מיט וועלכע איך בין געווען נאָענט, בעת דער אונטערערדישער אַרבעט אויף דער „אַרישער זײַט״), פּראָפעסאָר סאַק, אַנטעק צוקערמאַן, סטעפאַן גראַיעק און פיל אַנדערע אָפּגעראַטעוועטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער, און נאָך אַ צאָל לעבן געבליבענע ייִדישע מענטשן.

אין דער זעלבער צײַט האָט זיך אויך אַ סך געענדערט צום בעסערן אין דער שווערער לאַגע פון דעם ערשטן ייִדישן קאָמיטעט אין וואַרשע. זײַן טעטיקייט איז אויסגעברייטערט געוואָרן. עס זע־נען גרעסער געוואָרן די פינאַנסיעלע מיטלען. די ערשטע הילף האָבן מיר באַקומען פון אַמעריקאַנער „דזשוינט״, פון ארץ־ישׂראל

און פון אַנדערע ערטער. מיר האָבן דעריבער געקענט מער באַ־פרידיקן די נייטיקסטע באַדערפענישן פון די געראַטעוועטע ייִדן, וואָס זענען כּסדר אָנגעקומען קיין וואַרשע פון באַהעלטענישן, פון די וועלדער און אויך פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין גיכן האָבן זיך אויך גענומען באַווייַזן די ערשטע אינדיווידועלע רע־פּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד. מיר זענען אויך אַרײַן אין אַ נײַעם, גרעסערן לאָקאַל אויף דער טאַרגאָווע גאַס נומער 44 אין פּראַגע.

ווען די היטלעריסטן זענען ענדלעך פאַרטריבן געוואָרן פון גאַנץ פּוילן, האָבן אין קאָמיטעט אַרײַן גענומען שטראָמען ייִדישע מענטשן פון אומעטום, אויך פון אויסלאַנד, כּדי זיך צו דערוויסן וועגן דעם גורל פון זייערע קרובים און באַקאַנטע. די צימערן פון קאָמיטעט זענען דעריבער געווען איבערפולט מיט אַ סך ייִדישע מענטשן. יעדן טאָג זענען אויך פאָרגעקומען פאַרשידענע געשעע־נישן, פריידיקע און אויך טראַגישע. עס האָבן זיך דאָ געטראָפן, אומגעריכט, עלטערן מיט זייערע קינדער, פאַרלוירענע שוועסטער און ברידער. די פרייד איז געווען אָין לשער. עס זענען אָבער אויך געווען פאַלן, ווען עס האָט ווער פון די פאַרזאַמלטע ייִדן פּלוצלינג דערקענט אַ געוועזענעם ייִדישן געטאָ־פּאָליציאַנט, פון אייגענעם שטעטל, פון געטאָ־לאַגער, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ברו־טאַליטעט צו די ייִדישע קרבנות, בײַם כאַפּן און שלעפּן זיי אין די וואַגאָנען אַרײַן, אָפּצופירן די דאָזיקע ייִדן אין טויטלאַגער אַרײַן אויף אומצוקומען. די מענטשן האָבן דעם פּאָליציאַנט געשלאָגן מכּות רצח, גערופן די סאָוויעטישע פּאָליציי, וועלכע האָט די דאָ־זיקע ייִדישע פּאָליציאַנטן אַרעסטירט, אָבער גאָר גיך זיי באַפרײַט. די סיבות פון דער דאָזיקער האַנדלונג זענען נישט אויפגעקלערט געוואָרן.

צוויי געשעענישן זענען געווען אויך גאָר שוידערלעכע. צוויי יונגע ייִדישע מענטשן, אַן ערך 25 — 20 יאָר יאָר אַלט, האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפן פון פערטן שטאָק אויפן הויף פון ייִדישן קאָמיטעט. ביידע זענען געפאַלן טויט. דאָס איז געשען אין די ערשטע טעג,

ווען עס איז געעפנט געוואָרן דער נײַער לאָקאַל פון קאָמיטעט. די דאָזיקע צוויי יונגע מענטשן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד פון פאַרצווייפלונג. זיי האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן אומקום פון זייערע נאָענטע. זיי האָבן דאָס געטאָן ווען זיי האָבן זיך דער־ ווּסט דעם טראַגישן אמת און מורא געהאַט פאַר דער טראַגישער איינזאַמקייט. דער דאָזיקער פאַל האָט נאָך מער צעטרייסלט די געמיטער פון דער שארית־הפליטה. דאָס האָט דערמאָנט דעם גורל פון די אייגענע פאַרשניטענע משפחות, בײַ די געראַטעוועטע ייִדן, וועלכע האָבן דאָך פאָרט געמוזט נעמען צוריק אויפבויען דאָס אייגענע חרוב געוואָרענע ייִדישע לעבן.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס וואַרשע איז געלעגן אין חור־ בות, איז דעם קאָמיטעט דאָך געלונגען צו באַזאָרגן אַ געוויסע צאָל ייִדן מיט דירות און אויך שאַפן פאַר זיי מעגלעכקייטן פון באַשעפטיקונג. טייל ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין די שטעטלעך אַרום וואַרשע. דעריבער זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אַזעלכע שטעטלשע ייִדישע קאָמיטעטן אין: אָטוואָצק, גאַרוואָלין, מינסק־מאַזאָוויעצק, פּלאָצק און נאָך אַנדערע שטעטלעך, סך־הכל 31 שטאָטישע ייִדישע קאָמיטעטן. דורך די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָט מען באַזאָרגט די דאָרטיקע אָרעמסטע ייִדן מיט פּראָדוקטן, קליידער, מיט מעדיצי־ נישער הילף, און אויך געגעבן זיי פינאַנסיעלע הילף אויף זיך אײַנצואָרדענען. אין סוף יאָר 1945 האָבן זיך אין די שטעטלעך אַרום וואַרשע געפונען 2.723 ייִדן. צוזאַמען מיט דער שטאָט וואַר־ שע, איז געווען אַן ערך פון 5920 ייִדן. צווישן זיי 700 קינדער און 400 אינוואַלידן און אַלטע לײַט.

כּדי אויסצוברייטערן די אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט פון קאָ־ מיטעט זענען אַנטשטאַנען פאַרשידענע קאָמיסיעס, ווי למשל אַ קאָמיסיע פאַר סאָציאַלער הילף, פאַר קינדער־פּראָבלעמען, אַ דירה־קאָמיסיע, קאָמיסיעס פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, פאַר געזונט־ הייט־פראַגן, פאַר די הינטערשטאָטישע קאָמיטעטן, פאַר קולטור־ ענינים און אַ היסטאָרישע קאָמיסיע, אונטער דער אָנפירונג פון

היסטאָריקער ד״ר פיליפּ פרידמאַן, וועלכער איז שוין אויך געווען טעטיק אין לובלין. ד״ר פיליפּ פרידמאַן ז״ל איז געווען פון די ערשטע ייִדישע היסטאָריקער אויף דער פּוילישער ערד, נאָכן דייַטשישן ייִדנמאָרד אין אייראָפּע, בעת דער בלוטיקער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָך דעם ווי די פּוילישע רעגירונג האָט פון לובלין זיך אַריבערגעטראָגן קיין וואַרשע, האָט דער „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן" זיך אויך אייַנגעאָרדנט אין פּראַגע, אויף דער שעראָקאָ גאַס נומער 5, אין הויז פון אַ געוועזענער שולע פאַר פּוילישע קינדער. אין דער חרובער הויפּטשטאָט אַרייַן זענען כּסדר אָנגעקומען נייַע ייִדן, מענטשן פון פאַרשידענע פּאָליטישע אָריענטאַציעס, וועלכע האָבן זיך גערן געשטעלט צו געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. די ייִדן פון דער „פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי", די פּ. פּ. ר. האָבן זיך גענומען אויך אינטערעסירן מיט דער טעטיקייט פון ייִדישן הילפקאָמיטעט. דער עיקר האָט זיי, פאַרשטייט זיך, אינטערעסירט די אָנפירונג. דער שטאָטישער פּ. פּ. ר.־קאָמיטעט האָט מיך געראָטן צו באַשעפטיקן צוריקגעקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד, געוועזענע קאָפּעפּאָווצעס, דאָס הייסט פאַרמלחמהדיקע ייִדישע קאָמוניסטן, וואָס איך האָב אויך טיילווייַז געמוזט פּאָלגן, כאָטש מייַן טעטיקייט האָט גאָרנישט געהאַט קיין שייַכות מיט זיי. ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, האָב איך מייַן ענערגיע אויסשליסלעך געווידמעט אויף צו לינדערן דעם ביטערן גורל פון די געראַטעוועטע ייִדן אָן שום ספּעציעלער פּאָליטישער אייַנשטעלונג.

צוליב דער נייַ אַנטשטאַנענער „דעליקאַטער" לאַגע אַרום מייַן פּערזאָן, וואָס האָט פאַר דער מלחמה שוין געהאַט אַן אַנדערע פּאָליטישע באַציונג צום סטאַליניזם, זענען דעריבער אויך פאַרגעקומען ענדערונגען אין באַשטאַנד פון אונדזער ייִדישן הילפס־קאָמיטעט. ער איז, אונטערן פּרעטעקסט פון רעאָרגאַניזאַציע, צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פאַרשטייער פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען. פּונקט ווי אויף דער פּוילישער גאַס, האָט בייַ אונדז

יידן דעמלט אויך עקזיסטירט אַ צווישן־פּאַרטיייִשע פּאַרשטענדי־
קונג, אַן אַזוי גערופענער „ייִדישער וואַבלאַזש". אין נײַעם קאָמיטעט
זענען אויסגעקליבן געוואָרן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זענען נאָ־
מינירט געוואָרן, דורך די באַזונדערע פּאָליטישע גרופּירונגען,
פּאָלגנדיקע פאָרשטייער: פון דער ייִדישער פּע־פּע־ער (פּוילישער
אַרבעטער־פּאַרטיי) 3 פּערזאָן, פון „בונד" 2, פון פּועלי־ציון (לינ־
קע) 2, פון פּועלי־ציון (רעכטע) 3, פון איחוד 2. אויף מײַן אָרט
איז, אַלס פּאָרזיצער, באַשטימט געוואָרן דער אומפּאַרטייִשער
אַדוואָקאַט גאָלדמאַן. שפּעטער, נאָך דעם ווי אַדוואָקאַט גאָלדמאַן
האָט רעזיגנירט פון זײַן אַמט, איז פּאָרזיצער געוואָרן דער פּע־
פּעראָוויעץ, בערנאַרד באַרג. דער נאָמענטלעכער צוזאַמענשטעל
איז געווען פּאָלגנדיקער: באַרג, באָדניעוו, באָזשיקאָווסקי, גאָלד־
מאַן, געלבוים, היגער, וואַסער, זשעלאַזאָ, טשיזשיק, לעמבערגער,
מאָנפּערל, סווירסקי און קאָמינסקי.

דער צוזאַמענשטעל פון „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין
פּוילן" האָט געהאַט אַן אַנדערע פּראָפּאָרץ, למשל: ייִדישע פּע־
פּע־ער — 6 פאָרשטייער, „בונד" — 4, לינקע פּועלי־ציון — 3,
רעכטע פּועלי־ציון — 3, איחוד און אַלגעמיינע ציוניסטן — 4,
ייִדישע פּאַרטיזאַנער — 2, השומר־הצעיר — 3, די אָרטאָדאָקסישע
ייִדן זענען נישט געווען פּאַרטרעטן אין צע־קאַ. זיי האָבן געהאַט
אַ באַזונדערע קהילה־טעטיקייט.

ווי נאָר די געוועזענע קאַ־פּע־פּאָוצעס, די דיסציפּלינירטע
סטאַליניסטן, זענען פון ראַטנפּאַרבאַנד צוריקגעקומען קיין וואַר־
שע — איז בדאי אונטערצוטרייכן — האָט זיך גלײַך קעגן מיר
אָנגעהויבן אַן „אַקציע", מיך צו באַזײַטיקן פון דער געזעלשאַפּט־
לעכער אַרבעט מיטן מאָטיוו, ווײַל פּאַר דער מלחמה האָב איך גע־
פירט אַן אַנטי־סטאַליניסטישע טעטיקייט אין פּוילן. די דאָזיקע
„חברים" האָבן, אויפן סמך פון זייער פּראַקטיק אין ראַטנפּאַרבאַנד,
אויך אין פּוילן בײַ דער „פּאָלקסמאַכט" געשפּילט די זעלבע ראָלע
פון מוסרים, צוטראָגערס צו דער פּוילישער „או־בע" (זיכער־

הייטס־פּאָליציי). צוליב דעם, ווײַזט אויס, וואָס איך בין דאָך גע־ווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון יִדישן ישוב נאָך דער באַפרײַונג, האָבן זיי דעמלט נאָך נישט געוואָגט מיך אין גאַנצן צו באַזײַטיקן, אָדער אפשר דערפאַר, ווײַל זיי האָבן נאָך נישט געהאַט ווער עס זאָל מיך פאַרטרעטן, האָב איך נאָך געטאָן מײַן אַרבעט. אָבער דאָך זענען מײַנע פונקציעס שוין געווען קאָנטראָלירט, ווי דער שטייגער, פון געהיים־פּאָליציי.

אין דער זעלבער צײַט בין איך שוין אויך אויסגעשטאַנען גענוג צרות, ווי דער פּראָגנאָז פאַר די שפּעטערדיקע יאָרן, פון זינט די באַוווּסטע פּראָצעסן אין יאָר 1948 אין טשעכאָסלאָוואַקיע, און אין אונגאַרן, קעגן סלאַנסקי און ראַיִק — בין איך ביז דעם באַקאַנטן 20־סטן פּלענום פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין ראַטנפאַרבאַנד, און נאָך דעם צוריקקומען פון גאָמולקאַן צו דער מאַכט אין פּוילן, אין יאָר 1956, איבער אַכט יאָר צײַט געווען פאַר־פאָלגט, און געווען אונטער דער „ספּעציעלער אויפזיכט" פון דער פּוילישער „בעזפּיעקאַ", און אין צווישנצײַט, דרײַ יאָר געזעסן אין די קעלערן פון זיכערהייט־מיניסטעריום, אויף קאָשיקאָווע גאַס נומער 6 אין וואַרשע. טראָץ דעם וואָס איך האָב אין דעם „פּאָלקס־פּוילן" און אין דער „פּאַרטיי" נישט פאַרנומען קיין שום וויכטיקן פּאָסטן, ווי די דערמאַנטע, סלאַנסקי און ראַיִק. מײַן דירה איז כּסדר געווען געהיט דורך אָר־בע־אַגענטן. אויך מײַנע אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער (בערך 30), וועלכע די דאָזיקע וואַרשעווער „פּאַרטיי"־מאַכט, האָט מיר כּסדר געביטן, זענען אַלע געהיט גע־וואָרן די גאַנצע צײַט דורך טײַניאַקעס, געהיימע „בעזפּיעקאַ"־אַגענטן. די אָפטע „וויזיטן" אין מײַן דירה, און די אויספאָרשונגען אין 10־טן דעפּאַרטאַמענט פון דער „בעזפּיעקאַ" האָבן נישט גע־האַט קיין גרענעץ. אַפילו אין שפּיטאָל ליגנדיק, בין איך אויך געווען „באַשטעלט", געהיט געוואָרן בײַ טאָג און בײַ נאַכט.

די זעלבע סטאַליניסטישע פאַרשווינען האָבן אַפילו נישט גע־וווּסט, אַז כּדי די „בעזפּיעקאַ"־חברים זייערע זאָלן מיך נישט

אָפּרוּימען אין דער שטיל, ווי עס האָט אָפּט פּאַסירט, האָט מיר געהאָלפן נישט קיין אַנדערער, ווי דער סעקרעטאַר עדוואַרד אַכאַב. ווען ער האָט זיך נאָר בלויז געפּרעגט ביים „בעזפּיעקאַ"־מיניסטער, וועגן דער סיבה פון מיין זיין אונטער זייער „אויפזיכט" — דאָס בלויז איז גענוג געווען אויף צו קאָנען בלייבן לעבן. וועגן דאָזיקן פּאַקט האָב איך זיך דערוווּסט ערשט נאָך דער סטאַלין־מפּלה. דאָס אַלץ איז אַ באַזונדער קאַפּיטל, און אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע צום דערמאָנען לזכר. מען דאַרף אָבער זיך אומקערן צוריק צו יענע טעג אין די אָנהייב־יאָרן פון וואַרשעווער יידישן קאָמיטעט נאָך דער באַפרייונג פון די געפּייניקטע יידישע מענטשן.

נח זשעלאַזאָ

נאָך־מלחמה בילד, אַלס יידישער טוער פאַר דעם שיקאַנירן, דורך דער „בעזפּיעקא"

טאָג־טעגלעך זענען אָנגעקומען נײַע מעלדונגען וועגן געראַ־טעוועטע ייִדישע קינדער. דער קאָמיטעט האָט, צוליב די גאָר שווע־רע באַדינגונגען אין ערשטן פּעריאָד נישט געקאָנט אָפּנעמען די דאָזיקע קינדער פון זייערע ביזאַיצטיקע פּוילישע אַפּוטרופּסים און האָט זיך געמוזט באַגרענעצן דערווײַל מיט געבן זיי פינאַנסיעלע הילף. אַ ביסל קינדער האָבן צו זיך גענומען ייִדישע פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט אײַנגעאָרדנט אין דירות הינטער וואַר־שע. די זאָרג פאַר די קינדער האָט זיך כּסדר געפונען אין צענטער פון אונדזער טעטיקייט. מיט דער פראַגע האָט ספּעציעל זיך פאַר־נומען דער פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון קאָמיטעט, דער פּועלי־ציוניסט, יוסף באַרניעוו (הײַנט איז ער אין ישׂראל, זײַן נאָמען איז ברניב), אַ לערער פון פאַך, בײַ דער מיטהילף פון אַ קינדער־דאָקטאָר. שפּעטער איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ געזונטהייט־אָפּטיילונג פאַר קינדער אויף דער טאַרגאָווע גאַס נו־מער 62 אין פּראַגע, אונטער דער לייטונג פון דער באַקאַנטער דעמלט קינדער־דאָקטאָרין מאַיעווסקאַ.

די דורך וווּנדער אָפּגעראַטעוועטע ייִדן האָבן נאָך דער באַ־פרײַונג ערשט דערפילט אויף אַן אמת פיזישע ווייטיקן און דער־שעפונג. זיי האָבן זיך שטאַרק געניטיקט אין מעדיצינישער הילף און אין שפּיטאָל־היילונג. מיר האָבן דעריבער געשאַפן אַ געזונט־הייט־אָפּטיילונג פאַר דערוואַקסענע מענטשן, אויף דער שעראָקאַ גאַס נומער 31, אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר ליבענשטיין, ווו עס איז אויך געווען אַ קראַנקן־שטוב מיט עטלעכע בעטלעך פאַר שווער קראַנקע. אין וואַרשע זענען נאָך די שפּיטעלער געווען חרוב.

זייער אַ וויכטיק אָרט אין וואַרשעווער ייִדישן קאָמיטעט האָט פאַרנומען די היסטאָרישע אָפּטיילונג. מיר האָבן געוואָלט אויסנוצן דעם שטראָם פון די ייִדן קיין וואַרשע און זאַמלען היסטאָרישן מאַטעריאַל פון זייערע איבערלעבונגען אונטער דער נאַצי־דײַטשער אָקופּאַציע אין פּוילן און וועגן ייִדנמאָרד. אויך אַ סך פון די גע־קומענע ייִדן האָבן געוואָלט, אַז עס זאָלן פאַרשריבן ווערן זייערע

אומגעווײנלעכע איבערלעבונגען. אין דער דאָזיקער אָפּטײלונג האָט געאַרבעט אַ גרעסערע צאָל מענטשן, צווישן זיי, פּרוי בלומע וואַסער און מאַגיסטער הערש וואַסער ווי דער לײטער פון דער אָפּטײלונג.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס וואַרשע איז געווען חרוב און מען האָט נישט געקענט רעכענען, אַז עס זאָלן זיך דאָ באַזעצן אַ סך ייִדישע משפּחות מיט קלײנע קינדער, דאָך האָבן מיר געשאַפן דאָ אַ ייִדישע שולע מיט צוויי קלאַסן, אָנגעפירט מיט דער שולע האָט די פּעדאַגאָגין פּרוי מעלאַך. די לערערינס זענען געווען: פּרוי מאַגנושעווסקאַ און פּרוי דאַנישעווסקאַ. אויך אַ קינדערהיים איז געשאַפן געוואָרן, אונטער דער אָנפירונג פון דער ייִדישער לערערין, דבורה זשעלאַזאַ. די קינדערהיים האָט זיך געפונען אין לאָקאַל פון דער בונדישער פּאַרטיי, אויף דער טאַרגאָווע גאַס אין פּראַגע.

גאָר אַן ערנסט פּראָבלעם איז געווען צו געפינען באַשעפטיקונג פאַר די ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע. סאָציאַלע הילף איז דורך אונדז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ צײַטווײַליקע נויטבאַדערפטיקייט, ווי אַן איבערגײיענדיקע דערשײַנונג, אַזוי לאַנג ביז אַלע וועלן זײַן באַזאָרגט מיט מענטשלעכע לעבנס־באַדינגונגען. מיר האָבן אַלץ געטאָן, כּדי וואָס גיכער און עפעקטיווער צו העלפן די ייִדן זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס. געגעבן הלוואות אויף אײַנצואָרדענען אינדיווידועלע וואַרשטאַטן און געשאַפן אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון פון שנײַדערס, שוסטערס און סטאָליער־אַרבעטער, אין וועלכע עס זענען געווען באַשעפטיקט אַן ערך 150 בעלי־מלאכות. פאַר די באמת גאָר שווערע וואַרשעווער באַדינגונגען אין יענער נאָך־מלחמה־צײַט איז דאָס געווען גאָר אַ וואָגיקע דערגרייכונג.

דער ייִדישער קאָמיטעט האָט אויך געהאַט אַ גוט אָרגאַניזירטע עווידענץ־אָפּטײלונג, וועלכע האָט אַ סך פאַרלײַכטערט דאָס זוכן

און געפינען נעמען פון קרובים און פריינד, פארלוירענע אין דער מלחמה־וואקכאנאליע. דאס איז געווען א גרויסע הילף פאר די מאסן יידן, וועלכע זענען געקומען בסדר ספעציעל אין דער פוילי־

ערשטע הינטערשטאטישע קאנפערענץ פון די יידישע קאמיטעטן, ווארשע 1945 יאר. אויף דער קאנפערענץ נעמען אנטייל דער יידישער צענטראל־קאמיטעט מיט ד״ר עמיל זאמערשטיין, פון די אלגעמיינע ציוניסטן, הערש וואסער, א לינקער פועלי־ציוניסט, און נאך א סך דעמלטיקע יידישע געזעלשאפטלעכע טוערס נאך איידער די סטאליניסטן האבן איבערגענומען די מאכט איבער דעם יידישן ישוב אין באפרייטן ווארשע.

עס רעדט נח זשעלאזא.

שער הויפטשטאט זיך צו דערוויסן וועגן זייערע משפחות. אין סוף 1945, בעת מיין פארענדיקן די טעטיקייט אין ווארשעווער יידישן קאמיטעטע, זענען שוין געווען פאררעגיסטרירט איבער פופ־ציק טויזנט יידישע מענטשן. א סך מער יידן זענען דעמלט געקומען קיין ווארשע, במעט אלע וואס האבן זיך אומגעקערט קיין פוילן, אבער נישט אלע האבן זיך דא פארשריבן אין דער עווידענץ.

אין חודש מאי 1945 איז אין ווארשעווער קאמיטעט פארגע־

קומען די ערשטע קאָנפערענץ פון די הינטערשטאָטישע ייִדישע קאָמיטעטן. חוץ די צאָל דעלעגאַטן פון 31 שטעטלעך, זענען אויך אָנוועזנד געווען פאָרשטייער פון אַנדערע אינסטיטוציעס און פון פּאַרטייען. צוליב דער וויכטיקער באַדײַטונג, ווײַל דאָס איז דאָך געווען דער ערשטער צוזאַמענטרעף פון אַ ייִדישן קיבוץ אין באַפרײַטן פוילן, איז אויך געקומען דער גאַנצער „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פוילן", מיטן פרעזעס ד"ר עמיל זאָמערשטיין בראש. דעם אַלגעמיינעם באַריכט פון דער טעטיקייט האָט רעפערירט דער מחבר פון די דאָזיקע שורות. נח זשעלאַזאָ, שפּעטער האָבן אָפּגעגעבן באַריכטן פון זייער טעטיקייט פאָרשטייערס פון די באַזונדערע קאָמיטעטן. די קאָנפערענץ האָט באַטראַכט פראַגן פון סאָציאַלער הילף, פון פּראָדוקטיוויזאַציע, פון קינדער־פאַרזאָרגונג און אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען פון דעמלטיקן ייִדישן לעבן. עס זענען אויך אָנגענומען געוואָרן געהעריקע באַשלוסן פאַר דער ווײַטערדיקער אַרבעט, כּדי צו קאָנען העלפן די געראַטעוועטע ייִדן צוריק אויפצושטעלן זייער חרוב געוואָרן לעבן.

די קאָנטראָלירטע גענויע צאָל ייִדישע מענטשן, וואָס האָבן זיך דעמלט געפונען אין די 31 שטעטלעך, איז געווען פאָלגנדיקע: אין אָטוואָצק — 358 ; אין גאַרוואָלין — 42 ; אין גאָמבין — 15 ; אין גרויעץ — 44 ; אין גער — 34 ; אין ווענגראָוו — 198 ; אין וואָלאָמין — 70 ; אין זשעלעכאָוו — 90 ; אין טאַרטשין — 19 ; אין טשעכאַנאָוו — 12 ; אין דעמבלין — 350 ; אין לעגיאָנאָוואָ — 58 ; אין לאָשיץ — 52 ; אין מיליאַנוּוועק — 372 ; אין מילאָסנאָ — 10 ; אין מינסק־מאַזאָוויעצק — 89 ; אין מלאָווא — 33 ; אין נאָווי־דוואָר — 24 ; אין נאָווע מיאַסטאָ — 18 ; אין סאָכאַטשעוו — 49 ; אין סאָקאָלאָוו — 62 ; אין סקאָלימאָוו — 20 ; אין פּלאָצק — 50 ; אין פּאַלעניץ — 77 ; אין פּלוינסק — 46 ; אין פּרושקאָוו — 282 ; אין קאָלושין — 43 ; אין ראַדזימין — 42 ; אין ריקי — 87 ; אין ריפּין — 36 ; אין שערפּץ — 33.

די אויבן אויסגערעכנטע ציפערן האָב איך גענומען פון די

ערטער, פון די ייִדישע קאָמיטעטן, בעת דעם צוגרייטן דעם באַ־ריכט, וועלכן איך האָב , ווי דערמאָנט, רעפערירט אויף דער קאָנ־פערענץ. די דאָזיקע ציפערן פון 31 שטעטלעך, און אין וואַרשע גופא, וואָס בילדן צוזאַמען די צאָל פון 5.920 לעבן געבליבענע ייִדן, וועלכע האָבן זיך דעמלט פאַקטיש געפונען — דאַרפן קאָנען זײַן דער מעסטער פאַר פאָרשער־היסטאָריקער, וועלכע וועלן ער־לעך שטרעבן, כּדי צו דערגיין דעם אמת וועגן דער ריכטיקער צאָל לעבן געבליבענע ייִדן אין גאַנץ פוילן.

ווי באַוווּסט, פּרוּוון די פירער פון היינטיקן פוילן פאַרשפּרייטן אַ לעגענדע, אַז פּאָליאַקן האָבן בעת דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע אין פוילן, בעתן מאָרד איבער די ייִדן, אָפּגעראַטעוועט מער ווי הונדערט טויזנט ייִדן פון אומקום, וואָס דאָס איז, ליידער, זייער ווייַט פון אמת. די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט פאַר אַ ציל צו פאַרטושן פאַר דער וועלט־עפנטלעכקייט דעם גיפטיקן אַנטי־סעמיטיזם, וואָס האָט אויך גורם געווען, שוין נאָך דער מלחמה, אין די יאָרן 1968—1971, צום גירוש, צום פאַרטרייַבן די רעשטלעך ייִדן, די קוים לעבן געבליבענע פון היטלער־דייַטשן ייִדנמאָרד, אין די יאָרן 1939—1945.

דעם 22־סטן יולי 1945, ווען די פוילישע מלוכה האָט גע־פייַערט דעם מאַניפעסט פון באַפרייַען פוילן פון דער דייַטשער אָקופּאַציע, איז אין לאָקאַל פון וואַרשעווער ייִדישן קאָמיטעט, אויף דער טאַרגאָווע גאַס נומער 44, פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע וואַרשעווער ייִדן, די סאַמע ערשטע פאַרזאַמלונג פון די לעבן געבליבענע געווידמעט דעם העלדישן ייִדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער פון דעם 19־טן אַפּריל 1943. מיט רע־פעראַטן זענען אַרויסגעטרעטן פאָרשטייערס פון דער געוועזענער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ. עס האָבן אויך גערעדט דעלעגאַטן פון פּאַרטיזאַנער־פאַרבאַנד, און פון „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פוילן״. מיט רעציטאַציעס איז אַרויסגעטרעטן דבורה זשעלאַזאָ. די צימערן פון קאָמיטעט זע־

נען געווען איבערפולט מיט יִדישע מענטשן. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער צוזאַמענטרעף, נאָר אַן אמתע טרויער־פאַר־זאַמלונג, אויף וועלכער די רעשטלעך ניצול־געוואָרענע יִדן האָבן באַוויינט זייערע פאַרשניטענע ברידער און שוועסטער, מאַמעס און טאַטעס און די דערמאָרדעטע קינדער אין די דײַטשע גאַז־אויוונס.

מיטן אויסברייטערן זיך פון יִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פיל אַנדערע שטעט אין פוילן, האָט דער וואַרשעווער קאָמיטעט אויפגעהערט צו שפּילן די גרויסע ראָלע, ווי אין די ערשטע צײַטן, באַלד נאָך דער באַפרײַונג, ווען במעט אַלע לעבן געבליבענע פּוי־לישע יִדן, און אויך יִדן פון אַנדערע אייראָפּעישע לענדער זענען געקומען קיין וואַרשע נאָך אינפאָרמאַציעס און נאָך דער ערשטער הילף, אין וועלכער זיי האָבן זיך שטאַרק געניטיקט. דעריבער האָבן די ביז איצטיקע טוער פון קאָמיטעט שוין געקאָנט אונטער־נעמען אַנדערע נייטיקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן פאַרן ווויל פון דער יִדישער געזעלשאַפט. אין יענער צײַט איז טאַקע אויך אָרגאַ־ניזירט געוואָרן די יִדישע ווירטשאַפט־צענטראַלע, א. נ. „סאָלי־דאַרנאָשטש״, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט שאַפן אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון אין אַלע שטעט, ווו יִדן האָבן געלעבט, כּדי זיי צו פאַרזיכערן מיט באַשעפטיקונג. עס זענען דעמלט אַנטשטאַנען 117 קאָאָפּעראַטיוון פון אַלע בראַנזשעס אין דער קליין־אינדוסטריע. עס זענען אין זיי געווען באַשעפטיקט איבער 4000 יִדישע פּאַכ־לײַט. די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער דאָזיקער צענטראַלע זענען גע־ווען : ד״ר פאַרנאַס, זעליצקי, באַרג, דאָברי און זשעלאַזאָ, ווען מען האָט „באַפוילן״ אָנטייל צו נעמען אין דער אָרגאַניזירונג פון „סאָלידאַרנאָשטש״, טראָץ דעם וואָס איך האָב זיך געהאַט באַ־פרײַט פון דער טעטיקייט.

אין יאָר 1949 איז לויט אַ פאַראָרדענונג פון „אויבן״, פון דער פוילישער רעגירונג, אונטער דעם דעקמאַנטל כּלומרשט צו פאַר־אייניקן ביידע צענטראַלעס, די יִדישע קאָאָפּעראַטיוון־צענטראַלע

„סאָלידאַרנאָשטש" און די פּוילישע „צענטראַלאַ פּראַצי" (אַרבעטס צענטראַלע) — איז „סאָלידאַרנאָשטש" איינגעשלונגען געוואָרן דורך דער „צענטראַלאַ פּראַצי". נישט נאָר די ייִדישע צענטראַלע „סאָלידאַרנאָשטש" איז צוגענומען געוואָרן דורך די פּאָליאַקן, נאָר צוזאַמען מיט איר אויך אַלע ייִדישע קאָאָפּעראַטיוון. דאָס גרויסע פאַרמעגן פון צענדליקער מיליאָנען זלאָטעס, וואָס איז דאָרט אַריינ־געלייגט געוואָרן דורך דעם „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן", ס׳רוב געלטער פון אַמעריקאַנער ייִדישן „דזשוינט", איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון פּאָליאַקן. זיי, די פּאָליאַקן, זענען מיט כּוח געוואָרן די בעלי־בתּים פון די ייִדישע אַרבעטס־קאָאָפּע־ראַטיוון, פון די מאַשינען, סחורות און דעם גאַנצן אינווענטאַר. די פּאָליאַקן האָבן מיט דער צייט באַזייטיקט די ייִדישע אַנפירערס און לסוף אויך אַרויסגעוואָרפן די ייִדישע אַרבעטער פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער. דער פינאַל דערפון איז געווען, ווי שוין גוט באַקאַנט — דאָס אויפגעצוווּנגענע פאַרלאָזן פּוילן, אונטער דער באַשולדיקונג, אַז אַלע ייִדן זענען כּלומרשט אַ „פינפטע קאָלאָנע", שפּיאָנען און געפערלעכע ציוניסטן.

דער ייִדישער ישוב אין פּוילן איז געווען אַ קליינער און אַ טראַגישער, אין רעזולטאַט פון דעם שוידערלעכן חורבן, פון דער דייטשער ייִדן־פאַרניכטונג. אויפן אָרט פון די 3.674.000 ייִדן אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן, האָט דער קליינער אין צאָל ייִדישער ישוב אין דעם אַזוי־גערופענעם „פאָלקספּוילן", מיט מאַטערנישן און אַנשטרענגונגען, טראָץ די פּאָגראָמען אין זשעלעכאָוו (1945), אין קיעלץ (1946) און אין אַנדערע ערטער, געבויט דעם נייעם ישוב מיט דער האָפענונג, אַז אונטער דעם סאָציאַליזם, אַז אונטער דער פּוילישער פאָלקסמאַכט, וועט דער אַנטיסעמיטיזם פאַרשווינדן. דערפון איז ליידער אַרויסגעקומען אַ גרויסע אַנטוישונג, ווייל עס איז געווען אַ פאַלשער סאָציאַליזם.

✶

לויט דעם באַריכט פון „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין

פוילן" זענען אין פוילן פון נאָך דעם מלחמה־פּעריאָד אַנטשטאַנען און געווען טעטיק: 32 קינדער־שולן מיט 2.730 קינדער; 56 קינדער־היימען, פון פאַרשידענע טיפּן מיט 3.648 קינדער; 18 יוגנט־קלובן מיט 1.155 יוגנטלעכע. עס זענען געווען טעטיק 20 ייִדישע ספּאָרטקלובן; 26 דראַמאַטישע קרייזן; אַ דראַמאַטישע שול און 12 כאָרן; אַ מוזיקשול; אַ טאַנצשול. אין אָנהייב זענען אויך געווען 2 ייִדישע טעאַטערס; געווען אַ פּאַליגראַפישע באַזע, אַ דרוקעריי; געווען אַ טאָגצייטונג און אַ חודש־זשורנאַל „ייִדישע שריפטן" מיט אַן אייגענעם פאַרלאַג, ווי עס זענען אויך אַרויס־געגעבן געוואָרן ייִדישע ביכער. עס זענען טעטיק געווען 19 קלובן מיט ביבליאָטעקן, לייענזאַלן, 2 אָרקעסטערס, אַ פאָלקס־אוניווער־זיטעט און נאָך אַנדערע אינסטיטוציעס. דער נייער ייִדישער ישוב האָט געפּרוווט ווייטער שמידן די גאָלדענע קייט פונעם פאַרשני־טענעם ייִדישן קולטור־לעבן אין נייעם נאָכמלחמהדיקן לעבן אין פוילן, וואָס עס איז קיין שום פאַרגלייך נישט געווען צו דעם שפּרודלדיקן ייִדישן קולטור־לעבן פון פאַר דער מלחמה, פאַר דעם חורבן.

ביי דער געלעגנהייט דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַז דער „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פוילן", וועלכער האָט עק־זיסטירט אונטער דער אָנפירונג פון דעם אַזוי גערופענעם „וואַב־ליאַזש" פון אַלע פּאָליטישע ייִדישע ריכטונגען, ווען די פּרעזעסן זענען געווען, ד"ר עמיל זאָמערשטיין און ד"ר אַדאָלף בערמאַן — האָט גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמעס מיט דעם שפּעטערדיקן א. ג. „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד", וואָס האָט זיך געפונען אויף דער נאָוואָגרודסקאַ גאַס אין וואַרשע. דער ייִדישער צענטראַל־קאָמיטעט איז ליקווידירט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונגס־מאַכט, און אויף זיין אָרט איז פאַררופן געוואָרן דער סטאַליניסטישער „קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד". טראָץ אַלע פּאָליטישע ענדערונגען אין פוילן, איז די דאָזיקע סטאַליניס־טישע ייִדישע געזעלשאַפט פאַרעקשנט געווען דיקטירט דורך דעם

סטאַליניסטישן פּאַרזיצער, וועלכער איז קיין מאָל נישט געווען קיין מיטגליד אין פריערדיקן „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן". דערמיט וויל איך אַרויספירן פון טעות די רעצענזענטן פון הערש סמאָליאַרס פּאַשקוויל וועגן ייִדישן ישוב אין פּוילן.

איך וויל נאָך צוגעבן געוויסע פאַקטן פון יענער צײַט, בעת מײַן טעטיקייט אין וואַרשעווער ייִדישן קאָמיטעט. באַלד אין אָנהייב נאָך דער באַפרײַונג פון וואַרשע, ווען עס איז שוין טעטיק געווען אַ ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט, האָט די פּוילישע רעאַקציע נישט געקאָנט צוזען ווי עס פעדימט זיך צוריק אײַן אַ ייִדיש לעבן אויף דער פּוילישער ערד. אין מאַי 1945 האָב איך אויף מײַן פּריוואַטן אַדרעס באַקומען צוגעשיקט אַ שריפטלעכע, אַנאָנימע וואָרענונג פון אַ פּוילישער אָרגאַניזאַציע, אַז איך זאָל פאַרמאַכן דעם ייִדישן קאָמיטעט. אין דער וואָרענונג איז געווען אָנגעצייכנט אַ שוואַרצער קאַסטן, ווי אַ טרומנע, וואָס עס האָט באַטײַט, אַז אויב איך וועל נישט אויספירן זייער באַפעל, וועלן זיי מיך דערמאָרדן. דאָס דאָ־זיקע בריוול, דעם היסטאָרישן דאָקומענט, האָב איך דעמלט געהאַט געגעבן דעם לייטער פון דער קולטור־אָפּטיילונג בײַם „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן", וואָס איז דעמלט געווען, דער אַרטיסט און שרײַבער, יאָנאָס טורקאָוו, וועלכער האָט זיך גלײַך פאַרשטענדיקט וועגן דעם מיט דער פּוילישער זיכערהייט־מאַכט.

מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז צו מיר אַהיים, אויף וואַשינגטאָן־אַלעע נומער 132, געקומען אַ באַוואָפנטע באַנדע אָנגעטאָן אין פּוילישע מיליטערישע מונדורן. זיי זענען געקומען אין דער אַרבעט־צײַט, און דעריבער מיך נישט געטראָפן. האָבן זיי געוואָרט אויף מיר באַהאַלטענערהייט אין אַ שכנותדיקער גאַס. מײַן נאָענטסטער שכנטע איז געלונגען מיר טעלעפאָניש צו געבן צו וויסן וועגן דעם פאַרדעכטיקטן „וויזיט". איך בין דעריבער נישט אַהיים גע־גאַנגען. אַ לענגערע צײַט נישט גענעכטיקט אין מײַן דירה, ווײַל דאָס וואָלט זיך געוויס געענדיקט טראַגיש. נאָך דער באַפרײַונג בין איך אויך נישט געווען זיכער מיטן לעבן.

40 יאָר זינט דער אַנטשטייונג פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן. אויפן בילד — איינע פון די ערשטע זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט, דער דריטער פון רעכטס: ד״ר עמיל זאָמערשטיין.

נאָך איין אַזאַ שטייגער פאַל איז געשען, ווען איך בין, צוזאַמען מיט מיין פריינד יאַנאַס שער און זיין פרוי סימה׳לע (וווינט היינט אין ישראל), געקומען צו באַקאַנטע אויף אַ שמחה, אויף דער טאַרגאָווע גאַס נומער 14 אין פּראַגע. עס איז אונדז באַפאַלן אַ באַוואָפנטע באַנדע פּאָליאַקן. איינעם פון אונדזערע פריינד איז געלונגען אַרויסצורופן הילף, וועלכע האָט אונדז אָפּגעראַטעוועט פון טויט. די אָנפאַלערס זענען אַרעסטירט געוואָרן. דאָס זענען טאַקע געווען די זעלבע, וואָס האָבן אין דערמאָנטן בריוו פון מיר געפאָדערט צו ליקווידירן דעם יידישן ישוב. פון יענעם מאָמענט אָן האָבן מיר מיט זיך געטראָגן געווער, פונקט ווי אין דער צייט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. אַזוי האָבן פּאָליאַקן מקבל־פּנים געווען די רעשטלעך לעבן געבליבענע יידן נאָך דעם היטלער־דייטשן מאָרד איבער דעם יידישן פאָלק, דעם פּאַרטיליקטן אויף דער פוילישער ערד, אויף די אויגן פון פוילישן פאָלק, אָן שום

דערוווידער פון זייער זײַט, קעגן דער דאָזיקער מינטשלעכער טראַ־געדיע.

זאָל דערבײַ אויך פאַרצייכנט ווערן, אַז די ייִדישע זעלנער, ווי שוין אויבן דערמאָנט, פון דער פוילישער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע, וואָס איז אַרײַן קיין גראָבאָוו, צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי, האָבן זיך גאָר האַרציק אינטערעסירט מיט דער גרופּע לעבן געבליבענע ייִדן. זיי האָבן אונדז גערן געהאָלפן, מיט וואָס נאָר עס איז מעגלעך געווען פאַר זעלנער אויפן פראָנט. איינער פון זיי, פּעלד איז געווען זײַן נאָמען (אַ שאָד וואָס איך דערמאָן זיך נישט די נעמען פון די אַנדערע ייִדישע זעלנער), האָט אונדז אַ סך געהאָלפן, דער עיקר מיט שפּײַזונג פאַר די אויסגעהונגערטע ייִדן. דער זעלבער ייִדישער זעלנער פּעלד, האָט מיר דערציילט וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין ראַטנפּאַרבאַנד, וועגן דער טעטי־קייט פון „פאַרבאַנד פון די פוילישע פּאַטריאָטן". פּעלד האָט מיך באַקענט מיט נאָך אַנדערע ייִדישע זעלנער. לויט זייער דערציילן, בין איך עס געווען דער ערשטער לעבעדיקער ייִד, וועמען זיי האָבן געטראָפן אין דער דאָזיקער געגנט. בײַ אַ צווייטער געלעגנ־הייט האָט מיר דערמלט פּעלד געבערענגט אַ בריוו פון מײַן אַלטן פרײַנד, דעם ייִדישן שרײַבער און היסטאָריקער בערל מאַרק. ער האָט זיך דעמלט געפונען אין ראַטנפּאַרבאַנד, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע ייִדן, וואָס זענען בײַם אויסברוך פון דער היטלער־מלחמה אַנטלאָפן פון פוילן. עס איז פאַר מאַרקן געווען אַ פריידיקער וווּנ־דער, ווען ער האָט זיך פון פּעלדן דערוווּסט, אַז איך בין געבליבן לעבן און טו אַ געזעלשאַפטלעכע אַרבעט לטובת די געראַטעוועטע ייִדן אין און אַרום וואַרשע. דער זעלבער שרײַבער און היסטאָרי־קער, פּראָפעסאָר מאַרק, האָט געוואַגט שוין אין פוילן מיר צו וועלן העלפן, ווען איך בין געווען אונטער דער „אויפזיכט" פון דער פוילישער „בעזפּיעקאַ", וועלכע האָט קעגן מיר געגרייט די באַשולדיקונג, אַלס פאַרברעכער פון באַקעמפן דעם סטאַליניזם. ער האָט אָנגעשריבן אַ באַשטעטיקונג וועגן מײַן טעטיקייט פאַר

דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר האָט, ווי באַוווּסט, געדראָט דער טויט דורך דער פּוילישער „פֿאָלקסמאַכט" און דער „פּאַרטיי". אַ קאָפּיע פֿון בערל מאַרקס בריוו געפֿינט זיך אין מײַן אַרכיוו, ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט פֿון יענער גאָר אויסטערלישער לאַגע פֿונעם ייִדישן געפּײַניקטן פֿאָלק.

איידער מיר פֿאַרענדיקן די רעלאַציעס וועגן דעם באַגינען פֿון אויפֿבויען דעם אײַנגעשרומפּענעם ייִדישן ישוב אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע, רעלאַציעס וואָס קענען פֿאַר דער געשיכטע אויך דינען ווי אַן אילוסטראַציע פֿאַר די אַנדערע צוריק אויפֿגעבויטע ייִדישע ישובים אין אַנדערע שטעט אין פּוילן, און נישט נאָר אין פּוילן אַליין — וועלן מיר אויך פֿאַרנאָטירן דעם כאַראַקטעריסטישן פֿאַקט פֿון פֿאַרשווײַגן אין גאַנצן דורך געוויסע ייִדן, און אַפֿילו דורך פֿאָרשער־היסטאָריקער, די דעמלטיקע גאָר שווערע ווירקלעכקייט פֿון אַ גאָר וואָגיקער היסטאָרישער באַדײַטונג. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און די נאַצי־דײַטשע באַנדיטישע כּוחות זענען אין יאָר 1945 צעשמעטערט געוואָרן און זענען אַנטלאָפֿן פֿון דער אָקופּירטער אייראָפּע, זענען די גאָר ווייניקע לעבן געבליבענע ייִדישע מענטשן, צוריקגעקומענע אין זייערע ערטער, וווּ זיי האָבן געלעבט ביז דער מלחמה, און אין גרויסן צער נאָך די פֿאַרלוירענע משפּחות זייערע, מיט מאַטערניש דאָך געמוזט, ווי עס איז, צוריק אויפֿבויען אויף ס'נײַ אַ מענטשלעך ייִדישע היים, וואָס דאָס איז זיי גאָר נישט לײַכט אָנגעקומען. זיי האָבן דאָס דאָזיקע אָבער פֿאָרט געטאָן, און דאָס איז געווען אַ וויכטיקע ספּעציפֿיש ייִדישע דערשײַנונג. דאָך זענען פֿאַראַן הײַנט געוויסע געזעלשאַפֿטלעכע ייִדישע פֿאַקטאָרן, וועלכע האָבן „נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט", וואָס האָבן גאָרנישט געליטן פֿון דער טראַגישער ייִדן־שואה, וועלכע פֿאַרשווײַגן בכּוונה אַלץ פֿון יענער צײַט, חוץ וועגן דער פֿינאַנסיעלער ירושה נאָך די דערמאָרדעטע ייִדישע קרבנות, וואָס די דײַטשע קאַניבאַלן האָבן אָנגעראַובט. זיי פֿאַרשווײַגן דאָס אַלץ, פּונקט ווי דאָס וואָלט נישט געהאַט

קיין שום שײַכות מיט דער אויסטערלישער ייִדישער קאַטאַסטראָפע, מיטן אויסמאָרדן דורך די דײַטשן דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

די גאָר קליינע צאָל ייִדן, וואָס זענען דאָך אַרויס לעבעדיקע פון גערמאַניש־דײַטשן גיהנום, וועלכע האָבן מיט זייער צוריק־אויפבויען אַ ייִדישן לעבנס־ישוב באַוויזן, אַז ייִדן לעבן פאָרט, קעגן דער דײַטשער נאַציסטישער אידעאָלאָגיע אויסצומאָרדן דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק — ווערן הײַנט נישט גערן פאַררעכנט אין דער טראַגישער ייִדישער געשיכטע, דער עיקר דורך אַזעלכע ייִדי־שע עלעמענטן, וועלכע האַלטן זיך אַלס נאַציאָנאַלע ייִדן. פונקט ווי דאָס טוען אויך אַנדערע אונטער אַ רעליגיעזער מאַסקע. די דאָזיקע גיבן אַפילו אויך נישט אָפּ דעם כּבֿוד די דערמאָרדעטע דורך די דײַטשן זעקס מיליאָן ייִדישע קרבנות־קדושים — ווען אַלע ייִדן אין דער גאַנצער וועלט בייגן זייערע קעפּ יעדעס יאָר דעם 19־טן אַפּריל. זיי טוען דאָס אַזוי אונטער דעם אויסרייד, אַז די דאָזיקע דערמאָרדעטע ייִדן, דערוואַקסענע און אַפילו די קליינע ייִדישע קינדער, זענען אַלע געווען זינדיקע, און אַז די מאָרד־אויספירער, די דײַטשע היטלעריסטן, האָבן אויסגעפירט דעם רבונו־של־עולמס רצון.

הײַנט, נאָך די אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן, זינט דעם אָרגאַניזירן און צוריק אויפלעבן אַ ייִדישן ישוב אין פוילן, וואָס פון אים איז הײַנט מער שוין קיין זכר נישטאָ, איז ווערט געווען דאָס אַלץ צו דערמאָנען. הײַנט, ווען מיר זענען נישט נאָר בלויז דערווײַטערט פון דער היסטאָרישער עפּאָכע אין אונדזער ייִדישן זײַן, נאָר מיר זענען אַפילו שוין מער נישטאָ אין דעם דאָזיקן לאַנד, ווו מיר זענען געבוירן געוואָרן, ווו מיר האָבן געלעבט און געשאַפן, אָבער לסוף פון אים זיך דערווײַטערט. די איינציקע טרייסט פאַרן ווײַ־טערדיקן ייִדישן לעבנסוועג איז די אייגענע ישׂראל־מדינה פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אין דער אייביקייט אַרײַן.

מיר, די שארית־הפליטה, צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט, טראָגן פון דאָרט אַרויס, למען־זכר, אונדזער גאָר וויכטיקע שעפערישע לעבנס־געשיכטע, וועלכע איז גלייכצייטיק פול אָנגעלאָדן מיט טרויעריקע דערינערונגען לדורות.

דער סלאַנסקי־פּראָצעס אין יאָר 1948
די אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע
אין יאָר 1968

ווען עס ווערט היינט, צום צענטן יאָרטאָג , אין דער גאַנצער וועלט דערמאַנט מיט פּראָטעסט און באַדויערונג די אָקופּאַציע פון טשעכאָסלאָוואַקיע דורך דעם ראַטנפאַרבאַנד און דורך די מזרח־לענדער, מיטגלידער פון „וואַרשעווער פּאַקט", דאַרף מען זיך אויך אומקערן צו נאָך איין זייער וויכטיקער היסטאָרישער געשעעניש אין דעם זעלבן לאַנד, צו דער געשיכטע פון סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראָג. נישט כּדי אויף ס'נײַ צו אַנאַליזירן דעם דאָזיקן פּאַטאָלן פּראָצעס פון די באַשולדיקטע און פאַראורטיילטע צום טויט (צווישן זיי 11 ייִדן פון די 14 באַשולדיקטע), ווײַל טראָץ די אָפּ־געלאָפענע דרײַסיק יאָר, איז די געשיכטע פון דעם פּראָצעס נאָך לעבעדיק אין זכּרון פון טשעכישן פאָלק און פון אַלע סאַטעליטן־לענדער, מיט וועלכע עס פירט אָן דער ראַטנפאַרבאַנד. די דאָזיקע געשיכטע איז אויך נאָך פריש אין זכּרון פון אַלע פרײַע לענדער אין דער גאָרער וועלט.

דער דאָזיקער יאָרצײַט דאַרף דערמאַנט ווערן, ווײַל דער סלאַנסקי־פּראָצעס איז נישט אָפּגעריסן פון דער אַלגעמיינער סאָ־וויעטישער פּאָליטישער פּראַקטיק און פון אַרײַנמאַרש פון די רוסישע טאַנקען קיין פּראָג אין יאָר 1968. דאָס שטעלט מיט זיך פאָר איין לאַנגע קייט, איין פּאָליטיש־פאַרטראַכטן פּלאַן פון אונ־טערדריקונג, נישט נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד גופא קעגן די אייגענע פעלקער. דער דאָזיקער פּלאַן ווערט אָנגעוואַנדן אומעטום און קעגן אַלע, דער עיקר אין די לענדער, וואָס זענען אונטער דעם סאַטראַפּיש־סאָוויעטישן שטיוול.

דער סלאַנסקי־פּראָצעס איז מיט גאָרנישט נישט געווען אָפּ־געריסן פון די באַוווסטע מאָסקווער פּראָצעסן אין די דרײַסיקער יאָרן קעגן דעם רוסישן פאָלק און קעגן דער רוסישער אינטעליגענץ, וועלכע זענען אין די מיליאָנען אומגעקומען אין די סאָוויעטישע טורמעס און אין די פאַרשיקונגס־לאַגערן.

אין דער זעלבער צײַט, אין דעם זעלבן יאָר פון סלאַנסקי־פּראָצעס און מאָרד אין יאָר 1948, זענען אויך ראַדיקאַל פאַרשאַרפט געוואָרן די רדיפות קעגן די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד. דעמלט זענען עס טאַקע אויך ליקווידירט געוואָרן די לעצטע איבערבלײַבענישן פון דער ייִדישער פּרעסע, פון די ייִדישע שולן און פון ייִדישן טעאַטער. די פאַרפאָלגונגען האָבן זיך געצויגן און גייען ווײַטער אָן, ווײַט איבער די יאָרן 1952—53, ווען עס זענען דערמאָרדעט געוואָרן די באַדײַטנדיקסטע שריפטשטעלער פון דער סאָוויעטישער ייִדישער ליטעראַטור אין מאָסקווע און אין לענינגראַד, אין קיעוו און אין מינסק. אין די סאָוויעטישע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך איבערגעחזרט מאַסן־אַרעסטן פון ייִדישע אַרבעטער, אינזשינירן, אָנגעשטעלטע און שרײַבער. אונטער פאַרשידענע אויסגעטראַכטע תּירוצים און צוליב דער איינציקער אמתער סיבה, ווײַל זיי זענען ייִדן. אַ סך זענען אומגעקומען אויפן אָרט און אַנדערע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די לאַגערן און אויף די פאַרשיקונגען.

אויך דער סלאַנסקי־פּראָצעס גופא איז דער עיקר געווען אַן אַנטיסעמיטיש שפּיל אויסער די גרענעצן פון ראַטנפאַרבאַנד. סלאַנסקיס גרופּע איז פאַרגעוואָרפן געוואָרן שפּיאָנאַזש־טעטיקייט לויט די דירעקטיוון פון אַמעריקאַנער און ענגלישן שפּיאָנאַזש. זיי זענען אַפילו באַשולדיקט געוואָרן, אַז זיי זענען אַלס ייִדן ספּעציעל געשטאַנען אין דינסט פון היטלעריסטישן פאַשיזם, ווײַל דאָס זאָל כּלומרשט האָבן פאַרמינערט דעם חשד פון זייער פאַרברעכן. די סלאַנסקי־גרופּע איז אויך געוואָרן באַשולדיקט אין זײַן אינספּירירט דורך דעם וועלט־ציוניזם בײַ דער מיטהילף פון דעם געוועזענעם

ישׂראל־אַמבאַסאַדאָר אין טשעכאָסלאָוואַקיע אבריאל. כּדי עס זאָל נישט צו שטאַרק רײַסן די אויגן פון דער וועלט־עפנטלעכקייט, אַז דאָס איז אַן אַנטיסעמיטישער פּראָצעס, האָט דער סטאַליניסטישער רעזשים אין טשעכאָסלאָוואַקיע צוגעצויגן צום סלאַנסקי־פּראָצעס אַ פּאָר אַזוי גערופענע „שבת־גויים" (נישט־יידישע קאָמוניסטן), און האָט דערמיט פּאָר איין וועגס אויך ליקווידירט עטלעכע נישט־באַקוועמע פאַר זיי טשעכישע קאָמוניסטן.

צו דער פּראָפּאַגאַנדע, צום „באַאַרבעטן" די עפנטלעכע מיינונג, וועלכע איז געווען אויפגעברויזט אויף די אויסטערלישע פּראָצעסן און מאַסנמאָרדן, האָט דער סטאַליניזם פון מזרח־בלאָק געהאַט זײַנע מיטהעלפערס אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פון די מערב־אייראָפּעישע און אַנדערע לענדער. די דאָזיקע סטאַליניסטן האָבן געהאָלפן מיט פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור און אַנדערע מיטלען באַרעכטיקן דאָס דערשטיקן די וואַקסנדיקע כּוחות צווישן די אַרבעטער און אינטעליגענץ אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די סאַטעליטן־לענדער, וואָס האָבן געשטרעבט אויסצוקעמפן אַ סאָציאַליזם מיט אַ מענטשלעכער פּנים.

נאָך דעם באַוויזן זיך אין דער פּרעסע פון מײַן אַרטיקל א. ט. „40 יאָר זינט דעם אויפלייזן די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי דורכן קאָמינטערן", זענען געקומען עטלעכע אָפּרופן מיט אַ פּאָזיטיוון און נעגאַטיוון אינהאַלט. איין אַזאַ בריוו מיט אַ בײַגעלייגטער בראָשור וועגן דעם סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראָג איז ווערט באַהאַנדלט צו ווערן. דער מחבר האָט אַ טענה, פאַר וואָס איך האָב אין דעם אַרטיקל בלויז דערמאָנט די ראָלע פון די סטאַליניסטן אין די מזרח־לענדער און מיט קיין איין וואָרט אַפילו נישט באַרירט די טעטיקייט, אויף דעם געביט, אויך פון די סטאַליניסטן אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער, וועלכע זענען אויך נישט געווען קיין איבעריקע צדיקים. ער שרײַבט „עס איז מעגלעך, אַז ס'רוב פון די דאָזיקע מוסרים אין די פאַרמאַכטע סטאַלין־לענדער האָבן דאָס נישט געטאָן צוליב אידעישער איבערצייגונג, נאָר צוליב אַ

פּאַרטייִשן באַפעל, וועלכן מען האָט געמוזט אויספירן". ער זאָגט אויך, און מיט רעכט, אַז די מערהייט פאַרמלחמהדיקע ערלעכע קאָמוניסטן זענען אומגעקומען, טייל אין סאָוויעט־רוסלאַנד בעת די „טשיסטקעס" און טייל זענען אויסגעהרגעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. די היַינטיקע סטאַליניסטן האָבן קיין מאָל מיט הומאַניזם און סאָציאַליזם נישט געהאַט קיין שייַכות, דעריבער האָבן זיי מיט אַ רויִק געוויסן אויסגעפירט די „אָנשטעלן" פון דער פּאַרטיי און פון דער מאַכט צו ליקווידירן לעבן געבליבענע אידעאַליסטן רעוואָלוציאָנערן.

די דאָזיקע באַזונדערע ראָלע פון די קאָמוניסטן אין די מערב־לענדער איז נישט פאַרשטענדלעך, וויַיל אפילו ווי „פּאַרטייער" האָט קיינער זיי נישט געקענט צווינגען צו באַרעכטיקן די פאַלשע מאָרדפּראָצעסן און אַנדערע פאַרברעכנס קעגן מענטשן און גאַנצע פעלקער. חוץ דעם איז אין דער מערב־אייראָפּעישער וועלט שוין פון לאַנג געווען באַוווּסט דער אמת וועגן אַלעם, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין די סטאַלין־לענדער. אַפילו ביכער זענען שוין געווען אָנגעשריבן אויף דער דאָזיקער טעמע. סימאָן דע באָוואַר, די פרוי פון זש. פּ. סאַרטר, דערציילט אין איר בוך א. ט. „די מאַנדאַרינען", אַז שוין אין יאָר 1936 האָט מען זיך דערוווּסט פון אַנטלאָפענע אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען געקומען פון רוסלאַנד קיין פּאַריז, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ד. ה. אַז אין די ראַדיקאַלע קריַיזן, סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם, האָט מען שוין דעמלט הויך גערעדט וועגן די פאַרברעכנס פון דער סאָוויעטן־מאַכט. דאָך האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע שטייגער בלעטלער און בראָשורן צו באַרעכטיקן די פאַרברעכנס אין די לענדער, וואָס זענען באַהערשט פון די סטאַלינס און בעריאַס. דאָס האָבן געטאָן מענטשן, וועלכע האָבן פּלומרשט געוואָלט בויען דערמיט די נייַע סאָציאַליסטישע וועלט.

אין דער דערמאָנטער בראָשור א. ט. „דער אמת וועגן סלאַנסקי־פּראָצעס איז פּראָג" לייענט מען באַלד אין דעם אַריַינפיר,

אַז „די אינטערנאַציאָנאַלע קריגס־העצערישע פּרעסע מיט דער ציוניסטישער און בונדישער בראָש, האָבן אויף אַ בייזוויליקן אופן פאַרגעשטעלט דעם סלאַנסקי־פּראָצעס. די ייִדישע מאַסן — שרײַבן זיי ווײַטער — ווערן זיך אָפּשאָקלען פון די שענדלעכע ליגנס און בלבולים קעגן ראַטנפאַרבאַנד און די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענ־דער, כּדי צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר אַ נײַער וועלט־שחיטה". אונטערגעשריבן איז אַן אַנאָנימער: „ייִדישער דעמאָקראַטישער קאָמיטעט אין בעלגיע".

„סלאַנסקי און זײַן באַנדע — שרײַבן די מחברים פון דער בראָשור — זענען באַשולדיקט אין פאַרראַט קעגן טשעכישן פאָלק. דורך עדות און דאָקומענטן איז באַוויזן, אַז זיי האָבן אונטערגע־גראָבן די פּאָליטישע אָרדענונג אין לאַנד מיטן ציל צוריק אויפ־צושטעלן דעם קאַפּיטאַליסטיש־פעאָדאַלן רעזשים, פּונקט ווי טיטאָ האָט עס געמאַכט אין יוגאָסלאַוויע".

אין דער דאָזיקער פּראָפּאַגאַנדע־„ליטעראַטור" זענען אָנגע־וואָנדן געוואָרן אַלטע באַקאַנטע סלאָגאַנען, מסתּמא דיקטירטע דורך אַ סאָוויעטישן פונקציאָנאַר „אידעאָלאָגיש" צו באַדינען די דאָרטיקע סטאַליניסטן.

„פאַר וואָס אַזאַ צאָל ייִדן באַשולדיקטע אין סלאַנסקי־פּראָצעס?" — פרעגן זיי — און ענטפערן אַליין: „עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס צו דער שפּיאָנאַזש־אַרבעט האָט מען אָוועק־געשטעלט [ווער האָט עס אָוועקגעשטעלט?] אַ גרעסערע צאָל ייִדן".

— „ערשטנס — קלערן זיי אויף — ווײַל אויף אַ ייִד איז ווייניקער געפאַלן אַ חשד, אַז ער דינט דעם היטלעריסטישן פאַשיזם". איר פאַרשטייט אַ לשון פון חסר־דעהדיקע ייִדישע קאָמוניסטן?

זיי האָבן טאַקע אויף אַן אמת געגלייבט, אַז סלאַנסקי און זײַנע ייִדישע חברים זענען געווען היטלערס אַגענטן. די דאָזיקע אַרגומענטן האָבן, ווײַזט אויס, געדאַרפן דינען ווי אַ מסירה־קאָ־מענטאַר צו הילף דער סטאַליניסטישער פּראָקוראַטור אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע. דערצו האָבן זיי נאָך צוגעגעבן, אַז „ייִדן האָבן זיך

בעסער צוגעפּאַסט צו שפּיאָנאַזש־אַרבעטן צוליב זייערע פאַרבינ־דונגען מיט יידישע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס, ווי „דזשוינט" און ציוניסטן, פּונקט ווי די קאַטוילישע צענטערס אין אונגאַרן און פּוילן". אַלע 15 זײַטלעך פון דער בראָשור זענען אָנגעפּילט מיט אַזעלכע שטייגער בלימעלעך, וואָס עס איז אַן אומכּבֿוד זיי איבער־צוחזרן.

אַז מען לייענט אַזאַ מ׳שטיינס געזאָגטע „ליטעראַטור", קאָן מען נישט מסכּים זײַן מיט די טענות אין אויבנדערמאָנטן בריוו, מיר ווייסן, אַז עס האָט זיך אין משך פון דער לעצטער צײַט אַ סך געענדערט אין ס׳רוב אייראָפּעישע קאָמוניסטישע פּאַר־טייען. עס גלייבט זיך דעריבער נישט, אַז די מוחות פון די דאָזיקע יידישע סטאַליניסטן, בלינדע פּאַרטיידיקער פון דער אויסטערלישער פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד, זאָלן נאָך אַלץ נישט פעיִק זײַן צו באַנעמען דעם טראַגישן אמת אויך פון די פאַרפאָלגונגען פון יידישן ישוב אין סאָוויעט־רוסלאַנד בכלל און פון פּראַקטיצירטן אַנטיסעמיטיזם אין טייל סאַטעליטן־לענדער, ווי פּוילן און אַנדערע.

נאָכן טויט פון סטאַלינען האָט מען געקענט מיינען, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד וועט ווידער צוריקגעשטעלט ווערן אַ מענטשלעכע אָרדענונג. די האָפענונגען זענען געשטאַרקט געוואָרן מיט דער רעהאַביליטאַציע פון די גרונדלאָז באַשולדיקטע דאָקטוירים, די באַפרײַונג פון פיל אַרעסטירטע, און צווישן זיי אַ סך יידן, וואָס זענען אומזיסט פאַרפאָלגט און פאַראורטיילט געוואָרן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז עס וועט אַרײַנטרעטן אַ נאָרמאַליזאַציע פון די באַדינגונגען אין דער אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק פון ראַטנפאַרבאַנד.

לײדער האָט זיך דאָרט ווייניק וואָס געענדערט צום בעסערן. ווײַטער ווערן פאַרפאָלגט די פרײַהייט־קעמפער, די סאַכאַראָווס, און עס ווערן פאַרמשפּט אויף לאַנגע יאָרן טורמע און פאַרשיקונג די שטשעראַנסקיס פאַר וועלן עמיגרירן קיין ישׂראל. אויך אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט זיך גאָרנישט געענדערט. די טשעכן פון

„קאַרטע־77" ווערן כסדר פאַרפאָלגט און פאַרמאַכט אין די תּפיסות. נאָך דעם סלאַנסקי־פּראָצעס און נאָך דעם אַריַינמאַרש קיין פּראָג פון די טאַנקען פון „וואַרשעווער פאַקט", שטייט וויַיטער דאָס טשעכישע פאָלק גרייט אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם מיט אַ מענטשלעך פּנים.

5.9.1978

דערמאָנונג וועגן דער פאַרמלחמהדיקער קאָמוניסטישער פאַרטיי אין פוילן

די טעמע קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פאַרמלחמהדיקן פוילן איז נישט קיין לײַכטע מיט איר זיך צו פאַרנעמען. די סיבה דערפון איז, וואָס עס איז כּמעט נישט פאַראַן קיין געשריבענע מאַטעריאַלן פון איר טעטיקייט, דערהויפּט צוליב איר שטענדיקער אומלעגאַל־קייט. אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ איז די דאָזיקע פאַרטיי געווען פאַרבאָטן דורך דער פוילישער רעאַקציאָנערער רעגירונג. זי איז דעריבער געצוווּנגען געווען צו פירן אַן אומלעגאַלע, אונטערער־דישע אַרבעט. געווען כּסדר פאַרפאָלגט דורך אַ ספּעציעלן פּאָלי־צייִשן אַפּאַראַט. קיין שום פאַרצייכענונגען, נאָטיצן צי פּראָטאָ־קאָלן פון איר טעטיקייט האָבן זיך נישט געטאָרט געפינען בײַ קיינעם. דאָס וואָלט דער געהיים־פּאָליציי פאַרלײַכטערט צו אַנט־דעקן די אומלעגאַלע פאַרטיי־קעמערלער איבערן גאַנצן לאַנד. די פוילישע תּפיסות זענען אַזוי אויך שוין געווען פול מיט אַ סך טויזנטער מיטגלידער פון דער דאָזיקער פאַרטיי. נאָך אַלע פּאָלי־טישע אומוואַנדלונגען פון דער גענוג דינאַמישער באַוועגונג, איז הײַנט נישטאָ קיין אָפיציעלע דאָקומענטן, אויף וואָס אָנצושפּאַרן די געשיכטע פון איר פאַרגאַנגענהייט.

בלויז אין ראַטנפאַרבאַנד, אין קאָמאינטערן, קאָנען זיך געפי־נען אַזעלכע דאָקומענטן פון איר אַרבעט. אַ סך מיטגלידער פון דער פוילישער אָנפירונג זענען דאָרט יאָרנלאַנג געווען באַשעפ־טיקט אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען אין שײַכות מיט דער פאַרטיי־טעטיקייט אין לאַנד. אַזעלכע מאַטעריאַלן געפינען זיך זיכער אין די אַרכיוון פון געוועזענעם קאָמאינטערן, צו וועלכע פוילן האָט

אָבער נישט קיין פריַיען צוטריט. צו מאַטעריאַלן, וועלכע קומען פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פוילן, כּדי פון זיי צו געניסן בײַם אַרבעטן איבער דער געשיכטע פון דער קאַ־פע־פע, דאַרף מען זיך נישט באַציען מיטן גאַנצן ערנסט, צוליב די אָפט איבערגעטריבענע באַ־ריכטן, וועלכע זענען אַהין געשיקט געוואָרן פון פוילן דורך דער אָנפירונג, וועגן דער אַדורכגעפירטער פּאָליטישער אַרבעט אין לאַנד. אויך די מאַטעריאַלן, וואָס דערשײַנען אין פוילן אין משך פון די יאָרן וואָס עס הערשט דאָרט די וואַרשעווער „פאָלקסמאַכט״, זענען אין אַ גרויסער מאָס געענדערט און צוגעפּאַסט צו זייערע הײַנטיקע פּאָליטישע באַדערפענישן.

ערשט דער פוילישער „זאַקלאַד היסטאָריִי פּאַרטיִי״ („פּאַר־טייִיש היסטאָרישער אַנשטאַלט״) בײַם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פוילישער „פּאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי״ מאָנטירט איצט אַזעלכע מאַטעריאַלן מיט דער הילף פון דעראײנערונגס־ביכער, געשריבענע דורך געוועזענע קאָמוניסטן, און טיילוויַיז דורך אויסהערן מענטשן פון געוועזענעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט. ווי באַוווּסט, איז הײַנט ווייניק פּאַראַן אַזעלכע, ווײַל דער אָנפירנדיקער שטאַב פון דער קאַ־פע־פע איז אין די יאָרן 1933—1938 אין רוסלאַנד פאַרטיליקט געוואָרן דורך דער סטאַליניסטישער מאַכט.

באַלד נאָך דעם ווי איך בין, נאָך סטאַלינס עוקר ווערן, „רע־האַביליטירט״ געוואָרן, בין איך זיי אויך צו נוץ געקומען אויף דעם געביט. דער „זאַקלאַד היסטאָריי. פּאַרטיי״ פלעגט מיך רופן אַהין צו שמועסן, דער עיקר וועגן דער טעטיקייט פון געוועזענעם „ייִדישן ביוראָ״. מען קאָן זיך דעריבער פאָרשטעלן ווי גרויס עס איז דער מאַנגל פון היסטאָרישע מאַטעריאַלן, אַז זיי זענען אַפילו געצוווּנגען צו געניסן פון דער הילף פון „אָפּאָזיציאָניסטן״, אָדער ווי זיי רופן אַזעלכע, פון די „פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס״.

איידער איך האָב פאַרלאָזט פוילן, בעת דעם לעצטן ייִדן־גירוש, בין איך דעם 22־סטן אַפּריל 1967, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע

געוועזענע טוער, איינגעלאַדן געוואָרן דורך דעם זעלבן „היסטאָ־ רישן אַנשטאַלט" אויף אַ צוזאַמענטרעף. מיר האָבן אין דער אַנוועזנהייט פון די דאָרטיקע היסטאָריקער אַרומגערעדט פראַגן, וועלכע זיי האָבן געשטעלט, ווי למשל: וואָס עס האָבן געטאָן די יידישע קאָמוניסטן נאָכן אויפלייזן די פאַרטיי; וואָס איז געווען די ראָלע פון די געקומענע דעלעגאַטן פון ראַטנפאַרבאַנד קיין פוילן אויף צו שאַפן אַ נייַע פאַרטיי אויפן אָרט פון דער ליקווי־ דירטער, און וועגן דעם מאָרד איבער דעם ערשטן סעקרעטאַר פון דער פּע־פּע־ער („פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי"), בעת דער דייַטשער אָקופּאַציע, מאַרצעלי נאָוואָטקאָ, וועלכער איז דערשאָסן געוואָר נישט דורך דער דייַטשער געסטאַפּאָ, נאָר דווקא דורך זייַנע אייגענע פּאַרטיי־חברים.

אַלץ וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף דעם דאָזיקן צוזאַ־ מענטרעף איז אייַנגעשטעלט געוואָרן אויף אַ מאַגנעטאָפאָן־באַנד. שפּעטער האָט יעדער באַקומען צוגעשיקט אַהיים 2 עקזעמפּלאַרן, איבערגעשריבענע אויף אַ שרייַבמאַשין. איינעם האָט מען געדאַרפט אונטערשרייַבן און צוריק אָפּשיקן. דעם אַנדערן פאַרהאַלטן פאַר זיך אַליין. בעת מייַן עמיגרירן פון פּוילן, אין דעצעמבער 1969, איז מיר געלונגען מיט זיך מיטצונעמען איין אַזאַ דאָקומענט. דאָס פאַרלאַנגט אָבער אַ באַזונדערע באַהאַנדלונג.

אַזוי־ערנאָך ווערט הייַנט געעפנט דאָס בלעטל געשיכטע פון דער געוועזענער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן, וועלכע איז אין יאָר 1938 געוואָרן „אויפגעלייזט", ליקווידירט דורך דעם קאָמאינטערן.

✶

די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אויפגעלייזט געוואָרן נישט דורך איר אייגענעם צענטראַל־קאָמיטעט ווי עס געשעט אין אַזאַ פאַל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זי איז ליקווידירט געוואָרן דורך דעם קאָמאינטערן, וועלכער האָט ביז זייַן אייגענער ליקווי־

דאַציע, אין יאָר 1943, פונקציאָנירט אין מאָסקווע אונטער דעם סטאַליניסטישן דיקטאַט.

די קאַ־פּע־פּע איז טראַקטירט געוואָרן ווי זי וואָלט געווען אַ רוסישע אָרגאַניזאַציע, און נישט אַלס אַ באַוועגונג פון אַן אַנדער, פרעמד לאַנד. די דאָזיקע פּאַרטיי איז בעת איר טעטיקייט פינאַנסירט געוואָרן דורך דעם ראַטנפאַרבאַנד. דעריבער, ווייזט אויס, איז געווען צו איר פונקט אַזאַ סאָרט חוצפה ווי צום דאָרטיקן באָלשעוויזם.

נאָרמאַל גענומען, האָט די קאַ־פּע־פּע, פאַר אירע בלומרשטע „זינד", בלויז געדאַרפן באַזייטיקט ווערן ווי די סעקציע פון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, אָבער אין קיין פאַל נישט ווערן ליקווידירט אַלס אַזעלכע.

די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן נאָך דער אויפלייזונג נישט געקאָנט מער פירן קיין שום פּאָליטישע פּאַרטיי־אַרבעט ביי זיך אין לאַנד. דאָס איז זיי געוואָרן פאַרבאָטן. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן, נישט געהאַט דערביי קיין שום דעה. ער האָט בלויז געדאַרפט, ווי אַלע מאָל, אויספירן די דירעקטיוון פון מאָסקווע. אין די יאָרן פון דער סטאַליניסטישער הערשאַפט איז די קאַ־פּע־פּע נישט געווען קיין זעלבשטענדיקע באַוועגונג. זי האָט פיגורירט אונטערן אַלטן נאָמען, כדי אַריינצופירן אין טעות די אַרבעטער אין לאַנד, וועלכע זענען נאָך געווען געבונדן מיט די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט.

אַז די דאָזיקע פּאַרטיי איז פאַקטיש נישט געווען זעלבשטענדיק באַשטעטיקט דער אָפיציעלער „אָנשטעל", וועלכן זי האָט באַקומען פון קאָמאינטערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אויפלייזונג. ער לויטעט: „תיכף־ומיד איבעררייסן אַלע קאָנטאַקטן, אָפּשטעלן יעדער פּאָליטישער טעטיקייט אין נאָמען פון דער פּאַרטיי, ברייט פּאָפּולאַריזירן דעם פאַקט פון איר ליקווידאַציע. ווער עס וועט ווייטער זיין טעטיק, וועט באַטראַכט ווערן אַלס פּראָוואָקאַטאָר.

די פוילישע קאָמוניסטן זענען אין דער דאָזיקער לאַגע נישט געווען פּאַראַיינזאַמט, ווײַל אויך אַנדערע אַזעלכע פּאַרטייען, אָנגעשלאָסענע אין קאָמינטערן, זענען בלויז געווען אויספירער פון סטאַליניסטישע באַפעלן. אין דער זעלבער צײַט, מיט דעם זעלבן דעקרעט צו ליקווידירן די קאַ־פּע־פּע, האָט דער קאָמאינטערן אויך „אויפגעלייזט" נאָך דרײַ אַזעלכע פּאַרטייען: די אונגאַרישע, די יוגאָסלאַווישע און די פּאַלעסטינער פּאַרטיי. צוזאַמען פיר קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1938, האַרט פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין סעפּטעמבער 1939 יאָר.

די ליקווידאַציע פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, דווקא בעת דעם „זיגרײַכן אויפמאַרש פון דײַטשן פאַשיזם צו דער טויזנטיאָריקער הערשאַפט", האָט פאַרלײַכטערט דעם אָנפאַל און די אָקופּאַציע פון די היטלעריסטישע חיילות אין די דאָזיקע לענדער. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט און אַפילו אין גאַנצן אָפּגעטויט דעם קאַמפּסווילן בײַ די דאָרטיקע מאַסן קעגן פאַשיזם.

דער ראַטנפאַרבאַנד האָט דעמלט זיך פאַרבונדן מיט אַ פּאַקט מיט נאַצי־דײַטשלאַנד, און ווי אַ שותּף אָנטייל גענומען אין דער אָקופּאַציע פון אַ טייל פּוילישע שטעט.

אין די מאָטיוון אויפצולייזן די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט דער קאָמאינטערן אָנגעגעבן, אַז: „די אָנפירונג אירע, דער צענטראַל־קאָמיטעט, איז באַהערשט פון פײַנטלעכע עלעמענטן, פון פּיל פּראָוואָקאַטאָרן, און אַז די ייִדן אין דער פּאַרטיי זענען באַאײַנפלוסט פון טראָצקיזם". דער דאָזיקער אופן פון באַשולדיקן אַ פּאָליטישע באַוועגונג, און דערצו נאָך אַזאַ, וואָס איז געווען יאָרנלאַנג די סעקציע פון קאָמאינטערן, האָט דערמאָנט אין די עפּיטעטן און געוואַלדטאַטן, וועלכע זענען אָנגעוואַנדן געוואָרן לגבי דער באָלשעוויסטישער אינטעליגענץ, די שעפער און אָנטיילנעמער אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

פאַר וואָס עפּעס גראָד ערב דער פאַשיסטיש־דײַטשער מלחמה אין אייראָפּע איז דער קאָמאינטערן אַרויסגעקומען מיט דעם סאָרט באַשולדיקונגען קעגן דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי? אויב דאָס וואָלט פאַקטיש געווען אמת, אַז די פירער פון דער דאָזיקער פּאַרטיי זענען פּראָוואָקאַטאָרן, דינען דער פּוילישער רעאַקציאָנערער רעגירונג, וואָלטן זיי דאָך פון לאַנג שוין וועגן דעם געוווּסט, ווײַל פּאַראַלעל צום אומלעגאַלן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־אַפּאַראַט האָט, פון די 20־ער יאָרן אָן, באַלד נאָכן „אָקטאָבער" אין פּוילן, שוין עקזיסטירט נאָך אַן אונטערערדישער אַפּאַראַט — דער סאָוויעטישער.

„וועגן זײַן עקזיסטענץ האָט בלויז געוווּסט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָ־פּע־פּע. וועגן זײַן טעטיקייט איז אויך, פון צײַט צו צײַט, באַריכטעט געוואָרן אויפן צ.ק., אָבער דאָס איז געבליבן שטרענג קאָנספּיראַטיוו און מען האָט דאָס נישט געטאָרט ווײַטער אַרויסטראָגן" — דערציילט אין זײַן בוך א.ט. „די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע", דער געוועזענער מיטגליד פון דעם צ.ק. פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פּ. מינץ, „אַלעקסאַנדער". „פון די דאָזיקע באַריכטן האָבן מיר זיך דערוווּסט", שרײַבט ער, „וואָס עס קומט פאָר אין דער פּוילישער פּאָליטישער פּאָליציי און אין פאַרשידענע פּוילישע מיניסטעריומס, וועגן זייער פינאַנסיעלן מצב, וועגן צושטאַנד פון דער קריגס־פּראָדוקציע און אַז"וו. באַזונדערס אינטערעסאַנט זענען געווען די באַריכטן וואָס עס קומט פאָר אין די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען אין לאַנד".

„דער דאָזיקער אַפּאַראַט, אָדער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע אַרבעטן. דאָס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן פון די באַריכטן, וואָס מיר האָבן אויסגעהערט אויפן צ.ק. וועגן זײַן טעטיקייט. און איך קען אָן שום איבערטרײַבונג פעסטשטעלן, אַז דער סאָוויעטישער אונטערערדישער אַפּאַראַט האָט מער גע־

ווּסט וואָס עס קומט פאַר אין פוילן ווי דער צ.ק., וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פון לאַנד און ער האָט אויסגעפירט אַ גאַר וויכטיקע אַרבעט פאַר דער מאָסקווער רעגירונג".

פון דעם אויבן ציטירטן דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז די מיאוסע באַשולדיקונגען קעגן די פוילישע קאָמוניסטן זענען בלויז געווען אַ פּרעטעקסט צום אויפלייזן זייער פּאַרטיי און אויסצומאָרדן אירע פירער, און נישט נאָר די פירער אַליין, ווייל וואָס עס וועט נאָך זיין אַ רייד.

נאָכן ליקווידירן די וויכטיקסטע באַלשעוויסטישע טוער איז דעם סטאַליניזם נייטיק געווען אויך צו מאַכן אַ סוף מיט דער קאָ־פּע־פּע און איר שטאַב. די רעאַליזאַטאָרן פון דער דאָזיקער מאָרד־אַרבעט האָבן, זעט אויס, גוט געקענט דעם טראַדיציאָנעלן היסטאָ־רישן, געמיינשאַפטס־בונד צווישן דעם רוסישן און פוילישן פּראָ־לעטאַריאַט פון אַלע צייטן, ווען עס האָט זיי פאַרבונדן דער גע־מיינזאַמער באַפרייונגס־קאַמף, בעתן הערשן פון צאַריזם אין רוס־לאַנד. פוילן איז יאָרנלאַנג געווען אָקופּירט, איז אונטערדריקט געוואָרן צוגלייך מיטן רוסישן פאָלק. דעריבער האָט דער סטאַליניזם מיט זיין פאַרברעכן אויך געגרייכט צום פוילישן אַרבעטער־פאָלק, צו ליקווידירן די פוילישע אַרבעטער־באַוועגונג.

ווען דער קאָמאינטערן האָט באַשמוצט די פוילישע קאָמו־ניסטן, געמאַכט זיי פאַר פּראָוואָקאַטאָרן, זענען אין דער זעלבער צייט, ביי צען טויזנט פון זייערע חברים געווען פאַרשפאַרט אין די פוילישע תּפיסות פאַר דעם קאַמף, וואָס זיי האָבן געפירט קעגן דער פוילישער סאַנאַציע־רעגירונג לויט די דירעקטיוון פון זעלבן קאָמאינטערן.

זייער סימפּטאָמאַטיש איז אויך געווען די לעצטע „פּאָליטישע צוואה" פאַר דער ליקווידירטער קאָ־פּע־פּע, וועלכע איז איר דער־לאַנגט געוואָרן לויטן אַלטן שטייגער, ווי אַ דירעקטיוו. די צוואה איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע דריי פּונקטן:

1) קעמפן קעגן דער אויסערן־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג.
2) פירן אַ קאַמף פאַר אַ נייער וואַל־אָרדינאַציע.
3) פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן טראָצקיזם.

דאָס באַווייזט ערשט דעם פיינלעכן קאָמיזם פון דער סי־טואַציע. מען באַפעלט די אויסגעשלאָסענע פיינטלעכע עלעמענטן, די פּראָוואָקאַטאָרן, צו קעמפן קעגן דער פּוילישער רעגירונג, וועל־כע זיי דינען בלומרשט, און די טראָצקיסטן הייסט מען פאַרשאַרפן דעם קאַמף קעגן דעם זעלבן טראָצקיזם. די דאָזיקע לאָגיק איז אַזוי איבערצייגנדיק, פונקט ווי די לאָגיק פון די פאַלשע באַשול־דיקונגען אויף די באַוווסטע שענדלעכע מאָסקווער פּראָצעסן.

איז טאַקע די פּוילישע קאָמפּאַרטיי באַשטאַנען פון אַזוי פיל פּראָוואָקאַטאָרן, אַז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט מען געדאַרפן צוליב דעם אויפלייזן די גאַנצע לאַנד־סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל? דער ענטפער דע־רויף איז דאָך היינט שוין פאַר אַלעמען גענוג קלאָר. מען ווייסט גוט וועגן דער ראָלע פון סטאַליניזם, און אַז דער קאָמאינטערן האָט פונקציאָנירט בלויז אַלס שפּילצייג אין זיינע הענט.

כדי צו כאַראַקטעריזירן די אַנגעגעבענע, דורך דעם קאָמ־אינטערן, מאָטיוון פון אויפלייזן די קאַ־פּע־פּע, וועט נישט זיין איבערגעטריבן, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די פּאַרטיי איז אין יענער צייט אָפּגערייניקט געוואָרן פון די בעסטע, זעלבשטענדיק דענקנ־דיקע מיטגלידער. די פּאַרטיי האָט דעמלט איינגעהאַלטן אין אירע רייען נאָר אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען צו רעליגיעז־בלינדער געהאָרכזאַמקייט. זייער פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער ניוואָ האָט דעריבער געקאָנט פאַרלייכטערן דער פּוילישער דעפענסיווע איר אַרבעט צווישן אַזאַ שטייגער פּאַרטיי־מאַסע.

וואָס שייך די יידישע קאָמוניסטן, איז די באַשולדיקונג, אַז אַלע זענען אונטער דעם איינפלוס פון טראָצקיזם, אפשר נישט

געווען אין גאַנצן ווײַט פון אמת. אָבער נישט אַלע ווען די סטאַליניסטן האָבן געהאַלטן פאַר טראָצקיסטן זענען עס פאַקטיש געווען. יעדער איינער, וואָס איז נישט געווען קיין קאָמפּלעטער גולם און אויטאָמאַט אויסצופירן די „אָנשטעלן", איז געוואָרן געחתמעט און פאַרפאַלגט ווי אַ טראָצקיסט. איבעריקנס, דאָס שיקאַנירן, אין דעם פאַל די יידן, איז נישט געווען דערפאַר, ווײַל זיי זענען טראָצקיסטן, נאָר פשוט דערפאַר, ווײַל... זיי זענען יידן.

דאָס זענען אָבער נישט געווען די איינציקע סיבות פון דעם ליקווידירן די קאָ־פּע־פּע. דאָס איז נאָך נישט געווען דער וויכ־טיקסטער מאָטיוו, ווײַל נאָר אַזאַ סאָוויעטיש־נוצלעכע אַגענטור, נאָר אַזאַ סעקציע האָט אין קאָמאינטערן געקאָנט עקזיסטירן, וואָס האָט געבערענגט פּראַקטישע נוצן דער סטאַליניסטישער קליקע. אין טייל דעמאָקראַטישע לענדער אין אייראָפּע האָבן די קאָמוניסטן געקאָנט שאַפן בלאָקן מיט געוויסע רעכטע פּאַרטייען. די קאָ־פּע־פּע, וועלכע האָט פונקציאָנירט אומלעגאַל, איז אין דער שפּאַ־נענדיקער ערב־מלחמה־לאַגע נישט געווען אין שטאַנד צו פאַר־בינדן זיך מיט דעם רעכטן פליגל פון די עקזיסטירנדיקע פוילישע פּאַרטייען און מיט זיי פירן געמיינזאַמע אַקציעס לטובת דעם ראַטנפאַרבאַנד — איז זי דעריבער געוואָרן איבעריק, אומנוצלעך און ליקווידירט.

די פוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען אויפן סמך פון אַ פאַראייניקונג פון דרײַ באַזונדערע לינקע סאָציאַליס־טישע גרופּירונגען. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק די רעוואָלוציאָנערע „אָקטאָבער"־געשעענישן אין רוסלאַנד אין יאָר 1917, אויף וועלכע אויך די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט האָט גע־קוקט און געלייגט גרויסע האָפענונגען, אויפן אָנהייבן בויען דאָרט אַ מאָדערנע מלוכה־אָרדענונג, וואָס וועט דינען אַלס מוסטער פאַר אַ בעסערער סאָציאַליסטישער וועלט. די פוילישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט דערמיט געוואָלט געבן איר צושטײַער, איר רעוואָלוציאָ־נערן צושטײַער צו אָט דער דאָזיקער בוויונג.

די נײַ אַנטשטאַנענע פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אויך געווען צווישן די 19 פּאַרטייען, וועלכע האָבן אין מערץ 1919 געשאַפן אין מאָסקווע דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל, דעם אַזוי גערופענעם קאָמאינטערן, וועלכער האָט זי שפּעטער, ווי דערמאָנט, אויף אַ ברוטאַלן אופן ליקווידירט.

די קאָ־פּע־פּע איז אַנטשטאַנען דעם 16־טן דעצעמבער 1918. ביז איר ליקווידאַציע אין 1938 האָט זי שוין געהאַט עקזיסטירט גאַנצע 20 יאָר צײַט אומלעגאַל, אונטער אַ שטאַרקן טעראָר פון די פּוילישע מאַכטהאָבער. די פּוילישע תּפיסות און די דעפענסיווע־אַגענטן זענען געווען עדות פון נישט איין גרויליק בילד פון טאָר־טורן און מאָרדן איבער פּאָליטישע אַרעסטירטע.

קיינער איז נישט בכּוח אָפּצושאַצן די צאָל אומגעקומענע, וואָס זענען געשטאָרבן פון הונגער־שטרײַקן און פון טובערקולאָז־קרענק, באַקומענע אין די תּפיסות. קיינער איז נישט אין שטאַנד אָפּצושאַצן די אומגעהויערע גרויסע צרות, וואָס עס איז אויסגע־שטאַנען, אין משך פון די יאָרן, דער בעסטער טייל פון פּוילישן פּראָ־לעטאַריאַט און פון זײַן אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען אָרגאַני־זירט אין דער דאָזיקער פּאַרטיי.

די צוואַנציק יאָר פון קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן, פאַרן סאָציאַליזם אין פּוילן, האָבן זיך, לויט דער האַנדלונג פון קאָמ־אינטערן, אַרויסגעוויזן פאַר איבעריק, פאַר נישט נייטיק, אַפילו פאַר שעדלעך. הונדערטער יונגע לעבנס זענען אומזיסט אומגע־קומען. דער דעקרעט פון קאָמאינטערן איז געווען ביזן סוף אַ ברו־טאַלער. ער האָט ציניש געמאָלדן די פּוילישע קאָמוניסטן, אַז מען דאַרף זיי נישט מער. זיי פאַרגעוואָרפן, אַז „עס ליגן זיי נאָך אין די מוחות אַלטע טראַדיציעס און אידעאַלן", פון וועלכע דער קאָמאינטערן האָט זיך שוין לאַנג באַפרײַט. הײַנט זענען אַנדערע צײַטן — האָט מען זיי געמאָלדן. איר זענט אַ שטערונג אין אונ־דזערע אויפגאַבן, דעריבער זוכן מיר אַנדערע פאַרבינדעטע...

אין ראַטנפאַרבאַנד איז דעמלט טאַקע פאַרגעקומען אַ גרויסע

מאַסן־שחיטה איבער פּוילישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד. טייל זענען „פאַרשוווּנדן", אַנדערע זענען גאַנץ אָפן אויסגעהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. נישט נאָר בלויז צענטראַלע טוער, וועלכע זענען צו דעם צוועק אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע, נאָר אַפילו פשוטע מיטגלידער און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַ סך יאָרן שוין געוווינט דאָרט און נישט געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער באַוועגונג, אויך זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן. עס ווערט געשאַצט, אַז ביי 8—10 טויזנט מענטשן זענען דעמלט אומגעקומען.

ערשט נישט לאַנג, אויפן סמך פון געוויסע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן ליסטעס מיט נעמען פון די פאַרפאָלגטע און אומגעברענגטע, אָבער נאָר פון אַזעלכע, וואָס עס לוינט זיך זיי צו דערמאָנען. מענטשן פון געוועזענעם צענטראַלקאָמיטעט, אָדער וויכטיקע אָנגעשטעלטע אין קאָמאינטערן און אין אַנדערע אינסטיטוציעס אין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער פּוילישער באַוועגונג. ביי 313 נעמען פון די דערהרגעטע קאָמוניסטישע טוער זענען אין די ליסטעס אָנגעגעבן מיט זייערע פּערסאָנאַליען און פּסעוודאָנימען, און פאַר וואָס זיי זענען אומגעקומען. ביים סוף איז ביי טייל אויך צוגעגעבן, אַז „ער איז געוואָרן רעהאַביליטירט". דאָס הייסט, אַז מען איז אים מוחל די נישט־באַגאַנגענע זינד, פאַר וועלכע ער ליגט אין דער ערד, איז דערמאָרדעט געוואָרן.

אַלס קורצע אילוסטראַציע, ווילן מיר דאָ איבערחזרן אייניקע דאָקומענטאַלע ביישפּילן לויטן פאַרשריבענעם סדר:

נומער 4) „אַלטער וויקטאָר (1890—1941). אַרעסטירט אין קאָוועל דעם 28־סטן סעפּטעמבער 1939, אויפן סמך פון נישט־באַגרינדעטע באַשולדיקונגען געוואָרן אין יולי 1941 פאַרמשפּט אויף טויט. די טויטשטראָף איז פאַרביטן געוואָרן אויף 10 יאָר תּפיסה. אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר באַפרייט געוואָרן. שפּעטער

צוזאַמענגעאַרבעט מיטן אַמבאַסאַדאָר פון דער פוילישער עמי־גראַציע־רעגירונג, סט. קאָט. דעם 4־טן דעצעמבער 1941, צוזאַמען מיט הענריק ערליך, אַרעסטירט געוואָרן אין קויבישאָוו און אין קורצן אומגעקומען. זיי געפינען זיך נישט צווישן די רעהאַביליטירטע נאָכן טויט. די דאָזיקע צוויי קרבנות פון סטאַליניזם זענען געווען די פירער פון פוילישן „בונד" און נישט געהאַט קיין שייכות צו די דערמאָרדעטע קאָמוניסטן.

נומער 6) „אַמסטערדאַם־הענריקאָווסקי סאַול (1897—1937). פון 1928 אין ראַטנפאַרבאַנד. פון 1930 אין פּאָליטישן ביוראָ פון קאַ־פּע־פּע. אין 1937, נישט ריכטיק געוואָרן אַרעסטירט און פאַר־משפּט אויפן סמך פון פאַלשע באַשולדיקונגען".

נומער 98) „דזבאַנעק חיים מאיר (1849—1892). ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה אין סעפּטעמבער 1939 איז ער אַוועק אויפן מזרח, געווען אין קאָוועל, ווו אויפן סמך פון אַ פאַלשער באַשולדיקונג, איז ער אין 1940 אַרעסטירט געוואָרן". אַ גוט באַ־קאַנטער טוער אין דער וואַרשעווער באַוועגונג צווישן ייִדן, אַ פאַרביסענער סטאַליניסט ביזן סוף. דאָס האָט אויך נישט גע־האָלפן.

נומער 121) „גזשעלטשוק פראַנטשישעק, פּסעוודאָנים מאַר־טשין גזשעגאָלעווסקי (1881—1937). געווען אַ פּאָליטיש אויס־געטוישטער. פון תּפיסה איז ער געקומען קיין ראַטנפאַרבאַנד אין 1928. אַ מיטגליד אין פּאָליטישן ביוראָ אין דער קאַ־פּע־פּע. אין יאָר 1937 אומגעקומען אַלס אָן שום גרונד באַשולדיקטער".

נומער 130) „העמפּעל יאַן (1877—1937). פּובליציסט, לי־טעראַט, מיטאַרבעטער אין „טריבונאַ ראַדזשעצקאַ", אין „קולטוראַ מאַס". אַוועק אין... מאַי 1932 קיין ראַטנפאַרבאַנד, נישט קאָנענ־דיק זיך אומקערן אין לאַנד אַריין, ווו עס האָט אים געדראָט לאַנגע יאָרן תּפיסה". „אין יאַנואַר 1937 אַרעסטירט געוואָרן אויפן סמך פון אַ פּראָוואָקאַציע. נישט ריכטיק באַשולדיקט און דערהרגעט געוואָרן".

נומער 131) הערינג יעזשי, פסעוודאָנים יעזשי רינג (1937—1886). רעדאַקטאָר פון „אַרבעטער־קולטור" און „נייַע קולטור". אין די יאָרן 1922—1924. זינט 1937 אין ראַטנפאַרבאַנד. נישט ריכטיק באַשולדיקט און אומגעברענגט געוואָרן".

נומער 138) יאַשונסקי ברונאָ. דער ריכטיקער נאָמען, אַרטור זיסמאַן (1901—1939). שרייַבער, פובליציסט. אין דער צייַט פון סטאַלינישע פאַרפאָלגונגען, אַרויסגערוקט קעגן אים פאַלשע באַשולדיקונגען. באַזייַטיקט פון דער פאַרטיי און פון שרייַבער־פאַראיין. שפּעטער אין 31־סטן יולי 1937 אַרעסטירט. פאַרמשפּט געוואָרן אין 1938 אויף 15 יאָר לאַגער. געשטאָרבן דעם 16־טן דעצעמבער 1939. מוח־אָנצינדונג, וואָס איז געקומען פון אַ פלעק־טיפוס".

נומער 146) קאַגאַן אברהם מענדל. פסעווד. מרואַל רישאַרד, שערפינסקי (1938—1905). אין 1934 געווען מיטגליד אין לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון קאַ־פּע־פּע. „גערופן אין מאַי 1938 קיין מאָסקווע. געקומען אַהין דעם 15־טן אויגוסט אין דעם יאָר. אין ראַטנפאַרבאַנד געפאַלן אַ קרבן פון פּראָוואָקאַציע דעם 14־טן נאָוועמבער 1938".

אין דער פּוילישער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע", אונטערן צייכן: „פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי", ווערט דערציילט, אַז פון די 26 פירערס אין צענטראַל־קאָמיטעט, זענען 23 צווישן זיי געפאַלן קרבנות פון דער „רייניקונג". די איבעריקע דרייַ זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, ווייַל זיי זענען אין די יאָרן 1937—1938 געווען אין אַנדערע לענדער (י. ברון אין בריסל, פ. פידלער אין פּאַריז, א. לאַמפּע אין דער פּוילישער תּפיסה אין ראַוויטש, פּוילן).

עס איז צום באַוואונדערן, מען דאַרף גיכער רחמנות האָבן אויף דער חכמתדיקער „פּאָליטישער אָריענטאַציע" פון דער דאָזיקער אָנפירונג. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין דער גאַנצער וועלט איז שוין געווען באַקאַנט, וואָס עס געשעט אין מאָסקווע,

אַז די „רייניקונג־פּראָצעסן“ דינען בלויז אַלס געוויינלעכער דעק־מאַנטל אויסצומאָרדן די באָלשעוויסטישע אינטעליגענץ, האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אויף זיין פּלענום אין פעברואַר 1937 נאָך אַלץ אונטערגעטראָגן קיין מאָסקווע לויב־רעזאָלוציעס: אַז זיי „באַגריסן מיט אָנערקענונג די ריכטיקע אורטיילן קעגן די רענע־גאַטן פון סאָציאַליזם און פאַשיסטישע דיווערסאַנטן“.

כאָטש זיי האָבן שוין גוט געוווסט, אַז אין מאָסקווע זענען זייערע חברים אַרעסטירט און ווערן דאָרט אויך דערהרגעט, און אַז זיי אַליין זענען שוין „איינגעלאַדן“ צו קומען אין זעלבן מאָס־קווע, האָבן זיי נאָך אַלץ געגלייבט, אַז זיי וועט דאָרט גאָרנישט געשען און האָבן ווייטער געטאָן זייער אַרבעט (דער צ.ק. האָט די לעצטע יאָרן פונקציאָנירט אין פּאַריז).

אין אַפּריל און יוני 1938, שוין גאָר נאָענט פון „אויפלייזן“ די פּאַרטיי, האָבן זיי נאָך אַרויסגעלאָזט צוויי אויפרופן, וועלכע האָבן ביים סוף זיך געענדיקט מיט די לאָזונגען:

„זאָל לעבן דער געניאַלער פירער פון די אַרבעטער־מאַסן פון דער גאַנצער וועלט, חבר סטאַלין!“

„זאָל לעבן דער געניאַלער לערער פון די פעלקער, קעמפער פאַר שלום, דער חבר סטאַלין!“

בעת דער מאַסן־שחיטה איבער דער פּוילישער באַוועגונג אין ראַטנפאַרבאַנד האָבן זיי גלייכצייטיק אויך אָנגעהויבן אַ פּרווו צו מאָנטירן אין פּוילן אַ נייע אָרגאַניזאַציע אויפן אָרט פון דער ליקווידירטער. פאַרשטייער פון ראַטנפאַרבאַנד האָבן אין וואַרשע געפירט געשפּרעכן נאָר מיט אַזעלכע, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געשפּילט קיין שום ראָלע אין דער באַוועגונג. דאָס זענען גיכער געווען האַלבע, אָדער גאָר גאַנצע פּאָליטישע אַנאַלפאַבעטן (זיי האָבן אויך גערעדט מיט דעם זעלבן פאַרשוין, וואָס ווערט באַ־שולדיקן אין אַנטייל אין פאַל, גרשון דוא־באָגען).

צום אַנטשטיין פון אַזאַ פרישער פּאַרטיי־אַגענטור איז דעמלט נישט דערגאַנגען. דאָס דאָזיקע איז ערשט רעאַליזירט געוואָרן

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1942, מיטן שאַפן פון דער פּע־פּע־ער (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי), היינט פּע־זעט־פּע־ער (פּוילישע פּאַראייניקטע אַרבעטער פּאַרטיי).

בעת דעם באַרימטן 20־סטן פּלענום אין יאָר 1956 אין מאָס־קווע, האָבן פינף קאָמוניסטישע פּאַרטייען: די סאָוויעטישע, אי־טאַליענישע, בולגאַרישע, פינלענדישע און די פּוילישע, אָנערקענט, אַז די באַשולדיקונגען פון געוועזענעם קאָמאינטערן קעגן דער קאַ־פּע־פּע, זענען אָן שום גרונט און זי רעהאַביליטירט. מען דאַרף דערביי אויך נישט פאַרגעסן, אַז די זעלבע פּאַרטייען, ווי די סעק־ציעס פון קאָמאינטערן, האָבן בעתן באַשמוצן די פּוילישע קאָמו־ניסטן דעמלט דאָרט אויך נישט געהאַט קיין שום דעה, ווייל אויך זיי זענען געווען בלויז אויספירער פון די סטאַליניסטישע „אָנ־שטעלן".

יוליאַן טאָקאַרסקי, מחבר פון פּוילישן בוך א. ט. „ווייטע און נאָענטע", דערשינען אין 1973 אין וואַרשע, שרייבט: „ערשט אין 1956, האָט מען דאָס אויפלייזן די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אָנערקענט אַלס פעלער און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם רעהאַביליטירט די קרבנות. דאָס דאָזיקע איז געשען פאַר דער מערהייט שוין נאָך זייער טויט. איך וויל אָבער נישט שרייבן איצט וועגן די ווייטיק־דיקע פראַגן". י. טאָקאַרסקי איז אַ געוועזענער מיניסטער אין היינטיקן פּוילן. אַליין אויך געווען אַ קאָמוניסט פאַר דער מלחמה, איז פול מיט ווייטיק און איז פאָרזיכטיק עפנטלעך זיך אַרויסצוזאָגן.

פיל ליטעראַטור האָט זיך לעצטנס באַוויזן וועגן די דאָזיקע נישט־היימלעכע פּראָבלעמען. אַלע ביכער זענען אָבער פול מיט איינגעהאַלטנקייט, מיט נישט־דערזאָגונגען. דאָס געשעט אַזוי צו־ליב פּשוטער מורא פאַר דער דאָרטיקער פּוילישער מאַכט, דעם סאַטעליט פון ראַטנפאַרבאַנד.

דאָקומענטן וועגן טייל געשיכטע זענען נאָך אַלץ אונטער דעם פאַרשלאָסענעם אַרכיוו־קאַסטן, וועלכער געפינט זיך ביי די

בעלי־בתּים אין ראַטנפּאַרבאַנד. גוט איז, וואָס עס זענען נאָך אַלץ דאָ געוויסע שאַנסן זיי צו דערגרייכן. ערגער איז מיט דער אייגנט־לעכער געשיכטע פון דער קאַ־פּע־פּע אין לאַנד גופא, וועגן דעם איז אַפילו נישטאָ קיין סימנים אויף אַזעלכע האָפענונגען.

צו דער געשיכטע פון פאַרביסענעם סטאַליניסטישן פּלאַן צו ליקווידירן אַלע פּוילישע קאָמוניסטישע טוער, וועט ווערט זײַן צו דערמאָנען נאָך איין אינטערעסאַנטן פאַקט פון יענער פינצטערער צײַט. איידער נאָך דאָס וואַרשעווער געטאָ איז פאַרמאַכט געוואָרן מיט דעם פאַרדראָטעוועטן מויער, אין אָנהייב 1940, האָט די דײַטשע געסטאַפּאָ אַרומגעזוכט הערש־מענדלען (שטאָקפּיש), דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון דעם צע־י־בע (צענטראַלן יידישן ביור־ראָ בײַ דער קאַ־פּע־פּע, און שפּעטערדיקן אָפּאָזיציאָנער). ער איז, צו זײַן גליק דעמאָלט נישט געווען אין פּוילן. די געסטאַפּאָ איז אָפּט געקומען אין זײַן דירה אַרײַן אויף דער גענשע גאַס נומער 103 אין וואַרשע, און כּסדר זיך אויף אים נאָכגעפרעגט. זײַן פרוי, מרים שומיק, האָט דעריבער מורא געהאַט אויך פאַר איר אייגן לעבן און געוווינט אין אַן אַנדערער דירה. מען דאַרף גוט באַנעמען די דעמאָלטיקע פאַרבינדונגען צווישן די צוויי לענדער מיט אַזעלכע פאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קאָנטראַסטן.

די געסטאַפּאָ האָט צוגעהאָלפן דעם ראַטנפאַרבאַנד אויפצו־זוכן די פּוילישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַליין זיך צושטעלן קיין מאָסקווע, כּדי דאָרט דערהרגעט צו ווערן. מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז די היטלעריסטן האָבן אין געטאָ זיך נישט פאַר־נומען מיטן אויפזוכן די יידן מיט אַ פאָליטישער פאַרגאַנגענהייט, ווײַל אַלע זענען דאָך סײַ־ווי דורך זיי שוין געווען פאַרמשפּט צום טויט. אויב האָבן זיי פאָרט אַזעלכן געזוכט, איז דאָס מסתּמא געווען לויט אַ ספּעציעלער אויפגאַבע, פאַר קעגנזײַטיקער שביעת רצון.

די געשיכטע פון ליקווידירן די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַר־טיי און אויסמאָרדן אירע פירער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומ־

היימלער בילד, נישט בלויז פאַרן פוילישן אַרבעטער־פאָלק אַליין, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע אַרבעטער־באַוועגונגען. בלויז די חסידים פון סטאַליניסטישן חדר שטערט דאָס נישט מיט גאָרנישט. דאָס רירט זיי קנאַפּ־וואָס אָן. געוויס דערפאַר, ווײַל זיי באַנעמען נישט דעם גרויסן היסטאָרישן שאָדן, וואָס עס איז דערמיט, און נישט נאָר דערמיט אַליין, געשען דער אַרבעטער־וועלט איצט אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט.

דאָס דערמאָנען הײַנט די געשיכטע פון „אויפלייזן" די פּויליש קאָמוניסטישע פּאַרטיי מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק איז נייטיק דערפאַר, ווײַל דאָס דאָזיקע געשעעניש איז נישט אָפּגעריסן פון דער אַלגעמיינער אַרבעטאָרישער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער לאַגע. די פּאַטאַלע געשעענישן און מעשׂים קעגן אָקטאָבער האָבן אין אַ גרויסער מאָס אויך גורם געווען צום צערינען זיך פון די וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע פּערספּעקטיוון פאַר דער אַרבעטער־זאַך. דאָס באַטײַט אַ גאָר ערנסטן צוריקשטויס פון דער אַרבעטער־און אַלגעמיין־מענטשלעכער געשיכטע אויף לאַנגע, לאַנגע צײַטן.

דער קאָמאינטערן עקזיסטירט שוין נישט מער. דער בעל־דבר, סטאַלין אַליין, איז אויך שוין טויט, אָבער בלויז פיזיש טויט. דער גײַסט זײַנער לעבט ווײַטער אין דעם הײַנטיקן שטאַב מאַכטהאָבער אין ראַטנפאַרבאַנד. דאָס דאָזיקע באַקרעפטיקט דער לעצטער פאַקט פון עפנטלעכן דערמאָנען, און אַפילו אויך לויבן סטאַלינען, דורך דעם נײַעם פּאַרטיי־שעף, מיכאַיל גאָרבאַטשאָוון בײַ דער פײַערונג אין מאָסקווע, צו די 40 יאָר זינט דעם זיג אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווי מען זעט, איז דאָס בלעטל היסטאָריע פון דעספּאָטישן סטאַליניזם ווײַט נאָך נישט פאַרענדיקט.

זייער ריכטיק איז דעריבער געווען די אָפּשאַצונג פון געווע־זענעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער איטאַליענישער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, פּאַלמירא טאָליאַטי. ווען כרושטשאָוו האָט, אין זײַנער צײַט, די שולד פון סטאַליניסטישן פאַרברעכן געוואָלט וואַרפן אויסשליסלעך נאָר אויפן „פּערזאָנען־קולט" אַליין. פּ. טאָ־

ליאַטי האָט רעאַגירט דערויף און דערקלערט, אַז: „די שולד טראָגט דער גאַנצער אַנפּירנדיקער אַפּאַראַט פון סיסטעם".

פון דעם אויבן באַרירטן דרינגט אַרויס די מסקנה, אַז צו דערגרייכן אַ באמת פרייַע סאָציאַליסטישע וועלט, דאַרף דער אַר־בעטער־קלאַס אויף ס'נייַ בויען זייַנע כּוחות, נעמען דעם פּאָליטישן קאַמף אין די אייגענע הענט אַרייַן. אַנדערש וועט ער נישט דער־גרייכן דעם עצם־ציל צו באַפרייַען זיך פון דער רעאַקציע־מאַכט און רעליגיעזן פאַנאַטיזם, דורך וועלכע די גאַנצע וועלט איז הייַנט שטאַרק באַהערשט, און וועלכע טרייַבן די וועלט צו אַ נוקלעאַרער קאַטאַסטראָפע.

דאָס אייגנטלעך וואָלט געדאַרפט זייַן דער ציל פון די איצט דאָ פאַרעפנטלעכע ידיעות און באַטראַכטונגען.

בייַם סוף דאַרף מען אונטערציען דעם סך־הכּל פון קווינטעס־סעציאַנעלן אמת, אַז דאָס פאַרניכטן די פּוילישע קאָמוניסטן און די ליקווידאַציע פון זייער פּאַרטיי איז פאַרגעקומען באַנאַנד מיטן פאַרשווינדן פון דעם שעפער און בויער פון רוסישן אָקטאָבער.

15.5.1985

אין „יאָרהונדערטס־פינצטערניש״

אַרום דעם מאָרד איבער לעוו טראָצקי

גראָד אין דער צײַט פון דער „גלאַסנאָסט״ דאַרף דאָס פּראָבלעם פון „אין יאָרהונדערטס־פינצטערניש״, ווי אויך דער מאָרד איבער לעוו טראָצקין, זײַן אַ טייל פון אַלעם דעם, וואָס געשעט הײַנט אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַראַן דאָרט אַ שטרעבונג צו פאַרבײַטן די שרעק פאַרן לעבן, וואָס האָט אַנגעהאַלטן אין גאַנצן פעריאָד פון סטאַליניזם, אויף בויונג און בילדונג, אויף אַ מענטשלעך לעבן. עס פאָדערט זיך דעריבער „נישט צו באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד״, נאָר באַהאַנדלען אָפן די דאָזיקע פראַגן, וואָס האָבן זייערע וואָרצלען אין דער הערשנדיקער שעדלעכער מאַכט.

די גלאַסנאָסט״־אידעע האָט אין ראַטנפאַרבאַנד, טיילווײַז, אָוועקגענומען די מורא צו שרײַבן און רעדן אָפן וועגן די פאַרברעכערישע מעשׂים פון סטאַליניסטישן רעזשים. מען דאַרף צו דעם צוגעבן, אַז געוויסע אויספיר־קאַדרען פון דער אַנטי־פאָלקסטעטיקייט, בעתן הערשן פון אָפענעם און שפּעטער מאַסקירטן סטאַליניזם, פאַרנעמען נאָך הײַנט אויך וויכטיקע פאַרטיי־ און מלוכה־פּאָזיציעס. דעריבער, קען זיין, זענען די דערמאָרדעטע בויער און פירער פון סאָוויעטן־לאַנד, די קרבנות פון די מאָסקווער פאַלשע פּראָצעסן, ווי אויך די אומשולדיק דערמאָרדעטע גײַסטיקע שעפער פון דער ייִדישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד, נאָך אַלץ נישט רעהאַביליטירט געוואָרן. די פּרעסע אין ראַטנפאַרבאַנד האָט שוין אַפילו דערמאָנט טייל נעמען פון וויכטיקע דערהרגעטע פּערזענלעכקייטן, ווי דעם נאָמען פון ניקאָלאַי בוכאַרין און געוויסע אַנדערע נעמען. אַפילו לעוו טראָצקיס נאָמען האָט די זעלבע פּרע־

סע שוין אויך דערמאָנט, אָבער אין אַ פּאַרזיכטיקן טאָן, און נאָר בלויז וועגן דעם מאָרד איבער אים. אַ סך יאָרן איז דאָס דאָזיקע פאַרברעכן, אונטער אַ פאַלשער פּראָפּאַגאַנדע מאַסקירט געוואָרן, פּונקט ווי אַנדערע פאַרברעכנס פון זעלבן ראַטנפאַרבאַנד. מיר וועלן זיך נישט אַרײַנלאָזן איצט אין טעאָרעטישע אָדער טאַקטישע סכסוך־פּראָבלעמען, נאָר האַלטן זיך בײַ דער אָנגעצייכנטער טעמע.

נאָך דעם באַגאַנגענעם מאָרד־פאַרברעכן איבער לעוו טראָצקי אין מעקסיקע אין יאָר 1940, איז אין דער וועלט פאַרשפּרייט געוואָרן אַן אַ שיער ווערסיעס אַרום דעם געשעעניש. מען האָט דערציילט, אַז טראָצקין האָט דערהרגעט אַן אונגאַרישער ייִד, דער־בײַ אויסגעמיטן צוצוגעבן, אַז ער זאָל אויך זײַן אַ קאָמוניסט. ווײַזט אויס, כּדי צו וועלן מאַכן דערפון אַ ספּעציעלע ייִדישע אָפּרעכע־נונג. אַן אַנדערש מאָל האָט מען גאָר געזאָגט, אַז דער מערדער איז טראָצקיס אַן אַלטער פרײַנד, געווען אַן אײַנגייער אין זײַן וווינונג, טראָץ דעם וואָס טראָצקיס ווילע איז געווען געהיט דורך זײַנע חברים און דורך דער מעקסיקאַנער פּאָליציי. עס איז אויך דערציילט געוואָרן, און דאָס שוין מיט פּרטים, ווי אַרום דער מאָרד איז אויסגעפירט געוואָרן: ווען טראָצקיס ווײַב, סעדאָוואַ, איז געגאַנגען אין קיך אַרײַן ברענגען אַ גלאָז טיי, און דער גאַסט איז געבליבן מיט טראָצקין אַליין אין צימער, האָט ער אים פּלוצ־לינג דערלאַנגט אַ שטאַרקן זעץ אין קאָפּ מיט אַ קײַלער־אײַזן, וואָס דער מערדער האָט געהאַט באַהאַלטן אונטער זײַן מלבוש, און טראָצקין גלײַך דערהרגעט. צו דעם האָט מען נאָך געוווסט צו־צוגעבן, אַז די מעקסיקאַנער פּאָליציי האָט דעם מערדער געכאַפּט, אים אַרעסטירט און געשטעלט פאַרן געריכט צו משפּטן אים. ער האָט אַלס שטראָף פאַרן פאַרברעכן באַקומען 20 יאָר געפענגעניש. דער מערדער האָט אין דער פּאָליציי בײַ דער אויספאָרשונג און שפּעטער אין געריכט בײַם אויסהערן, נישט אויסגעזאָגט ווער עס האָט אים געשיקט דערמאָרדן טראָצקין. נאָך דער מלחמה האָט מען געהערט, אַז די מעקסיקאַנער מאַכט האָט דעם מערדער

באַפּרײַט, און אַז ער געפינט זיך צוריק אין אונגאַרן, אונטער דער שוץ פון דער דאָרטיקער „פאָלקס־רעגירונג".

די דאָזיקע און אַנדערע װערסיעס זענען טענדענציעז פאַר־שפּרייט געװאָרן דורך די קאַ־גע־בע־אַגענטורן, טראָץ דעם װאָס מען האָט שוין אומעטום גוט געװוּסט, אַז די סטאַליניסטישע מאַכט האָט אין ראַטנפאַרבאַנד צעשאָסן אַלע באַלשעװיסטישע טוער, די טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער פון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע, כּמעט דעם גאַנצן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער באָלשעװיסטישער פּאַרטיי, אַז דער סטאַליניזם האָט, לויטן פאַרברעכערישן פּלאַן, נישט געקענט דעם געפערלעכסטן קעגנער, לעװ טראָצקין, איבער־לאָזן אין אויסלאַנד אַ לעבעדיקן און האָט אים ליקװידירט. אַז די הערשנדיקע מאַכט אין ראַטנפאַרבאַנד האָט געשיקט קיין מעקסי־קע דעם חבר־באַנדיט צו דערמאָרדן טראָצקין, איז בכלל קיין שום צװייפל נישט געװען.

דער מאָרד איבער טראָצקין איז אויסגעפירט געװאָרן בעת דער נאַצי־דײַטשער בלוטיקער װעלט־מלחמה, צו װעלכער דער ראַטנפאַרבאַנד האָט געהאַט אַ נאָענטן שײַכות. מיטן ציל צו טייטן װיכטיקע אַרבעטער־טוער, קעגנער פון סטאַליניזם, װאָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשידענע לענדער, האָט דער סטאַליניזם זיך אויך באַנוצט מיט דער הילף פון דער דײַטשער געסטאַפּאָ (נאַצי־פאַשיסטישע געהיים־פּאָליציי), װי דאָס איז געשען מיט דעם באַ־קאַנטן אַרבעטער־טוער, הערש־מענדלען. נאָכן אָקופּירן פּוילן דורך דער דײַטשער װערמאַכט, איז די געסטאַפּאָ אין װאַרשע געקומען אים זוכן אין זײַן װוינונג אויף דער גענשע גאַס נומער 103. זיי האָבן אים נישט געפונען, װײַל, צו זײַן גליק, האָט ער זיך גראָד דעמלט געפונען אין אויסלאַנד. הערש־מענדל האָט שוין פאַר דער מלחמה געהאַט די „זכיה" צו װערן אָפיציעל אײַנגעלאַדן קיין מאָסקװע. דאָס האָט אים דער קאָמאינטערן נאָך פאַרבעטן. ער איז אַהין נישט געפאָרן, װײַל עס איז געװען קלאָר, אַז אויך אים װאַרט נישט דאָרט קיין „לענין־אָרדן", נאָר דער טויט. הערש־

מענדל האָט נישט געוואָלט פּריווּויליק אַליין זיך צושטעלן צו דער הריגה. האָבן זיי אים געוואָלט ברענגען אַהין מיט דער הילף פון זייערע דעמלטיקע נאַצי־קאַמעראַדן. (וועגן הערש־מענדלען האָב איך מערער דערציילט אין אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען פאַר־עפנטלעכט אין דער „ישׂראל־שטימע" פון 8־טן מערץ 1988).

אַזאַ סאָרט „פאַרבעטן" קיין מאָסקווע איז אויך געהאַט געשען מיט דעם כּשרן, אָפיציעלן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ק.פּ.פּ. (פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי), וואָס האָט מחמת דער אומ־לעגאַלקייט אין פּוילן, געהאַט זײַן זיצאָרט אין פּאַריז. יענע זענען, אין אײַנקלאַנג מיט דער פּאַרטיי־דיסציפּלין, שוין יאָ געקומען קיין מאָסקווע, זענען זיי, צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע, איבער 8 טויזנט פּאָליאַקן, קאָמוניסטן און נישט־קאָמוניסטן, ווי באַקאַנט, אין מאָסקווע אַלע דערשאָסן געוואָרן.

אַז מען רעדט שוין וועגן „אין יאָרהונדערטס־פינצטערניש", זאָל דערבײַ אויך דערמאָנט ווערן, אַז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכן אַנטשטיין פון ראַטנפאַרבאַנדישן בלאָק מיט די אַזוי גערופענע „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס", האָבן סטאַליניסטישע עקס־פּאָזיטורן אין די דאָזיקע לענדער געטאָן די זעלבע מלאכה: גע־מאַכט פאַלשע פּראָצעסן אויפן בײַשפּיל פון די מאָסקווער. אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אונגאַרן זענען, ווי באַקאַנט, אַרויס־געטראָגן געוואָרן פאַלשע משפּטים איבער פּאַרדינסטפולע דאָר־טיקע מלוכה־מענער און מ'האָט זיי דערהרגעט דורך אויפהענגען. אין „פאָלקס־פּוילן" האָבן אַזעלכע פאַקטאָרן, ווי דאָס דאָרטיקע זיכערהייטס־מיניסטעריום און די „בעזפּיעקאַ", אויך געגרייט אַזאַ ענלעכן טראַגי־קאָמעדיע־פּראָצעס, ווו צווישן די קאַנדידאַטן־ האָט זיך אויך געפונען דער מחבר פון די דאָזיקע שורות. אַ נס איז געשען, וואָס דער „פירער פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט" האָט צוגעמאַכט אַן אויג, און עס האָט גענומען אַ סוף צו דער פּײַן און צום אומקומען. סטאַלינס טויט האָט אויך אָפּגענומען בײַ די פּאַרטייִשע מאָרד־משרתים די חוצפּה ווײַטער צו פּראַקטיצירן די

פֿאַרברעכערישע פּראָצעדור פֿון די פֿאַלשע פּראָצעסן און טויט־אורטיילן, און אַלע קאַנדידאַטן זענען דעריבער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פֿון אַ זיכערן טויט.

צום געיעג אויף צו ליקווידירן אַרבעטער־טוער האָט אַ לאַנגע צײַט קיין סוף נישט גענומען. מע האָט אויסגעמאָרדעט די אינטעליגענץ אין דעם לאַנד, וואָס רופֿט זיך ראַטנפֿאַרבאַנד, פּרעציזער: „סאָציאַליסטישער ראַטן־רעפּובליק פֿאַרבאַנד", וואָס האָט אונטער זיך געהאַט די העראָישע געשיכטע פֿון דער „אָקטאָבער רעוואָלוציע" אין 1917, מיט דער אַמביציע צו בויען אַ מוסטער פֿון אַ סאָציאַליסטיש לאַנד, כּדי מיט זײַן הילף צו קענען פֿאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ גן־עדן פֿאַרן מענטשלעכן מין — מע האָט אויסגעמאָרדעט די קעמפֿער און בויער פֿון דער נײַער, מאָדערנער סאָציאַליסטישער צוקונפֿט־וועלט. אַזאַ פֿאַרברעכן האָט אין קיין שום פֿאַל נישט געטאָרט געשען אין דעם אויסגעחלומטן סאָציאַליסטישן סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד. אויב דאָס איז פֿאָרט געשען, דאַרף דאָס אָנגערופֿן ווערן מיטן ריכטיקן נאָמען, און אויך ווי געהעריק געטאַדלט ווערן, אויב מען וויל אויפֿריכטיק, מיט די „גלאַסנאָסט"־ און „פּערעסטראָיקאַ"־אידעען ענדערן די דאָזיקע לאַגע. דאָס איז נישט אַ פּראָבלעם בלויז פֿאַרן ראַטנפֿאַרבאַנד אַליין.

די נײַע אויפֿפֿאַסונג אין ראַטנפֿאַרבאַנד איז דערווייל, בײַ אַלע אָנהייב־מעלות, נאָך נישט אין שטאַנד אויסצוליײַטערן די מוחות פֿון סאָוויעטישן מענטש, וואָס האָט געלעבט, איז געווען אַרײַנגעוואַקסן במשך 70 יאָר צײַט אין שטורמישע נישט־נאָרמאַלקייטן, צווישן פּראָגרעס און סטאַליניסטישער ענקאַוועדע־שרעק, אַלס אַ טאָג־טעגלעכע דערשײַנונג. גוט געשעעט וואָס די פּרעסע נוצט אויס דעם „גלאַסנאָסט" און שרײַבט אָפֿן וועגן טייל מעשׂים פֿון פֿאַרברעכערישן סטאַליניסטן־רעזשים. עס ווערט אָבער לגמרי גאָרנישט דערמאָנט וועגן די פֿעלשונגען, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין זעלבן לאַנד, אין דער ליטעראַטור, אין דער געשיכטע־פֿאָרשונג,

אדג״ל, וואָס דאָס איז דאָך דער גײַסטיקער באַזיס פאַרן לעבן, בילדונג און דערציִונג. געגוג צו דערמאָנען בלויז דאָס וויכטיקע ווערק פון וו. לענין א. ט. „די קינדער־קראַנקייט ׳לינקיזם׳ אין קאָ־מוניזם״, וואָס איז אין ראַטנפאַרבאַנד געפּעלשט געוואָרן. וועגן דעם פאַקט איז פאַר דער מלחמה אין פּוילן אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ בראָשור. איר מחבר איז ל. ערליך (דער קליינער לעניעק). דער סאָרט ליטעראַטור געפינט זיך אויך איז די סאַטעליטן־לענדער פון ראַטנפאַרבאַנד. און אין אַלע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט. קיין אַנדערע ליטעראַטור פאַרמאָגן זיי דאָך נישט.

עס איז אפשר פּריצײַטיק געשטעלט געוואָרן דאָס סופער־וויכטיקע פּראָבלעם. אָבער ווען מיר באַרירן איצט די פראַגן פון „אין יאָרהונדערטס־פינצטערניש״, קומט אויך אַרויף אויפן זכרון, וואָס מען לייענט אין אַזעלכע שטייגער „מאַטעריאַלן״ און אַפילו אין ענציקלאָפּעדיעס אין די סאַטעליטן־לענדער. אַט למשל, אין דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע״ פון „פאָלקס־פּוילן״ (באַנד 11), זייט 651), לייענט מען וועגן טראַגישן מאָרד־פאַרברעכן אי־בער טראָצקין, אײַנגעהילט אין דער קריטיק פון טראָצקיס 4־טן אינטערנאַציאָנאַל: „דער פערטער אינטערנאַציאָנאַל באַשטייט פון אַ מאַפּיע, פון אַ קליקע, וואָס רײַסט זיך אַרום צווישן זיך. באַשטייט פון אַן עלעמענט אַרײַנדרינגער אין געהיימע אַגענטורן, באַשטייט פון פאַררעטער, רענעגאַטן, דעזערטערן פון די קאָמוניסטישע רייען. איינער פון די מיטגלידער פון דער דאָזיקער באַנדע, אַ געוויסער פראַנק דזשעקסאָן מאָרנאַרד, זײַענדיק אין טראָצקיס נאָענטער סבי־בה, האָט ער דעם 20־סטן אויגוסט 1940 פשוט דערהרגעט טראָצקין אין זײַן ווילע אין מעקסיקע. דער מערדער האָט אין געריכט דער־קלערט, אַז דעם מאָרד איבער טראָצקין האָט ער אויסגעפירט צו־ליב אייגענע חשבונות מיט אים״. דאָס לעצטע דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, ווי אַ גדולה־אויסדרוק, אַז דער באַנדיט, וואָס האָט דער־הרגעט אַן אומשולדיקן מענטש, האָט די „פּאַרטיי״ זײַנע נישט פאַרראַטן, נישט אויסגעזאָגט דעם סוד, ווער עס האָט אים געשיקט

אויסצופירן דעם מאָרד. און דאָס לייענט מען אין אַן ענציקלאָ־פעדיע, וואָס דאַרף דינען דעם וויסנשאַפטלעכן באַדאַרף.

אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור פעלן נישט אַזעלכע ווערק פון אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע־כאַראַקטער, געשריבענע דורך מחברים קאָמוניסטן און סימפּאַטיקער. אויך זיי האָבן זיך נישט געקימערט, צי אין ראַנפאַרבאַנד גייט אָן אַן אידעאָלאָגישע דיסקוסיע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג, אָדער עס אַרבעט דאָרט גאָר אַ מאָרדמאַשין מיט פאַלשע געריכט־משפּטים קעגן טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער פון רוסישן אָקטאָבער. זיי האָבן מיט זייער טאַלאַנט צוגעהאָלפן דעם פאַקטישן שונא צו פאַרניכטן די זאַך, און אויך די מענטשן פון דער זעלבער אידעע, פאַר וועל־כער זיי אַליין האָבן דאָך אַ מאָל געקעמפט.

עס ליגט בײַ מיר אַ בוך פון אַ באַקאַנטן מחבר (איך וועל נישט אָנרופן זײַן נאָמען, פאַר זײַן כּבוד וועגן, לזכר), אונטערן טיטל „טראָצקיזם", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1937 אין ניו־יאָרק, געשריבן אין גײַסט פון אַן אָדע פאַרן סטאַליניזם און זײַנע אינ־קוויזיציע־מעשׂים. גראָד דעמלט, ווען די גאַנצע וועלט האָט שוין אַלאַרמירט וועגן די פאַרברעכנס פון סטאַליניזם אין ראַטנפאַר־באַנד. אויך די באַקאַנטע פראַנצויזישע שרײַבערין סימאָן דע באָוואַר, די פרוי פון דעם פילאָזאָף זשאַן פּאָל סאַרטר, האָט אין איר בוך א. ט. „די מאַנדאַרינען" שוין דערציילט, אַז אין יאָר 1936 האָט מען זיך דערוווּסט פון אַנטלאָפענע אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען געקומען פון רוסלאַנד קיין פּאַריז, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד זענען פאַראַן שרעקלעכע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין די ראַדי־קאַלע קרײַזן, סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם, האָט מען שוין דעמלט גערעדט וועגן די פאַלשע מאָרד־פּראָצעסן אין מאָסקווע.

אין דעם בוך פון ייִדישן מחבר ווערט דערציילט, אַז די באַ־שולדיקטע האָבן אויפן פּראָצעס קעגן זיי זיך מודה געווען, אַז זיי האָבן געפּלאַנעוועט צו מאָרדן סאָוויעטישע פירער, אַז זיי האָבן אָרגאַניזירט אויפרײַסן פון פאַבריקן און קוילן־גרובנס, אין וועלכע

עס זענען אומגעקומען אַ סך אַרבעטער און רויט־אַרמייער; אַז זיי האָבן געפירט שפּיאָנאַזש־אַרבעט פֿאַר די דײַטשע און יאַפּאַנישע רעגירונגען, אַז לויט דער פֿאַרשטענדיקונג פֿון טראָצקין מיטן היטלער־אַגענט העס איז באַשטימט געוואָרן, אַז ווען עס וועט זיך אָנהייבן די מלחמה קעגן ראַטנפֿאַרבאַנד, וועלן די טראָצקיסטן זיי העלפֿן פֿאַרנאַפּן פֿאַר היטלערן אוקראַינע און פֿאַר יאַפּאַן — דעם סאָוויעטישן ווײַטן מזרח. דאָס אַלץ פֿאַרן פּרײַז, וואָס זיי וועלן טראָצקין צוהעלפֿן פֿאַרכאַפּן די מאַכט אין ראַטנפֿאַרבאַנד. צווישן די געמשפּטע, וואָס האָבן זיך צו דעם מודה געווען, האָט דער מחבר אויסגערעכנט: ראַדעקן, פּיאַטאַקאָוון, סאָקאָלניקאָוון, סערעבריאַקאָוון — צוזאַמען 17 פּערזאָן. לויטן אופֿן פֿון זײַן שרײַבן האָט דער מחבר געגלייבט אין דעם און זיי אויך אַליין פֿאַראורטיילט. מיר וויסן פֿון דאָקומענטן, וואָס זענען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער סאָוויעטישער פּרעסע, אַז סטאַלין און זײַנע מיטאַרבעטער זענען געווען מקורבים פֿון היטלער־פֿאַשיזם, נישט די באַשולדיקטע אויף די פּראָצעסן, און אַז סטאַליניסטן האָבן איבערגעוויזן די נאַציסטן אַ גרופּע דײַטשע קאָמוניסטן, פּליכטלינגע, וועלכע האָבן געהאַט זיך אויסבאַהאַלטן אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

ליידער מוז מען פֿעסטשטעלן, אַז דער מחבר פֿון בוך „טראָצקיזם" איז נישט געווען פֿאַראייניזאַמט אין זײַן פּראָפּאַגאַנדע־העצע קעגן טראָצקין. סטאַלין האָט חוץ זײַן געהיימער נ.ק.וו.ד.־אַגענטן־נעץ אין אויסלאַנד, אין דער אַקציע צו דערמאָרדן לעוו טראָצקין אויך אויסגענוצט דערצו אַנדערע אינטעלעקטואַלן, סימפּאַטיקער און מיטגלידער פֿון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען. אין הויפּט־אַרטיקל פֿון דער „ניו־יאָרק טײַמס בוק רעוויו" (24.1.1988), אונטערן טיטל „אין יאָרהונדערטס־פֿינצטערניש" (וואָס מיר האָבן באַנוצט ווי אַ קאַפּ פֿאַר אונדזער אַרטיקל), לייענט מען אַז אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי פּרווידס נאָנטע משפּחה, ד"ר מאַקס אייטינגטאָן, נאָבעל־פּרײַז־טרעגער; פּאַבלאָ נערודאַ, דער רוסישער פּאָעטינס מאַריאַ צוויטאַיעוואַס מאַן, סערגיי עפֿראָן און דער באַרימטער אַנטראָפּאָ־

לאַג מאַרק זבאַראָווסקי, זענען אויף פאַרשידענע אופנים, דורך דער קאַ־גע־בע אַרײַנגעצויגן געוואָרן צו דער מיטאַרבעט אין דער אַקציע צו דערמאָרדן טראָצקין.

נערודאַ למשל האָט געדאַרפן דעמלט, אַלס טשילענער דיפּלאָמאַט, צוהעלפן באַזאָרגן דעם מאָלער דאַוויד אַלפאַרא סיגועיראָס, מיט אַ וויזע צו קענען פליען קיין מעקסיקע, ווו טראָצקי האָט זיך געפונען.

זבאַראָווסקי האָט געדאַרפן זיך דערנענטערן צו לעוו סעדאָוון, טראָצקיס זון, וואָס האָט געהאַט קאָמפּליקאַציעס מיט דער בלינדער קישקע, ווען מען קען לײַכט ליקווידירן אין בעט פון שפּיטאָל.

סערגיי עפראָן האָט, צווישן אַנדערע, אָנטייל גענומען אין מאָרד פון איגנאַצי רעיסס, טראָצקיס אַ נאָענטער מענטש, און אויך אין דערהרגענען אַ סאָוויעטישן מיליטערמאַן פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס, וועלכער איז געווען אונטערן חשד פון טראָצקיזירן. אויך צו נאָך אַזעלכע מאָרד־אַקציעס זענען די מענטשן אויסגענוצט געוואָרן.

עס שטימט אָן צווייפל, אַז אין זײַנע קאָלטבלוטיקע פאַרברעכנס אין אויסלאַנד האָט סטאַלין זיך באַנוצט מיט באַקאַנטע אינטעלעקטואַלן, נישט נאָר בלויז מיט געוויינטלעכע אַגענטן. צו זײַנע מאָרד־פּלענער האָט ער אויסגענוצט די איידלסטע קולטור־פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט, כּדי אַזוי אַרום אָפּצונאַרן די עפנטלעכע מיינונג, אַז דאָס געשעט פאַרן ווויל פון דער מענטשהייט. זײַנע אייגענע און די מיטהעלפּערס מיטלען זענען געווען די גרויליקסטע, אין באַצוג צו די פאַקטישע בויער פונעם אָקטאָבער, וועלכן דער סטאַליניזם האָט ברוטאַל ליקווידירט אין משך פון די אַלע יאָרן. מען דאַרף נישט אויסמײַדן צו באַקרעפטיקן, אַז אַלע פאַרטייען אין דער וועלט, אָנגעשלאָסענע אין קאָמאינטערן, האָבן, אָביעקטיוו און סוביעקטיוו, פאַרעקשנט צוגעהאָלפן צו די אַלע פאַרברעכערישע מעשׂים קעגן דעם אָקטאָבער. דעריבער גייט

הײַנט אין ראַטנפֿאַרבאַנד אָן אַ גאַנץ שווערער קאַמף קעגן די מאַסן אַקטיווע אַנטײלנעמער אין דעם בלינדן אַנטי־פּראָלעטאַרישן סיסטעם. זײ, די אַלע מיטהעלפֿערס, פֿאַרשאַפֿט דאָס הײַנט גאָר־נישט קײן איבעריקן כּבֿוד.

לעוו טראָצקין האָבן נישט דערהרגעט די אויסגעטראַכטע מער־דער פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור. דער מאָרד איז נישט אויסגעפֿירט געוואָרן צוליב פּערזענלעכע חשבונות פֿון טראָצקיס נאָענטע חברים, ווי עס האָבן געוואָלט אָפּנאַרן די סטאַליניסטישע אַגענטן. דער מאָרד איז געווען אַן אָרגאַניזירטער דורך דער ראַטנפֿאַרבאַנדישער מאַכט, מיט דער הילף פֿון אינטערנאַציאָנאַלע כּוחות. אין דער צײַטונג „מאָסקאָווסקיע נאָוואָסטי" (1988) שרײַבט וועגן דעם דער שפּאַניער, כּואַן קאָבאָ, אַ גרויס אַרטיקל אונטערן טיטל: „טראָצקיס מערדער אַ קאַט, אָדער אַ קרבן". דער מחבר פֿאַרנעמט זיך צוו. אַנד. מיט אַ פּילפּול איבער דעם אויספֿירערס ראָלע. ער וואָלט פֿון זײַן באַקאַנטן שפּאַניער גערן געוואָלט מאַכן אַליין אַ קרבן, מיט וועלכן מ׳קאָן נישט מסכּים זײַן, ווײַל אין דער טראַגעדיע פֿון דעם אַרבעטער־פֿאָלק „אין יאָרהונדערטס־פֿינצטער־נישט" איז נישט נאָר אַ פּראַגע וועגן דעם טעכנישן אויספֿירן די פֿאַרניכטונג פֿון דער אינטעלעקטועלער עליטע. מיר וועלן מיטן מחבר איצט וועגן דעם נישט פּאָלעמיזירן, נאָר אַרויסנעמען פֿון זײַן אַרטיקל דאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט אַ דירעקטן שײַכות צום טראַגישן מאָרד איבער טראָצקין. די געבערענגטע ידיעות זײַנע זענען מאָסגעבנדיקע.

לויטן מחבר פֿון אַרטיקל, כּואַן קאָבאָ, איז שוין די העכסטע צײַט צו זאָגן אָפֿן וואָס די גאַנצע וועלט ווייסט עס שוין זײַט פֿיל יאָרן, וואָס איז אָבער פֿאַר די מיליאָנען מענטשן אין ראַטנפֿאַרבאַנד גופֿא געווען אַ גרויסע געהיימניש: טראָצקין האָט מען דערמאָר־דעט לויטן אורטייל און באַפֿעל פֿון סטאַלינען. דער אויספֿירער פֿון „משפּט" איז געווען דער שפּאַניער, ראַמאָן מערקאַדער דעל פּיאַ. עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז דאָס געהיימניש פֿון

אַלע יאָרן וועט בלײַבן אַן אייביקייט. נאָך פּאַר אַ יאָרן האָט דער היסטאָריקער ד. וואָלקאָגאָנאָוו געשריבן אין דער „פּראַוודאַ״, אַז עס איז נישט באַוווּסט, צי מען וועט ווען עס איז זיך דערוויסן דעם אמת וועגן דעם פּראָצעס איבער טראָצקין. אָבער שוין אין אָנהייב פון יאָר 1988, האָט די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ״ פּובליקירט אַן אַרטיקל פון היסטאָריקער נ. וואַשיעצקי, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן מוט און אָנגעגעבן דעם נאָמען פון אָרגאַניזאַטאָר פון דעם פאַר־ברעכן, אויך דעם נאָמען פון דעם וואָס האָט מיט זײַנע הענט אויסגעפירט דעם מאָרד. שפּעטער איז אין דער „פּראַוודאַ״ דער פילאָזאָף מ. קאַפּוסטין געגאַנגען נאָך ווײַטער און אינפאָרמירט, אַז דער מערדער, מערקאַדער, האָט נאָכן פאַרלאָזן די תּפיסה אין מעקסיקע, געוווינט אין מאָסקווע, און איז געוואָרן פאַרן מאָרד איבער טראָצקין באַלוינט מיטן טיטל: „העלד פון ראַטנ־פאַרבאַנד״. דעמלט, אין יאָר 1960, האָט, ווי באַוווּסט, סטאַלין שוין נישט געלעבט. די באַלוינונג האָט דער מערדער באַקומען פון סטאַלינס מיטאַרבעטערס און נאָכפאָלגערס, ווי שוין אויבן דער־מאָנט, וועלכע זיצן ווײַטער נאָך אויף זייערע ביזאיצטיקע מלוכישע און פּאַרטייִשע פּאָזיציעס. דעריבער טאַקע פונקציאָנירט אין ראַטנ־פאַרבאַנד דער אַנטיסעמיטישער „פּאַמיאַט״, און נאָך אַנדערע אַזעלכע פאַקטאָרן, כּדי צו טאָרפּעדירן די אידעע פון גאָרבאַטשאָוס „גלאַסנאָסט״ און „פּערעסטראָיקאַ״.

דער מחבר כּוּאַן קאָבאַ דערציילט, אַז אויפן בײַשפּיל פון די אַרטיקלען אין „מאָסקאָווסקיע נאָוואָסטי״ האָט זיך באַוויזן אַן אינטערוויו מיט טראָצקיס אייניקל, עסטעבאַן וואָלקאָוו, וואָס וווינט הײַנט אין מעקסיקע, אין דער זעלבער ווילע, אין וועלכער מען האָט דערמאָרדעט זײַן זיידן. פון דעם אינטערוויו דרינגט אַרויס דער באַשטעטיקטער גאַנצער אמת וועגן דעם פאַקטישן מער־דער. ער האָט אים, מערקאַדערן, גוט געקענט. עסטעבאַן וואָלקאָוו איז דעמלט אַלט געווען 14 יאָר. דער מערדער פלעגט קומען צו זײַן זיידן ווי זייער אַ סאָלידער, סימפּאַטישער מענטש. ער האָט

זיך דאָך אַרויסגעוויזן ווי דער געפערלעכער מערדער פון זײַן זיידן.

דער מערדער מערקאַדער איז אין אָנהייב דורך די אָרגאַני־זאַטאָרן באַשטימט געוואָרן בלויז זיך אַרײַנצוקריגן אין דער סביבה פון די מעקסיקאַנער טראָצקיסטן, באַקומען טראָצקיס צוטרוי, זיך באַקענען מיט די לאָקאַלע באַדינגונגען און מענטשלעכע באַוועגונגען, ווײַל טראָצקי האָט געהאַט אַ גרויסע וואַך, פון זײַנע חברים און פון דער מעקסיקאַנער פּאָליציי. לעוו טראָצקי האָט שוין פון פריער נאָך געדאַרפן דערהרגעט ווערן דורך אַנדערע. מיט אַ באַוואָפנטן אָנפאַל אויף דער ווילע־פעסטונג, האָבן געדאַרפן זיך פאַרנעמען מעקסיקאַנער קאָמוניסטן, וועלכע זענען אַדורכגעגאַנגען די דערפאַרונג אין שפּאַנישן בירגערקריג, אונטער דער לייטונג פון קאָמוניסט און אַרטיסט, דאַוויד אַלפאַרא סיגועיראַס.

סיגועיראַס, אַן אונטער־אָפיציר אין די יאָרן פון דער מעקסיקאַנער רעוואָלוציע, און בעתן בירגערקריג אין שפּאַניע — אַ מיליטערישער אָנפירער, באַשרײַבט אין זײַן בוך א.ט. „מען האָט מיך גערופן דרייסטער פּולקאַוואָניק", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, אין יאָר 1986, דעם עפּיזאָד פון זײַן פּערזענלעכן אָנטייל אין דער אַקציע קעגן טראָצקין: דעם 24־סטן מאַי 1940 האָט זײַן גרופּע, וואָס האָט אַרומגערינגלט טראָצקיס ווילע, אַנטוואָפנט 10 מעקסיקאַנער פּאָליציאַנטן, פון אויטאָמאַטן־געווער באַשאָסן טראָצקיס שלאָפצימער און באַוואָרפן דאָס הויז מיט פלעשער בענזין. די אויספירער פון דער אַקציע זענען געווען זיכער, אַז זייער קוילן־רעגן האָט דערגרייכט דעם ציל און אַז טראָצקי איז טויט. שפּעטער האָט די פּאָליציי גאָר געמאָלדן, אַז עס זענען אַרויסגעשאָסן געוואָרן אַזש 300 קוילן, אָבער טראָצקי איז מיט נסים אַרויס גאַנץ.

נאָך דעם ווי סיגועיראַס אַקציע איז אַדורכגעפאַלן האָט מען ערשט באַפוילן מערקאַדערן אַליין אויסצופירן דעם מאָרד איבער טראָצקין. און דאָס מאָל האָט זיך עס אײַנגעגעבן. אים, מערקאַדערן, איז יאָ געלונגען טראָצקין צו טויטן. עס איז ווייניק באַקאַנט, אַז מערקאַדערן האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן טראָצקי אַליין.

ווען מערקאַדער האָט טראָצקין דערלאַנגט מיטן קיילער־אײַזן אין קאָפּ, האָט טראָצקי, פון שטאַרקע ווייטיקן געוואַלדיק געשריגן, און עס זענען זיך צונויפגעלאָפן זײַנע סעקרעטאַרן, די חברים וואָס האָבן אים געהיטן און די פּאָליציי. אַלע האָבן דעם מערדער שטאַרק געשלאָגן. טראָצקי, וואָס איז אין די ערשטע מינוטן נאָך געווען בײַם באַוווסטזײַן, האָט מערקאַדערן נישט געלאָזט טויטן, כּדי פון אים זיך צו דערוויסן, ווער עס האָט אים געשיקט טראָצקין צו דערהרגענען. דער מערדער האָט נישט אויסגעזאָגט דעם סוד זײַנעם. די מעקסיקאַנער פּאָליציי האָט בעת דער אויספאָרשונג פעסטגעשטעלט, אַז דער מערדער איז נישט פראַנק דזשעקסאָן פון קאַנאַדע, און אויך נישט זשאַק מאָרנער פון בעלגיע, וואָס אונטער די דאָזיקע פאַלשע נעמען האָט זיך מערקאַדער מאַסקירט. אין זײַנע מאָטיוון, האָט מערקאַדער אָנגעגעבן, אַז ער האָט זיך אין טראָצקין אַנטוישט.

דאָס פיזישע ליקווידירן טראָצקין איז מיט גרויס פּרעציזקייט צוגעגרייט געוואָרן. דאָס האָט געדויערט גאַנצע 3 יאָר צײַט, שרײַבט אין זײַן בוך סיגועיראָס. אַ גרויסע גרופּע ספּעציעל צו־געקליבענע מענטשן זענען געווען אַנגאַזשירט, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען ס׳רוב שפּאַנישע קאָמוניסטן.

וועגן דעם ווער עס איז געווען דער אמתער מערדער פון טראָצקין און אויך וואָס ס׳איז געווען זײַן ריכטיקער נאָמען. דאָס האָט מען זיך דערוווסט אויף אַ סענסאַציאָנעלן אופן. דאָס איז געשען דורך אַ צופאַל. די מוטער פון מערדער, קאַרידאַר, האָט אין געהיים פאַרטרויט אין מאָסקווע דעם סוד צום מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער שפּאַנישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, ע. קאַסטראָ. קיינער האָט זיך נישט געקענט ריכטן, אַז ע. קאַסטראָ וועט באַזײַטיקט ווערן פון דער פּאַרטיי, און אַז אים וועט זיך אײַנ־געבן אַרויסצופאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד קיין אויסלאַנד, און אַז ער וועט די דאָזיקע סענסאַציע פאַרקויפן דער אויסלענדישער פּרעסע. ביז דעמלט, און אַפילו אויך שפּעטער, האָבן נישט אַלע געוווסט,

און אַוודאי נישט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווער עס איז געווען דער מערדער פון טראָצקין. די קאַ־גע־בע־פּראָפּאַגאַנדע האָט כּסדר אָפּ־געגנאַרט און געפּרווווט אַפּליקענען די פּרעסע־קלאַנגען פון אויסלאַנד.

דער מחבר פון אַרטיקל אין „מאָסקאָווסקיע נאָוואָסטי" א. ט. „טראָצקיס מערדער אַ קאַט, אָדער אַ קרבן" שרייבט בײַם סוף פון זײַן לאַנגן מאמר: „ער איז אַ שום צווייפל איבערצײַגט דעריז, אַז מ׳קאָן נישט אָפּשאַצן דאָס פאַרברעכן פון מערקאַדערן איבער טראָצקין אין יאָר 1940 מיט דער מאָס פון דער הײַנטיקער צײַט. (דאָס מיינט ער געוויס פון „גלאַסנאָסט" און פּערעסטראָיקאַ" אין ראַטנפאַרבאַנד), ווײַל דאָס וועט פאַרענדערן דאָס אמתע בילד. אַלע, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַקציע, האָבן זיך באַ־נוצט דעמלט מיט אַנדערע קריטעריעס. מערקאַדער, וואָס האָט דערמאָרדעט טראָצקין, איז דערצויגן געוואָרן אין אַן אַנדערער אַטמאָספערע. ער האָט דערהרגעט דעם „קלאַסן־שׂונא", ווי מען האָט באַצייכנט טראָצקין אין די קאָמוניסטיש־סטאַליניסטישע רייען. פון די פאַרהערן דרינגט אַרויס, אַז מערקאַדער איז געווען אויפ־געטרייסלט פון זײַן פאַרברעכן".

אויך דער שפּאַנישער זשורנאַליסט, כוליאַן גאָרקין, אַ סימ־פּאַטיקער פון טראָצקיזם, שרײַבט אין זײַן בוך א. ט. „טראָצקיס מאָרד": „דער שטראַלנדיקער מיט יוגנטלעכער קראַפט קאָמוניסט אין יאָר 1935, וואָס האָט געלעבט מיט זײַנע ריינע סאָציאַליסטישע אידעאַלן, האָט געשטרעבט צו זײַן טעטיק אין בעסטן גײַסט — איז ער דורך דער מלוכיש־פּאָליטישער אָנפירונג (געוו. נ.ק.וו.ד.) גאָר פאַרביטן געוואָרן אין אַ באַרימטן פאַרברעכער. געוואָרן דער מערדער פון לעוו טראָצקין. זײַן לײַדנדיק פּנים, אויף די הײַנטיקע פאָטאָס זײַנע, שטעלט מיט זיך פאָר אַ גיהנום־בילד. דאָס שפּיגלט זיך אויך אָפּ בײַ די טויזנטער ענלעכע צו אים, וואָס מאַטערן זיך אין געוויסן, ווי די געוועזענע אין זײַן לאַגע".

מען קען נישט מיט אַלץ מסכּים זײַן, וואָס עס שרײַבן די אויבן ציטירטע מחברים וועגן דער בלומרשטער חרטה און דעם געוויסן־

געפיל פון מערדער מערקאַדער, וועלכער איז אַזוי קאַלטבלוטיק, אונטער פאַלשע נעמען, אַפט געקומען צו טראָצקין. צום ערשטן, כּדי צוצוגרייטן באַדינגונגען פאַר אַ גרופּע באַוואָפנטע מעקסיקאַנער קאָמוניסטן צו באַפאַלן די ווילע און דערמאָרדן טראָצקין. אַזוי ווי זיי איז דאָס נישט געלונגען און טראָצקי איז פּאָרט געבליבן לעבן, האָט ער, מערקאַדער אַליין, מיט זײַנע אייגענע מערדער־לאַפּעס, מיט דער הילף פון אַ קיילער־אײַזן טראָצקין דערהרגעט אויף טויט. 20 יאָר שפּעטער, נאָכן אָפּזיצן די שטראָף אין דער מעקסיקאַנער תּפיסה, אין יאָר 1960, האָט מערקאַדער פאַר זײַן שטיקל פּאַרטייִשע אַרבעט באַקומען דעם אָרדן „העלד פון ראַטנפאַרבאַנד״. אין 30 יאָר אַרום, אין 1970, האָט ער אויך צוגענומען דעם מיליטערישן אָרדן. דאָס אַלץ האָט מערקאַדער באַקומען אַלס דאַנק פאַר דעם גוט אויסגעפירטן מאָרד. ווען ער וואָלט באַדויערט, באמת חרטה געהאַט פאַר זײַן מאָרדטאַט, וואָלט ער געוויס נישט צוגענומען די בלוטיקע אָרדנס. די דאָזיקע אויסצייכענונגען האָבן אים צוגעטיילט סטאַלינס נאָכפאָלגער, וועלכע זיצן נאָך ווײַטער, ביזן הײַנטיקן טאָג, אויף זייערע פּאַרטייִשע און מלוכה־פּאָזיציעס.

אגב, דער היסטאָרישער פאַרנעם אַרום דעם דערמאָרדן לעוו טראָצקין און די אַנדערע סאָוויעטישע מענטשן באַגרענעצט זיך דאָך נישט בלויז צום פיזישן אויספירן די גרויליקע מאָרדטאַטן. דאָס פּראָבלעם איז אַ סך ברייטער און טיפער. דאָס איז אַן אידעאָלאָגיש־פּאָליטיש פּראָבלעם, געבונדן מיטן אייביקן קאַמף צווישן סאָציאַליסטישער בוועגונג און קאָנטעררעוואָלוציע, וואָס עס האָט מיט זיך אויך פאַרגעשטעלט דער סטאַליניסטישער רעזשים. עס איז דערבײַ צו באַוווּנדערן און אפשר צו באַדויערן, אַז דאָס אַלץ וואָס עס איז געשען אין ראַטנפאַרבאַנד — דאָס דערמאָרדן די סאָוויעטישע עליטע און די סטאַליניסטישע צוזאַמענאַרבעט מיטן דײַטשן היטלער־פאַשיזם, בעת דער מלחמה — איז געוואָרן אַקטיוו אונטערגעשטיצט דורך די קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אין דער

וועלט, און אַפּילו אויך דורך זייערע אינטעלעקטועלע אָנהענגערס (חוץ, פֿאַרשטייט זיך, דער איטאַליענישער פּאַרטיי).

עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז די זעלבע האָבן קיין מאָל זיך נישט געשטעלט די מענטשלעך־לאָגישע פראַגע, צי איז מעגלעך און אמת, אַז בלויז ער איינער אַליין, יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין, דער שוואַכסטער, ווי באַוווּסט, פֿון דער צאַליקער סאָוויע־טישער עליטע, פֿון אָנפֿירונגס־שטאַב, ציווילן און מיליטערישן, זאָל דאָס זײַן דער איינציקער אמתדיקער פֿירער פֿון גאַנצן רוסישן אָקטאָבער און אַלע אַנדערע פּאָפּולערע בויער פֿון סאָוויעטן־לאַנד זאָלן גאָר זײַן פֿאַררעטער און פֿאַשיסטן, וועלכע האָבן פֿאַרדינט דערמאָרדעט צו ווערן „אין יאָרהונדערטס־פֿינצטערניש״. דעם דאָזיקן קימער האָבן די דאָזיקע פּאַרטייען קיין מאָל נישט געהאַט, נאָר זיי האָבן בלינד אונטערגעשטיצט די אויסטערלישע מעשׂים פֿונעם סטאַליניזם, וועלכער האָט דערפֿירט דעם ראַטנפֿאַרבאַנד צום הײַנטיקן מעמד. אויך הערט מען נישט, אַז ווען דער ראַטנ־פֿאַרבאַנד לעבט איבער די אידעען פֿון „גלאַסנאָסט״ און „פּערע־סטראָיקאַ״, זאָלן די דאָזיקע פּאַרטייען אין דער וועלט אַרויסקומען מיט זייערס אַ קלאָרער שטעלונג איבער אַלעם, וואָס עס טוט זיך אין דעם דאָזיקן לאַנד און אין דער וועלט אַרום די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען. אין רעזולטאַט לאָזט דאָס אַלץ צוזאַמען שוין גאָר־נישט איבער קיין העל בלעטל אין דער רעוואָלוציאָנערער געשיכ־טע פֿון אַרבעטער־פֿאָלק אין אונדזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

לאָמיר, טראָץ אַלעם, נישט פֿאַרלירן דעם גלויבן, אַז דאָס וואָס געשעט — איבער דעם אַלעם — הײַנט אין דער סאָציאַליס־טישער אַרבעטער־וועלט איז נאָר אַן איבערגייענדיקער אידעאָלאָ־גיש־פּאָליטישער קריזיס, וואָס וועט אין דער נאָנטסטער צײַט דורכ־מאַכן געהעריקע פּאָזיטיווע ענדערונגען פֿאַרן וווּיל פֿון אַרבעטער־פֿאָלק און פֿון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער וועלט.

25.6.1989

ראַול וואַללענבערג — שוועדישער ייִדן־רעטער

אַלע פֿאַראינטערעסירטע וואָס ווילן זיך עפּעס מער דערוויסן וועגן דעם גורל פֿון זייערע נאָנטע, די אומשולדיקע קרבנות וואָס זענען געפֿאַלן אין סטאַליניסטישן ראַטנפֿאַרבאַנד, וואָלטן געוואָלט אויסנוצן הײַנט די געלעגנהייט, וועלכע איז ביז אַהער געווען דיפּלאָמאַטיש באַשווערט, כּדי פֿאָרט צו קענען אַרײַנקוקן אין דאָ־קומענטן־אַרכיוו פֿון דער אויסטערלישער ק. ג. ב. (געהיימע פּאָ־ליציייִשע מאַכט).

נאַיִווע מענטשן גלייבן נאָך צו קענען געפֿינען דאָרט, אין דעם צווייפֿלהאַפֿטן אַרכיוו, שפּורן וועגן אַלעם וואָס עס איז געשען מיט זייערע קרובים, וועלכע זענען געזעסן פֿאַרשפּאַרט אין די צע־שפּרייטע תּפֿיסה־גולאַגס איבערן גאַנצן ראַטנפֿאַרבאַנד, נישט גע־קוקט אויף דעם פֿאַקט, וואָס איצט קומט דאָרט פֿאָר אויף ס׳נײַ די רעאָרגאַניזירונג פֿון געזעלשאַפֿטלעכן, פּאָליטישן און אַדמי־ניסטראַטיוון מצב.

די דערמאָנטע ק. ג. ב. האָט, ווי באַוווּסט, במשך פֿון 70 יאָר צײַט געדינט כּלערליי סטאַליניסטישע מושלים, צום פּאַרטיליקן די מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן, פֿון דאָרפֿישע פּראָלעטאַריער־פּויערים, די ברויט־פּראָדוצענטן, ביז גאָר וויכטיקע אינטעלעק־טועלע קולטור־שאַפֿערס. אַלע זענען דורך דער ק. ג. ב., אויפֿן באַפֿעל פֿון דער „פּאַרטיי״, אונטער פֿאַלשע באַשולדיקונגען, גע־וואָרן דערמאָרדעט אַלס די שעדלעכע קאָנטררעוואָלוציאָנערן קעגן דער כּלומרשטער בויונג פֿון „סאָציאַליזם״ און „קאָמוניזם״. נישט נאָר בלויז פֿאַר די ראַטנפֿאַרבאַנדישע פֿעלקער אַליין,

נאָר כּדי צו באַגליקן דערמיט אויף די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע וועלט.

די זעלבע ק.ג.ב.־פונקציאָנאַרן האָבן אַפילו בעתן פאַרשווינדן שוין פון די סטאַלינס און ברעזשניעווס פון דער פּאַרטיי־ און מלוכה־אָנפירונג, ווײַטער נאָך אַלץ געהאַלטן די גאַנצע סאָוויעטישע באַפעלקערונג אונטערן אָרעם פון טויטשרעק. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע ק.ג.ב.־פּלאָג איז דאָך נאָר דער אויספירער־עלעמענט פונעם אידעען־טרעגער פון סטאַליניסטישן באָלשעוויזם, פונקט ווי בײַם היטלעריזם איז דאָס געווען דער דײַטשער נאַציזם און די געסטאַפּאָ, און די עף־בי־אַי איז עס בײַ דער אַמעריקאַנער מאַכט. די דאָזיקע ק. ג. ב. האָט ביז אַהער געקענט, שוין אַפילו אונטער דער נײַער אָנפירונג פון די נישט־דעצידירטע מלוכה־פירער און פּרעזידענטן, אומגעשטערט אויסרייניקן די געהיימע אַרכיוון פון קאָמפּראָמיטירנדיקע אַקטן. פונקט ווי די כוליגאַנישע מעשׂים פון די „פּאַמיאַט"־אַנטיסעמיטן „זעט" אויך כּלומרשט נישט די אָנפירונג פון הײַנטיקן ראַטנפאַרבאַנד. דערפאַר טאַקע דאָס רעשיקע אַנטלויפן, אויס מורא פאַרן לעבן, פון די הונדערטער טויזנטער ייִדן פון דעם ראַטנפאַרבאַנד, ווו זיי זענען געבוירן געוואָרן, געלעבט, געאַרבעט און דאָרט אויך געשאַפן אַלס וויכטיקע וויסנשאַפטלער.

דאָס דאָזיקע איז דער פּועל־יוצא פון די פּאַטאַלע, איידל געזאָגט, פּאָליטישע „טעותן" אין דער 70 יאָריקער געשיכטע פון באָלשעוויזם פון ראַטנפאַרבאַנד, אין וועלכן עס גייט אָן די פּאָליטישע ענדערונג, דער נײַער איבערבויונגס־פּראָצעס, דער עיקר אונטערן דראַנג פון אויסערלעכע מלוכישע פאַקטאָרן, אונטער דעם הויפּטמאָטיוו צו פאַרבײַטן די סאָוויעטישע ווירטשאַפט־ און מלוכה־פירונג אויף דעם אַלטן געניטן „מוסטער" פון קאַפּיטאַליסטישן סדר, כּדי די רײַכע מלוכות זאָלן וויליק ווערן צו העלפן ראַטעווען די סאָוויעטישע פעלקער פון דראָענדיקן הונגער און כּאָאָס.

גערנאָוויליק זענען אפשר אַרײַנגעפאַלן אין די דאָזיקע שורות אַרײַן די דאָזיקע אַנטספּקדיקע אמתן, װען עס דאַרף דער עיקר זײַן אַ רייד, װי אויבן אין קאָפּ פון אַרטיקל, װעגן דעם אומגע־ברענגטן קרבן אין סאָװיעטישן גולאַג פון דעם שװעדישן דיפּלאָ־מאַט, ראַול װאַללענבערג, דעם ייִדן־רעטער אין אָקופּירטן אונגאַרן בעת דער דײַטשער ייִדן־פאַרטיליקונג, אַרום װעלכן די פאַמיליע זײַנע אין שװעדן, און די אַנטשטאַנענע צו דעם צװעק װאַללענבערג־קאָמיטעטן באַמיען זיך צו געפינען שפּורן װעגן אַלעם, װאָס עס איז געשען מיט דעם דאָזיקן שװעדישן דיפּלאָמאַט, נאָך זײַן אַרעסט באַלד נאָך דער מלחמה אין בודאַפּעשט, דעם 17־טן יאַנואַר 1945, דורך דער רויטער אַרמיי און זײַן איבערפירן קיין מאָסקװע, װוּ ער איז געװען פאַרשפאַרט אין פאַרשידענע גולאַגס, אָן שום ידיעה װעגן זײַן גורל. אַלע אין די נאָך־מלחמה־יאָרן ביזן הײַנטיקן טאָג באַמיונגען זיך עפּעס צו דערװיסן װעגן דעם פאַרשװוּנדענעם װאַללענבערגן, האָבן נישט געגעבן קיין שום װעזנטלעכע רעזול־טאַטן. דער עיקר זאָל דאָס האָבן אַזוי געשען, דאַרף דאָס פאַרן־שטאַנען װערן, װײַל די סאָװיעטן האָבן געהאַלטן בסוד די הויפּט־סיבות פון װאַללענבערגס אַרעסט אַלס דיפּלאָמאַט פון אַ שכנות־דיקער מלוכה מיט װעלכער מען האַלט אָן דיפּלאָמאַטישע באַציונ־גען. דערצו איז שװעדן אויך אַ נײטראַלע מלוכה. אַפילו די שװע־דישע רעגירונג אַליין האָט נאָך דער מלחמה נישט שטאַרק זיך פאַרנומען מיט דער װאַללענבערג־פראַגע. געװיס אויך צוליב דיפּלאָמאַטישע מאָטיװן.

לעצטנס איז װידער אַרויף אויפן טאָג־אָרדענונג די פראַגע װאַללענבערג. דאָס דאָזיקע איז אויף ס'נײַ אַקטועל געװאָרן צוליב די נײַע מאַכט־ענדערונגען אין געװעזענעם ראַטנפאַרבאַנד, און דאָס באַשטימען װאַדים באַקאַטין אַלס נײַעם שעף פון דער ק. ג. ב., װעלכער װערט באַטראַכט װי אַ מענטש מיט װעמענס הילף עס װעט זיך פאַרט אײַנגעבן צו קענען אויפקלערן די װאַללענבערג־טראַגעדיע. טראָץ דעם װאָס מען דאַרף האָבן

ערנסטע באַוואָרענישן קעגן דעם, ווײַל עס גלייבט זיך נישט, אַז די ק.ג.ב. זאָל האָבן איבערגעלאָזט וועלכע עס איז שפּורן אין זייערע אַרכיוו־אַקטן פֿון די גולאַגס, ווו וואַללענבערג זאָל האָבן געשמאַכט אַלע יאָרן, ביז זיי האָבן אים בײַם פֿאַרשן אויך אומ־געברענגט. דאָך איז איצט פֿריש פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער מאָסקווער „ניעזאַוויסימאַיאַ גאַזעטאַ" פֿון 10־טן סעפּטעמבער ד.י. אַן אַרטיקל אין וועלכן עס ווערט קודם כּל דערציילט, אַז דער ראַפּאָרט וועגן וואַללענבערגס טויט איז אַ געפֿעלשטער. דאָס האָבן די רעדאַקטאָרן פֿעסטגעשטעלט בעת אַ פֿאָרשונג, וואָס זיי האָבן אַדורכגעפֿירט איבער דעם מיט דער האַנט געשריבענעם ראַפּאָרט, וואָס ד"ר סמאָלטסאָוו פֿון דער לוביאַנקאַ־תּפֿיסה האָט איבערגע־שיקט צום דעמאָלטיקן זיכערהייט־מיניסטער אַבאַקומאָוו, וועלכער לויטעט: „דער אַרעסטאַנט וואַללענבערג איז געשטאָרבן דעם 17־טן יולי 1947". וועגן דעם שרײַבט אויך די שוועדישע טאָג־צײַטונג „דאַגענס־ניהעטער" פֿון דעם 11־טן סעפּטעמבער 1991. איצט האָט אין זעלבן „דאַגענס־ניהטער" פֿון דעם 27־טן סעפּטעמבער ד.י. זיך באַוויזן אַן אַרטיקל וועגן דער וואַללענבערג־פֿראַגע פֿון דער שוועדישער היסטאָריקערין העלענאַ קאַרלבעק־איסאָלאָטאַ, אונטערן טיטל: „וואַללענבערג דער קרבן פֿון שוועדישן פּראָ־נאַציזם". זי פֿאַררופֿט זיך, צווישן אַנדערן, אויך אויף דער מאָסק־ווער „ניעזאַוויסימאַיאַ גאַזעטאַ", וועלכע דערציילט וועגן פֿריש אַפּגעפֿונענעם מאַטעריאַל, וועגן אַ דערקלערונג פֿון וואַללענבערגס געוועזענעם תּפֿיסה־שכן, דעם דײַטש הערמאַן גראָססהיים־קריסקאַ (אַ באַשעפֿטיקטער אין דער שוועדישער אַמבאַסאַדע אין בודאַ־פּעשט). ער האָט בעת דער פֿאָרשונג דערציילט, אַז די רוסן האָבן וואַללענבערגן באַשולדיקט אין מיטאַרבעט מיטן היטלעריזם.

דער תּפֿיסה־עדות גראָססהיים איז פֿיל מאָל געפֿאָרשט גע־וואָרן דורך די סאָוויעטן, דער עיקר וועגן זײַנע אָבסערוואַציעס פֿון אויגוסט־דעצעמבער 1944. ער האָט געוויס אַלץ אויסגעזאָגט וועגן וואַללענבערגס טעטיקייט, וועלכע איז דאָך געווען אין אײַנקלאַנג

מיט די פּאָליטישע פאַראינטערעסירונגען פון דער שוועדישער אַמבאַסאַדע אין בודאַפּעשט. זעט אויס, אַז גראָססהיים האָט גע־האַט וואָס צו דערציילן, ווײַל ווען אַ גרויסע שוועדישע צײַטונג האָט אין 1952 געשריבן אַן אַרטיקל אויף דער טעמע גראָססהיים, האָט דער שוועדישער אויסערן־דעפּאַרטאַמענט זיך געוווּנטשן אַז די צײַטונג זאָל שווײַגן וועגן דער דאָזיקער פראַגע. וועגן דעם דערציילט אין איר אַרטיקל די היסטאָריקערין העלענאַ קאַרלבעק־איסאָלאַטאַ. גראָססהיים איז געווען אַן „אייגענער", קען מען זאָגן. ער איז אין אונגאַרן געווען דער היטער פון די סאָוויעטישע דיפּ־לאָמאַטישע אינטערעסן. די היסטאָריקערין דערציילט אויך אין איר אַרטיקל, אַז גראָססהיימס שעף אין דער אַמבאַסאַדע, לאַרס בערג, האָט אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די בודאַפּעשטער געשעענישן. דאָס בוך איז גיך פאַרשוווּנדן, דאָס הייסט, אַרויסגענומען געוואָרן פון פאַרקויף. און אַז די „פּראָטעקציע־בריוו" פאַר די געטאָ־ייִדן, וואָס וואַללענבערג האָט געטיילט, זאָלן גאָר האָבן פון זיי געגנאָסן אַי־טאַליענישע פאַשיסטן, ווײַסרוסן און אַפילו אונגאַרן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען מיט זיי, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו די אונגאַרישע גרענעצן. דאָס זעלבע האָט אויך דערציילט גראָססהיים בעת ער איז אין 17־טן מערץ 1945 גע־פאַרשט געוואָרן דורך דעם סאָוויעטישן קאַפּיטאַן אַוטיאַרענקאָ, און דורך דעם מיליטערישן קאָנטער שפּיאָנאַזש, סמערש. דאָס דאָזיקע האָט אויף צו מאָרגנס, דעם 28־סטן סעפּטעמבער ד.י. אָפּגעלייקנט פאַר דער זעלבער רעדאַקציע דער געוועזענער אין דער מלחמה־צײַט אַמבאַסאַדאָר אין אונגאַרן, פּער אנגער. ער האָט דערקלערט, אַז די וואַללענבערג פּראָטעקציע־בריוו זענען נאָר געווען כּדי צו ראַטעווען ייִדן פון טויט אין אונגאַרן, וואָס די נאַציס האָבן געוואָלט דערמאָרדן. מען קען זאָגן, אַז די וואַללענ־בערג־געשיכטע איז נישט קיין פּשוטע און אויך די ראָלע פון דער שוועדישער אַמבאַסאַדע אין בודאַפּעשט, בעת דער מלחמה־צײַט, דאַרף נאָך האָבן אַן אָביעקטיווע היסטאָרישע באַלײַכטונג.

עס איז אָבער אינטערעסאַנט די פֿראַגע, צי איז ראַול וואַל־לענבערג אַרעסטירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי אין בודאַפּעשט, ווײַל ער זאָל האָבן זיך פֿאַרנומען מיטן ראַטעווען ייִדן פֿון אומקום, אָדער דערפֿאַר ווײַל ער האָט, ווי אַ שוועדישער דיפּלאָמאַט, זיך פֿאַרנומען מיט דער געהיימער דיפּלאָמאַטישער אַוואַנטורע פֿון דערפֿירן צו אַ סעפּאַראַטן שלום צווישן דער היטלעריסטישער רעגירונג מיט די מערב־אַליאַנס־מלוכות — אַמעריקע און ענגלאַנד, וואָס איז געווען אין קעגנזאַץ צו דעם אָפּמאַך, וואָס די מערב־מלוכות האָבן אונטערגעשריבן מיטן ראַטנ־פֿאַרבאַנד.

וועגן די געהיימע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה צווישן די מערב־לענדער און דער דײַטשער היטלער־רעגירונג, איז הײַנט שוין פֿאַראַן אַ רײַכע היס־טאָרישע ליטעראַטור. דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אויפֿן נירנבערגער אינטערנאַציאָנאַלן פּראָצעס, ווען עס זענען געמשפּט געוואָרן די דײַטשע מלוכה־פֿאַרברעכער. חוץ דעם האָט דער באַ־קאַנטער ייִדישער היסטאָריקער, פּראָפֿעסאָר א. אײַזענבאַך פֿאַר־עפֿנטלעכט אַן אַרבעט אויף דער דאָזיקער טעמע א. ט. „די געהיי־מע אונטערהאַנדלונגען מיטן דריטן רײַך" („בלעטער פֿאַר גע־שיכטע" 1954 פֿון „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פּוילן"). פֿון דער דאָזיקער אַרבעט דערוויסן מיר זיך אַ סך פּרטים אין פֿאַר־בינדונג מיט דער פֿראַגע ראַול וואַללענבערג.

✶

אין סוף 1943 האָט זיך שוין דײַטשלאַנד געפֿונען אין אַ קאַ־טאַסטראָפֿאַלער סיטואַציע. דער נצחון פֿון דער סאָוויעטישער אַרמיי בײַ סטאַלינגראַד, די מפּלה פֿונעם פֿאַשיסטישן מיליטער אויפֿן פֿראָנט אָריאָל — קורסק, די שלאַכטן בײַם דניעפּער און די נצחונות פֿון דער סאָוויעטישער אַרמיי אויך אויף אַנדערע פֿראָנטן האָבן דעצידירט וועגן דעם ווײַטערדיקן גאַנג פֿון דער צווייטער

וועלט־מלחמה. היטלער־דײַטשלאַנד האָט זיך דערנענטערט צו אַ פולשטענדיקער קאַטאַסטראָפע.

די מפּלה פון היטלער־דײַטשלאַנד אויפן מזרח־פראָנט האָט אויך צעטרייסלט דעם גאַנצן פאַשיסטישן בלאָק, וואָס איז זיך צעפאַלן אין שטויב. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך אָפענער אַנטפלעקט די ידיעות וועגן די פעלקער־מערדערישע פאַרברעכנס, וואָס די דײַטשן זענען באַגאַנגען אין די אָקופּירטע געביטן. די דאָזיקע פאַקטן האָבן אין אַלע לענדער אַרויסגערופן אַ גוואַלדיקע אויפרעגונג קעגן דײַטשלאַנד.

אויפן סמך פון די מיליטערישע קאַמפּס־פאַרבינדונגען צווישן דער אַמעריקאַנער און ענגלישער אַליאַנס מיט דער סאָוויעטשיער מאַכט, זענען אין חודש אָקטאָבער 1943 פאָרגעקומען צוויי קאָנפערענצן: אין מאָסקווע (1943 : 1.12 — 19.11) פון די אויסערן־מיניסטאָרן פון די דרײַ גרויסמאַכטן, און אין טעהעראַן (28.11—1.12 .1943) פון די שעפן פון די דרײַ מלוכות. דאָרט זענען זיי געקומען צו אַ הסכּם וועגן די ווײַטערדיקע געמיינזאַמע קריגס־אָפּעראַציעס אויף צו פאַרניכטן די היטלעריסטישע באַוואָפנטע כּוחות. דאָרט זענען אויך אָנגענומען געוואָרן וויכטיקע באַשלוסן וועגן דעם טערמין פון אַרויסזעצן אַן ענגליש־אַמעריקאַנישן מיליטערישן דעסאַנט אין פראַנקרײַך, דעם אַזוי גערופענעם „צווייטן פראָנט".

דער נצחון פון דער סאָוויעטישער אַרמיי און דער וווּקס פונעם מיליטערישן פּרעסטיזש פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אָבער פון דער צווייטער זײַט אַרויסגערופן אַ פּחד אין די ענגליש־אַמעריקאַנער קרײַזן, אַז דאָס קען זײַן גורם אַ וווּקס פון די אַנטיפאַשיסטישע כּוחות, אַ וווּקס פון דער באַפרײַונגס־באַוועגונג אין אייראָפּע און אין אַזיע. אין זײַן בוך „דער דײַטשער גענעראַל־שטאַב" (1950, ז' 639) שרײַבט דער היסטאָריקער גערליץ, אַז טשערטשיל האָט פאַרן אַרײַנדרינגען פון סאָוויעטישן מיליטער אין מיטל־אייראָפּע — אין רעזולטאַט פונעם צעגראַמירן די היטלעריסטישע אַרמיי —

„נישט ווייניקער מורא געהאַט, ווי פאַרן זיג פון דער היטלעריס־טישער דאָקטרין".

דעריבער טאַקע האָבן די פאַרשטייער פון די מערבדיקע גרויס־מאַכטן, טראָץ זייערע אָפּמאַכן און אָפיציעלע דעקלאַראַציעס, פאַר־געזעצט געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיטן „דריטן רײַך" וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום. די הינטערקוליסן־געשפּרעכן זענען געפירט געוואָרן אין געהיימע טרעפונגען פון דיפּלאָמאַטישע פאַרשטייער אין די נייטראַלע לענדער. אין די דאָזיקע אינטערהאַנדלונגען האָט זיך אַרויסגערוקט דער היטלעריסטישער „רײַכסזיכערהייטס־הויפּט־אַמט" און זײַן שעף, דער עס־עס־גרופּנפירער וואַלטער שעללענ־בערג. אין האַרבסט 1942 איז שעללענבערג געווען אין קאָנטאַקט מיטן בריטישן קאָנסול אין ציריך. אין דער זעלבער צײַט איז ער אויך געווען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיטן שעף פון דעם שווייצאַ־רישן אויסערן־דינסט מאַסאָן. נאָך אַנדערע קאָנטאַקטן האָט שעל־לענבערג געהאַט מיט גאַר וויכטיקע אַליאַנס־אונטערערדישע פאַרשטייער. (דער טרויעריק באַקאַנטער שעללענבערג איז פאַר־משפּט געוואָרן אויפן נירנבערגער פּראָצעס און איז דורך מעק קלאָי (אַמעריקע) באַפרײַט געוואָרן אין יאָר 1950).

ווי טעאָדאָר פּעפּגען, דער לייטער פון דער ענגליש־אַמערי־קאַנער אָפּטיילונג אינעם שטאַב פון דעם „אויסערן־דינסט", האָט דערקלערט פאַרן טריבונאַל אין נירנבערג, האָט זיך שעללענבערג אין אָקטאָבער 1943 אַוועקגעלאָזט קיין שטאָקהאָלם ווו ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ געשפּרעך מיטן דאָרטיקן אַמעריקאַנישן אַמבאַ־סאַדאָר האַרוויט, און אויך מיטן בריטישן אַמבאַסאַדאָר. די הויפּט־טעמע פון די דאָזיקע געשפּרעכן איז געווען דאָס באַשטימען די באַדינגונגען פון שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום. די דאָזיקע הינטער־קוליסן־דיפּלאָמאַטיע האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט נאָך דער טעהעראַנער קאָנפערענץ. דערבײַ האָבן, חוץ אַנדערע נייטראַלע מלוכות, אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט טערקיי און דער וואַטיקאַן.

די רעגירונגס־קרײַזן פון די מערב־מלוכות האָבן, כּדי צו פאַר־לײַכטערן דאָס פירן געהיימע אונטערהאַנדלונגען מיט די דײַטשע פעלקערמערדער, געשטרעבט צו באַזײַטיקן אַלע שטערונגען, קודם־כּל אָפּצושוואַכן די אַנטי־דײַטשע שטימונגען אין דער עפנטלעכער מיינונג, דער עיקר קעגן דער דײַטשער הריגה איבער דער באַפעלקע־רונג אין די אָקופּירטע לענדער און דאָס אומברענגען מיליאָנען ייִדן אין די טויטלאַגערן. עס זענען געמאַכט געוואָרן באַמיונגען אַז די היטלעריסטישע רעגירונג זאָל לינדערן דעם קורס דורך בלומרשטער נאָכגיביקייט, אָדער צוזאָגן צו באַפרײַען אַ געוויסע צאָל אסירים פון די לאַגערן. דאָס האָט, לויט די אויסרעכענונגען פון די אַמעריקאַנער און ענגלישע רעגירונגס־קרײַזן, געזאָלט ווירקן אויף צו באַרויִקן די אויפגעברויזטע עפנטלעכע מיינונג און זיי פאַרלײַכטערן צו רעאַליזירן זייערע פּלענער פון אַ סעפּאַראַטן שלום מיט די מענטשן־מערדער.

אויף אָפּצושוואַכן דעם אויפברויז קעגן די מערדערישע אַקטן פון נאַצי־דײַטשלאַנד, זאָל דער שוועדישער קאָנסול אין בערלין, אין שליחות פון זײַן רעגירונג, האָבן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אויף דער ווילהעלמשטראַסע און געמאָלדן, אַז שוועדן איז גרייט אויפ־צונעמען די ייִדן, וואָס זענען בירגער פון די סקאַנדינאַווישע לענ־דער און וואָס געפינען זיך אין די לאַגערן; ביזן סוף פון קריג קאָנען זיי אינטערנירט ווערן אין שוועדן. דער לייטער פון דער אָפּטיילונג פון די סקאַנדינאַווישע לענדער אין דײַטשישן אויסערן־מיניסטעריום, וואַגנער פאָן גרונדהער, האָט דעם 1־טן אָקטאָבער 1943 אינפאָרמירט דעם אויסערן־מיניסטער ריבענטראָפּ וועגן דער דאָזיקער מינדלעכער נאָטע פון שוועדישן קאָנסול. ריבענטראָפּ האָט דערקלערט: „אין דער קאָנקלוזיע איז דאָס דאָזיקע אָנגענו־מען געוואָרן בלויז צוליב דעם, וואָס דער מיניסטער גינטער (דער שוועדישער אויסערן־מיניסטער) האָט ערנסט מורא פאַר דער שטאַרקער רעאַקציע פון דער שוועדישער עפנטלעכער מיינונג, אויב די רעפּרעסיעס קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דענע־

מאַרק ווערן אויסגעפירט ווערן". („מאַנד זשוויף", פּאַריז 1949, גרונדהערס נאָטע אין אַ פראַנצויזישער איבערזעצונג).

וועגן זעלבן ענין האָט דער שוועדישער קאָנסול אויך אָפּגע־שטאַט אַ וויזיט ביים מיניסטער פאַן שטעענגראַכט. פון שטעענגראַכטס אינפאָרמאַציעס דערוויסט מען זיך אויך וועגן שוועדישן דעמאַרש פונעם 4־טן אָקטאָבער 1944, און אַז אויך אים האָט מען דער־קלערט, אַז די שוועדישע פאָרשלאָגן זענען געקומען כדי צו לינ־דערן די אויפרעגונג פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין די פרעסע־אַטאַקעס קעגן היט־לער־דייטשלאַנד.

דאָך האָט הן פאַן שטעענגראַכט, הן פאַן גרונדהער געגעבן אַ נעגאַטיווע תשובה. פאַן גרונדהער למשל האָט דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין שום אינפאָרמאַציעס וועגן „אָפּעראַציעס קעגן יידן", אַז אין דענעמאַרק איז דערקלערט געוואָרן אויסנאַם־צושטאַנד און דעריבער האָבן די מיליטערישע אָרגאַנען אונטער־גענומען שריט, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן פאַר נויטווענדיק.

צו די געהיימע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום זענען אַפילו אויסגענוצט געוואָרן יידן פון בודאַפּעשטער געטאָ־לאַגער און אויך יידן פון אַנדערע נייטראַלע לענדער. ר. קאַסטנער, פון בודאַפּעשטער געטאָ, וואָס איז גע־שטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער מיסיע פון ראַול וואַללענבערג, האָט דעם 13־טן סעפּטעמבער 1945 דערקלערט אויפן נירנבער־גער פּראָצעס, אַז אַלס פאָרשטייער פון הילפס־קאָמיטעט פאַר יידן (ועד ההצלה), האָט ער אין יאָר 1942 און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אָנגעהאַלטן אין אונגאַרן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט, דורך דיפּ־לאָמאַטישע קוריערן, מיט די פאָרשטייער פון דער „יידישער אַגענץ" און פון דעם „דזשוינט" אין די נישט אָקופּירטע לענדער — טער־קיי און די שווייץ, צו וועלכע ער האָט איבערגעשיקט ידיעות וועגן דער לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן דעפּאָרטאַציעס א״אַ. קאַסטנער האָט אויך דערקלערט, אַז מיטן זעלבן וועג האָט

ער איבערגעשיקט צו די פֿאַרשטייער פֿון די מערבֿ־מלוכות געהיימע ראַפּאָרטן וועגן זײַנע פּאַרטרווילעכע קאָנטאַקטן מיט פֿאַרשטייער פֿון דער מיליטערישער זיכערהייטס־פּאָליציי. דאָס אַלץ איז אָנגעגאַנגען אונטערן פּרעטעקסט פֿון פֿירן געשפּרעכן וועגן אָפּראַטעווען אַ געוויסע צאָל ייִדן פֿון טויט.

✶

אין די היסטאָרישע מאַטעריאַלן פֿון דער נאַצי־דײַטשער אָקופּאַציע אין אונגאַרן ווערט דער שוועדישער דיפּלאָמאַט ראַול וואַללענבערג אַזוי פֿאַרגעשטעלט: עס איז אַלגעמיין באַקאַנט די ראָלע פֿונעם שוועדישן באַנקיר וואַללענבערג, באַזונדערס אין דער העלפֿט 1943, וואָס ער האָט געשפּילט בײַם אָנקניפּן קאָנטאַקטן צווישן גערדעלערן, דעם פֿאַרטרויונגס־מאַן פֿון דער דײַטשער מאָנאָפּאָליסטיש־מיליטערישער קליקע מיט טשערטשילן און אַנדערע אָפּיציעלע פּערזענלעכקייטן פֿון די מערבֿ־מלוכות. אין צוזאַמענהאַנג מיט די מאַנעווערעס פֿון הימלערס דיפּלאָמאַטישער גרופּע אין דער העלפֿט 1944 אין די נייטראַלע לענדער, האָבן איינציקע מאָנאָפּאָליסטישע פֿאַקטאָרן אין מערבֿ געשטרעבט אויסצונוצן וואַללענבערגן, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט די ענגלישע און אַמעריקאַנישע באַנקירן און אינדוסטריעלער, כּדי צו פֿאַרלײַכטערן דאָס דערגרייכן אַ פֿאַרשטענדיקונג אין די געפֿירטע געהיימע אונטערהאַנדלונגען.

ראַול וואַללענבערג, אַ זון פֿון אַ באַנקירן־פֿאַמיליע, איז אין העלפֿט 1944 געקומען קיין בודאַפּעשט אַלס אַטאַשע פֿון דער שוועדישער אַמבאַסאַדע אין אונגאַרן. די פֿאַמיליע וואַללענבערג, צו וועלכער עס האָבן געהערט וויכטיקע צווײַגן פֿון דער אינדוסטריע אין שוועדן, האָט אַ דאַנק די קאַרטעל־פֿאַרבינדונגען אויך געהאַט אירע אינטערעסן אין אונגאַרן. אָט די אינטערעסן זענען באַדראָט געוואָרן דורכן דערנענטערן זיך פֿון דער סאָוויעטישער אַרמיי, וואָס האָט אָנגעזאָגט די באַפֿרײַונג פֿונעם אונגאַ־

רישן פאַלק. אין בודאַפּעשט האָט וואַללענבערג זיך אויך פאַר־נומען מיט אָרגאַניזירן דאָס „ביוראָ פאַר ייִדן־פּראַגן", וואָס האָט כּלומרשט געדאַרפט זאַמלען אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, אויפנעמען אינפאָרמאַציעס בײַ די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען, אָרגאַניזירן הילף פאַר ייִדן אאַ"וו. („מאַנד זשוויף").

אייניקע פאָרשער אין פראַנקרײַך און אין אַמעריקע באַמיען זיך צו רימען וואַללענבערגס מיסיע אין אונגאַרן. פאַקטיש איז ער אָנגעקומען קיין בודאַפּעשט, ווען אין אוישוויץ איז שוין געווען אומגעבערענגט אַ האַלבער מיליאָן ייִדן. וואָס שייך די „פּראָטעקציע־בריוו", האָט ער זיי פאַרטיילט צו געוויסע פאַמיליעס. זײַן פּילאַנ־טראָפּישע טעטיקייט איז אַזוי לאַנג טאָלערירט געוואָרן דורך די נאַציס ווענזענמייער און ווינקעלמאַן, ווי לאַנג דאָס האָט זיי פאַר־לײַכטערט אין זייערע געהיימע מאַכינאַציעס. זיי האָבן דאָס טאָלע־רירט אַזוי לאַנג ווי לאַנג זיי האָבן אויסגענוצט זײַן מיסיע בײַם פאַרמיטלען צווישן די היטלעריסטן און די פאַרשטייער פון די מערבֿ־מלוכות. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז וואַללענבערג האָט דיספּאָנירט מיט די פאָנדן פונעם אַמעריקאַנער „וואָר רעפּיודזשיס באָאַרד". אויך די היטלעריסטיש־אונגאַרישע שאַלאַסי־רעגירונג, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אָקטאָבער 1944, כּדי צו פאָרציען די קאַפּיטולאַציע פון אונגאַרן, האָט אים נישט געמאַכט קיין שטע־רונגען אין זײַן טעטיקייט, ווײַל די מיסיע פונעם יונגן וואַללענבערג איז באַטראַכט געווען ווי אַ פּראָפּאַגאַנדע־מיסיע, פּונקט ווי אַלע אַנדערע אין יענער צײַט — פאַר פּאָליטישע צילן.

די היטלעריסטישע מאַכט האָט עס טאַקע אַזוי טראַקטירט. וועגן דעם זאָגן עדות די פאָלגנדיקע פאַקטן: אין דער ערשטער העלפט סעפּטעמבער 1944, דאָס הייסט, ווען וואַללענבערג האָט געפירט זײַן טעטיקייט אין אונגאַרן, האָט די שוועדישע אַמבאַסאַ־דע אין בערלין זיך געווענדט צום אויסווערטיקן אַמט נאָך אַ דער־לויבעניש פאַר 400 אונגאַרישע ייִדן, וואַרשײַנלעך פאַר די וואָס

האָבן באַקומען די שוועדישע פּראָטעקציע־בריוו, אַרויסצופּאָרן קיין שוועדן. דאָס היטלעריסטישע אויסערן־מיניסטעריום — ווי עס שטעלט פעסט וואַגנערס בריוו פון „אינלאַנד 2״ פונעם 16־טן סעפּטעמבער 1944 — האָט באַשלאָסן אָפּצושלעפּן דעם ענטפער ביזן מאָמענט, ווען די פראַגע פון די אונגאַרישע ייִדן וועט געפינען אַ „דעפיניטיווע לייזונג״, דאָס הייסט, ביז דער פולשטענדיקער פאַרטיליקונג.

די שוועדישע אַמבאַסאַדע האָט אויך אינטערווענירט וועגן אייניקע ייִדישע פאַמיליעס אין דער אָקופּירטער נאָרוועגיע. דער־ביי האָט זי אויסגעדריקט די גרייטקייט אויפצונעמען 64 ייִדן פון געמישטע חתונות, וואָס האָבן זיך געפונען אין די היטלעריסטישע לאַגערן אין נאָרוועגיע. אָבער אויך אין דעם פאַל האָט די נאַצי־מאַכט געגעבן אַ נעגאַטיוון ענטפער. דעם 2־טן אָקטאָבער 1944 האָט דער עס־עס־שטורמפירער גינטהער געמאָלדן דעם מיניסטער ריבענטראָפּ, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין רעפערענט פאַר ייִדן־ענינים פאָן טאַדרען, אַז צוליב פאַרטיידיקונגס־ און זיכערהייטס־טעמים קאָן ער נישט דערלויבן די דאָזיקע ייִדן־אסירים אַרויסצו־פאָרן פון נאָרוועגיע, און דעריבער מוז די שוועדישע נאָטע אָפּ־געוואָרפן ווערן.

עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע היסטאָרישע פאַקטן פון יענער צייט, וואָס באַווייזן, אַז די געהיימע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנד־לונגען וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום זענען נישט נאָר געפירט געוואָרן מיט די נידעריקע „זיכערהייטס־אַמטן״ אַליין. מיר וועלן דאָ ברענ־גען אַ פראַגמענט אויף צו באַווייזן, אַז אויך די העכסטע מלוכה־אינסטאַנצן פון ביידע צדדים האָבן מיט זיך געפירט אונטערהאַנד־לונגען.

פאָלקע בערנאַדאָטס מיסיע אין די לעצטע טעג פון היטלע־ריסטישן רעזשים איז אין אַלגעמיין באַקאַנט. ער האָט אויסגעפירט די ראָלע פון אַ פאַרמיטלער צווישן דער היטלעריסטישער מאַכט און דער הויפּט־קוואַרטיר פון ענגליש־אַמעריקאַנישן מיליטער. דעם

23טן אַפּריל האָט זיך בערנאַדאָט באַגעגענט אין פלאָסענבורג מיט שעללענבערגן, וועלכער האָט אים אינפאָרמירט, אַז „הימלער האָט באַשלאָסן זיך צו טרעפן מיטן גענעראַל אײַזענהאַוער, כּדי אים איבערגעבן, אַז ער איז גרייט אונטערצוגעבן די דײַטשישע מיליטערישע כּוחות אויפן מערב־פראָנט". די דאָזיקע ידיעה האָט בערנאַדאָט געזאָלט תּיכּף איבערגעבן דעם גענעראַל אײַזענהאַוער. אין דער נאַכט פון 23־טן אויפן 24־סטן אַפּריל זענען אין ליבעק פאָרגעקומען ווײַטערדיקע באַגעגענישן פון הימלערן מיט בערנאַ־דאָטן און מיט מוסין. אויך שפּעטער איז דער דאָזיקער קאָנטאַקט אָנגעהאַלטן געוואָרן. בערנאַדאָט איז מודה, אַז דעם 24־סטן אַפּריל האָט ער הימלערס פאָרשלאָג איבערגעגעבן דעם ענגלישן פאָר־שטייער מאַלעט און דעם אַמעריקאַנער פאָרשטייער דזשאָנסאָן.

עס איז פעסטגעשטעלט, אַז די פּראָפּאָזיציעס פון דײַטשלאַנדס קאַפּיטולאַציע לגבי דער ענגליש־אַמעריקאַנער אָנפירונג, און וועגן דער ווײַטערדיקער קאַמפּאַניע קעגן דער סאָוועטישער אַרמיי — זענען אויך באַהאַנדלט געוואָרן אין פענטאַגאָן. אַז דעם 25־סטן אַפּריל האָבן דער פּרעזידענט טרומאַן, דער גענעראַל מאַרשאַל, דער אַדמיראַל לי (שעף פון שטאָב פון אַמעריקאַנער פּרעזידענט) און אַנדערע אַמעריקאַנער פירער, געפירט אַ געשפּרעך דורך אַ ספּעציעלן קאַבעל מיט טשערטשילן וועגן דער דאָזיקער פראַגע. דער אַדמיראַל לי באַהאַלט נישט אויס אין זײַנע זכרונות, אַז טשערטשיל האָט געשטויסן אָנצונעמען די דײַטשע קאַפּיטולאַציע.

טאָג־טעגלעך אָבער האָט זיך די סיטואַציע אַזוי ראַדיקאַל געענדערט, אַז אַלע געשפּרעכן מיט די נאַציס האָבן פאַרלוירן זייער רעאַלע באַדײַטונג. עס זענען, וואָס אַן אמת, באַשטימט גע־וואָרן נענטערע קאָנטאַקטן צווישן דער היטלעריסטישער קליקע מיטן גענעראַל אײַזענהאַוער, באַזונדערס אין די ערשטע טעג פון מאַי 1945, ווען אַלס אויסערן־מיניסטער איז באַשטימט געוואָרן שווערין פאָן קראָסינק און אַלס אַמבאַסאַדאָר אין שטאָקהאָלם איז באַשטימט געוואָרן שעללענבערג. אָבער דאָס פאַרנעמען בערלין

דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי און די וויַטערדיקע צעשמעטערנדיקע קלעפּ האָבן געצוווּנגען די דיַיטשע אָנפירונג צו אַ באַדינגונגס־לאָזער קאַפּיטולאַציע אויפן גאַנצן פראָנט (דעם 9־טן מאַי 1945).
פון די אַלע געהיימע פאַרהאַנדלונגען איז שוין גאָרנישט אַרויס־געקומען. די סאָוויעטישע מאַכט אָבער האָט דאָס דאָזיקע נישט פאַרגעסן און געפאָרשט אַלע מיטאַרבעטער וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום קעגן דער קעמפנדיקער רויטער אַרמיי.

פאַר אונדז ייִדן בלייבט ראַול וואַללענבערג פאָרט פאַררעכנט אַלס ייִדן־רעטער. פונקט ווי די שוועדישע רעגירונג אַליין, וואָס האָט, אין יענער פינצטערער נאַכט פאַרן ייִדישן פאָלק, דעם פאַר־אורטיילטן צום פאַרטיליקן דורך די גערמאַניש־דיַיטשע מענטשן־מערדער. ווי די איינציקע מלוכה אין יענער ציַיט, אַרויסגעריסן לעבעדיקערהייט, די גאַנצע ייִדישן באַפעלקערונג פון אָקופּירטן דענעמאַרק קיין שוועדן. 7000 ייִדן זענען דורך שוועדן אָפּגעראַ־טעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט און לעבן ביזן היַינטיקן טאָג.
בײַם סוף און אויך האַרט נאָך דער מלחמה (1945), האָבן די זעל־בע שוועדן געבראַנגט אין זייערע „וויַיסע" אויטאָבוסן פון די טויט־לאַגערן, צעבראָכענע, קראַנקע ייִדישע און נישט־ייִדישע קאַצעט־ניקעס אין זייער לאַנד אַריַין. מע האָט זיי געהיילט אין די שפּי־טעלער, געשפּיַיזט און זיי אויך איַינגעאָרדנט אין לאַנד אַזוי ווי זייערע אייגענע לאַנדסליַיט. דאָס דאָזיקע האָבן זיי געטאָן, נישט לויט אַ מערב־אַליאַנס־אינסטרוקציע מיט דער כּוונה צו לינדערן דערמיט די פאַרביטערונג קעגן די דיַיטשיש־פאַשיסטישע מערדע־רייַען, נאָר פּשוט כּדי צו ראַטעווען מענטשן פון דיַיטשן קאַניבאַלן־מאָרד. דאָס דאָזיקע האָבן נישט געטאָן די מערב־אַליאַנס־מלוכות, וועלכע האָבן, אַפילו נישט געלאָזט לאַנדן אין זייערע פּאָרטן אַ שיף מיט ייִדן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון טויט־לאַגערן, כּדי צו ראַטעווען דאָס לעבן. די אַמעריקאַנער פּאָרטן האָבן געצוווּנגען די שיף אָפּצושווימען צוריק צום אָרט פון די טויטלאַגערן, די

דײַטשע מערדער זאָלן זײַ דערהרגענען. וואָס ד מערב־וועלט האָט דעמאָלט געטאָן אָדער נישט געטאָן בעתן אומברענגען די זעקס מיליאָן אייראָפּעישע ייִדן, כּדי נישט צו שטערן דעם מערדער אין זײַן ייִדן־מאָרד — איז שוין גוט באַקאַנט. עס זענען פֿאַראַן נישט ווייניק דאָקומענטן, גאַנצע היסטאָרישע ביכער, וואָס באַשטעטיקן דעם פֿאַקט. דאָס איז אָבער אַ באַזונדערע טעמע.

„אונזער וואָרט", 1.10.1991

★

וועגן דעם שוועד ראַול וואַללענבערג איז באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה דערציילט געוואָרן אַ סך וווּנדער־געשיכטעס, אַרום זײַנע אויפֿטוען בײַם ראַטעווען אין אונגאַרן ייִדן פֿון בודאַפּעשטער געטאָ־לאַגער, בעת דער נאַצי־דײַטשישער ייִדן־הריגה, ווער שמועסט נאָך, אַז דעמאָלט איז שוין אויך געווען באַקאַנט, אַז קיינער אין דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט, נישט די אַליִאַנס־מלוכות, נישט די אינטעליגענטן און אַפֿילו אויך נישט די רעליגיעזע וועלט, האָבן אין דער גאַנצער צײַט פֿון דער נאַצי־דײַטשישער מענטשן־הריגה נישט אונטערגענומען קיין שום הילף קעגן דעם אויסטערלישן מענטשנמאָרד, וועלכן די דײַטשישע קאַניבאַלן האָבן אין אַלע מלחמה־יאָרן פֿרײַ אויסגעפֿירט אין די לענדער פֿון דער אָקופּירטער אייראָפּע. און דאָ פּלוצלינג האָט זיך פֿאַרט אַרויסגעוויזן, אַז אַ שוועד, ראַול וואַללענבערג, האָט יאָ געראַטעוועט ייִדן פֿון בודאַפּעשטער געטאָ־לאַגער, וועלכע די דײַטשישע באַנדיטן האָבן געגרייט צו דערמאָרדן, אַז דאָס האָט דער שוועד געטאָן פֿון זײַן אייגענער איניציאַטיוו, אין ריין מענטשלעך־הומאַניטאַרן זינען. בײַ דעם איז אויך דערציילט געוואָרן, אַז ווען די געוועזענע סאָוויעטישע אַרמיי איז אין אָנהייב פֿון יאָר 1945 אַרײַן קיין אונגאַרן, אין דעם דעמאָלט אָקופּירטן לאַנד

דורך דער נאַצי־דײַטשישער װערמאַכט, האָט זי אין בודאַפּעשט אַרעסטירט ראַול װאַללענבערגן, אים אַװעקגעפירט קײן מאָסקװע, פֿאַרשפּאַרט אין פֿאַרשידענע גולאַגס אַלס באַשולדיקטן אין שפּיאָנאַזש קעגן דעם ראַטנפֿאַרבאַנד. נאָך אַ רײ פֿאַרשונגען האָט מען אים אין דער שטיל דערמאָרדעט.

נאָך דער מלחמה, אין די יאָרן שוין פֿאַר דעם באַלשעװיסטישן זעלבסט־מפּלה־קראַך, האָט װאַללענבערגס פֿאַמיליע געמאַכט באַ־מיִונגען זיך צו דערװיסן װעגן דעם פֿאַקטישן גורל פֿון ראַולן, בײַ דער מיטהילף פֿון געװעזענע ק. ג. ב.־אַגענטן, אָבער אָן דערפֿאָלג. אין דער זעלבער צײַט האָבן אויך קורסירט פֿאַרשידענע װערסיעס װעגן דער לאַגע פֿון װאַללענבערגן און פֿאַרשיקונגען, װאָס די סאָװיעטן זאָלן האָבן קעגן אים אַדורכגעפֿירט, ביז דער אויסטער־לישער הריגה.

װעגן דעם װאַללענבערג־פּראָבלעם האָב איך אין יאָר 1991 פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל אין פֿאַריזער „אונזער װאָרט״, װעלכן איך װיל איצט אויך איבערחזרן. אין תּוך פֿון זײַן ייִדן־רעטונג קענען דאָך נישט אַרײַנטרעטן קײן שום ענדערונגען. בלויז די פֿראַגע פֿון װאַנעט עס איז פֿאַקטיש געקומען די סוגעסטיע, אָדער די נויטװענדיקע איניציאַטיװ פֿאַר דעם פּאָליטישן באַדאַרף, קאָן נאָך מער באַקרעפֿטיקט װערן דורך צוגאָבלעכע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן, צו װעלכע מען קאָן נאָך פֿאָרט האָבן אַ צוטריט — װי עס האָט לעצטנס איבערגעגעבן דער אַמעריקאַנער װאָכן־מאַגאַזין „ניו־װאָרלד־ריפּאָרט״ און איז אויך איבערגעדרוקט גע־װאָרן דורך דער שטאָקהאָלמער טאָג־צײַטונג „דאגענס ניהעטער״, דעם 3־טן און 5־טן מאַי 1996. עס װערט דערציילט, אַז דער פּאָפּולערער שװעדישער ייִדן־רעטער ראַול װאַללענבערג, זאָל גאָר האָבן געװען אַן אַמעריקאַנער שפּיאָן אין אונגאַרן, װען ער האָט אין דאָזיקן אָקופּירטן לאַנד זיך פֿאַרנומען מיטן ראַטעװען ייִדן פֿון דער דײַטשישער ייִדן־פֿאַרטיליקונג.

װעגן דאָזיקן פֿאַקט האָבן איצט אין אַמעריקע צװײ צײַטונגס־

רעפּאָרטערן פּאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט, ביידע זשורנאַליסטן, וויק־טאָריאַ פּעפּע און טשאַרלז פעניוועסי (געבוירענער אין אונגאַרן), האָבן אַ האַלב יאָר צייט געפאָרשט דעם פאַרוויקלטן ענין וואַללענבערג, אין דעם געהיימען אַמעריקאַנער זיכערהייטס־אַרכיוו. זיי האָבן דאָרט געפונען וואַללענבערגס נאָמען אויף דער ליסטע צווישן 2000 אַמעריקאַנער שפּיאָנען, באַשעפטיקטע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דעם 29־סטן אויגוסט ד. י. האָט אין שוועדישן „דאַגענס ניהע־טער" זיך אויך באַוויזן אַ נאָטיץ וועגן דעם, אַז ישראלס אויסערן־מיניסטער וועט זיך פאַרנעמען מיטן ענין ראַול וואַללענבערג. מסתּמא כּדי אויסצוגעפינען נייע קוועלן אין רוסלאַנד, בעסער אויפצוקלערן דעם פאַרוויקלטן פּראָבלעם אַרום דעם פאַרשווינדן פון ראַול וואַללענבערג. דאָס האָט מיך אַפילו סוגערירט צו באַנייען איצט מיינע שוין פאַרעפנטלעכע מאַטעריאַלן וועגן זעלבן שוועד ראַול וואַללענבערג, וועלכע שטיצן זיך אויף גאָר וואָגיקע דאָקו־מענטן.

דאָס אויבן געברענגטע באַטייט פאָרט, אַז דער זעלבער ראַול וואַללענבערג, וועלכער איז פאַר דער וועלט, און באַזונדער פאַרן יידישן פאָלק, אָנגעגאַנגען אַלס אויסנעמלעכער יידן־רעטער, אַז ער זאָל דאָס האָבן געטאָן פון אייגענער איניציאַטיוו, זאָל זיך דאָס איצט, אויפן סמך פון די געפאָרשטע אין אַמעריקע היסטאָרישע דאָקומענטן, אַרויסווייזן, אַז ער האָט אַלץ געטאָן אַלס אויפגאַבן געבונדן מיט זיין אַמעריקאַנער שפּיאָנען־פונקציע.

ווי באַוווּסט, האָבן אין די סאַמע לעצטע צייטן פונעם גאַנג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך געפירט געהיימע דיפּלאָמאַ־טישע פאַרהאַנדלונגען צווישן די אַליאַנס־מלוכות און דער היטלער־רעגירונג, וועגן שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום. ווען ס'האָבן זיך באַ־וויזן סימנים פון פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פאַר אַזא עווענטועלן שלום, האָבן די אַליאַנס־מאַכטן געוואָלט עפּעס אונטערנעמען, אַז די וועלט־עפנטלעכקייט זאָל נישט שלעכט טראַכטן וועגן דעם שלום

מיטן היטלעריסטישן מענטשנמערדער. די וועלט זאָל נישט חושד זײַן, אַז די אַליאַנס וויל באַשיצן די מערדערישע היטלער־רעגירונג פון דער מפּלה. האָבן זיי באַשלאָסן צו פירן אויך מיט היטלערן אונטערהאַנדלונגען וועגן באַפרײַען אַ ביסל ייִדן פון די טויט־לאַגערן, כּדי צו קענען באַווײַזן דערמיט, אַז די מערדער זענען גאָר סאָלידע מענטשן, ווײַל זיי האָבן דאָך באַפרײַט ייִדן. דאָס איז געווען די סיבה פונעם פּלוצעמדיקן אונטערנעמען די כּלומרשטע רעטונגס־אַקציע, מיט דער הילף פון די נייטראַלע לענדער. ווי באַקאַנט, האָט די מערב־אַליאַנס, מיט אַמעריקע בראַש, אין אַלע מלחמה־יאָרן אין גאַנצן „פאַרשוויגן" דעם היטלער־דײַטשישן מענטשנמאָרד, און אַוודאי אויך די גאַז־פאַרטיליקונג פון ייִדנטום אין דער אָקופּירטער אייראָפּע. אָבער ווען די דאָזיקע אַליאַנס זאָל פאָרט קענען אָפּן באַשיצן דעם היטלער־רעזשים פון דער מפּלה, ווײַל די רויטע אַרמיי איז שוין דעמלט געווען אַרײַן אין אַ טייל אָקופּירטע לענדער, און אַפילו אויך שוין איבערגעטראָטן די דײַ־טשישע שוועל, גענומען אַטאַקירן בערלין — האָט די אַליאַנס בע־סער געוואָלט האָבן אַלס שותּף דעם היטלער־רעזשים, איידער דעם סאָוועטישן רעזשים, ווי עס האָט דאָס געהאַט אויך דער־קלערט טשערטשיל, דער ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער. דעריבער זענען טאַקע אין געהיים אָנגעגאַנגען די דיפּלאָמאַטישע אונטער־האַנדלונגען מיט דער היטלער־רעגירונג, וועגן אַ סעפּאַראַטן שלום, און די נייטראַלע לענדער האָבן אײַנגעלייגט וועלטן צו פּועלן בײַ הימלערן ער זאָל באַפרײַען אַ ביסל ייִדן פון די טויטלאַגערן כּדי די וועלט זאָל זען, אַז די דײַטשישע היטלעריסטישע רעגירונג האָט נישט פאַרטיליקט די ייִדן...

„לעצטע נײַעס" תּל־אביב, 15.11.96

הערש־מענדל שטאָקפּיש — דער ייִדישער רעוואָלוציאָנער

דאָס וועגן וואָס מיר ווילן ווײַטער רעדן, דאַרף מען אָנהייבן מיט דער אַקסיאָמאַטישער באַצייכענונג, אַז די געשיכטע שטייט נישט אויף איין אָרט, אַז דאָס לעבן גייט אַלע מאָל פאָרויס. אַלע לעבנס־געשעענישן, אַלע געזעלשאַפּטלעכע, פּאָליטישע פּאַסירונגען און אַנטוויקלונגען פון היסטאָרישער באַדײַטונג קומען כּסדר פּאָרויס. דער נעכטן פון וועלכן מען לערנט פּאַרן באַדאַרף פון דער צוקונפט וועגן ווערט דעריבער כּסדר דערמאָנט, איבערגעחזרט — נאָר די מענטשן, וואָס זענען געווען אַקטיוו אַנגאַזשירט אין די דאָזיקע וויכטיקע געשעענישן פון דער צײַט, ווערן אָפּט פּאַרגעסן, מען דאַרף זיי נישט מער. אַן אויסנאַם זענען גײַסטיקע פירער־טעאָרעטיקער, וועמען די געשיכטע האָט אַרויסגערוקט בראש פון די געשעענישן און פון וועמענס לערע די געזעלשאַפּט דאַרף און וויל ווײַטער געניסן, ווי פון אינסטרומענטן צום ווײַטערדיקן קאַמף. זיי, אַזעלכע מענטשן ווערן שוין יאָ דערמאַנט.

מיר ווילן דאָ דערמאַנען, אויפלעבן אין אונדזער זכּרון אַ מענטש, אַ ייִד, אַן אַרבעטאָרער, אַ פּראָלעטאַרישן רעוואָלוציאָנער, אַ געזעלשאַפּטלעכן טוער, אַ פּאָליטיש אַקטיוון מענטש, וואָס האָט אין גאַנצן לעבן זײַנעם זיך פאַרנומען נאָר מיט געזעלשאַפּטלעכער פּאָליטישער אַרבעט. געקעמפּט כּסדר פאַר דער זאַך פון אַרבעטער־פּאָלק. מיר ווילן דאָ דעראינערן דעם מענטש, וואָס האָט במשך פון צענדליקער יאָרן געשפּילט אַ באַדײַטנדיקע ראָלע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. זײַנע, הערש־מענדלס, פּאָליטישע אַקטיווי־

טעטן האָבן געהאַט, קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַן אינטער־נאַציאָנאַלן פאַרנעם.

הערש־מענדל שטאָקפיש. זײַן אמתער נאָמען איז געווען דוד שטאָקפיש. הערש־מענדל איז געווען זײַן פסעוודאָנים. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1893, אין ייִדישן גבול פון דער פוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע. געשטאָרבן איז ער אין אייגענעם ייִדישן לאַנד, אין ישראל, דעם 27־סטן יולי 1968. ער האָט געלעבט 75 יאָר.

מען דאַרף אים דערמאָנען דערפאַר, ווײַל טאַקע ער איז געווען דער טיפּישער ייִדישער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם וויכטיקסטן, דינאַמישן מענטש פון יענער ייִדישער עקזיסטענץ, אין דער סביבה פון די ס'רוב פאַרטיליקטע, דורך דעם דײַטשן מערדערפאָלק, ייִדישע פאָלקסמאַסן, וואָס האָבן געלעבט און געשאַפן במשך פון די טויזנט יאָר אין פוילנלאַנד.

הערש־מענדלס לעבנס־פּעריאָד פון זײַנע קינדער־יאָרן אָן איז אויך אַ דערמאָנונג פונעם לעבן און פונעם אַנטוויקלונגס־גאַנג פון ייִדישן אַרבעטער פּראָלעטאַריער אויף דער ייִדישער גאַס, צווישן דער אָרעמער באַפעלקערונג, וועלכע האָט גאַנץ לײַטיש וועגעטירט.

ער אַליין דערמאָנט וועגן זײַן קינדהייט אין זײַן בוך א. ט. „זכרונות פון אַ ייִדישן רעוואָלוציאָנער", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1959 אין ישראל אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. ער שרײַבט דאָרט, אַז אין דער ליטעראַטור ווערט אָפט מאָל געשילדערט דאָס לעבן פון קינדער, וואָס האָבן קיין קינדהייט נישט געהאַט, ווען עס האָט אין זייערע פריסטע קינדער־יאָרן אויסגעפעלט פרייד און צאַרטקייט, ליכט און וואַרעמקייט.

אַזאַ קינדהייט האָבן געהאַט די ייִדישע קינדער פון דער סטאַווקי, סמאָטשע און גענשע גאַס אין וואַרשע. פון אַזעלכע קינדער זענען אָפט מאָל אויסגעוואַקסן סאָציאַליסטישע קעמפער. געשען איז עס דעמלט, ווען דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט און זיי האָבן צופעליק זיך באַגעגנט מיט אַ רעוואָלוציאָנערער סביבה.

זיי האָבן דאָן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די סאָציאַלע סיבות, וואָס האָבן גורם געווען די שרעקלעכע אומגערעכטיקייט. דעמלט האָבן זיי פאַרבונדן זייערע אייגענע עוולות מיט די אַנדערע אומגערעכטיקייטן, וואָס זענען אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטן געזעלשאַפטלעכן סיסטעם. זיי זענען געוואָרן רעוואָלוציאָנערן.

אָבער דער רוב פון די קינדער זענען שפּעטער געוואָרן הפקר־מענטשן, אָן וועלכער עס איז געזעלשאַפטלעכער מאָראַל, גרייטע אויף יעדער אַוואַנטורע. וועגן אַזעלכע קינדער האָט אַ מאָל וויקטאָר הוגאָ געשריבן, אַז מען קאָן אין פּאַריז שטענדיק געפינען אַ דרײַסיק קינדער, וואָס זענען גרייט זיך צו שלאָגן אויף יעדער באַריקאַדע, נישט וויסנדיק פאַר וואָס און צוליב וואָס. דאָס לעבן האָט פאַר זיי נישט קיין גרויסן ווערט. דערשלאָגענע, זענען זיי גרייט צו אַלעם. און פון אָט דער סביבה ווערט טאַקע געשפּײַזט די אונטערוועלט.

איך אַליין, דערציילט הערש־מענדל, האָב מײַנע קינדער־טרוימען אויך געווענדט אין דער זעלבער ריכטונג. אָבער עס זענען אָנגעקומען ליכטיקע צײַטן, וואָס האָבן מײַן לעבן געגעבן אַ קערעווע אין אַ גאַנץ אַנדערער ריכטונג. ווען נישט די רעוואָלוציע פון יאָר 1905, וואָלט איך זיכער פאַרפאַלן געוואָרן ווי אַ סך אַנדערע אין זומפּ פון דער סמאָטשער אונטערוועלט.

אַזוי האָט ער, דאָס קינד פון דער ייִדישער אָרעמקייט, וואָס איז צו 12 יאָר שוין געווען אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער, גורלדיק געטראָפן אויפן ריכטיקן וועג פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, וואָס איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער האָפענונג צו פאַרבעסערן אויך דאָס ייִדישע לעבן, וועלכעס איז דערצו נאָך אין אַ באַזונדערער אויסנאַם־לאַגע, מיטן לעבן צווישן אַנדערע פעלקער, אין דער הערשנדיקער רעאַקציאָנערער, נישט־גינסטיקער וועלט.

נאָך אַלס יונגטלעכער האָט ער בסדר געאָטעמט מיט אינטענסיווער פאַרנומענקייט. געאַרבעט פיזיש צו פאַרדינען אויף

אויסהאַלט. זײַנע עלטערן זענען געווען זייער אָרעם. ער האָט גע־טאָן אַ סך פּאָליטישע אַרבעטן. געווען כּסדר פֿאַרנומען, דער עיקר מיט לערנען זיך, מיטן שטודירן די מאַרקסיסטישע און נישט־מאַרק־סיסטישע ליטעראַטור. אין דער זעלבער צײַט נישט ווייניק אויך געזעסן אין צאַרישע תּפֿיסות. צו דעם אַלעם האָט ער אויך, מיט גרויסע שוועריקייטן, אומלעגאַל זיך געשמוגלט קיין פּאַריז. בײַ מאַקסים גאָרקי, האָט ער געהאַט געלייענט, אַז יעדער רעוואָלוציאָ־נער דאַרף זײַן אין פּאַריז, און באַזוכן דאָרט דאָס אָרט פֿון דער באַסטיליע (באַסטיליע — אַ באַפֿעסטיקטער שלאָס, וואָס די רע־אַקציאָנערע רעגירונג האָט פֿאַרוואַנדלט אין אַ תּפֿיסה פֿאַר די רעוואָלוציאָנערן, איז אין יאָר 1789, בעת דער פֿראַנצויזישער רע־וואָלוציע, דעראָבערט געוואָרן דורכן פֿאָלק און באַפֿרײַט פֿון דאָרט די געפֿאַנגענע). אויך אין פּאַריז איז ער נישט געזעסן מיט קיין פֿאַרלייגטע הענט.

געווען איז דאָס אַלץ נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914). ער האָט זיך אין פּאַריז באַטייליקט אינעם געזעלשאַפֿט־לעכן לעבן פֿון דער פּוילישער און רוסישער פּאָליטישער עמי־גראַציע. דעמלט האָט ער צום ערשטן מאָל באַגעגנט די פֿירער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ווי פּלעכאַנאָוו, מאַרטאָוו, טראָצקי און לונאַטשאַרסקי. זיך באַפֿרײַנדט מיט אַנטאָנאָוו אָווסעיענקאָ, דעם באַרימטן העלד פֿון בירגערקריג — דעמאָלט נאָך אַ מענשעוויק, וואָס איז שפּעטער, ווי אַ סך אַנדערע באָלשעוויקעס, דערמאָרדעט געוואָרן דורך סטאַלינען.

נאָך דעם ווי דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט פֿאַרראַטן מיטן שטיצן די מלוכות, וואָס זענען צוגעשטאַנען צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן די סאָציאַליסטן אין פֿראַנקרײַך, בעתן אויסבראָך פֿון דער מלחמה, פֿאַרביטן דעם לאָזונג: „קאַמף קעגן קריג" אויף „אַ מלחמה ביזן סוף". הערש־מענדל איז דערי־בער דעמלט געוואָרן אַן אָנהענגער פֿון דער אַנאַרכיסטישער באַ־וועגונג, וועלכע האָט ווײַטער געקעמפֿט קעגן דער מלחמה.

זינט ער איז אַרײַן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז זײַן טרוים געווען: קאַמף פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, פאַר פרײַהייט, פאַר דער מענטשלעכער חשיבות. ער איז אַנטלאָפן פון דאָרט, ווו עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מענטש ווערט דערנידעריקט. צוליב אָט דער סיבה האָט ער אין 1915 זיך דערנענטערט צום אַנאַרכיזם. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די מאַרקסיסטן ברענגען דעם מענטש פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון די מלוכה־אינטערעסן. (אַקטועלער פּראָבלעם פון הײַנטיקן טאָג).

אַלס אַנאַרכיסט האָט ער שפּעטער אָנטייל גענומען אין דער רוסישער רעוואָלוציע. געווען אַ פרײַוויליקער סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי, העלדיש געקעמפט מיט געווער אין דער גרעסטער וועלט־געשעעניש פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין אָקטאָבער־אויפשטאַנד אין מאָסקווע, בײַם אַראָפּוואַרפן די בלוטיקע צאַרישע הערשאַפט. די מלוכה־מאַכט האָט דאָרט איבערגענומען דער אַרבעטער־קלאַס. נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט.

וועגן דעם אָקטאָבער־קאַמף דערציילט הערש־מענדל אין זײַן בוך: „ווען איך שרײַב די שורות 40 יאָר זינט יענע טעג, באַפאַלט מיך אַ ציטער: איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל אַזעלכעס איבערלעבן? איך בין געזעסן אויף אַ באַנק און געמאַכט אַ חשבון־הנפש פון מײַן זעקסיאָריקער סאָציאַליסטישער טעטיקייט. מיט 6 יאָר צוריק בין איך אַרײַן אין „בונד”. דאָרט האָב איך באַקומען די ערשטע לערע וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע. זי איז געווען דער זין אין דער וועלט פון אונדזער לעבן. קיינער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, ווען וועט קומען דער טאָג און ווי אַזוי וועט ער אויסזען? צי וועלן מיר אים טאַקע דערלעבן? און איצט איז ער געקומען. איך, אַ יידישער אַרבעטער פון סמאָטשע גאַס, וועל הײַנט בײַ נאַכט גיין אויף באַריקאַדן...”.

צו זײַן אַרײַנטרעטן אין די קאָמוניסטישע רייען האָט געהאַט

אַן איינפלוס לענינס בוך „מלוכה און רעוואָלוציע״, דערציילט ער. אין אָט דעם ביכל האָט ער געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט: עס וועט אָפּשטאַרבן די מלוכה, ס׳וועלן פאַרשווינדן די געזעצן, ס׳וועט נישט זײַן קיין צוואַנג. דער רעגולאַטאָר אין די באַציונגען צווישן מענטש און מענטש, צו דער געזעלשאַפט, וועט זײַן — די מאָראַל, דערהויבן און געלײַטערט דורך דעם פרײַען מענטש מיט דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. (אַנאַרכיסטישע אַנאַלאָגיע).

מיט דער זעלבער שפּראַך האָט אויך גערעדט ענגעלס אין זײַן קאַפּיטאַל ווערק, „די אַנטשטייונג פון אייגנטום, פאַמיליע און מלוכה״. דורך דער פּריזמע פון די דאָזיקע אידעען האָט הערש־מענדל געזען דעם מאַרקסיזם אין אַ נײַ ליכט. ס׳איז אים געוואָרן וואַרעם אויפן האַרצן, זאָגט ער. ענדלעך געפונען דעם ריכטיקן וועג: דורך דעם קלאַסנקאַמף פון פּראָלעטאַריאַט אויפן וועג צו פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור — צו אַ וועלט אָן מלוכה, אָן געזעצן און אָן צוואַנג. מיט פרייד און מיטן גלויבן איז ער אַרײַנגעטרעטן אין די קאָמוניסטישע רייען, אין וועלכע ער האָט שפּעטער איבער־געלעבט אַזוי פיל דערשיטערונגען.

אין יאָר 1920, זײַענדיק שוין צוריק אין פּוילן, איז הערש־מענדל געווען אַ מיטגליד אין מיליטערישן רעוואָלוציאָנערן קאָ־מיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי, וועלכער האָט געוואָלט צוגרייטן אַן אויפשטאַנד אין וואַרשע, הינטערן רוקן פון פּילסודסקיס אַרמיי, בעת די סאָוויעטן האָבן זיך דערנענטערט צו די מויערן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט.

די סיבה פון אַנטשטיין פון דאָזיקן קאָמיטעט איז געווען, וואָס נאָכן דערגרייכן דורך פּוילן די אומאָפּהענגיקייט, די רעכט צו אַן אייגענער מלוכה, האָט יוזעף פּילסודסקי געשטרעבט צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון פּוילן, ווײַסרוסלאַנד און אוקראַינע, דעריבער האָט ער געוואָלט אָפּרייסן די צוויי מלוכות פון ראַטנפאַרבאַנד. צוליב דעם האָט פּילסודסקי אונטערגענומען זײַן מיליטערישן קריגסמאַרש אויף קיעוו. דאָס איז געווען אַן אומפּאַראַנטוואָרט־

לעבע אַוואַנטורע. אויך אין פוילישן סיים האָבן אַלע פראַקציעס, אויסער פּילסודסקיס אַנהענגער, פּראָטעסטירט קעגן דעם.

מיט יאָרן שפּעטער, נאָכן אומקערן זיך שוין צום צווייטן מאָל פון מאָסקווע קיין פּוילן. — געווען איז דאָס אין יאָר 1930, נאָך דעם ווי ער האָט געענדיקט די לענין־שולע, — איז הערש־מענדל אין וואַרשע געווען זייער אַקטיוו אין דער ייִדישער סעקציע פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי. געווען סעקרעטאַר פון צענטראַלן ייִדישן ביוראָ. דערביי אויך פאַרזוכט די פּוילישע תּפיסות. די קאָמפּאַרטיי איז אין פּוילן אַלע יאָרן געווען אומלעגאַל און שטאַרק פאַרפאָלגט דורך דער פּאָליציי.

אָבער נאָך אַלץ, וואָס הערש־מענדל האָט מיט די אייגענע אויגן געזען אין ראַטנפאַרבאַנד, בעת ער האָט דאָרט געלערנט — סטאַלינס חורבן איבער דעם אָקטאָבער, פאַר וועלכן ער האָט אַליין אויך געקעמפט אויף די באַריקאַדן אין מאָסקווע — האָט ער זיך געשטעלט אין דער אָנפירונג פון דער אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי, צו וועלכער עס זענען דעמלט אויך צוגעשטאַנען די וויכ־טיקסטע טוער פון דער קאָמפּאַרטיי אין פּוילן.

זיין אָנטייל אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן טראָצקיסטישן צוזאַ־מענטרעף אין אויסלאַנד האָט גורם געווען, אַז ער איז, בעת דעם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געבליבן אין פראַנק־רייך, דאָרט אויך געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער אַרבעט קעגן דעם נאַצי־דייטשן אָקופּאַנט. אין דער זעלבער צייט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער פּאַרטיי פון די לינקע פּועלי־ציון.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אין ישׂראל איז ער געווען טעטיק אין דער מפּ״ם־באַוועגונג.

זאָל אויך דערמאָנט ווערן, אַז הערש־מענדל איז געזעסן אין אַ סך תּפיסות. געווען אויך פאַרמשפּט צום טויט. זיך אָפּגעראַטע־וועט דורך אַנטלויפן. חוץ דעם איז ער „איינגעלאַדן" געוואָרן צו קומען קיין מאָסקווע. צוליב וואָס , דאָס איז גוט באַקאַנט. נישט כּדי צו קריגן דעם לענין־אָרדן פאַר זיין אַרבעט פאַרן וווּיל פון

אַרבעטער־פּאַלק, נאָר פּשוט כּדי דערהרגעט צו ווערן פּאַר זײַן אָפּאָזיציאָנעלע אַרבעט, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע קאָמוניסטישע טוערס, וואָס זענען אויסגעקוילעט געוואָרן אין זעלבן ראַטנפאַר־באַנד דורך סטאַלינען און זײַנע נאָכפאָלגערס.

גוט איז געשען, וואָס די אָנפירונג פון דער אָפּאָזיציע האָט געהאַט באַשלאָסן נישט אָנצונעמען די מאָרד־אײַנלאַדונג און הערש־מענדל איז קיין מאָסקווע נישט געפאָרן און איז אַזוי אַרום געבליבן לעבן. אָבער ווי נאָר די היטלעריסטישע ווערמאַכט־אַרמיי האָט אָקופּירט פּוילן, גאָרנישט לאַנג נאָך דעם, איז די געסטאַפּאָ אים געקומען זוכן אין זײַן וווינונג אויף דער גענשע גאַס 103 אין וואַרשע. עטלעכע מאָל זענען זיי געקומען און אים נישט גע־כאַפּט, ווײַל, ווי דערמאָנט, איז ער געווען נישט אין פּוילן נאָר אין פראַנקרײַך. סטאַלינס שליחים, זײַנע קאַמעראַדן, די היטלער־פאַשיסטישע געסטאַפּאָ, האָבן זייער אויפגאַבע נישט געקענט דער־פילן.

הערש־מענדל פרוי, מרים שומיק, האָט שטאַרק מורא געהאַט צו זײַן אין דער היים, דעריבער האָט זי אַ געוויסע צײַט געוווינט בײַ מיר אויף דער מילע גאַס 43. דאָס אַלץ נאָך פאַרן פאַרמאַכן דורך די דײַטשע באַנדיטן דעם וואַרשעווער געטאָ־לאַגער. מרים שומיק איז אויך געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג. צוזאַמען מיט איר מאַן געווען אין מאָסקווע, ווען ער איז אַהין געשיקט געוואָרן לערנען אין דער לענין־שולע.

איך אַליין, דער מחבר פון די שורות, בין געווען באַפרײַנדט מיט הערש־מענדלען. אים באַקענט בײַ דער אַרבעט אין ייִדישן ביוראָ און שפּעטער אין דער אָפּאָזיציע. מיט זײַן פרוי מרים זענען מיר געווען פון איין שטעטל, פון לוקאָוו, ווו די קאָמפּאַרטיי האָט געהאַט אַן אָנזען מיט אַן אייגענעם ייִדישן ראַטמאַן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין מאַגיסטראַט.

*

צו דעם אויבן געזאָגטן וועגן הערש־מענדלען, דעם ייִדישן רעוואָלוציאָנער, איז נייטיק צו ווידמען אויך אַ פּאָר ווערטער דער אידעאָלאָגיע און דעם תּוך פֿון די פּראָבלעמען מיט וועלכע די אָפּאָזיציע, וועגן וועלכער ס׳איז אַ רייד, האָט זיך פֿאַרנומען אין דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי אין דער פֿאַרמלחמהדיקער צײַט. דאָס דאָזיקע וועט אפשר אויך צוגעבן וואָג און צו נוץ קומען בײַם וועלן פֿאַרשטיין די נײַע ראָלע פֿון מיכאיל גאָרבאַטשאָוו, דעם ערשטן סעקרעטאַר פֿון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס וויל אײַנפֿירן איצט אין ראַטנפֿאַרבאַנד אַ ברייטע דעמאָ־קראַטיע אין גײַסט פֿון זײַן „גלאַסנאָסט״, וועגן וועלכן די וועלט־פּרעסע שרײַבט לעצטנס זייער אַ סך. מיר וואָלטן זיך שטאַרק גע־ווונטשן, אַז דאָס דאָזיקע זאָל נישט, ווידער אַ מאָל, זיך אויסלאָזן ווי אַ פּוסטע האָפֿענונג און אַ פֿאַלשע אילוזיע.

איצט וועגן דער אָפּאָזיציע אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. בײַ איר אַנטשטיין האָט די אָפּאָזיציע אידעאָלאָגיש זיך פֿאַרגעשטעלט ווי אַ קאָנגלאָמעראַט פֿון פֿאַרשידענע שטרעמונגען. עס זענען אין איר געווען אָנהענגער פֿון דער רעכטער אָפּאָזיציע אין דער רוסישער קאָמפּאַרטיי און קאָמינטערן (בוכאַרין, בראַנד־לער, וואַרסקי, קאָסטזשעוואַ). עס זענען געווען אָנהענגער פֿון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע (לעניניסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן) און עס זענען געווען וואַקלדיקע. ערשט נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז געלונגען אויסצואַרבעטן אַן אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע פּלאַטפֿאָרם, וואָס האָט געדינט אַלס באַזע פֿאַר געמיינזאַמער פּראָ־פּאַגאַנדע און אַגיטאַציע אין דער פּאַרטיי און אויסער איר, נישט באַרירנדיק דערווײַל די פֿראַגע סאָוויעט־רוסלאַנד און קאָמאינטערן.

דאָס וויכטיקסטע אָרט אין דער דאָזיקער פּלאַטפֿאָרם האָט פֿאַרנומען דײַטשלאַנד. די אָפּאָזיציע איז שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דער סטאַליניסטישער טעאָריע פֿון סאָציאַל־פֿאַשיזם און גע־פֿאָדערט צו ענדערן די טאַקטיק פֿון איינהייטס־פֿראָנט אין דעם גײַסט, אַז דער קאָמוניסטישער לאַגער דאַרף גיין צוזאַמען מיט

די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לאַגערן אין קאַמף קעגן היטלעריזם. די אָפּאָזיציע האָט שאַרף באַקעמפט די אָפיציעלע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע אין פּוילן, אַז עס ווערט כּלומרשט רײַף אַ רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע און אויך פאַראורטײלט די אולטראַ־לינקע אַוואַנטוריסטישע אַקציעס פון דער קאָמפּאַרטיי מיט אירע אומזיניקע גענעראַל־שטרײַקן און אַרבעטסלאָזע־דעמאָנסטראַציעס.

דער קאַמף פון דער אָפּאָזיציע האָט געצילט ווידער אידעאָלאָגיש צו באַלעבן די פּאַרטיי און זי צו באַנײַען אין גײַסט פון נישט־געפעלשטן לעניניזם. די אידעאָלאָגישע אויסגעהוילטקייט, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דער בהדרגהדיקער ביוראָקראַטיזירונג פון דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט מיט אירע באַגלייט־דערשײַנונגען, דער פּאָליטישער ציניזם און די מאָראַלישע געפאַלנקייט, די אולטראַ־לינקע ליניע, די פּאָליטישע הפקרות פון קאָמאינטערן בכלל, און זײַן אַבסאָלוטע אָפּהענגיקייט פון מאָסקווע — דאָס אַלץ, האָט מען געגלייבט, קען נאָך גרינטלער באַזײַטיקט ווערן דורך אַ ווײַטגייענדיקער דעמאָקראַטישער רעפאָרם פון סאָוויעטישן רעזשים און פון קאָמאינטערן, אין גײַסט פון די פּרינציפּן וועגן דעמאָקראַטישן צענטראַליזם.

דאָס שטרעבן צו באַנײַען און רעפאָרמירן די קאָמפּאַרטיי האָט קודם־כּל די אָפּאָזיציאָנערן אַליין באַנײַט און רעפאָרמירט. זיי האָבן זיך דעריבער מיט יעדן טאָג אַליין אויך דערווײַטערט פון די פריערדיקע אידעען און אַנשווינגען און באַפרײַט זיך פון דער סטאַליניסטישער מאָראַל.

אין דער זעלבער צײַט זענען אַלע סטאַליניסטן אין די קאָמפּאַרטייען ווײַטער געזונקען. געגלויבט און אויך געשטיצט די מעשׂים פון סטאַליניסטישן קאָמאינטערן. אַזוי בעת די פאַרברעכערישע פאַלשע מאָסקווער פּראָצעסן און טויט־אורטיילן איבער די שעפער און בויער פון רוסישן אָקטאָבער, און אַפילו אויך ווען דער סטאַליניסטישער ראַטנפאַרבאַנד האָט צוזאַמענגעאַרבעט און שטאַרק געשטיצט דעם גרעסטן וועלט־מערדער, דעם דײַטשן היטלער־

פּאַשיזם, אין דער ערשטער פּאַזע פון דער בלוטיקער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָך אַ לאַנגער באַזונדערער טעטיקייט איז די אָפּאָזיציע געוואָרן אין אַ גרויסער מערהייט אַ טראָצקיסטישע, און אין הסכם מיט טראָצקיס איינשטעלונג וועגן אַריינטרעטן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, כּדי דאָרט ווייטער פּאָרזעצן דעם קאַמף פאַר די אידעען און פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם — איז איין טייל אַריינגעטרעטן אין דער פּ. פּ. ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי) און אַ צווייטע גרופּע אָפּאָזיציאָנערן, צוזאַמען מיט הערש־מענדלען, זענען אין יאָר 1935 אַריינגעטרעטן אין דער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי „בונד״ אין פּוילן. אַנדערע זענען געבליבן אָן וועלכער עס איז פאַרבינדונג צו ווייטערדיקער טעטיקייט.

הערש־מענדלס אָפּשטאַמונג, דער לעבנס־וועג זיינער פון אַן אויסשליסלעך געזעלשאַפטלעכן טוער אין דער ריכטונג פון באַפרייען דעם אונטערדריקטן און אָרעמען מענטש, האָבן אים געפירט צום סאָציאַליזם, בונדיזם, אַנאַרכיזם, צום רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, קאָמוניזם, טראָצקיזם און לסוף צום סאָציאַליסטישן ציוניזם, צו דער מפּ״ם־באַוועגונג.

ווען איך האָב דורכגעקוקט, אין מיין באַשיידענעם פּריוואַטן אַרכיוו, די נעמען פון די וויכטיקסטע יידישע רעוואָלוציאָנערע טוער אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכע דער סטאַליניזם האָט אויסגעקוילעט, האָב איך געזען, אַז אַ סך פון זיי זענען פריער געווען לינקע ציוניסטן. עס האָט ביי זיי, ווי מע זעט, כּסדר אויך געגורטעוועט די אידעע פון אַן אייגענער יידישער מדינה.

ווי עס האָט אַ מאָל, מיט לאַנגע יאָרן צוריק געזאָגט אהרון וואַל, אין זיינס אַ רעדע, נאָך אַלס לינקער פּועלי־ציוניסט, „ווען עס וועט אויסברעכן די וועלט־רעוואָלוציע און מ׳וועט אין דער גאַנצער וועלט אָפּשטעלן די באַנען, וועלן מיר, לינקע פּועלי־ציוניסטן אויך אָפּשטעלן די באַן אין אונדזער אייגענעם לאַנד, אין ארץ־ישראל״.

איך האָב דאָס דאָזיקע געהערט אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אהרון וואַל, בײַ די לינקע פּועלי־ציון אין שטעטל לוקאָוו, וווהין איך בין דעמלט, אַלס פאָרשטייער פון אַ קולטור־יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין דעם שטעטל, אײַנגעלאַדן געוואָרן, ווי דער שטייגער איז, ווען עס קומט צו פאָרן אַ וויכטיקער פאָרשטייער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז אהרון וואַל, שוין אַלס קאָמוניסט, אויך געוואָרן אַן אָפּאָזיציאָנער, אָבער נישט קיין טראָצקיסט, נאָר אַ „מעמאָריאַ־ליסט". ער האָט די מלחמה איבערגעלעבט צווישן פּאָליאַקן, גע־שטאָרבן נאָך דער מלחמה אין וואַרשע אַ פּאַראַליזירטער.

הערש־מענדלס טעטיקייט אָן איבעררייס, זײַן הונגער־נויט, תּפיסה, זײַן אופן פון זען דאָס לעבן, די גאַס, דאָס פאָלק, די שטאָט פּאַריז און דאָס לאַנד ישׂראל — איז געווען אַ גרויסע איבערלעבונג און אַ וויכטיקע אַנגאַזשירונג פאַר אַזאַ מענטש ווי ער, דעם אַרבעטער־רעוואָלוציאָנער, אין די שווערע יאָרן פון אונ־דזער צײַט.

דערבײַ זאָל אויך אַרײַנגערעכנט ווערן דער וויכטיקער פאַקט, אַז ער, הערש־מענדל, האָט געהערט צו די ערשטע, וואָס האָבן זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דער סטאַליניסטישער צעשטערונג פון די אָקטאָבער־דערגרייכונגען און די האָפענונגען פון דער אונטערגעדריקטער מענטשהייט אויף אַ מענטשלעכן סאָציאַליזם. ער האָט איינער פון די ערשטע רעאַגירט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן קעגן דעם מאָרד איבער דער סאָוועטישער אָנפירונג — בעת אַנדערע, דער רוב פון די יידישע טוערס, די הײַנטיקע שיינ־רעדערס, האָבן די גאַנצע צײַט, אַלע יאָרן געדינט געטרײַ און גע־שטיצט מיט חוצפּה דעם דאָזיקן סטאַליניזם אויך בעת זײַן צוזאַ־מענאַרבעט מיטן דײַטשן היטלער־פאַשיזם.

טייל האָבן זיך ערשט אויפגעוועקט פון דער פאַטאַלער לע־טאַרגיע, דערזען דעם פאַקטישן בראָך, ווען סטאַלין האָט אויך דערמאָרדעט די יידישע שרײַבער, די גײַסטיקע יידישע פירער אין ראַטנפאַרבאַנד. צעשטערט און ליקווידירט אַלץ, וואָס האָט געהאַט

אַ שײַכות מיט דער ייִדישער נאַציאָנאַלער קולטור און ייִדישן לעבן דאָרט. ערשט דעמלט האָבן טייל ייִדישע טוערס אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג גענומען רעאַגירן, אָבער אויך אויף אַ כאַראַקטעריסטישן אופן. דערפֿאַר האָבן זיי שטענדיק ברוטאַל באַקעמפֿט און אויך געמסרט די אָפּאָזיציאָנערן, וואָס האָבן באַצײַטנס אויפֿגעדעקט — נישט געוואַרט אויף כרושטשאָווס 20־סטן פּאַרטיי־קאָנגרעס — די גרויליקע סטאַליניסטישע פֿאַרברעכנס. זיי האָבן אַלץ געטאָן ווי די דינער פֿון דער ענ־קאַ־ווע־דע.

מען דאַרף אויך באַווונדערן הערש־מענדלס אָפּטע אָנטייל נעמען אין פֿאַרשידענע וויכטיקע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענצן, ווו מ׳האָט גערעדן רעדן אין שפּראַכן פֿאַרשטענדלעכע פֿאַר אַלע אָנטיילנעמער. ווי מיר ווייסן, האָט מען זיך אין אויסלאַנד, צווישן אַזעלכע וויכטיקע פּאָליטישע פֿיגורן, ווי למשל טראָצקי און אַנדערע, שטאַרק גערעכנט מיט זײַנע אידעען און מיינונגען. דערייבער אים אָפּט אויך אײַנגעלאַדן צו אַזעלכע וויכטיקע וועלט־צוזאַמענטרעפֿן. דער ייִדישער אַרבעטער־טוער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער „מורדזשעל״, דער מוראַנאָווער אָרעמער אַרבעטער־געגנט אין וואַרשע, איז דערגאַנגען צו דער העכער מדרגה פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־טוער, מיט וועמען מ׳האָט זיך שטאַרק גערעכנט.

איך וויל פֿאַרענדיקן דעם יזכּור־אַרטיקל לכּבֿוד הערש־מענדלען, דעם געוועזענעם וויכטיקן ייִדישן אַרבעטער־טוער, מיטן ציטירן געוויסע פֿראַגמענטן פֿונעם נאָכוואָרט אין זײַן בוך „זכרונות פֿון אַ ייִדישן רעוואָלוציאָנער״, וואָס שייך זײַנע לעצטע שטרעבונגען אָרום דער וויכטיקייט פֿון אַן אייגענער ייִדישער מדינה.

„איך, וואָס האָב מײַן גאַנץ לעבן אָוועקגעגעבן אין קאַמף פֿאַרן זיג פֿון סאָציאַליזם, און ממילא פֿאַרן זיג פֿון אַ סאָציאַליסטיש ייִדיש פֿאָלק — האָב דורכגעלעבט דעם שווערסטן מאָראַלישן קריזיס ווען די היטלער־אַרמיי איז אַרײַן קיין פֿראַנקרײַך. די פֿראַנצויזישע סטאַליניסטן האָבן דעמלט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציונג

צו דער היטלער־אַרמיי. איך האָב זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס דאַרף איך טאָן אַלס ייִדישער אַרבעטער? פאַר מיר איז באַלד געווען קלאָר, אַז היטלערס זיג באַטײַט דעם אונטערגאַנג פון ייִדנ־טום אין אַלע אייראָפּעישע לענדער. ווער ס'האָט געלעבט אונטער דער היטלער־אָקופּאַציע, דער ווייסט, אַז ווען די מלחמה וואָלט געדויערט נאָך איין יאָר, וואָלטן קיין ייִדן נישט געבליבן. ס'וואָלט אויסגעפעלט פיזישע כּוחות און מאָראַלישע שטאַנדהאַפטיקייט. באַזונדערס שרעקלעך זענען געווען די היטלערישע מערדערײַען קעגן ייִדן אין פראַנקרײַך דווקא אין דער לעצטער צײַט פון זײַנע גרויסע מפּלות.

„נאָך לאַנגע ראַנגלענישן און אַ סך דורכטראַכטן איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז פּעיִק צו קעמפן פאַרן סאָציאַליזם קאָן איצט זײַן נאָר דער ייִדישער אַרבעטער אין ישׂראל, ווײַל נאָר אין ישׂראל וועט זיך צוריק אײַנזאַמלען דאָס ייִדישע פאָלק און אָנהייבן שאַפן אַ נײַ און פרײַ לעבן, ווו דער אַרבעטער וועט זײַן דער העגעמאָן. איך האָב באַשטימט זיך אָנצושליסן אין די רייען פון פּראָלעטאַ־רישן ציוניזם.

„בעת איך האָב זיך אין 1946 באַגעגנט מיט מײַנע אַלטע חברים און זיי האָבן אויסגעדריקט זייער פאַרוווּנדערונג פאַר וואָס איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין די ציוניסטישע רייען, האָב איך זיי דערקלערט, אַז ווען איך וואָלט אַפילו נישט געווען קיין ייִד, וואָלט איך ווי אַ מאַרקסיסט, דאָס הייסט, ווי אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט, זיך געשטעלט אונטער דער פאָן פון ייִדישן נאַציאָנאַלן באַפרײַונגס־קאַמף. ענגעלס האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז קיין שום פאָלק אין דער וועלט וועט נישט זײַן פרײַ, אויב איין פאָלק וועט בלײַבן אונטערדריקט. ער איז געווען גערעכט, און טויזנט מאָל גערעכט — ווען ס'האַנדלט זיך וועגן דעם אַזוי אונטערגעדריקטן און אין בלוט־אָפּגייענדיקן ייִדישן פאָלק. אַזוי וואָלט איך גע־האַנדלט ווי נישט קיין ייִד. אַלס זון פון ייִדישן פאָלק איז בכלל קיין פראַגע נישט ווי אַזוי איך דאַרף האַנדלען.

„זיי האָבן מיר פאַרגעוואָרפן, אַז כ'בין געוואָרן סענטימענטאַל. איך בין מודה, אַז אָן גרויסע און טיפע סענטימענטן קאָן מען קיין גרויסע אידעע נישט דינען. מיר ייִדן האָבן אַ רעכט צו זײַן סענטימענטאַל.

„ווען מיר קוקן זיך צו צו דער איצטיקער לאַגע פון די ייִדן אין פאַרשיידענע לענדער, באַמערקן מיר, אַז דער אַנטיסעמיטיזם האָט נישט געלייגט דאָס געווער. אומעטום ווערן די ייִדן באַדראָט אין אַ קלענערער אָדער אין אַ גרעסערער מאָס.

„דער קיום פון דער מענטשהייט איז אָפּהענגיק נישט פון פעלקערהאַס, נאָר פון פעלקער־פאַרברידערונג. כּמעט אין אַלע לענדער קומען פאָר אַנטי־ייִדישע עקסצעסן אין אַזאַ צי אין אַן אַנדערער פאָרם. וואָס פאַר אַ פאָרמען די עקסצעסן קאָנען אָננעמען אין מאָמענט פון גרויסע קריזיסן — קאָן קיינער נישט פאָרויסזען. יעדער, וואָס וויל זײַן ערלעך צו זיך און ערלעך צום פאָלק, מוז מאַכן דעם אויספיר, אַז אין פאַרשיידענע לענדער און אויף פאַרשיידענע אופנים איז דער קיום פון ייִדישן פאָלק באַדראָט. אין טייל ערטער — דורך פיזישער אויסראָטונג, אין אַנדערע — דורך אַסימילאַציע. די איינציקע האָפענונג פון ייִדישן פראָלעטאַריאַט צו דערפירן דאָס ייִדישע פאָלק אויפן וועג פון סאָציאַליזם — איז דער וועג פון אויפבוי און פאַרטיידיקונג פון לאַנד.״

צו דעם דאַרף מען געוויס גאָרנישט צוגעבן און אַפילו אויך נישט קאָמענטירן. איך וואָלט נישט געהאַט קיין רויִק געוויסן, ווען איך וואָלט איצט, בײַ דער געלעגנהייט, נישט געמאָנט, אַז הערש־מענדלס בוך „זכרונות פון אַ ייִדישן רעוואָלוציאָנער״ זאָל באַנײַט און פאַרשפּרייט ווערן צווישן ייִדישן מאַסן־לייענער, און אַפילו אויך איבערגעזעצט ווערן אויף ענגליש, כּדי די ייִדישע און נישט־ייִדישע יוגנט זאָל זיך באַקענען מיט דעם אייגנאַרטיקן, אינטערעסאַנטן און באַלערנדיקן אינהאַלט פון דאָזיקן בוך.

דער באַקאַנטער שרײַבער, מחבר פון אַ סך וויכטיקע ביכער, יצחק דוישער, זײַן חבר און געוועזענער נאָנטער מיטאַרבעטער,

שרײַבט אין דער הקדמה צום בוך, אַז אַ סך אַזעלכע דאָקומענטן איז נישטאָ אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער פּרוּווט אַפּילו פאַר־גלײַכן דאָס בוך מיט די מעמואַרן פון פּוילישן אַרבעטער יאַקוב וויטשעכאָווסקי, וואָס זענען, פאַר דעם יאָר 1939, אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּוילן און געהאַט אַ קאָלאָסאַלן אָפּקלאַנג אין דער פּוילישער ליטעראַטור.

עס וואָלט דעריבער געווען נייטיק, אַז עס זאָל אין ישׂראל אַנטשטיין אַזאַ קאָמיטעט פון זײַנע געוועזענע חברים. צו דעם וואָלט אויך געדאַרפן צוהעלפן די מפ״ם־באַוועגונג אין ישׂראל. איך אַליין בין אויך גרייט מיטצואַרבעטן, אויב דאָס זאָל זײַן נייטיק.

12.6.1987

דער שרײַבער בנימין שלעווין־שיינמאַן
אַ דערמאָנונג צו זײַן צענטן יזכּור־יאָר

עס איז געוואָרן צען יאָר זינט אונדזער נאָנטער חבר און פרײַנד, דער ייִדישער שרײַבער־היסטאָריקער, בנימין שלעווין־שיינמאַן, האָט פאַרלאָזט אונדזער מענטשלעכע וועלט, אויפגעהערט אויף שטענדיק זײַן גאָר וויכטיקע שעפערישע אַרבעט אַרום דעם לעבן און קאַמף פון האָרעפּאַשנעם ייִדישן פאָלקמענטש, מיט אַלע זײַנע נאַציאָנאַלע, געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַל־פּאָליטישע אויפטועכצן, כּדי צו פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס ייִדישע און אַלגעמיין־מענטשלעכע לעבן. בנימין שלעווין איז דעריבער ראוי פאַררעכנט צו ווערן ווי איינער פון די שעפערס פון דער פּראָלעטאַרישער ריכטונג אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אַלע זײַנע פאַרפאַסטע ביכער האָבן אַ דירעקטן צוזאַמענהאַנג מיט אַלעם דעם, וואָס נורטעוועט אין דער ייִדישער אַרבעטער־וועלט. ב. שלעווין האָט מיט זײַן שאַפן היסטאָריש פאַראייביקט דעם שווער געפּרוּווטן ייִדישן אַרבעטער און ייִדישן פאָלקסמענטש, וועלכער איז דורך דעם דײַטשן קאַניבאַלן־פאָלק געוואָרן פאַרשניטן, פאַרגאַזט און פאַרברענט אין די טויטלאַגערן פון די טרעבלינקעס, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. קיינער האָט דאָס אַזוי באַהאַוונט און זאָרגזאַם נישט געטאָן ווי ער, בנימין שלעווין.

וועגן ייִדישן פאָלקסמענטש, וועגן דער ספּעציפישער ייִדישער אַרבעטער־דאָליע האָבן געשריבן אַ סך ייִדישע שרײַבער. צו די קאָריפייען פון דער דאָזיקער שאַפונג געהערן די פּאָפּולערע ייִדישע פּאָעטן: מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט און יוסף באָושאָווער. די שווערע און ביטערע לאַגע פון ייִדישן

אַרבעטער, פון ייִדישן פֿאָלק אומעטום אין אַלע ישובים, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די שילדערונגען פֿון די ייִדישע שרײַבער־קעמפֿער און פּאָעטן, וועלכע האָבן אויסגעדריקט און אויסגעדיכטעט זייער פּראָטעסט אין זייערע שאַפֿונגען, וואָס בילדן בײַ אונדז ייִדן די פּראָלעטאַרישע ריכטונג אין דער ליטעראַטור, וואָס צו זייערע מחברים איז אויך פֿאַררעכנט בנימין שלעווין.

דאָס דאָזיקע באַרעכטיקט פֿאָלגנדיקער ציטאַט פֿון ב. שלעווינס ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק״: „מיך האָט, שרײַבט ער דאָרט, געטריבן דער אומרו פֿון דער יוגנט, וואָס ס׳איז זיי פֿאַרבאָטן יונג צו זײַן. זיי פֿאַרגרעסערן טאָג־טעגלעך די גרויסע אַרבעטסלאָזע אַרמיי. זיי דרייען זיך אַרום איבער די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך. אין די פֿאַרשטיקטע בוידעם־שטיבלעך פֿיבערן זיי מיט דער שעה פֿון אויסלייזונג. זיי חלומען זיך הונגער־מאַרשן איבער די ברוקן, אָבער דאָס רעכט צו חלומען נעמט מען בײַ זיי אַוועק. אין אויסגעלאָשענע נעכט קלאַפּט מען בײַ זיי אין די הינטערטירן, און, געשמידטע אין קייטלעך, פֿירט מען זיי אַוועק אויף לאַנגע יאָרן אין די תּפֿיסות, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע. זיי, די אַנאָנימע העלדן פֿון אונדזער צײַט ווידמע איך מײַן בוך, ווײַל זייער אומרו איז מײַן אומרו״.

אין זײַן רעצענזיע איבער ב. שלעווינס שאַפֿן, האָט דער ייִדי־שער פּאָעט מיכאל נאָטיש געשריבן:

„ב. שלעווינס ערשט בוך („צווישן ווענט״ — וואַרשע 1933), איז אַן אָנזאָג אויף אַ נײַעם פּראָזע־טאַלאַנט. פֿון דער פּלעיאַדע יונגע פּראָלעטאַרישע בעלעטריסטן צייכנט זיך ב. שלעווין אויס מיט זײַן קלאָרער, אָפּגעהיטער שפּראַך, מיט זײַן פֿײַנעם קאָנצענ־טרירטן סטיל״.

בנימין שלעווין האָט אין יענער צײַט געהערט צו דער גרופּע שרײַבער־פּאָעטן, ווי משה שולשטיין, בינם העלער, ברוך געלמאַן און נאָך אַנדערע, וועמענס אַקטועלע פּראָלעטאַרישע פּראָזע־שאַפֿונגען און די לידער זייערע האָבן געמוטיקט צום קאַמף —

זענען שטאַרק פּאָפּולער געווען צווישן דער אַרבעטער־יוגנט, אויף די ברעזעס פון די לעגאַנלע און אומלעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פּאַראיינען, נישט נאָר בלויז אויף „מורדזשיעל" אין וואַרשעווער ייִדישן קוואַרטאַל אַליין, נאָר אין גאַנץ פּוילן און אויסער די גרענעצן פון דעם לאַנד.

דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט בנימין שלעווינען געקענט פּערזענלעך. מיט אים אָפּט זיך געטראָפן אין פּוילן, אין דער שטאָט וואַרשע נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. די לעצטע נאַכט פאַר זײַן אומלעגאַלן אויס־וואַנדערן פון פּוילן קיין פראַנקרײַך, אין יאָר 1934, האָט ער איבער־גענעכטיקט אין מײַן קאַוואַלערקע, אין וואַרשע, אויף דער מוראַ־נאָווסקע גאַס נומער 40. מיר זענען ביידע די גאַנצע נאַכט כּמעט ווי נישט געשלאָפן. ער האָט פאַר מיר געלייענט פראַגמענטן פון זײַן בוך „דער מאַרש אויף בריסק", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן שוין אין פאַריז אין יאָר 1938. אַ סך פון די געברענגטע היסטאָ־רישע פאַקטן און נעמען אין בוך „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן" האָבן מיר ביידע געקענט. מיר האָבן זיך געטראָפן אין זײַן באַ־שריבענעם דאָרט קעלערל פון סטאָליער־וואַרשטאָט אויף דער מוראַנאָווסקע גאַס 42. דער בעל־הבית פון קעלערל איז געווען דער אַרבעטער משה פרידמאַן, גוטקעס מאַן, וועגן וועלכער עס שרײַבט ב. שלעווין אין דעם בוך. אַ סך פון די דערמאַנטע ריכטי־קע נעמען, ווי זלמן, סטערקע, פאַלע, גוטקע און נאָך אַנדערע זענען מיר גוט באַקאַנט געווען. אַלץ איז דורך ב. שלעווינען ריכ־טיק דערציילט. נישטאָ אין זײַנע ביכער קיין אויסגעטראַכטע מעשׂיות. אַלץ איז אַנגעשריבן מיט טאַלאַנט, זײַן ווערק איז אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער ליטעראַרישער צושטײַער צו דער ייִדישער פאָלקס־געשיכטע.

נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך מיט שלעווינען דאָס ערשטע מאָל געטראָפן אין דעם א. ג. „פאָלקספּוילן", אין וואַרשע אין יאָר 1948. אונדזער באַגעגעניש איז פאָרגעקומען נאָך אַזוי פיל

יאָרן, שוין נאָך דער באַפרײַונג, ווען מיר ביידע האָבן איבערגע־לעבט דעם ייִדישן חורבן. איך אין פוילן־לאַנד בין אַרויס פון ייִדישן אויפשטאַנד־קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ־לאַגער, און ער, ב. שלעווין, איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער פון פראַנצויזישן מיליטער, פון אונטערערדישן קאַמף און פון נאַצי־דײַטשן קאָנ־צענטראַציאָנס־לאַגער אין בייערן. מיר האָבן זיך אָבער געקענט זען נאָר אין שפּיטאָל, ווו איך בין געלעגן אַ קראַנקער, נאָך אַ מאָדנעם פאַרפאַל אונטער די טראַמוויי־רעדער, אויף דער סטאָ־לאָווע גאַס אין פּראַגע. דער שרײַבער דוד ספאַרד האָט צו מיר דעמלט אין שפּיטאָל אַרײַן געבראַנגט צו פירן ב. שלעווינען און משה שולשטיינען. ביידע, בעת זייער וויזיט אין וואַרשעווער אײַנ־געשרומפּענעם ייִדישן ישוב, נאָך דער ייִדן־שואה. לײדער לעבן שוין נישט מער אַלע דרײַ טאַלענטפולע ייִדישע שרײַבער־פּאָעטן. אַלע האָבן זיי געהערט צו דער נאָכמלחמהדיקער גרופּע מחברים, אַרום דער טראַגעדיע פון ייִדישן פאָלק, אַרום דעם מאָרד פון די נאַצי־דײַטשן איבער די זעקס מיליאָן ייִדן.

איך האָב, וואָס אָן אמת, געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען ב. שלעווינען אַ ביסל פריער נאָך, ווען איך בין אין יאָר 1947 געווען אין פּאַריז אין שליחות פון די נײַ־געשאַפענע ייִדישע אַרבעטס־קאָאָפּעראַטיוון אין פוילן. אָבער איך האָב בכּוונה דעמלט אויס־געמיטן צו טרעפן זיך מיט אַזעלכע מענטשן ווי. ב. שלעווין, ווײַל, ווי נאָר איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל פון פּאַריז, בין איך גלײַך אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט אַ „באַגלייטער". אינזשיניער פורמאַנסקי, אַ באַקאַנטער „פּאַרטיי"־אַקטיוויסט, איז מיט מיר אומעטום מיטגעגאַנגען. די פוילישע „בעזפּיעקאַ" האָט, צוליב מײַן זײַן פאַר דער מלחמה פאַרבונדן מיט דער פּאָליטישער „אָפּאָזיציע" אין דער קפּ"פּ, זעט אויס, מיך געוואָלט קאָנטראָלירן מיט וועלכע שונאים פון וועלט־פּראָלעטאַריאַט איך האָב אין אויסלאַנד קאָנ־טאַקטן, כּדי אַראָפּצוואַרפן די סטאַליניסטישע מאַכט אין פוילן און דאָרט שאַפן אַ רעאַקציאָנערע מאַכט. הײַנט ערשט זעען זיי

שוין אפשר אַליין וואָס פאַר אַ קנעכטישע אידיאָטן עס האָט פון זיי געמאַכט דער פאַרברעכערישער סטאַליניזם.

נאָך דער מלחמה שוין האָט מיר פרוי בראַניע געברענגט צוויי פאָטאָגראַפיעס, אַ געדעכעניש פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווו, צווישן אַ גרעסערער גרופּע געוועזענע אַרבעטער־טוער אין וואַרשע, זעט מען דעם שרייבער ב. שלעווין, דעם קונסט־מאָלער גוטערמאַן, משה צוקערמאַן און מיין ווייניקייט. עס קען זיין אַז דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ סימולירטן סיל־וועסטער־אָוונט, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער דעפענסיווע־פּאָליציי.

דער צוזאַמענקום איז סימולירט אַלס סילוועסטער־אָוונט, כדי צו מאַסקירן אין פאַל ווען עס קומט די פּאָליציי.

די דריטע פון דער דריטער שורה פון רעכטס (פון אונטן) — בראַניע.
דער ערשטער פון דער דריטער שורה פון לינקס (פון אונטן) — נח.
דער פערטער פון דער פערטער שורה פון רעכטס (פון אונטן) — שלעווין.
דער פערטער פון דער פערטער שורה פון לינקס (פון אונטן) —
צוקער אַ לינקער פּועלי־ציוניסט.

מען דאַרף ביי דער געלעגנהייט פונעם צענטן יזכּור־יאָר דער־מאָנען די אויסנעמלעכקייט פון דער ווירדיקער אויפמערקזאַמקייט איבער בנימין שלעווינס שאַפונגען דורך די בעסטע ייִדישע ליטע־ראַטור־קריטיקער. זיי אַלע האָבן הויך אָפּגעשאַצט ב. שלעווינס ביכער. עס איז נישט מעגלעך איצט צו ברענגען אַ סך אַרויסזאָגן פון רעצענזיעס, פאַרעפנטלעכטע אויף די שפּאַלטן פון די בעסטע ייִדישע אויסגאַבעס פון פאַר און פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס וועט גענוג זיין צו אינפאָרמירן, אַז גאַנצע 150 מחב־רים האָבן פאַרעפנטלעכט זייערע אָפּשאַצונגען איבער ב. שלעווינס ווערק. די גרעסטע צאָל רעצענזיעס האָבן געהאַט די ביכער „די ייִדן פון בעלוויל". די ייִדישע אויסגאַבע און די איבערגעזעצטע אויף פראַנצויזיש האָבן צוזאַמען איןביידע שפּראַכן 33 רעצענ־זיעס. דאָס אַנדערע אָרט מיט 24 רעצענזיעס פאַרנעמט דאָס בוך „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן".

מלך ראַוויטש שרייבט:

„דער שטאָף, דער מאַטעריאַל איז פאַרכאַפּנדיק: דער עקאָ־נאָמישער אויפשטייג פון אַ שיכט איז אין דער שילדערונג ברייט אַרויסגעפּירט. די האַנדלונג גייט ממש קינאָ־מעסיק, אין ריטם פון די געשעענישן. מען זעט, אַז דער שרייבער האַלט די פעדים אין זיין האַנט און ציט זיי ביז צום סאַמע שלוס־קניפּ. „די ייִדן פון בעלוויל" איז אַ וויכטיקער ביישטייער צו אונדזער מאָדערנער ייִדי־שער ליטעראַטור".

„מיין ליבער ב. שלעווין" — שרייבט צו אים י. אָפּאַטאָשו — „אַ דאַנק פאַר „די ייִדן פון בעלוויל". כ'האָב איבערגעלייענט און גרויס הנאה געהאַט, וואָס ס'איז צוגעקומען נאָך אַ ראָמאַניסט. איר קענט דערציילן אַ מעשה. און דאָס איז אַ סך. אייער קאַפּיטל וואַרשע איז גאָר גוט. גרינבערגער און זשאַק — לעבן. דערצו האָט איר מחיה־מתים געווען אַ שטיק לעבן פון פראַנצויזישן ייִדנטום. אייער מיט פריינדשאַפט י. אָפּאַטאָשו."

וואָס שייך דעם זעלבן בוך „די ייִדן פון בעלוויל", איז כּדאי

צו באַקענען די לייענער מיט בנימין שלעווינס רעאַקציע אויף די טענות פון אַ לינקן אַסימילאַטאָר קעגן דעם מחבר און קעגן דעם בוך בכלל. אַזאַ שטייגער מה־יפית־גײַסט־אַרויסטרעטונג, איז דאָך נישט די איינציקע אין דעם פאַל:

דער ייִדישער אַסימילאַטאָר אַנדריי ווירמסער האָט געשריבן אין „לעטר פראַנסעז״:

„צי דאַרף מען נאָך איבערחזרן? — די ייִדן זענען געגליכן צו פאַרליבטע. זיי מיינען, אַז זיי זענען איינציק אויף דער וועלט... אַז דער גאַנצער בעלוויל, אין גאַנצן אַ ייִדישער, איז עפּעס קאָמיש און — בנאמנות — אַרויסרופעריש. דער טעות ווערט בולט, ווען עס רײַסן זיך אַרײַן די פּאָליטישע געשעענישן פון אונדזער צײַט: דער 6־טער פעברואַר 1934, דער פאָלקספראָנט, די שטרײַקן, דער שפּאַנישער בירגערקריג, די היטלער־אינוואַזיע. בלויז די ייִדן דער־שײַנען אויף דער סצענע און דאָס רופט אַרויס דעם געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט־פּאָליטיק, די לינקע פּאָליטיק קודם־כל, איז געמאַכט דורך ייִדן. נאָך וואָס שטופּט איר זיך אומעטום?״.

בנימין שלעווין, אין אַ בריוו צום רעדאַקטאָר פון „לעטר פראַנסעז״, אַראַגאָן:

„אין מײַן בוך „די ייִדן פון בעלוויל״ האָב איך געשילדערט די ייִדישע אַרבעטער־אימיגראַציע, וואָס איז געווען געצוווּנגען צו אַנטרינען פון פּוילן צוליב ראַסיסטישע און פּאָליטישע פאַרפאָל־גונגען. במשך פון די יאָרן האָבן זיי ליב באַקומען פראַנקרײַך, זיך געשלאָגן פאַרן לאַנד און עס אַדאָפּטירט פאַרן צווייטן פאָטער־לאַנד. די אימיגראַנטן האָבן ליב באַקומען פראַנקרײַך, זיי האָבן אָבער פײַנט דעם פאַשיזם. אַקסל בײַ אַקסל מיטן פראַנצויזישן פאָלק, האָבן זיי אין די פעברואַר־טעג אין 1934 געקעמפט אויף די באַריקאַדן אויף די דע ל׳אַריאָן. אויף פּלאַס דע לאַ רעפּובליק, צו פאַרטרײַבן די פאַשיסטן פון לאַ ראָק. דאָס אַלץ געפינט אַנדריי ווירמסער „אומדיסקרעט״ פון מײַן זײַט, צו דערציילן וועגן דעם. ער געפינט פאַר „אומדיסקרעט״, ווען איך ווײַז ווי ייִדישע אַרבע־

טער נעמען אָנטייל אין די שטרײַקן פון 1934, ערב דעם פאָלקס־פראָנט; ווען איך ווײַז ווי יידישע אַרבעטער ציען מאַסנווײַז פון אַלע עקן אייראָפּע צו פאַרטיידיקן די שפּאַנישע רעפּובליק קעגן דעם פראַנקאָ־פּוטש. פאַר מיר, ווי פאַר אַ פּראָגרעסיוון ייִדישן שרײַבער, איז עס מער ווי נאַטירלעך צו ווײַזן יידן אין די ראַמען פון אַט די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן, אָבער אַנדריי ווירמסער געפינט עס אַלץ פאַר „אומדיסקרעט" און ער באַמערקט דערבײַ איראָניש, אַז בײַ ייִדן איז דאָס געמיינזאַמע מיט די פאַרליבטע דאָס, וואָס זיי מיינען, אַז זיי זענען איינציק אויף דער וועלט... דווקא דערפאַר, ווײַל מיר מיינען נישט אַזוי, נעמען מיר אָנטייל אין אַלע קאַמפן. צי האָבן מיר דען נישט דאָס רעכט אויסצושרײַען אונדזער ווייטיק, פונקט ווי אַלע? צי ברענגען נישט אַזעלכע באַמערקונגען אויפן געדאַנק דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס מען געפינט דווקא בײַ אַזעלכע ייִדן־אָפּשטאַמיקע, ווי אַנדריי ווירמסער?

„אײַנצושטעלן זיך פאַרן כּבוד פון ייִדישן אַרבעטסמענטש, פון ייִדישן שפּאַניע־קעמפער, האָט מיך באַוויגן צו שרײַבן אײַך די דאָזיקע ווערטער; פאַר דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס לעבט, און וועט לעבן (כאָטש אַנדריי ווירמסער פאַראורטיילט זי), טראָץ דעם גרויסן מאָרד איבער אונדזער פאָלק, איבער אונדזער פאָלקסקולטור און אירע שעפער."

דער שרײַבער־פּעדאַגאָג אַבֿרהם גאָלאָמב שרײַבט אַט וואָס וועגן ב. שלעווינס בוך „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן":

„פון יענער צייט, ווען עס זענען אַרויס אַפּאָטאָשוס טרילאָגיע, שלום אַשס טרילאָגיע, ז. שניאורס „קייסער און רבי", האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ ראָמאַן, ווי דער אָנגערופענער. אפשר איז דער מחבר אַליין אויך שולדיק, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן אַ סך אַ שמעלערן, ווי דער אינהאַלט. עס איז אין בוך נישט דער מוראַנאָווער ראַיאָן, נאָר עס איז די גאַנצע ייִדישע אייראָפּע. אונדזער לעבן האָט אַרויסגעריסן זיך פון שטעטל. דאָס אײַנגעזעסענע ייִדי־

שע פֿאָלק איז געוואָרן אַ וואַנדערפֿאָלק. איז אַט דער גאַנצער ייִדישער וואַנדערשטח פֿאַראַן אין דעם ראָמאַן. פֿון פּוילן, פֿון רוסלאַנד ביז די גרענעצן פֿון שפּאַניע און איטאַליע, מיט אַ שפּרונג קיין ארץ־ישׂראל. דאָס האָט „מוראַנאָווער ראַיאָן", ריכטיקער, אונדזער טויזנט־יאָריקע אײַנגעוואָרצלטקייט זיך צערוישט, ווי אַ בינשטאָק, וואָס זוכט נײַע ערטער".

„דאָס איז אַ ראָמאַן, ווי זאָגט טביה דער מילכיקער וועגן זײַנע טעכטער: אַז זיי פֿאַרקאָכן זיך, איז עס מיט לײַב־און־לעבן. און אָט זענען זיי אין דעם ראָמאַן אויך דאָ, טביהס טעכטער און אייניקלעך. די פֿייגעלעך מיט די סטערקעס און נאָך און נאָך, וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן אויף אַלע פֿראָנטן און... מען וואַרפֿט זיי אַרויס פֿון וואַגאָן־פֿענצטער... זאָגט טאָקע איין העלד צום סוף פֿון בוך:

„צוויי פֿעלקער האָבן געלעבט טויזנט יאָר אויף דער דאָזיקער ערד, בײַ די זעלביקע טײַכן, געגעסן דאָס זעלביקע קאָרנברויט, און מיר זענען פֿאַרבליבן פֿאַר זיי עקזאָטיק". מען דאַרף נאָר אומבײַטן, גיט צו אברהם גאָלאָמב, "נישט עקזאָטיק, נאָר — אַ בראָדאָווקע אויף אַ פֿרעמדער נאָז..."

בײַם סוף פֿון זײַן רעצענזיע איבער די „חברים פֿון מוראַנאָ־ווער ראַיאָן", האָט אברהם גאָלאָמב געשטעלט צוויי פֿראַגעס, צום הײַנטיקן ייִדישן מענטש. איינע:

„צי ווייסט איר פֿון אָט דעם פּראָסטן ייִדישן סטאָליער, וואָס האָט מיט פּראָסטע ייִדישע ווערטער געזונגען פּראָסטע ייִדישע לידער?

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט...

און די צווייטע פֿראַגע:

„ווי מאַכט מען ייִדן זאָלן לייענען אָט דעם ראָמאַן?"

(דאָס מיינט ב. שלעווינס בוך: „חברים פֿון מוראַנאָווער ראַיאָן").

אין הײַנטיקן פּאַריז לעבט איינער פֿון בנימין שלעווינס עכטע

העלדן־פּראָטאָטיפּן פון די ביכער „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן" און פון „ליפּע קאַמאַשנמאַכער". דאָס זענען די אהרונס און די קאַראָלס. ווער עס האָט געלייענט די אינטערעסאַנטע ביכער פון שרייבער משה זאַלצמאַן, דער עיקר „און מען האָט מיך רעהאַ־ביליטירט" (איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין די סטאַ־לינישע תּפיסות און לאַגערן), און דאָס בוך „מענטשן און גע־שעענישן" — האָט פאַר זיך דעם לעבעדיקן היינט פּראָטאָטיפּ פון ב. שלעווינס העלדן אין זיין היסטאָרישער ליטעראַטור־שאַפונג וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג פון פאַר דער ייִדן־שואה.

אין זיין בוך „מענטשן און געשעענישן", אויף זייט 130, האָט דער מחבר משה זאַלצמאַן געווידמעט אַ סך האַרץ פאַר בנימין שלעווינען. ער שרייבט: „30 יאָר האָב איך געדאַרפט וואַרטן און דערלעבן צו זיין צוריק אין פּאַריז און מיט מיינע חושים דערפילן אַ שרייבער, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון דער ייִדישער אָרעמקייט און פאָלקסטימלעכער, רעוואָלוציאָנערער סביבה. דערפאַר האָט ער געקענט אַזוי רעאַל און ערלעך שילדערן דאָס לעבן פון דער ייִדישער יוגנט. איך בין גלייך צוגעפאַלן צו דעם בוך און דערזען זיין צווייפל נאָך דעם שרעקלעכן היטלער־חורבן. „פאַר וואָס נישט ריידן פון תּור־זאַכן?" פרעגט דאָרט אַ העלד. „וווּהין האָט זיך אַצינד צו ווענדן אַזאַ מענטש ווי איך? דער סאָציאַליזם וועט אָן שום ספק קומען, אָבער ווו וועלן דעמלט זיין מיינע ייִדן?"

און נאָכן איבערלייענען די הקדמה האָב איך געפונען אַזעלכע ווערטער:

„איך ברענג דאָס דאָזיקע בוך פון ייִדישער צעטומלטקייט, פון ייִדישע בלאָנדזשענישן, אַנשטאָט אַ באַשיידן בינטל בלומען אויף די פאַרשוועכטע, אומבאַקאַנטע קברים פון דער עליטע, פון אַ דור ייִדישע אַרבעטער־טוער, ייִדישע שרייבער, ייִדישע שוישפּילער, ייִדישע קולטור־שעפער אין לאַנד פון דער ערשטער סאָציאַליסטי־שער רעוואָלוציע. ס'איז באמת טרויעריק. מיר האָבן לאַנגע יאָרן מיט בלינדן, זינלאָזן צוטרוי געשוויגן אין דער צייט ווען פיל אויפ־

ריכטיקע, צעוויטיקטע אָבער אויך אַ סך אומריינע מײַלער פון פאַלשע נביאים האָבן געשריגן אויף דעם אויסגעשריי: וויי צו אונדז, מיר האָבן בלינד געגלויבט, בלינד געטרייסט זיך מיט פאַל־שע האָפענונגען. זאָל אויך דער שענסטער אידעאַל פון דער מענטשהייט, דער סאָציאַליזם וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן — רעהאַביליטירט ווערן, ווײַל מיר גלייבן טיף און אומדערשיטערלעך אין שענסטן טרוים פון דורות, אין סאָציאַליזם".

אין דעם זעלבן עסיי דערמאָנט דער מחבר משה זאַלצמאַן די נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע מחשבות פון ב. שלעווין אין די לעצטע יאָרן.

אויף אַ דיסקוסיע־אָוונט, אײַנגעאָרדנט דורך די פרײַנד פון מפ"ם, האָט בנימין שלעווין דערקלערט: „מ׳וועט עס אפשר באַ־טראַכטן פאַר אַ ביסעלע שאָוויניזם, נאָר דערלויבט מיר צו פּאַראַ־פראַזירן דעם זאָג פון אַלטן ישעיהו הנביא און אחד העם, אַז מציון יצא הסאָציאַליזם. כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר איך גלייב אין דעם — אויב ס׳וועט אַ מאָל קומען דער אמתער, נישט גע־פעלשטער סאָציאַליזם אין דער וועלט, וועלן מיר אין ישׂראל זיכער נישט זײַן פון די לעצטע. מיר טראָגן מיט זיך די שענסטע, העראָישע טראַדיציעס פון די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן".

נאָך דער פּטירה פון בנימין שלעווין האָט משה זאַלצמאַן אין רירנדיקע ווערטער באַדויערט זײַן פריצײַטיק אַוועקגיין און צוגע־געבן, אַז ער איז געווען איינער פון די שענסטע געשטאַלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

עס איז נישט מעגלעך אין אַ צײַטונגס־אַרטיקל, אַרומצורעדן אַלע 13 ב. שלעווינס ביכער־ירושה. מיר האָבן דעריבער געמוזט זיך באַגרענעצן בלויז צו די עטלעכע אַרויסזאָגן, דורך פּראָמינענ־טע ייִדישע שרײַבער־רעצענזענטן. לאָמיר דאָך צוגעבן נאָך אַ וויכ־טיקן אויספיר־געדאַנק פון אָנגעזעענעם קריטיקער ש. מיצמאַכער:

„וועגן ב. שלעווינס שאַפן בכלל, דער עיקר וועגן די „חברים פון מוראַנאַווער ראַיאָן", מעג געזאָגט ווערן דאָס, וואָס דער זיידע

מענדעלע האָט אַ מאָל געזאָגט צום גרויסן ייִדישן געשיכטע־פאָר־שער שמעון דובנאָוו, אַז ער, דער שרײַבער, איז אויך אַ היסטאָרי־קער. אויב אַ קומענדיקער געשיכטע־פאָרשער וועט וועלן געבן אַ ברייט־אַרומרעדנדיק היסטאָריש בילד פון אונדזער צײַט, וועט ער זיך דאַרפן ווענדן צו די ווערק פון ב. שלעווין״.

בנימין שלעווינס לעצט אַרויסגעקומען בוך „ליפּע קאַ־מאַשנמאַכער״ (אין יאָר 1969), וועגן וועלכן מיר האָבן אויבן וויניק דערמאָנט, איז אויך פון אַ וויכטיקן היסטאָרישן ווערט. דאָרט שפּיגלט זיך אָפּ דער געראַנגל צווישן רעוואָלוציע און קאָנטררעוואָלוציע, וועלכער איז אַרויסגעוואַקסן פון דעם זעלבן „אָקטאָבער״. גוט איז געשען, וואָס אַזאַ וויכטיקער ייִדישער שרײַ־בער, ווי ב. שלעווין האָט אויך דערזען דעם טראַגישן צושטאַנד אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דעם סטאַליניסטישן גײַסט, וועלכע האָט זיך געלאָזט יאָרן־לאַנג פאַרפירן, און איז דערגאַנגען דעריבער צו פאַרברעכערישע גזועלשאַפטלער־פּאָליטישע מעשׂים. דער לאָזונג „גלאַסנאָסט״ אין דעם געוועזענעם „סאָציאַליסטישן גן־עדן״, (וועלכער איז שוין הײַנט אויך נאָר אַ פיקציע), האָט פאָרט געהאָלפן אָפּיציעל באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון די אַליאַרם־רופן, דורך פּאָליטישע אַרבעטער־טוער אין דער וועלט וועגן דעם פאַרברעכערישן סיסטעם אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די סאַטעליטן־לענדער פון סטאַליניזם, וואָס זײַן געשיכטע איז אין בוך „ליפּע קאַמאַשנמאַכער״ דורך דעם מחבר ריכטיק באַהאַנדלט.

ב. שלעווין זאָגט אין אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך וואָס עס האָט אים באַוויגן צו דעם. „דאָס אומרויִקע געפיל: ווער וועט דען גע־דענקען וועגן דעם אַלעמען נאָך אונדז — האָט מיך געפירט צו פאַרטראַכטן דעם היסטאָרישן ראָמאַן פון נאָענטן עבר. אַ מין קווערשניט פון די אידעען־שטרײַטן״. דעם מחבר, שרײַבט ער, איז געגאַנגען אין געפינען דעם סינטעז פון רעאַליטעט, וואָס עק־זיסטירט נישט מער, וואָס איז מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן געוואָרן.

די פאָלגנדיקע שורות פון קדוש יצחק קאַצענעלסאָן, אין זײַן „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״, האָבן אים אינספּירירט:

...און ס׳וועלן יידן אין די שטעט נישט שטיין אין קאַמף שוין,
נישט מקריב זײַן זיך מער פאַר יענעמס ווײל,
מען וועט נישט היילן, נישט לינדערן אַ פרעמדן ווייטאָק,
נישט פילנדיק דעם אייגענעם דעם שמאַרץ.
...און מײַנע קאָמוניסטן, היצקעפּ, וועלן זיך נישט אַמפּערן שוין
מער, נישט קריגן זיך מיט מײַנע מאַסן פונעם בונד
אוןביידע זיי, מיט מײַנע פרײַסטע, מיט די טרײַסטע מײַנע,
וואָס האָבן גאַנץ דעם יאָך אויף זיך געשלעפּט —
חלוצים יידישע! זיי האָבן זיך דער וועלט אַוועקגעשאָנקען,
און נישט פאַרלאָזן זי, די אייגענע, די ווונד.
כ׳האָב צוגעקוקט זיך צו די קריגערײַען, און געוויטיקט... נאָר
וואָלט איר ווײַטער זיך אַרומגעריסן, אַבי איר
וואָלט געלעבט!

צום באַשאַפן דעם אויטענטישן אַראָמאַט האָט זיך געבעטן צו לאָזן רעדן די עדות גופא פון דער צײַט, לויט דער מעמואַריס־טיק און פּובליציסטיק פון דער עפּאָכע, אַרײַנצוועבן אין דער גאַנצער קאָמפּאָזיציע זייערע רייד, זייערע אַרגומענטן און טוונגען. דערמיט איז דאָס בוך, אַז מע וויל, אַ מין מעמואַריסטישע, סאָציאָ־לאָגישע אַנטאָלאָגיע, אַ קאָנפראָנטאַציע, אַ דיאַלאָג איבער אונ־דזערע גורלדיקע פּראָבלעמען פון אַ דור פריער, פּראָבלעמען, וואָס זענען נאָך אָבער אַזוי ברענענדיק־אַקטועל אין אונדזערע טעג.

בנימין שלעווין פאַרענדיקט זײַן אַרײַנפיר־וואָרט צום בוך „ליפע קאַמאַשנמאַכער״, ווי אַ געזעגענונג:

„מיט טיפן יראת־הכבוד פאַר די שיינע געשטאַלטן פון יענעם דור, פאַרענדיק איך די לעצטע בלעטלעך פון ספר ׳ליפע קאַ־מאַשנמאַכער׳ אין פרילינג תשכ״ח — 1968״.

כדי פאַרט שלום צו מאַכן מיט דער נישט־היימלעכער ווירק־

לעבקייט וועגן וועלכער עס האָט אויבן באַדויערט דער שרייַבער־פּעדאַגאָג אַברהם גאָלאָמב, אַז ייִדן לייענען נישט קיין ייִדישע ליטעראַטור־ביכער, וואָלט מען זיך געדאַרפט ערנסט פאַרטראַכטן וועגן איבערזעצן בנימין שלעווינס ביכער, דער עיקר אויף עברית און ענגליש, און זיי פאַרשפּרייטן נישט נאָר בלויז צווישן ייִדן אַליין. אויף דעם אָרט דאַרפן דערמאַנט ווערן די פאַרדינסטן פון חשובן בוך־קאָמיטעט אין פּאַריז, וועלכער האָט אין יאָר 1964 אַרויסגעגעבן ב. שלעווינס „געשריבענע דערציילונגען", און אויך פאַרעפנטלעכט דאָרט די תּוכיקע רעצענזיעס איבער זייַן 30־יאָריקער שאַפונג אין פּאַריז. אפשר, פרעגט זיך, וואָלט דער דאָזיקער קאָמיטעט אויך איצט געקענט אונטערנעמען אַזאַ אַקציע פון איבערזעצן און אַרויסגעבן ב. שלעווינס וויכטיקסטע ביכער? מייַן אַפּעל וועגן דעם וואָלט איך אויך געוואָנדן צו דער נאָענטסטער משפּחה פון בנימין שלעווין, כּדי מיטן העלפן אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן די ווערק זייַנע, זאָלן זיי דערמיט געפינען אַ טרייסט נאָך דער אבדה פון זייער גרויסן פאָטער און זיידן, דעם ייִדישן שרייַבער־היסטאָריקער בנימין שלעווין־שיינמאַן.

אויך מיר אַלע, זייַנע געוועזענע חברים און פרייַנד, גיבן אים, בנימין שלעווינען, אָפּ כּבוד צו זייַן צענטן יאָרצייַט. זכרונו לברכה!

דעם 1991.2.3

דער שרײַבער און היסטאָריקער
פּראָפעסאָר בערל מאַרק
אַ דערמאָנונג צו דער זיבעצנטער יאָרצײַט זײַנער

אין אָנהייב דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דאָס דאָ געשריבענע איז נישט דווקא אַ דערמאָנונג וועגן פּראָפ׳ בערל מאַרקס ליטעראַרי־שער, היסטאָרישער און קינסטלערישער ירושה. דאָס איז גיכער אַ דערמאָנונג וועגן ב. מאַרקן, דעם ווירדיקן מענטש, זײַן פּאָלקס־ראָלע, זײַן לעבן, וועגן די פּאָלגן פון זײַן אחריותפולער אַרבעט, וועגן דער גרויסער באַדויערלעכער אבדה שאין להשיב, וואָס איז נישט צום פאַרגיטיקן.

בערל מאַרקס פּאָלקס־ראָלע דרינגט אַרויס פון גאַנצן אַקטיוון לעבן זײַנעם. ער האָט זיך צו דעם געגרייט מיט זאָרגעוודיקייט, דורך דעראָבערן, אײַנזאַפּן אין זיך טראַדיציאָנעל־ייִדישע און אַלגעמיין־וועלטלעכע בילדונג און וויסן. ער האָט שוין אין די פריע יונגע יאָרן זײַנע געטראָגן אין זיך די אחריות פון זײַן געזעלשאַפטלעכער ראָלע אין שווערן ייִדישן לעבן, וועלכעס נייטיקט זיך כּסדר אין לייזונגען, צוליב דעם שטענדיקן געראַנגל צווישן פאַרשידענע פעלקער און נאַציעס אין דער גאָרער וועלט, ווו עס האָלט אָן די אייביקע ייִדישע עקזיסטענץ. הײַנט שוין אויך אין דער אייגענער ייִדישער מדינה, אין ישׂראל. ב. מאַרק איז, אין צווישן פון זײַנע אינטערנאַציאָנאַלע פאַראינטערעסירונגען, געווען דער עיקר אַ נאַציאָנאַל־שעפערישער מענטש. מען דאַרף גאָרנישט זוכן קיין באַווײַזן דערויף, ווײַל דאָס דאָזיקע דרינגט אַרויס פון זײַן גאַנצער גאָר רײַכער שאַפונג, פון אינהאַלט אין זײַנע אָפטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, פון דער גרויסער צאָל פּובליציסטישע אַרטיקלען

און פון זײַנע נישט וויניקע, וויכטיקע ביכער מיט היסטאָרישן פאַר־נעם, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן בײַ זײַן לעבן אין גאַנץ שווערע באַדינגונגען. זײַן לעבנס־ראָלע איז אים גאָרנישט לײַכט אָנגעקו־מען אויסצופירן. מען קאָן וועגן דעם שרײַבן ביכער גאַנצע. מען דאַרף האָפן, אַז דאָס וועט נאָך געשען, אַז עס וועט נאָך וועגן בערל מאַרקס רײַכן שאַפן קומען אַזאַ ערנסטע אַרבעט אין בוכ־פאָרם. ער האָט דאָס ערלעך פאַרדינט, טאַקע צוליב זײַן נאַציאָנאַל־ייִדישער טעמאַטיק.

אַ סך זענען זײַנע ביכער און פּובליקאַציעס. זײַנע וויסנשאַפט־לעכע, ליטעראַרישע און פּובליציסטישע שאַפונגען ציילן 39 אַרויס־געגעבענע ביכער, העכער 40 גרעסערע פּובליקאַציעס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין וויסנשאַפטלעכע צײַטשריפטן און אין ענציקלאָפּעדיעס. די צאָל פון זײַנע פרעסע־אַרטיקלען, רעצענזיעס איבער ביכער, פאַרשידענע אַרבעטן אין לעקסיקאָנען, איז גאָר אַ גרויסע. די ביבליאָגראַפיע פון אַלע זײַנע פּובליקאַציעס נעמט אַרום 800 פּאָזיציעס (ציטירט פון מגר אסתּר מאַרקס ביבליאָגראַ־פישע ידיעות וועגן בערלס, איר מאַנס, אַרבעטן). ב. מאַרק איז אויך געווען אַ וואַכער און אַקטיווער טוער, וואָס האָט פּילבאַר רעאַגירט אויף געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און קולטור־דערשײַ־נונגען. ער האָט זיך באַטייליקט גאַנץ אַקטיוו אין צווייטן וועלט־קאָנגרעס פון ייִדישע וויסנשאַפטן, וועלכער איז אין יאָר 1957 פאָרגעקומען אין ירושלים. צום דריטן קאָנגרעס, האָט די פּוילישע מאַכט אים נישט געוואָלט געבן קיין דערלויבעניש אַרויסצופאָרן. פּראָפ' בערל מאַרק איז געשטאָרבן דעם 4־טן יולי 1966 אין עלטער פון 58 יאָר, איבערלאָזנדיק נישט־פאַרענדיקטע אַרבעטן וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן און וועגן דער געשיכטע פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די ייִדן אין די אייראָפּעיִשע לענדער, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, בעתן היטלער־דײַטשן מאָרד איבער דעם ייִדישן פאָלק.

אין ייִדישן לעבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך דעם

יידישן חורבן, איז ווייניק ווער אַזוי ווי בערל מאַרק אַרויסגעקומען מיטן אַרויסברענגען די יידישע פּאַרטיליקונגס־טראַגעדיע, דעם מאַרד, וואָס דאָס דײַטשע נאַצי־פֿאָלק האָט אויסגעפּירט איבער זעקס מיליאָן יידישע לעבנס, איבערן יידישן פֿאָלק. קיינער האָט נישט, אַזוי ווי ער, איבערגענומען זיך מיט דער אחריות צו דער־ציילן פֿאַר אַלע דורות די שחיטה, וואָס איז געמאַכט געוואָרן איבער די יידן אין איצטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דער יידי־שער דיכטער ד״ר דוד ספֿאַרד האָט צו בערלס ערשטער יאָרצײַט זייער טרעפֿלעך אים כאַראַקטעריזירט. ער האָט געשריבן, אַז פֿאַר מאַרקן האָבן ווירקלעך געברענט אָן אויפֿהער אַלע זיבן יידישע הימלען. דער מאָרד פֿון זעקס מיליאָן פֿון זײַן פֿאָלק האָט פֿאַר אים כּסדר געדויערט, און כּסדר האָט געדויערט זייער פּײַן און גבורה. ביידע האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן בײַ אים אין איינס און ס׳איז פֿאַרשוווּנדן יעדער אונטערשיד צווישן קידוש־האומה און קידוש־המענטש.

נישט נאָר נאָך דעם יידישן אומקום האָט בערל מאַרק געטאָן זײַן וואָגיקע אַרבעט. זײַן טעטיקייט, זײַן פֿאָלקס־ראָלע האָט ער אָנגעהויבן אַ סך פֿריער, נאָך פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען איינער פֿון די מדריכים, אידעאָלאָגישע און קינסט־לערישע, פֿון דער יונגער יידישער שרײַבער־גרופּע אין וואַרשע. ער איז שוין דעמלט געווען דער סאַמע שעפֿערישסטער, ספּעציעל אין די דרײַסיקער יאָרן. ער האָט מיט זײַן חברישקייט זיך דער־וואָרבן ליבשאַפֿט צווישן אַלע פֿרײַנד זײַנע, און אַ דאַנק זײַן וויסן און פֿעיִקייט — אַכטונג און אָפּשײַ.

פֿאַר זײַן פּטירה האָט איך עטלעכע מאָל געזען בערל מאַרקן בעת ער האָט זיך געמאַטערט מיט דער שרעקלעכער מחלה זײַנער, וואָס האָט פֿון טאָג צו טאָג פֿאַרערגערט זײַן געזונט־צושטאַנד. ער איז שוין געווען אין גאַנצן בלינד און געווען געשוואָלן. די גרויסע שעפֿערישקייט זײַנע איז שוין געווען אויף שטענדיק איבערגעריסן, דעם געוואָלדירן דורשט זײַנעם נאָך ידיעות, נײַעסן, וויסנשאַפֿט־

לעבע צי ליטעראַרישע, האָבן דעמלט קוים געקאָנט לעשן די לייענער, וואָס האָבן פאַר אים דאָס געטאָן, יעדער מאָל אַן אַנ־דערער פון זײַנע פרײַנד, וועלכע זענען געקומען אים מבקר חולה זײַן. ווען מען האָט בערל מאַרקן געזען אין דאָזיקן צושטאַנד, האָט מען אויך געזען פאַר די אויגן די מקורות פון וואַנען עס האָבן געשטאַמט זײַנע גײַסטיקע, פסיכישע און לסוף די פיזישע מאַטערנישן, וואָס האָבן אים אײַנגעבראָכן אויף שטענדיק. דאָס האַרץ האָט ווי געטאָן, צוזעענדיק דאָס דאָזיקע בילד, די קאַטאַ־סטראָפאַלע לאַגע פון דעם געוועזענעם שטענדיק שפרודלדיקן קולטור־שעפערישן מענטש, בעת די שרעקלעכע ווייען צום טראַ־גישן סוף.

בערל מאַרקס שווער לעבן און דער פאַראורזאַכטער פרי־צײַטיקער טויט זײַנער האָבן, חוץ דער פיזישער קרענק, אויך גע־האַט זייער מקור אין דעם, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פון זײַנע ייִדישע „פאַרטיי־חברים", וועלכע האָבן אים כסדר פאַרפאָלגט, נישט געלאָזט אים רויִק טאָן זײַן שעפערישע אַרבעט אַלס שרײַבער און אַלס היסטאָריקער. אין ערשטן פעריאָד, אין די ערשטע יאָרן פון באַנײַטן ייִדישן ישוב אין פוילן, האָבן דאָס געטאָן די אין דער צענטראַלער פאַרטיי־פראַקציע בײַם „צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פוילן". שפּעטער איז ער פאַרפאָלגט געוואָרן מיט מסירות, דורך די וואָס האָבן געהערשט אין „ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד" אויף דער נאָוואָגראָדזקע גאַס אין וואַרשע, אויפן אָרט פון ליקווידירטן ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט. עס איז נישט דאָס אָרט דאָ צו באַשרײַבן אַלע אַקציעס, וואָס עס האָבן געפירט קעגן אים די דאָזיקע „חברים", זײַנע, בערל מאַרקס אַפּוטרופּסים פון דער „בעזפּיעקאַ" (זיכערהייט־פּאָליציי). דער עיקר צרות איז ער אויסגעשטאַנען פאַרן נישט אַרויסהייבן אין זײַנע ביכער בלויז די פּ. פּ. ר. (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי), בעתן שרײַבן וועגן דעם העראָיִזם פון ייִדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. חוץ דעם איז ער קריטיקירט געוואָרן דורך מסירות אין דער „פּאַרטיי" פאַר

זײַן פּאָזיטיװע באַציונג צו דער ייִדישער מדינה, צו ישׂראל. אויף אײנעם אַזאַ צוזאַמענקום קעגן מאַרקן, װאָס עס האָט אָרגאַניזירט די צענטראַלע פּאַרטײ־פֿראַקציע, בין איך, דער שרײַבער פֿון די דאָזיקע שורות, אויך געװען אָנװעזנד. זײ האָבן פֿון קנאה־װעגן מאַרקן נישט געקאָנט מוחל זײַן, װאָס ער איז געװען דער באַאַבט־סטער און האָט געטאָן די װיכטיקע היסטאָרישע אַרבעט. זײ האָבן זיך אין אים נוקם געװען, װי די געניטע קנעכטישע דינער פֿון פּוילישן גאָמולקאַ־מאָטשאַר־רעזשים, און װי די צוטראָגער צום „אַלטן חבר", פֿון דער נאַטאָלינסקע גאַס אין װאַרשע, װעמען עס אונטערליגט די פּוילישע „בעזפּיעקאַ".

דאָס אויבן באַרירטע געהער צו די נעגאַטיװן פֿון זײַן לעבן און איז אויך אפשר אַ פּחיתת־הכּבֿוד, אַ באַליידיקונג פֿאַר דער אײדעלער געשטאַלט פֿון פֿאַרשטאָרבענעם, װעמען מיר גיבן אָפּ דעם גרעסטן כּבֿוד צו זײַן יאָרצײַט, דאָס איצט דאָ צו דערמאָנען. אָבער אין דער געשיכטע פֿון בערל מאַרקס לעצטע שװערע יאָרן טאָר אויך דאָס דאָזיקע נישט פֿאַרפֿעלן. פֿון דעם האָט שטאַרק געליטן אין אײנזאַמקייט, און בשתיקה דאָס איבערגעלעבט, דער מחבר פֿון „אַ שטיק ייִדישע און מענטשלעכע געשיכטע, װאָס ליגט פֿאַרבאָרגן אין די װיסטע אויסגעטריקנטע פּלאַסטן פֿון דער געטאָ־ערד, און זײ דערציילן, די חורבות דערציילן — —". (ציטאַט פֿון מאַרקס פֿאָרװאָרט צום בוך „חורבות דערציילן").

פּראָפֿעסאָר בערל מאַרק האָט אָפֿט מאָל געטראַכט װעגן פֿאַרלאָזן פּוילן, װעגן זיך באַפֿרײַען פֿון דער נישט־געװוּנטשענער סבֿיבֿה, װאָס האָט אים קרעמפּירט צו טאָן פֿרײַ זײַן שעפֿערישע אַרבעט. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט דערלױבן איבערצולאָזן אויף הפֿקר דעם װיכטיקן אַרכיװ־אוצר, דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, מיט װעלכן ער האָט אָנגעפֿירט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מיט זײַן פֿערזאָן פֿאַרהיט ער אים פֿון אויסגעראַבעװעט צו װערן דורך מאָטשאַרס היסטאָריקער. עס האָט סײַ װי גאָרנישט געהאָלפֿן. װי נאָר ב. מאַרק האָט אױפֿגעהערט צו האָבן די השגחה

איבער דעם אינסטיטוט, צוליב זײַן שווערער קרענק, האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן דער רויב, דאָס אַרויספירן פון דאָרט די וויכטיקסטע דאָקומענטן פון „רינגעלבלום־אַרכיוו" וועגן יידישן אומקום און וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין פוילן. דאָס דאָזיקע איז געשען מיט דער הילף פון יידן, וואָס האָבן באַזעצט די אָנפירונג פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין פוילן. די ייִדישע היסטאָריאָגראַפיע וועט שוין קיין מאָל נישט קענען געניסן פון די פאַרשווונדענע זייער וויכטיקע ייִדישע אַרכיוו־מאַטעריאַלן און דאָקומענטן.

איך האָב בערל מאַרקן באַקענט קורץ נאָך זײַן קומען אין יאָר 1927 קיין וואַרשע שטודירן אין אוניווערסיטעט יוריספּרודענץ. מיר האָבן זיך געטראָפן אויף דער זאַמענהאָף גאַס נומער 10, אין דער וווינונג פון ישׂראל ליכטנשטיין, דעם סעקרעטאַר פון די „ליטעראַרישע בלעטער", דער זעלבער, וואָס האָט שפּעטער, בעת דער נאַצי־דײַטשער מלחמה, באַהאַלטן אונטער דער ערד אין וואַרשעווער געטאָ דעם אָנגעזאַמלטן וויכטיקן „רינגעלבלום־אַרכיוו" פון „עונג־שבת". דאָרט, אין דער זעלבער דירה, האָט אויך גע־וווינט פייגעלע סעגאַל, די שוועסטער פון אהרון מאַרקס ווײַב (בערלס ברודער). פייגעלע סעגאַל איז איינע פון די העלדינס אין מאַרקס לעצטן בוך, א.ט. „מגילת אוישוויץ", וואָס איז נאָך זײַן טויט אַרויסגעגעבן געוואָרן אין ישׂראל. אין די שפּעטערדיקע צײַטן האָב איך מאַרקן אָפט געטראָפן בײַם אָרגאַניזירן, אין די הינטער־שטעט פון וואַרשע, זײַנע רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע טעמעס. איך האָב דאָס געטאָן אין נאָמען פון „ייִדישן ביוראָ" בײַ דער ק.פ.פ. חוץ דעם זענען מיר געווען פּערזענלעך באַפרײַנדעט. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך האָב איבערגעלעבט דעם יידנמאָרד, האָט ער דעם 1־טן פעברואַר 1945 געשיקט מיר פון מאָסקווע זײַן ערשטן בריוו, דורך אַ ייִדישן זעלנער פון דער פּוילישער אַרמיי (געפינט זיך אין מײַן אַרכיוו). דער דאָזיקער ערשטער בריוו איז געקומען אויפן אַדרעס פון „ייִדישן קאָמיטעט צו העלפן די גע־ראַטעוועטע יידן", וועלכן איך האָב דעמלט אָרגאַניזירט אין פּראַגע

(אָן דער ברכה פון דער פּ. פּ. ר.), וואַרשע איז נאָך געווען פאַר־נומען דורך די דײַטשן.

עס וועט כּדאַי זײַן אויך צו דערציילן וועגן נאָך איין נישט געוויינלעכן ענין, מיט אַ פּאָליטישן אונטערשלאַק, וואָס כאַראַק־טעריזירט ב. מאַרקס חבֿרישקייט און זײַן געוואַגטקייט אין יענע באַדינגונגען. ווען איך בין במשך פון די אַכט יאָר צײַט געווען געהיט פון דער פּוילישער „בעזפּיעקאַ", אין צוזאַמענהאַנג מיט מײַנע פאַרמלחמהדיקע „זינד", ווי דער געוועזענער אָפּאָזיציאָנער אין דער פּוילישער סטאַליניסטיש־קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און בין נאָך סטאַלינס טויט, נאָך דעם פּוילישן „פּאַזשדזשערניק", נאָכן צוריקקומען פון גאָמולקאַן צו דער מאַכט אין יאָר 1956, רעהאַ־ביליטירט געוואָרן, בין איך דאָך נאָך אַלץ ווײַטער געווען פאַר־פאָלגט. דער סעקרעטאַר פון פּוילישן פּאָליטביוראָ האָט דעריבער פאַראָרדנט, אַז די „קאָמיסיע פאַר פאַרדינטע אַרבעטער־טוער" זאָל מיך אײַנשרײַבן אויף איר ליסטע, וואָס וועט דעצידירן, אַז או־בע (אוזשאָנד בעזפּיעטשענסטוואַ) וועט אויפהערן מיך פאַרפאָלגן און כ'וועל שוין קענען נאָרמאַל לעבן. כּדי דאָס דאָזיקע פאַרמעל אַדורכפירן האָט מען געדאַרפן, אַז די מענטשן, וואָס האָבן מיך געקענט פון מײַן טעטיקייט, זאָלן דאָס שריפטלעך באַשטעטיקן. צוויי אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעשריבן באַשטעטיקונגען, האָבן אָפּ־געזאָגט זיי מיר צו געבן אין דער האַנט אַרײַן. דאַקעגן ב. מאַרק האָט מיר יאָ געגעבן אַ קאָפּיע פון דעם וואָס ער האָט אָנגעשריבן. (געפינט זיך אין מײַן אַרכיוו). זײַן גבֿית־עדות איז געווען אַ פּאָ־זיטיווע און אַ מענטשלעכע. דאָס אָבער, וואָס עס האָבן געשריבן די אַנדערע צוויי, מענטשן פון הויכע פּאָזיציעס, איז געווען מיט בפירושער מורא. מסתּמא דערפאַר, ווײַל טראָץ דעם פּוילישן „פּאַזשדזשערניק" (פּאָליטישע אַטמאָספערע־ענדערונג), זענען אָבער נאָך אַלץ געווען גענוג סימנים, אַז אין פּוילן זאָל קאָנען פאָרקומען אַזאַ שטייגער פּראָצעס, ווי עס זענען אין יאָר 1948 פאָרגעקומען די פּראָצעסן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אונגאַרן,

קעגן סלאַנסקי און ראַיקן, וועלכע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

פּראָפ׳ בערל מאַרק איז אויך געווען דער איינציקער ייִדישער שרײַבער, מחבר פון געטאָ־ליטעראַטור, וואָס האָט געוואַגט אין דעם זעלבן לאַנד, אין פּוילן, דעם סאַטעליט פון ראַטנפאַרבאַנד, מיט אַן אַנטיסעמיטישער מאַכט, צו באַצייכענען די שער־בלעטער פון זײַנע ביכער מיט ייִדישע נאַציאָנאַלע עמבלעמען (מגן־דוד און מנורה), טראָץ דעם, וואָס ער איז דאָרט כּסדר געווען, ווי דער־מאָנט, אונטער דער אויפזיכט פון די ייִדישע „בעזפּיעקאַ״־אַפּאַ־טרופּסים. נישט געקוקט אויף זײַן געוואַגטן ווידערשטאַנד, האָט ער אָבער נישט פאַרמיטן די מאַטערנדיקע אַנגסטן מיט די באַ־קאַנטע טרויעריקע פאָלגן.

אַחוץ וועגן די ייִדישע אויפשטאַנדן אין די געטאָס און לאַגערן און וועגן דער ייִדן־פאַרטיליקונג דורך די דײַטשן, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין די יאָרן 1929—1945, האָט בערל מאַרק, ווי באַוווּסט, געשריבן ווערק וועגן דער ייִדישער געשיכטע אין פּוילן. ער האָט געהאַלטן לעקציעס פאַר אודיטאָריעס, פאַר וויסן־גיריקע פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט דערקענען די געשיכטע פון אייגענעם פאָלק, וואָס דאָס העלפט דערמיט צו דערהייבן דעם נאַציאָנאַלן אייגנווערט און דעם באַוווּסטזיין פון דער אייגענער חשיבות, ווי אַ טייל פון דעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו. טוענדיק דאָס דאָזיקע, האָט בערל מאַרק נישט נאָר געטראָגן אין זיך דאָס וואַ־רעמע געדעכעניש פון דורות פּוילישע ייִדן, נאָר אויך געהאַט פאַר די אויגן די ברייטע מאַסע פּשוטע ייִדן, וועלכע ווילן דערקענען די געשיכטלעכע פאַרגאַנגענהייט פון זייער פאָלק.

פּראָפ׳ בערל מאַרק האָט געהאַט אַ ריכטיקן צוגאַנג צו דער געשיכטע־פאָרשונג וועגן די ייִדן אין פּוילן. ער האָט געהאַלטן, אַז איינצײַטיק איז די געשיכטע פונעם ייִדישן ישוב אין פּוילן אַ טייל פון דער פילטוויזנטיעריקער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק אומעטום, ווו די ייִדישע מאַסן האָבן געלעבט און געשאַפן, גע־

ליטן און זיך אַנטוויקלט. דער יידישער ישוב אין פוילן איז אין עטנאָגענעטישן זין אַ קינד פון אַ ריי ישובים סײַ אין מזרח, סײַ אין מערב. עס וואָלט דעריבער נישט געווען ריכטיק אָפּצורײַסן די געשיכטע פון די פוילישע יידן פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין אַנדערע לענדער און וועלטטיילן. פון דער קרייצונג פון די צוויי פאַקטאָרן: פון דעם געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן פאָלק מיט דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון פוילן; פון דער עטנאָגענעזע, ווירטשאַפטלעכער טראַדיציע און דער במסורה איבערגענומענער דורותדיקער יידישער קולטור פון די פוילישע יידן — מיט דער ווירקונג פון פוילישן לאַנד, פון זײַן קלימאַט, געאָגראַפישער לאַגע, עקאָנאָמיק און צום טייל קולטור — האָט זיך אין רעזולטאַט פון אַ געגנוג לאַנגן פּראָצעס אויסגעפאָרמירט דער אייגנאַרטיקער פויליש־יידישער ישוב, וואָס האָט אין לויף פון דורות איבערגענומען די קרוין און דעם סקעפּטער פון אַלע יידישע קיבוצים אין דער וועלט. דאָס דאָ געזאָגטע איז געווען געבונדן מיטן ברייטן פּלאַן פון ב. מאַרקס ווײַטערדיקע געשיכטע־אַרבעטן, וועלכע זענען ליידער אַזוי טראַגיש איבערגעריסן געוואָרן.

אין זכרון־מאָנומענט — נאָך דעם געוועזענעם און אײַנגעשרומפּענעם נאָכמלחמהדיקן יידישן ישוב אין פוילן, ווי אַ שפּראָץ פון דעם געוועזענעם גרויסן יידישן ישוב, וועלכן עס האָט פאַרטיליקט דער דײַטשער פאַשיזם — וועלן אין שכנות לעבן די נאָבעלע נעמען פון די שרײַבער, שעפער פון דער יידישער ליטעראַטור און היסטאָריקער, שעפער פון דער יידישער געשיכטע. אייביק וועט פיגורירן דער נאָמען פון פּראָפעסאָר בער׳ל מאַרק, דעם פאַרדינסטפולן יידישן שרײַבער און היסטאָריקער, מיט זײַן וואָגיקן צושטײַער צו דער יידישער ליטעראַטור און יידישער געשיכטע צו דער געשיכטע פון טויזנטיעריקן יידישן לעבן און שאַפן אויף דער פוילישער ערד. זכרונו לברכה.

יולי 1983

פּראָפעסאָר בערל מאַרק

פראַגמענטן פון זײַן געשיכטלעכן לעבנס־פאַרלויף

פּראָפ. בערל מאַרק איז געבוירן געוואָרן אין 1908 אין לאָמזשע. אין 1927 באַזעצט ער זיך אין וואַרשע. ער פאַרענדיקט אַ העברעישע שולע, טרעט אַרײַן אין אוניווערסיטעט און אין 1931 באַקומט ער דעם דיפּלאָם פון מאַגיסטער פון יורידישע וויסנשאַפטן. ער שטודירט אויך ליטעראַטור און געשיכטע און זײַן דאָקטאָראַרבעט גרייט ער צו אויף דער טעמע פון דעם קאַמף צווישן אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם און רעוויזיאָניזם. די אַרבעט מוז ער איבעררײַסן, ווײַל ער ווערט אַרעסטירט אַלס רעוואָלוציאָנער.

זײַנע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן האָט מאַרק אָנגעהויבן צו דרוקן אין 1938. ער איז שפּעטער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער רעוואָלוציאָנערער צײַטשריפט „ליטעראַרישע טריבונע" און פון דער טעגלעכער צײַטונג „פרײַנד", וואָס די סאַנאַציע־רעגירונג האָט דערנאָך געשלאָסן. די „געשיכטע פון דער פּוילישער אַרבעטערבאַוועגונג", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1936, האָט די צענזור קאָנפיסקירט. דורכן פאַרלאַג „טאָמאָר" האָט ער אין די יאָרן 1938 און 1939 פאַרעפנטלעכט צוויי בענד פון זײַן גרונטווערק „די געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן", אָבער דער צווייטער באַנד איז געוואָרן קאָנפיסקירט. ער האָט אויך געשריבן אַ רייע אַרטיקלען, ליטעראַרישע, געשיכטלעכע און פּאָליטישע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט סײַ אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּרעסע, סײַ אין די לעגאַלע אויסגאַבעס, צווישן זיי אויך אין די „ליטעראַרישע בלעטער". ער איז געווען פּאָפּולער ווי אַ פּרעלעגענט אויף ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס אין די לינקע

פּראָפ. פּאַראייַנען און האָט אויך געהערט צו דער פּאַרוואַלטונג פון שרייַבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13.

די מלחמה האָט בערל מאַרק איבערגעלעבט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער האָט געאַרבעט אין דער ייִדישער סעקציע פון דער ווייַס־רוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין דער אָפּטיילונג פאַר שפּראַך און געשיכטע. שפּעטער האָט ער זיך באַטייליקט אין ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און צו לעצט איז ער געווען פאַראַנטוואָרט־לעכער סעקרעטאַר אין „אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון פּוילישע ייִדן ביים פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן״ אין מאָסקווע.

סוף 1945 קערט ער זיך אום קיין פּוילן. ער שטייט אין שפּיץ פון די שעפערס פון באַנייַטן ייִדישן ישוב אין פּוילן. ער רעדאַגירט „דאָס נייַע לעבן״ און זינט 1949 פאַרנעמט ער דעם דירעקטאָר־אַמט פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט. מאַרק איז אויך פאַרזיצער פון קלוב פון ייִדישע שרייַבערס ביים פּוילישן שרייַבער־פאַראיין און פּרעזידיום־מיטגליד אין „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון ייִדן אין פּוילן״. צו דעם איז ער אויך מיטגליד פון אַלגעמיינעם פּוילישן קאָמיטעט פון שלום־פאַרטיידיקערס און ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָטראַט. אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן האָט ער פאַרטראָטן די פּוילישע ייִדן און איז אויך געווען דעלע־גאַט צום 1־טן און 2־טן וועלט־קאָנגרעס פאַר שלום.

נאָך דער באַפרייַונג האָט בערל מאַרק פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרבעטן וועגן די אויפשטאַנדן אין וואַרשעווער און אין ביאַליס־טאָקער געטאָ, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין פּויליש, פראַנצויזיש, דייַטש, רומעניש, גרוזיניש און נאָך אַנדערע שפּראַכן.

בערל מאַרק איז דער מחבר פון אַרבעטן וועגן דער ליטעראַ־טור אין די געטאָס און לאַגערן, וועגן דער ייִדישער טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור, וועגן וויקטאָר הוגאָ, אַדאַם מיצקע־וויטש און אַנדערע. באַקאַנט איז דער באַנד דאָקומענטן וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט וועגן וואַרשעווער געטאָ, צווישן זיי דער באַריכט פון גענעראַל יורגען סטראָאָפּ. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן

די שאַפונגען פון די שרײַבערס פון װאַרשעװער געטאָ (פעלד, סקאַלאָװ, אַפּאָטשינסקי, פערלע, קירמאַן, װילטשינסקי, גאָלדין און נאָך אַנדערע).

אין 1954 האָט ער פון דער פּױלישער װיסנשאַפטס־אַקאַדעמיע באַקומען דעם פּראָפעסאָר־טיטל. פאַר זײַנע פאַרדינסטן איז ער אױסגעצײכנט געװאָרן דורך דער פּױלישער רעגירונג מיטן אָרדן „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ", מיטן גאָלדענעם פאַרדינסט־קרײץ און מיט אַ מעדאַל צום 10־יעריקן יובל פון פאָלקס־פּױלן. בײַ די פּױלישע ייִדן איז בערל מאַרק געװען שטאַרק פּאָפּולער װי אַ רעדנער. ער האָט געאַרבעט איבער דער טעמע װעגן דער באַטײליקונג פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין דער רעװאָלוציע פון 1905, װי אױך איבער דעם פּראָבלעם פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער־קאַמפן בעת דער צװײטער װעלט־מלחמה. ער איז געװען הױפּט־רעדאַקטאָר פון די „בלעטער פאַר געשיכטע".

אינהאַלט

5 — אַ פּאָר ווערטער וועגן מחבר

7 — די פאַרהייליקטע זאַמענהאַף־גאַס דורך וועלכער אַלע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ־לאַגער זענען אין זייער לעצטן לעבנסוועג געטריבן געוואָרן אין גאַז־טויט־לאַגער טרעבלינקע

44 — דער 22סטער יולי 1942

66 — געווען איז עס אַ ווענדפּונקט אין דעם ייִדישן קאַמף קעגן דײַטשן מערדער

72 — די קעמפנדיקע בונקערס

77 — צום פאָפּציקסטן יזכּור־יאָר. דער־מאָנונג און וואָרענונג

99 — אין הויף־קאָמיטעט אויף מילע 43

104 — פעלקערמאָרד

127 — דער נײַנצנטער אַפּריל

134 — פון געטאָ אויף דער „אַרישער" זײַט

147 — ראַט פון הילף פאַר באַהאַלטע־נע ייִדן אויף דער „אַרישער זײַט" אונטערן קריפּטאָנים „זשעגאָטאָ"

166 — דאָס צווייטע בוך וועגן „זשע־גאָטאָ"

176 — אַרום דעם אָנדענק פון פאַר־טיליקטן ייִדישן לעבן

191 — נישט אויסגעשעפּטער ידיעות־קוואַל פון מיטהעלפערס אין דער דײַטשער ייִדן־שואה מיט דראַענדיקער געשיכטע־איבער־חזרונג

212 — „פּאָליאַקן — ייִדן: די שוואַרצע בלעטער פון אויפשטאַנד"

233 — דער נירנבערגער פּראָצעס

245 — די פאַרטיליקטע ייִדן אין פּוי־לישן שטעטל לוקאָוו און די שארית־הפליטה פון דעם שטעטל אין ישׂראל

258 — דער באַגינען פון ייִדישן ישוב אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט וואַרשע נאָך דעם דײַטשן מאָרד איבערן ייִדנטום בעת דער צוויי־טער וועלט־מלחמה

290 — דער סלאַנסקי־פּראָצעס אין יאָר 1948 ; די אָקופּאַציע פון טשע־כאָסלאָוואַקיע אין יאָר 1968

297 — דערמאָנונג וועגן דער פאַרמלח־מהדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן

315 — אין „יאַרהונדערטעס־פינצטער־ניש", אַרום דעם מאָרד איבער לעוו טראָצקי

331 — ראַול וואַללענבערג — שווע־דישער ייִדן־רעטער

350 — הערש־מענדל שטאָקפיש — דער יידישער רעוואָלוציאָנער

366 — דער שרײַבער בנימין שלעווין־שיינמאַן

380 — דער שרײַבער און היסטאָריקער פּראָפעסאָר בערל מאַרק